STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01078

TOYZNT UN EYNS

Abraham Sklarin

*Permanent preservation of this book was made possible
by Kenneth & Maurice Kranzberg
in memory of
Samuel & Rose Kranzberg*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

טויזנט און איינס



טויזנט און איינס...

(וויצן, אַנעקדאָטן און מעשה׳לעך)

גענזאַמלט און געשריבן

פֿון

אברהם סקלאַרין

אַרויסגעגעבן פון
„א. סקלאַרין מתנות פאָנד"
נ י ו - י אָ ר ק
1958

TOISENT UN EINS

One Thousand and One

by Abraham Sklarin

Copyright 1958 *by*
ABRAHAM SKLARIN
New York, N. Y.

שער־בלאַט און אותיות געצייכנט פון ע. מ. ווינער

Printed in the U.S.A. by
SHULSINGER BROS. LINOTYPING & PUBLISHING CO.
21 EAST 4TH STREET, NEW YORK 3, N. Y.

אינהאַלט

הקדמה.............פון אברהם סקלאַרין VII

אַכצן און דרייצן (אנשטאָט אַ פאָרוואָרט).....פון י. מ. בידערמאַן IX

אחינו 1

פרעגט די וועלט.................... 24

מיר און זיי....................... 40

כלי־קודש 75

רביים און חסידים................... 106

משכילים און אפיקורסים............... 129

ישוב׳ניקעס 150

אכסניות און אורחים................. 171

גבירים און קבצנים.................. 189

די סוחרישע וועלט.................. 212

בעלי־מלאכות 236

עמי־הארצים 249

גנבים 265

פון דער אַלטער היים................. 282

אין אַמעריקע...................... 298

הויף־פאָליטיק 325

עלטערן און קינדער.................. 340

בינו לבינה....................... 364

הקדמה

פון תמיד אָן האָב איך זיך מחיה געווען מיט אַ גוטן יידישן גלייכווערטל. אַ ייד, וואָס איז טויב און דערהערט ניט די זיסע מוזיק, וואָס גייט אויף פון דעם יידישן וויץ, איז אַ בעל-מום. באַזונדערס ליב געהאַט האָב איך דעם לומדישן וויץ, דעם חסידישן קוועטש און משכילישן קנייטש אין דער אויסטייטשונג פון אַ פסוק, פון אַ מימרא.

איך דאַנק דעם וואָס לעבט אייביק, אַז ער האָט מיר דערמעגלעכט צו האָבן די זכיה צו מיינע זיבעציק יאָר, אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

די הכנסה פון דעם בוך איז פון מיר באַשטימט געוואָרן פאַר דעם „א. סקלאַרין מתנות פאָנד” וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1945 און פון וועלכן עס זיינען אויסגעצאָלט געוואָרן שיינע טויזנטער דאָלער אין דער פאָרם פון סקאָלערשיפּס און פּריזן פאַר די בעסטע אויסגעצייכנטע תלמידים, גראַדואַנטן פון די ניו־יאָרקער יידישע פאָלקשולן, די „כנרת”-טאָגשולן און מיטלשולן, וואָס ווערן אָנגעפירט פון דעם ניו-יאָרקער און צענטראַלן שולקאָמיטעט פון דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג.

איך האָף, אַז דאָס בוך וועט דורך מיינע פריינד און חברים אויפגענומען ווערן מיט ליבע. אויך פאַר זיי וועט זיך דערעפענען די וועלט פון יידישן הומאָר — און זיי וועלן הנאה האָבן.

מיין בעסטן דאַנק מיין גוטן פריינד, דעם דערפאַרענעם און פייאיקן פּעדאַגאָג און שרייבער, י. מ. בידערמאַן, וואָס האָט מיר געהאָלפן, אַז דאָס בוך זאָל אַרויסקומען וואָס שענער.

אברהם סקלאַרין

װעגן אַכצן און דרײַצן

(אָנשטאָט אַ פֿאָרװאָרט)

טויזנט און איינס האָט צו טאָן מיט װאונדער, מיט נסים, מיט דערציילונגען פֿון טויזנט און איין נאַכט... מיר װעלן רעדן װעגן אַכצן און דרײַצן. 18 און 13 איז איין און דרײַסיק און איין און דרײַסיק געװינט.

דער ייִדישער װיץ איז אין דער בחינה פֿון איין און דרײַסיק. ער האָט געװאונען. דער ייִדישער װיץ, דער אמת'דיקער ייִדישער װיץ איז ניט דערציילט געװאָרן סתם אַזוי זיך, גלאַט אין דער װעלט אַרײַן, לשם געלעכטער אָדער צוליב קלות ראש. „אל תשמח ישראל אל גיל כעמים" — ייִד, זאָלסט נישט לאַכן װי אַלע אַנדערע פֿעלקער — איז אונדז אָנגעזאָגט געװאָרן מקדמונים. ייִדן האָבן זיך נישט געקאָנט פֿאַרגינען סתם לאַכן און יעדע אויפֿריכטיקע פֿרייד איז געװען אַ שמחה פֿאַרבונדן מיט אַ מצװה. דער חודש אין ייִדישן לוח, װאָס װעגן אים איז אָנגעזאָגט געװאָרן, אַז מען דאַרף זיך פֿרייען, איז געװען אדר. דאָס איז דער חודש, װען פּורים פֿאַלט אויס. אונדזערע חכמים, װאָס זײַנען אויסן געװען קיום האומה אונטער אַלע אומשטענדן, האָבן דערקלערט, אַז מען דאַרף דעמאָלט פֿריילעך זײַן און אַפֿילו שיכור'ן. די דאָזיקע פֿרייד איז געװען אַ פֿרייד מיט אַ מוסר השכל, אַז המנ'ס לעבן נישט אייביק, אַז אין די שװערסטע באַדינגונגען פֿון גלות זאָלן ייִדן האָבן אין זינען און געדענקען, אַז אַלץ קאָן געביטן װערן צום גוטן, עס קאָן אויך װערן יום־טוב אויף דער ייִדישער גאַס; האָב ייִדן געפֿאָלגט און נאָכגעפֿאָלגט דעם אָנזאָג. זיי האָבן זיך געמאַכט אַ האַרץ און זיך געפֿרייט... די דאָזיקע פֿרייד האָט געװאונען.

דער ייִדישער װיץ, דאָס ייִדישע מעשה'לע, דער ייִדישער אַנעקדאָט זײַנען געװאָרן די כלי־זין, מיט װעלכע דער ייִד האָט געשלאָגן זײַן שונא, דער פּאַנצער פֿון אימוניטעט, װאָס האָט ניט דערלאָזט, אַז יאוש און אָפּהענדיקייט זאָלן אים אַרומנעמען

און דורכדרינגען. דער וויץ האָט ניט נאָר גע׳חוזק׳ט פון דער אַרומיקער וועלט, ער האָט זיך אויך אַריינגעשניטן אין דער אייגענער יידישער וועלט און געשטאָכן מיט דעם שפּיץ פון זיין סאַטירע דעם יידישן תקיף, דעם כלל-טוער, דעם מנהיג, אפילו דעם רבונו של עולם אליין. קיין שום אַנדער פאָלק וואָלט זיך נישט דערלויבט צו מאַכן אַזאַ שטעכיקן קאָמענטאַר אויפן חשבון פון באַשעפער און אַריינקיבעצן, אַז „אמרו לאלהים" מיינט „רעדט צום דאַשעק" אָדער „מעשי אלהינו" אַרויסזאָגן אויף אַן אופן, ווי איינער רעדט: אויך מיר אַן אויפטו, אַ קונץ פון פעדערן שלייסן...

דאָס פאָלק האָט געלאַכט פון זיך אליין און פון די אייגענע חסרונות. דער טיפזיניקער און ווייט-זעעוודיקער שלום-עליכם האָט פאַרשטאַנען די גרויסע אויפגאַבע און געוואַלדיקע ראָל פון אָט דעם געלעכטער און געראָטן מיט אַלע כוחות אַנצוהאַלטן יידיש געלעכטער. „לאַכן איז געזונט — פלעגט ער זאָגן — דאָקטוירים הייסן לאַכן". ניט נאָר איז געלעכטער גוט פאַר דעם יידישן יחיד, אויך פאָלקס-טעראַפּיע פאַרשרייבט פאַרן וואוילזיין פון פאָלק — געלעכטער, זאָל זיין געלעכטער מיט יאַשטשער-קעס, להכעיס אַלץ און אַלעמען, אַבי געלעכטער, געזונט און האַרציק געלעכטער.

נאָר אַ ייד, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין יידישקייט, וואָס האָט טיף איינגעאָטעמט אין זיך יידישן געמיט, קאָן דעם יידישן וויץ באַגרייפן, פאַרדייען און פון אים הנאה האָבן. אין זיין אויטאָביאָגראַפיע דערציילט זשאַבאָטינסקי, אַז דאָס ערשטע מאָל איז אים אויסגעקומען זיך צו טרעפן פנים אל פנים מיט דער יידישער מאַסע, מיט דעם ייד פון תחום המושב, ווען ער איז ווי אַ גאַר יונגער בחור געפאָרן פון אָדעס קיין איטאַליע. „מיט מיינע אויגן האָב איך דערזען — שרייבט ער — די פאַרצווייפלונג און ירידה. איך האָב געהערט זייער קנעכטישן הומאָר, וואָס באַגע-נוגנט זיך מיט מבטל זיין דעם מעכטיקן פיינט אַנשטאָט קעגן אים ווידערשפעניקן".

אוודאי האָט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, וואָס איז אין זיינע פריע יאָרן געווען אויסגעטאָן פון יידישע פירונגען און געווען ווייט פון אַ יידישער סביבה, ניט געקאָנט באַנעמען די טיפקייט

פון דעם יידישן וויץ. קנעכטיש האָט ער אין זיינע אויערן געקלונגען. ערשט מיט יאָרן שפּעטער, גיט ער צו כלאחר־יד, האָט ער אַנטפּלעקט, אַז אונטער דער מאַסקע פון דער דאָזיקער אויבנאויפיקער שפלות איז געלעגן אַ סך שטאָלץ און נאַציאָנאַלע בראַווקייט. דאָס האָט אָבער אַנטדעקט נישט וולאַדימיר, נאָר זאב זשאַבאָטינסקי, ניט ווייל ער איז עלטער געוואָרן און דערײַבער קליגער געוואָרן, נאָר ווייל ער איז אַריין מיט אַלע זיינע גלידער און חושים אין דער יידישער וועלט, ער האָט נישט געקוקט אויף איר פון דרויסן, ער האָט זיך מיט איר צונויפגעלעבט און אידענטיפיצירט. דעמאָלט נאָר האָט זיך צו אים דערטראָגן דערווירקלעכער אַראָמאַט פון יידישן וויץ. דער הומאָר איז שוין ווייט קיין קנעכטישער נישט געווען, ער האָט זיך בפירוש קעגנגעשטעלט יעדער געפאַר און רעוואָלטירט קעגן יעדן פיינט.

דאָס פּוילישע וואָרט dowcip וואָס מיינט וויץ, האָט אין דער אַלטפּוילישער און אַ סברא אויך אין דער אורסלאַווישער שפּראַך געמיינט — שכל. דעם דאָזיקן שכל האָבן יידן אַריינגעלייגט אין זייער וויץ. דאָס איז געווען אַ שכל פון אָפּווער, פון פאַרטיידיקונג. דער גאַנצער לאַכעדיקער כעס ,וואָס האָט זיך אין יידישן האַרץ אָנגעזאַמלט, האָט צום סוף אויסגעשאָסן מיט פולווער פון וויץ און די דורות־לאַנגע אָפּטימיסטישע קלוגשאַפט פון דעם אַלטן פאָלק האָט זיך באַקליידט אין אַ געוואַנד פון הומאָר. אויף צרות און פאַרפאָלגונגען, אויסערלעכע און אינערלעכע, האָבן יידן געענטפערט מיט אַ שאַרפזיניקן וויץ. דער יידישער היינע האָט דעם דאָזיקן וויץ פאַרגליכן צו אַ זיכערקייטס־קלאַפּע פון אַ דאַמף־מאַשין, וואָס עפנט זיך פון זיך אליין, ווען אין דער מאַשין ווערט אַקומולירט צופיל פאַרע, און אַזוי אַרום מיידט זי אויס די סכנה, אַז זי זאָל פּלאַצן. דער וויץ איז געוואָרן דאָס געווער אין קאַמף פאַר יידישער עקזיסטענץ. קיין אַנדער געווער האָבן יידן נישט פאַרמאָגט. דאָס איז אויך געווען די איינציקע מעגלעכקייט אַראָפּצורעדן זיך פון האַרצן און אין דעם זין איז דאָס זעלבע אויך פאַרגעקומען ביי ניט־יידן: די, וואָס האָבן געהאַט עפּעס צו זאָגן און עס ניט געטאָרט זאָגן, האָבן, נישט וועלנדיק זיך שטעלן אין געפאַר, זיך אַרויסגעהאָלפן מיט ליצנות. דער מושל, וואָס איז געווען דאָס צילברעט פון דעם

פאַרבאַטענעם זאָג אָדער אַריינזאָג, האָט עס געקאָנט אַראָפּ־שלינגען און פאַרדייען, ווען ער האָט בשעת מעשה געקאָנט אַ לאַך טאָן, ווען אפילו דער לאַך איז געווען באַגלייט פון אַ גרי־מאַסע.

דער פאַקט, וואָס יידן האָבן זיך טויזנטער יאָרן געפונען אין אַן אומגעבונג פון פיינטלעכקייט און אויפגעצוואונגענער אָפּגעזונדערטקייט, האָט אין זיי געבוירן כמעט אַ נאַציאָנאַלע אייגנשאַפט פון אָפּלאַכן און אָפּשפּאָטן. די בייסיקע איראָניע, מיט וועלכער עס שפּרודלט דאָס יידישע גלייכווערטל, קאָן ניט שטאַמען פון די שטאַרקע אין דער וועלט. פון תמיד אָן האָבן זיך די שוואַכע און דעגראַדירטע יידן — אין פיזישן זין, אָבער גייסטיק שטאַרקע — אויסגעהאַמערט אַ באַציאונג פון ביטול היש, וואָס האָט ווי אַ גליענדיקער אייזן געברייט און געשפּריצט אַרום זיך פונקען פון העלישער איראָניע און טיף עמפּינדלעכן סאַרקאַזם.

נישט נאָר אין די באַדינגונגען פון גלות האָט דאָס פאָלק געלאַכט. איבער דער גאָרער געשיכטע זיינער קומט אויף דער משל, דאָס מעשה׳לע, דער וויץ. פון די סאַמע עלטסטע צייטן אָן. אַלע האָבן זיך מיט זיי באַנוצט — די פירער און די געפיר־טע, די געלערנטע און דאָס פּראָסטע פאָלק. אין חומש טרעפן מיר משלים, אין די דערציילערישע טיילן פון די נביאים, אין די שטראָף און טרייסט־רייד פון די לעצטע נביאים, אין דער משנה, גמרא, אין מדרש און אין דער שפּעטערדיקער ליטעראַטור פון גאונים און מפרשים. אָן ספק, אַז זיי צעשפּילן זיך און דערקוויקן דאָס האַרץ אין דער נייער העברעאישער און יידישער ליטעראַ־טור. מעשה׳לעך האָבן זיך דערציילט חסידים און מתנגדים, וויצן האָבן זיך דערציילט משכילים און אפּיקורסים, עס האָבן זיי באַנוצט יידן פון די שפּעטער אויפגעקומענע פּאַרטייען. אַ וויץ פון אַ ספּעציפישן מין, וואָס האָט געלאַכט און געמאַכט לאַכן מיט אַ ספּאַזם פון טויטלעכע געפאַרן, איז אַנטשטאַנען אין די געטאָס פון אונדזער לעצטן בראָך. דער וויץ האָט אויפגעשיינט מיט טראַציקייט און גבורה אין קאַמף פאַר יידישער זעלבסט־שטענדיקייט און אין דער יידישער מדינה אַליין. די גאַמע פון גלייכוואָרט און אַנעקדאָט איז זייער גרויס, ווי גרויס עס איז

דער יידישער גלות צוזאַמען מיט די באַגערן פאַר יידישער גאולה. זיי האָבן אַרומגענומען און ניט געשוינט די גבירים און קבצנים, די סוחרים און בעלי־מלאכות, זיי האָבן באַרעדט די יידישע אונטערוועלט צוגלייך מיטן גאַנצן לייטער פון כלי־קודש, ניט אַדורכגעלאָזט עמי־הארצים, מוסרים, משומדים, משוגעים און שיכורים. זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר דעם קיסר, פאַר דעם קעניג, זייערע מיניסטאָרן און האָבן גע׳חוזק׳ט פון אַלץ, וואָס האָט זיי אַרומגערינגלט.

דער יידישער וויץ איז ווי די זון אויפגעגאַנגען אין פלאַמען. ער האָט געוואַרעמט און באַגייסטערט. ניט קיין וואונדער, וואָס חיים וויצמאַן אָדער שמריהו לעווין האָבן זיך אַזוי מייסטערהאַפט באַנוצט מיט אים. מאַטעלע פון לעבן פינסק, וויצמאַנס געבוירנשטאָט, האָט אויפגעלעבט מיט אַלע אירע פאָלקסטימלעכע און יידישלעכע חנ׳עך אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק. דער פּאָרזיצער פון דעם יידישן פּאַרלאַמענט, פון דער כנסת, דער טיףּ־יידישער און טיףּ־יידישלעכער יוסף שפּרינצאַק, באַוויזט די שטורעמדיקסטע זיצונג איינצושטילן מיט אַ געשמאַק יידיש גלייכווערטל אָדער מיט אַ גוט־דערציילטן יידישן וויץ.

דער יידישער וויץ האָט געוואונען.

***

אין ערשטן צענדליק פון אונדזער יאָרהונדערט איז אָנגעקומען צו די ברעגעס פון דעם נייעם קאָנטינענט אַ צוויי און צוואַנציק יעריקער יונגערמאַן. פון אַן איינגעפונדעוועטער יידישער וועלט איז ער אַהער געקומען. איבערגעלאָזט זיין שטעטל נאַוואָאושיצע אין דער געגנט פון קאַמעניץ־פּאָדאָלסק, אין דער אוקראַינע. פאַרלאָזט אויף אייביק האָט ער דעם הויף פון הוסיאַטינער רבי׳ן, וואָס אין זיין בית־מדרש האָט ער יאָרן פאַרבראַכט. ערשט זיך געטובל׳ט אין דער יידישקייט פון אונגאַרן. ער געדענקט נאָך דאָס דאָרטיקע שטעטל כוסט, וואו ער האָט געלערנט אין דער ישיבה פון ר׳ משה בן עמרם גרינוואַלד, באַוואוסט ווי דער מחבר פון „ערוגת הבושם“, מיט אַנדערע יונגעלייט מופלגים. פריש איז נאָך אין זיין זכרון אָדעס, וואוהין ער איז געפאָרן לערנען אין רב צעיר׳ס פאָרטגעשריטענעם רבנים־

סעמינאַר. אַקאָרשט איז ער געווען אין ווילנע, וואו ער האָט זיך פאַרפולקאָמט אין חכמות חיצוניות, געזוכרעוועט ידיעות אין די לאַבירינטן פון דער רוסישער גראַמאַטיק און געגאַשט פון דער רוסישער ליטעראַטור.

אַ יונגערמאַן איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק. ערשט געווען נאָך דער חתונה. זיין יונגע פרוי, די טאָכטער פון דעם שאַלאַטער רב ר' חיים שאול הלוי לעוויטאַן האָט ער איבערגעלאָזט אין איר ליטווישער היימשטאָט, אין קאָוונער גובערניע. אין זיין טאַש האָט ער מיטגעבראַכט זיין גאַנץ פאַרמעגן: קבלה אויף שחיטה און אַ הורמנא אויף רבנות...

איז ער געקומען קיין אַמעריקע און האָט זיך פאַרלוירן. די עטלעכע משפחה־לייט, וואָס ער האָט דאָ געהאַט, האָבן אים, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענע יאָרן, פּרובירט אַרויפצו־פירן אויף אַ וועג. ראשית, האָבן זיי אים געזאָגט, דאַרף מען פאַרגעסן די אַלטע היים. דאָרט האָסטו געקאָנט זיין אַן איידע־לער ייד, אַ בן־תורה, היטן שבת, פּראַווען יום־טוב. דאָ אין אַמעריקע — דאָ איז ניט דאָס אָרט, פאַרגעס! זיינע קרובים האָבן געוואוינט אין א גוישער געגנט און זיי האָבן זיך צוגע־פּאַסט צו די באַדינגונגען...

אברהם סקלאַרין האָט אָבער געטראַכט אַנדערש. אויך אין אַמעריקע קאָן מען בלייבן אַ ייד. דווקא אין אַמעריקע קאָן מען זיין אַ ייד. מען דאַרף נאָר וועלן. סקלאַרין האָט געוואָלט. ניט שטענדיק איז עס אים אָנגעקומען לייכט. ער איז דורכגעגאַנגען קאַלטס און וואַרעמס, מיטגעמאַכט אַלע שוועריקייטן און צרות פון אַ גרינעם — געדאַרפט דערלערנען די לאַנד־שפּראַך, אַריינ־דרינגען אין דער עקאָנאָמיק פון לאַנד און זיך שטעלן אויף די פיס. פון צייט צו צייט רייסט זיך דורך אַ קרעכץ — מקוצר רוח ומעבודה קשה... דער קרעכץ ווערט אָבער באַלד פון אים פאַר־זיסט מיט אַ געשמאַקן יידישן וויץ. ער האָט דעם וויץ געהערט אין דערהיים, אין הויז פון זיין שווער, צווישן די חכמי אָדעס, אין דער משכילישער און לומדישער ווילנע. עס עפענען זיך קוואַלן פון יידישער טראַציקייט אין דעם דאַזיקן וויץ. טאַקע שווער, מיט די נעגל דאַרף מען זיך אַריינבייסן אין די האַרטע ערד פון דער נייער היים, אָבער אַלע אָנשטרענגונגען זיינען

ווערט. אַז מען קאָן ניט אַריבער — מוז מען אַריבער, פלעגט ער אָפט נאָכזאָגן דעם שאַרפן זאָג פון קאָצק...

ס'האָט גענומען אַ שטיקל צייט און סקלאַרין איז געוואָרן אַ דערפאָלגרייכער סוחר. אַריבערגעבראַכט זיין ברייט־פאַרצווייגטע פאַמיליע פון אייראָפּע. אויפגעשטעלט אַן אייגענע משפחה. קינדער זיינען געוואַקסן. ער האָט געזוכט זיין סביבה. אַ יידישלעכער מענטש, אַ נאַציאָנאַל־געשטימטער, האָט ער געפונען זיין וועג צום יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד. די אידייען פון אַרבעטער ציוניזם האָבן אים אַקטיוויזירט אין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן. ס'האָט זיך אָפּגערופן אין אים די טיף פאַרוואָרצלטע נייגונג צו לערנען. מען דאַרף באַזאָרגן יידישן חינוך. יידישע קינדער דאַרפן דערצויגן ווערן יידיש. סקלאַרין ווערט אַריינגעצויגן אין די אַרבעטן פון די יידישע פאָלקשולן. ער איז צווישן די גרינדער פון די „כנרת" טאָגשולן. מאָדערנע יידישע דערציאונג מוז זיין — טענה'ט ער — אַ טיפע דערציאונג. זי מוז דעם קינד געבן וואָס מער יידישע ידיעות. ער גרינדעט דעם „א. סקלאַרין מתנות פאָנד" פאַר אויסטיילן סטיפּענדיעס און פּרעמיעס.

מיט באַזונדערער ליבע זאַמלט סקלאַרין יידישע פאָלקסווערטלעך, וויצן און אַנעקדאָטן. פון צייט צו צייט באַווייזן זיי זיך אין דער טעגלעכער יידישער פּרעסע. ער וויל ניט, אַז דער אומגעהויערער אוצר פון יידישער פאָלקס־שאַפונג זאָל גיין לאיבוד, זאָל פאַרגעסן ווערן. יאָרן פון מיזאַמער אַרבעט גיט ער אַוועק. ער פאַרשרייבט, באַאַרבעט. זאָלן קומענדיקע דורות זיין ביכולת צו דערפילן דעם צאַפּל פון דער יידישער נשמה, וואָס באַהאַלט זיך אין דעם יידישן הומאָר.

צו זיינע 70 יאָר גיט אַרויס דער „א. סקלאַרין מתנות פאָנד" דאָס בוך, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון לאַנגער און טיכטיקער אַרבעט. „טויזנט און איינס" וועט זיכער אָפּגעשאַצט ווערן פון די ברייטע קרייזן פון זיינע פריינד, וואָס וועלן דאָס בוך לייענען, פון בוך הנאה האָבן, האַרציק זיך צעלאַכן און צוזאַמען מיט דעם שיקן זייערע ברכות פאַר לאַנגע און שעפערישע יאָרן צו זיין מחבר, דעם גוטן, פאָלקסטימלעכן און יידישן ייד — אברהם סקלאַרין.

י. מ. בידערמאַן

אחינו...

דעמאָלט

ווען משה רבינו האָט צעבראָכן די לוחות, האָבן טייל יידן געכאַפּט די „עשה׳ס״ און אַנדערע — די „לא תעשה׳ס״.

און דעמאָלט טאַקע זיינען אַנטשטאַנען די קאַטעגאָריעס: אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמירטע...

מען שפּאַלט זיך

— פאַרוואָס האָט זיך דער ים געשפּאָלטן פאַר די יידן?

— ווייל וואו אַ ייד שטעלט אַ פוס, ווערט אַ שפּאַלטונג...

„יקום פורקן״ און „מי שברך״

— צוליב וואָס דאַרף מען האָבן צוויי „יקום פורקנ׳ס״?

— טאָמער פאַרפאַלט איינער, זאָל בלייבן דער צווייטער.

— אויב אַזוי, פאַרוואָס איז פאַראַן נאָר איין „מי שברך״?

— אָט טאַקע דערפאַר: געווען זיינען צוויי מי שברכ׳ס, איז איינער פאַרפאַלן געוואָרן.

יידישע גבורים

— צוליב וואָס האָט שלמה המלך געדאַרפט אוועקשטעלן אַרום זיין בעט אַזוי פיל שומרים, אַזש זעכציק „גבורי ישראל״?

— טאַקע דערפאַר, ווייל זיי זיינען געווען יידישע גבורים...

אַ לעגענדע

אַן אגדה דערציילט, אַז ווען אשמדי האָט פאַרוואָרפן שלמה המלך ווייט ווייט הינטער די הרי־חושך, איז ער אַרומגעגאַנגען און געשריען: „אני שלמה!״ און קיינער האָט אים ניט דער־קענט און זיך צו אים ניט צוגעהערט. ווען שלמה איז צוריק־געקומען קיין ירושלים און איז ווידער אַרויף אויף זיין כסא המלוכה, האָט ער געלאָזט רופן אַ גאָלדשמיד און געהייסן אים מאַכן אַ רינג, וואָס ער זאָל טראָגן אויף זיין פינגער און וואָס זאָל שטענדיק, ווען ער וועט אַ קוק טאָן, דערמאָנען זיינע שווערע איבערלעבונגען.

דער גאָלדשמיד האָט צוגעגרייט אַ שיינע גאָלדענע רינג און אויסגעקריצט די דריי אותיות: ג. ז. י. אויף שלמה המלכ׳ס פראַגע, האָט דער גאָלדשמיד אים דערקלערט, אַז אַ מענטש וואָס געפינט זיך ביים סאַמע העכסטן שפיץ פון דערפאָלג, טונקט זיך איין עשירות און גרויסקייט און האַלט דעריבער פון זיך אַ וועלט — זאָל ער אַ קוק טאָן אויף די רינג און וועט פאַרשטיין די דריי אותיות; זיי זיינען ראשי־תיבות פון „גם זה יעבור״ (אויך דאָס וועט פאַרגיין)...

— און פאַרקערט, — האָט דער גאָלדשמיד ווייטער דער־קלערט — אַז אַ מענטש געפינט זיך אין צרות, איז דערשלאָגן און האָט עגמת־נפש, מעג ער אויך אַ בליק טאָן אויף די רינג און דאַן וועט אים גרינגער ווערן: „גם זה יעבור״ — אויך דאָס וועט פאַרגיין...

אַ זכות אויף אַ יידן...

ר׳ לוי־יצחק בערדיטשעווער האָט איינמאָל אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער פון זיין הויז און דערזען, ווי אַ ייד, אַ בעל־

עגלה, שטייט אַנגעטאָן אין טלית און תפילין און שמירט די רעדער. רופט ער זיך אָפּ אויפן קול:

— אוי, גאָטעניו, וואָס פאַר אַ פאָלק דיינע יידן זיינען! אפילו אין מיטן שמירן די רעדער דאַוונט אַ ייד אויך...

תנא קמא און תנא בתרא

ווען צוויי תנאים אין דער משנה קריגן זיך, איינער זאָגט אַזוי און דער צווייטער אַנדערש, פרעגט אָפט דערויף די גמרא: „מאי טעמא דתנא קמא?" (וואָס איז דער טעם פונעם ערשטן תנא?), פאַרוואָס פרעגט מען קיינמאָל ניט פאַרקערט: „מאי טעמא דתנא בתרא?" (וואָס איז דער טעם פונעם לעצטן תנא?)

דער תירוץ איז: אויפן צווייטן תנא איז קיין קשיא ניט. — וויבאַלד יענער זאָגט אַזוי, מוז דאָך ער, ווי דער שטייגער איז ביי יידן, זאָגן פאַרקערט. די שאלה איז אויפן ערשטן: ווי קומט עס, וואָס דער דאָזיקער זאָגט אַזוי און ניט אַנדערש?

אַ מלאך ברענגט אַ באַריכט...

דער רבונו של עולם האָט דעלעגירט אַ מלאך צו די מענטשן און אים געהייסן ברענגען אַ באַריכט וועגן דעם, וואָס עס מאַכן די יידן.

דעם ערשטן באַזוך האָט דער מאלך געמאַכט אין אַ רע־פאָרמירטער שול. ער האָט דאָרט געטראָפן דעם ראַבאַי אין מיטן דער דרשה, ווען ער האָט געזאָגט דעם פסוק: „אנו צאנך ואתה רועינו" — מיר זיינען דיינע שאָף און דו ביסט אונדזער פאַסטוך.

דעם צווייטן באַזוך האָט דער מלאך געמאַכט אין אַ קאָנ־סערוואַטיווער שול.

דער קאָנסערוואַטיווער ראַבאַי האָט גראָד געזאָגט אין זיין דרשה: „אנו עבדיך ואתה אדוננו" — מיר זיינען דיינע קנעכט און דו ביסט אונדזער האַר!

דעם דריטן באַזוך האָט דער מלאך געמאַכט אין אַ שטיבל אויף דער איסט סאַיד, וואו ס'האָט אַראָפּגערונען פון סופיט.

איינער פון עולם האָט געדרשנט: „אנו בניך ואתה אבינו" — מיר זיינען דיינע קינדער און דו ביסט אונדזער פאָטער!

דער מלאך איז דאַן צוריקגעקומען אין הימל מיט זיין באַריכט:

— רבונו של עולם! — האָט ער געזאָגט — מיט דיינע שעפּסן און מיט דיינע קנעכט איז נאָך מיטצודערליידן, אָבער מיט דיינע קינדער איז גאָרנישט פויגלדיק, זיי דאַרפן אַ ישועה!

יעדעס וואָרט אמת

איינער פון די שטענדיקע מתפללים פון אַן אָרטאָדאָקסישער שול איז איינמאָל געקומען דאַוונען אין אַ קאָנסערוואַטיווער שול.

נאָכן דאַוונען פרעגט אים דער פּאָרזיצער פון דעם שול־קאָמיטעט: „נו, ווי געפעלט אייך דאָס דאַוונען ביי אונדז אין דער קאָנסערוואַטיווער שול?"

— אַ סך בעסער — ענטפערט דער גאַסט — ווי ביי מיר אין דער אָרטאָדאָקסישער שול. ביי אייך, אַז די דאַוונערס קלאַפּן זיך אין האַרץ און זאָגן „על חטא שחטאנו" איז יעדעס וואָרט אמת; אָבער ביי אונדז ווען זיי קלאַפּן זיך אין האַרץ און זאָגן, אַז זיי האָבן געזינדיקט, איז דאָך יעדעס וואָרט ליגן...

די דריי גרענעצן

די יידישע שונאים זאָגן, אַז יידן ווייסן ניט פון קיין גרענעץ. קאָן מען זיי אָבער באַווייזן, אַז די יידן האָבן גאַנצע דריי גרענעצן:

א) ווען אַ ייד קומט אין שול אַריין, לויפט ער מיט אַזאַ אימפּעט, אַז ווען ניט די מזרח־וואַנט, וואָלט ער פאַרפלויגן אין די הרי חושך.

ב) ווען אַ ייד נעמט ביי אַ צווייטן יידן אַ שמעק טאַבאַק, קריכט ער אַריין אין טאַבאַק־פּושקעלע מיט אַזאַ כוח, אַז ווען ניט דער דנאָ, איז ווער ווייסט וואוהין ער וואָלט פאַרקראָכן.

ג) ווען אַ ייד גיט אַ צווייטן יידן שלום עליכם, שטעקט ער אַריין זיין האַנט מיט אַזאַ פּאַרנעם, אַז ווען ניט דער גראָבער פינגער, ווייסט נאָר איין גאָט, וואוהין ער וואָלט פּאַרפאָרן.

וואָס ער זוכט

מען דערציילט, אַז אחד־העם און חיים נחמן ביאַליק זיינען אַמאָל אין תל־אביב געזעסן אויף אַ באַנק אין אָוונט אויף רחוב ראָטשילד און האָבן צווישן זיך געפירט אַ שמועס אין דער רוסישער שפּראַך (אַן אַלטע שוואַכקייט ביי די יידיש־רוסישע אינטעליגענטן...) גייט פאַרביי אַ יונגער חלוץ און, הערנדיק זייער געשפּרעך, צינדט ער אָן אַ שוועבעלע און נעמט זיך זוכן אונטער דער באַנק, אויף וועלכער די צוויי גדולים זיינען געזעסן. גיט אים אחד־העם אַ פרעג:

— מה אתה מחפש, בני? (וואָס זוכסטו, מיין זון?).

ענטפערט דער חלוץ:

— את השפה העברית אנכי מחפש (איך זוך די העברייאישע שפּראַך)...

צוויי און דריי

מיט אַ צייט צוריק שפּאַציר איך אַזוי אין „אונדזער קעמפּ" פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און עס קומען מיר אַנטקעגן צוויי מענטשן, באַוואַכט פון דריי יידן: צוויי פון פאָרנט און איינער פון הינטן, און ווער, מיינט איר, איז דאָס געווען? „יוד יוד" שווארץ און נחום „יוד" — צוויי וואוילע פּאַעטן מיט דריי „יודן"...

קונצנמאַכערס

איין ייד האָט געזאָגט צום צווייטן:

— כ׳האָב אויסגעפונען, אַז מיר זיינען אַ פאָלק פון לויטער קונצנמאַכערס.

האָט זיך יענער געוואונדערט:

— וואָס זיינען מיר ציגיינער, אינדיאַנער?

— ניין — האָט יענער אים געגעבן צו פאַרשטיין — ניט קיין ציגיינער און ניט קיין אינדיאַנער. מיר זיינען יידן — מיר ליגן אין דר'ערד און זיינען ניט געשטאָרבן...

ביידע ווילן זיין חכמים

מיר איז אַלעמאָל געווען אַ וואונדער פאַרוואָס שלמה המלך זאָגט אין משלי „לא לחכמים לחם"? פאַרוואָס האָט ער ניט געשריבן „לא לחכם לחם"? איז מיר אָבער די קשיא פאַר־ענטפערט געוואָרן, ווען איך האָב אַנומלט געהערט אַזאַ מעשה:

צוויי יידן זיינען יאָרן־לאַנג געווען שותפים אין אַ געשעפט און האָבן קיין גליקן ניט געמאַכט. זיי האָבן זיך שטענדיק אַרומגעקריגט און ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וואָס פאַר אַ פּלאַן איינער פון זיי האָט פאָרגעשלאָגן צו פאַרבעסערן דאָס געשעפט, האָט דער צווייטער בשום אופן ניט געוואָלט אָננעמען, ווייל אפשר וועט דער שותף פון דעם פּראָפיטירן... הערנדיק די דאָזיקע געשיכטע איז מיר איינגעפאַלן, אַז שלמה המלך איז טאַקע געווען גערעכט מיט זיינע ווערטער „לא לחכמים לחם". ס'הייסט, אַז ווען ביידע ווילן זיין חכמים — וועט ניט זיין קיין לחם...

אַ ריכטיקע ראיה

פרעגט איין ייד אַ צווייטן:

— פון וואַנען איז געדרונגען מן התורה, אַז אַ ייד טאָר ניט גיין אָן אַ היטל?

ענטפערט דער צווייטער:

— טאַקע פונעם חומש. עס שטייט בפירוש: „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה" — יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר שבע און איז געגאַנגען קיין חרן, הייסט ווי גייט דאָס אַ ייד אָן אַ היטל?

מיט דער האַנט און מיט דעם מויל

שמחת־תורה ביי די הקפות האָב איך באַמערקט ווי אייניקע יידן קושן די תורה מיטן מויל און אַנדערע — מיט דער האַנט. גיב איך אַ פרעג ביים שמש:

— וואו איז דאָ דער שכל?

ענטפערט ער מיר:

— פאַרשטייט איר מיך, עס זיינען דאָ צוויי מינים יידן. אַ טייל יידן קושן מיטן מויל און גיבן צדקה מיט דער האַנט. אַנדערע ווידער קושן מיט דער האַנט און גיבן צדקה מיטן מויל...

אַ קורצער און אַ לאַנגער

מען דערציילט, אַז אַ הויכער ייד מיט אַ לאַנגער באָרד איז אין ירושלים אַמאָל אַרויף אויף אַ באַס, וואָס איז גראָד געווען איבערגעפּאַקט מיט פּאַסאַזשירן. האָט דער ייד זיך אָנגעהאַלטן אָן אַ רימען. שפּעטער איז אַרויף אויפן באַס נאָך אַ ייד, אַ תימנער קורצער ייד, וואָס האָט דעם רימען ניט גע־קאָנט דערלאַנגען, האָט ער זיך מיט זיין האַנט אָנגעכאַפּט אָן דעם הויכן יידנס באָרד. האָט דער הויכער ייד צו אים געשריען:

— לאָזט אָפּ מיין באָרד!

— וואָסזשע — מאַכט דער תימנער — איר גייט שוין אַראָפּ פונעם באַס?...

ווען מען פּאָרט צו־לאַנג

פאָרנדיק אין דער אונטערערדישער באַן פון ברוקלין אין די בראָנקס, האָט אַ ייד באַמערקט אין וואַגאָן אַ צווייטן ייד מיט אַ בערדל, וועלכער האָט אויסגעזען פאַרטראַכט און אַלע־מאָל אָדער געגעבן אַ לאַך צו זיך אַליין, אָדער ער האָט געגעבן אַ מאַך מיט דער האַנט. גייט ער צו אים צו און פרעגט אים:

— אַנטשולדיקט, ר׳ ייד, וואָס איז עפּעס אייער געלעכטער, און וואָס מאַכט איר אַלעמאָל מיט דער האַנט?

— איכ׳ל אייך זאָגן, — ענטפערט דער ייד, — אַז איך פאָר אַזאַ ווייטן וועג און האָב ניט וואָס צו טאָן, דערצייל איך מיר שטילערהייט אַליין וויצן. אויב ס׳איז אַ נייער וויץ — לאַך איך. אויב, ווידער, ס׳איז אַן אַלטער וויץ — גיב איך אַ מאַך מיט דער האַנט: עט, דער וויץ האָט שוין אַ באָרד...

די אורזאַכן

אַ ייד באַגעגנט זיינעם אַ פריינט און דערציילט אים, אַז ס'קומט אים אַ מזל־טוב, ווייל ער איז געוואָרן אַ זיידע דורך אַן ערשט קינד ביי זיין עלטסטן זון.

— טאָ נאָט אייך מזל־טוב, — זאָגט דער פריינט, — אָבער ווען וועט זיין דער פדיון הבן?

— עס וועט — מאַכט דער ערשטער — ניט זיין קיין פדיון הבן צוליב פיר אורזאַכן: ערשטנס, איז מיין זון אַ לוי; צווייטנס, איז זיין ווייב אַ בת כהן; דריטנס, איז דאָס קינד געווען אַ „יוצא דופן" (מ'האָט ביי דעם געבורט געמאַכט אַ קייזער־שניט) און פערטנס, איז דאָס קינד געווען — אַ מיידעלע...

ער היט זיך אויס

אין אַ לאַנדסמאַנשאַפט איז געווען אַן עלטערער ייד, וואָס יעדעס מאָל ווען אַ מיטגליד איז געשטאָרבן און מ'האָט דעם יידן געבעטן ער זאָל זיין איינער פון דעם קאָמיטעט, וואָס דאַרף מיטפאָרן צום בית־עולם, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט. ווען דער פּרעזידענט פונעם פאַראיין האָט אים איינמאָל געפרעגט פאַר־וואָס ער וויל ניט מיטפאָרן, האָט ער געענטפערט: „ווייל איך וויל זיך ניט וואַרפן דעם מלאך־המוות אין די אויגן"...

אַ ייד פון תהילים אַרויס

עס זיינען דאָ יידן, וואָס רעדן פאַר פייער און וואַסער וועגן גאָט און וועגן יידן, אָבער ווען עס קומט צו דער קעשענע — צו געבן צדקה, הייסט עס — איז קיינער פון זיי אין דער היים ניטאָ. אַזעלכע יידן זיינען שוין געווען אין דוד המלכ'ס צייטן, ווי ער זאָגט אין תהלים: „אני בצדק אחזה" — „אני בצדק" איז די ראשי־תיבות: „איז נאָר ייד ביז צו דער קעשענע".

אַז מען שמועסט — געדולד

צוויי יידן זיינען געזעסן אויף אַ באַנק אין אַ גאָרטן און זיך באַרימט איינער פאַר דעם אַנדערן מיט זייער געדולד; זאָגט איינער:

— איר רעדט וועגן געדולד? וועל איך אייך דערציילן, אַז איינמאָל, אַהיימקומענדיק שבת-צו-נאַכטס פון שול, האָב איך ניט געטראָפן מיין ווייב אין הויז. האָב איך געמאַכט הבדלה אָן איר. ווען זי איז דערנאָך אַהיימגעקומען, האָט זי מיר געהייסן מאַכן נאָכאַמאָל הבדלה. האָב איך ניט געוואָלט. האָט זי גענומען מאַכן קולות, שרייען און געוואַלדעווען, אָבער זי האָט ביי מיר בשום אופן ניט געקאָנט פועלן. זי איז ברוגז געוואָרן און האָט אויפגעהערט עסן. זי איז געפאַלן פון די כוחות, אויסגעמאַטערט געוואָרן, ביז זי איז געשטאָרבן, און איך האָב מיין געדולד ניט פאַרלוירן...

רופט זיך אָפּ דער צווייטער מיט גדלות:

— און מיט מיר האָט פאַסירט, אַז אַמאָל האָט מיר שטאַרק וויי-געטאָן אַ צאָן. בין איך אַוועק צום צאָן-דאָקטאָר, ער זאָל דעם צאָן אַרויסנעמען. פרעגט ער מיך: וועלכן צאָן? זאָג איך: איר זענט אַ דענטיסט, דאַרפט איר אַליין פעסטשטעלן און וויסן. בקיצור, ער האָט מיר אַרויסגענומען אַלע ציין, ביז ער איז צוגעקומען צום לעצטן צאָן. און דאָס איז געווען טאַקע דער קראַנקער צאָן; איך האָב מיין געדולד ניט פאַרלוירן. איך האָב דאָס מייניקע אויסגעפירט.

ער וועט דאַרפן תשובה טאָן

אַ פרומער ייד איז געווען זומער אין דאָרף. אַז ס'איז גע-קומען שבת, האָט ער זיך גאַנץ פרי אָנגעטאָן די שבתדיקע קאַפאָטע און כדי ניט צו טראָגן אום שבת, האָט ער זיין גרויסע רויטע פאַטשיילע אָנגעטאָן אויפן האַלדז. איז אים אויפן וועג אַנטקעגנגעקומען אַן אָקס. ווען דער אָקס האָט דערזען די רויטע פאַטשיילע, האָט ער אַ צערייצטער דעם פרומען יידן אַ כאַפּ געטאָן אויף די הערנער און איז מיט אים געלאָפן. האָט דער ייד אויסגעשריען:

— אוי, געוואַלד איך פאָר דאָך אום שבת! ס'איז חילול שבת!

בפירוש געשריבן

א רוסישער ייד האָט אַמאָל געפרעגט אַ גאַליציאַנער:

— פאַרוואָס זאָגט מען ביי אייך תמיד „עטץ”: ווי גייט עטץ, וואָס טוט עטץ, פון וואַנען זענט עטץ?

— וואָס? — האָט יענער געענטפערט — עטץ זענט אַ וויל־דער עם־הארץ. עס שטייט דאָך בפירוש געשריבן אין דער הייליקער תורה, אַז יעקב אבינו האָט געפרעגט לבנ׳ס פאַס־טוכער: מאין אתם? — פון וואַנען זענט עטץ?

צלם־קאָפּ

— טאַטע — פרעגט אַ פוילישׁ יינגל דעם פאָטער זיינעם, אַ פאַרברענטן שונא פון די ליטוואַקעס — פאַרוואָס רופט מען עס אַ ליטוואַק מיטן נאָמען צלם־קאָפּ?

— וואָס פאַרשטייסטו ניט? — ענטפערט דער פאָטער — ביי יעדן ליטוואַק אין קאָפּ איז דאָ אַ צלם. אַ סימן האָסטו, נעם אַ האַק און פּרואוו אים צעשפּאַלטן דעם קאָפּ, וועסטו זען אַז דאָרט געפינט זיך אַ צלם. און טאָמער וועסטו גראָד ביי דעם איינעם ניט געפינען, איז אויך ניט קיין גרויסער אומגליק — דערווייל ווערט מען גלאַט פּטור נאָך פון איין ליטוואַק אויף דער וועלט.

געקאָכטע אַרבעס

צוויי ישיבה־בחורים, איינער אַ ליטוואַק און דער אַנדע־רער אַ גאַליציאַנער, זיינען איינגעשטאַנען אויף איין אכסניה. די ביידע זיינען געשטרויכלט געוואָרן אין שלעכטע מחשבות. שולדיק דערין איז געווען די שיינע יונגע טאָכטער פונעם בעל־הבית פון זייער אכסניה, אַזוי אַז זיי האָבן ניט געקענט ניט זיצן און לערנען בייטאָג און ניט שלאָפן ביינאַכט.

זיינען זיי געקומען צום רבין זייערן און פאַרטרויט פאַר אים די מעשה. האָט ער זיי פריער אָרויסגעגעבן אַ גרינגע תשובה, און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָט ער זיי געגעבן אַ שטרענגערע תשובה: זיי זאָלן שטיין ביינאַכט אַ גאַנץ

היפּשע צייט מיט באַרוועסע פיס אויף צעשאָטענעם אַרבעס.

מאָרגן פרי זעט דער גאַליציאַנער דעם ליטוואַק ווי ער איז אַזוי מונטער, גלייך ווי ס׳איז גאָרניט געווען, פרעגט ער אים:

— וואָס איז די מעשה? איך בין אַזוי צעבראָכן פון דער תשובה, און דיר, ווייזט אויס, האָט עס גאָרניט אָנגעהויבן צו שאַדן?

— ס׳איז גאָרניט אַזוי שרעקלעך — מאַכט דער ליטוואַק — מיינסט וואָס האָב איך געטאָן? איך בין געשטאַנען טאַקע אויף אַרבעס, נאָר אויף אָפּגעקאָכטע.

פיר מינים יידן

— ס׳איז פאַראַן — האָט אַ רב געזאָגט — 4 מינים יידן:

א) אַזעלכע וואָס גייען אין שול אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר.

ב) אַזעלכע וואָס גייען שבת און יום-טוב.

ג) אַזעלכע וואָס גייען אין שול נאָר איינמאָל אין יאָר: יום-כיפּור.

ד) און אַזעלכע וואָס זייער יידשקייט באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס מען פירט זיי באַגראָבן אויפן יידישן בית-עלמין.

חידושים פון דער גרויסער שטאָט

אַ קליינשטעטלדיקער ייד איז געקומען צוריק אַהיים אין שטעטל פון זיין רייזע דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אין דער גרויסער שטאָט, וואו ער האָט פאַרבראַכט עטלעכע טעג, און ער דערציילט זיינעם אַ חבר מיט גרויס התפּעלות די אומ-געהויערע חידושים, וואָס ער האָט זיך דאָרט אָנגעזען. אַ שטייגער, ווי אַ מענטש שטעלט זיך אַנידער און רעדט צו דער וואַנט דורך עפּעס אַ מין כלי וואָס מען רופט עס טעלעפאָן. מיט איין האַנט דרייט ער אַ רעדל און מיט דער אַנדערער האַלט ער לעבן אויער עפּעס אַ רעדל.

— וואָס דערציילסטו מעשיות? — רופט זיך אָפּ יענער — וויבאַלד ביידע הענט זיינען פאַרנומען, ווי אַזוי-זשע רעדט מען?

ס׳ברענט ניט

דער קאָנדוקטאָר האָט גענומען אויפן וועג ביי איינעם אַ יידן זיין בילעט, אים באַטראַכט און געזאָגט מיט אַ בייז קול:

— ניין, דער בילעט טויג דאָ ניט, ער איז אויף אַ געוויינלעכן צוג צו פאָרן, און איר האָט זיך געזעצט גאָר אין אַ שנעל־צוג!

— נו, וואָס מאַכט עס דען אוים? — גיט דער ייד אַ מאַך מיט דער האַנט — פון מיינטוועגן מעג זיך די באַן פאָרן גאַנץ פּאַמעלעך, נישקשה, איך האָב צייט, ס׳ברענט ניט...

ניט מער?

אַ ייד, וואָס האָט באַדאַרפט פאָרן וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין, האָט פאַרשפּעטיקט און איז געקומען אויפן וואָקזאַל נאָך דעם, ווי דער צוג האָט שוין גערירט פון אָרט. ברעכט ער די הענט און קרעכצט אויף אַ קול:

— ווי איז מיר, אַזאַ אומגליק האָט מיך געטראָפן! איך האָב באַדאַרפט אַזוי נויטיק פאָרן און דווקא היינט! וואָס טוט מען איצט? אַזאַ אומגליק!

— אויף וויפל, ר׳ ייד, האָט איר עס פאַרשפּעטיקט דעם צוג?

— סך־הכל האָב איך פאַרשפּעטיקט אַ פּאָר מינוט.

— ניט מער? — מאַכט יענער — איך האָב געמיינט, ווען איר שרייט אַזוי, אַז איר האָט פאַרשפּעטיקט צום ווייניקסטן אויף אַ גאַנצע שעה.

אַ בייזער הונט

צוויי יידן גייען אין גאַס און זיינען פאַרטיפט אין אַ שמועס. דערהערן זיי פון ווייטנס אַ הונט בילן. רופט זיך אָפּ איינער צום צווייטן:

— דו הערסט ווי יענער בייזער הונט בילט אַזוי שרעקלעך? פאָלג מיך, לאָמיר אָפּטרעטן און זיך לאָזן גיין אין אַ זייט.

— וואָס האָסטו מורא? — מאַכט דער צווייטער — דו

ווייסט דען ניט דעם כלל, אַז הינט וואָס בילן, זיי בייסן קיינ־מאָל ניט?

— יאָ, — זאָגט יענער — אמת טאַקע, איך ווייס, אָבער צי ווייסט עס אויך דער הונט?

והא ראיה...

איין ייד דערציילט דעם צווייטן:

— דו שפּילסט זיך עפּעס מיט דער בימה אין דער וואַר־שעווער טלאָמאַצקער סינאַגאָגע? איך וועל דיר דערציילן גאָר אַ קלייניקייט: אין דער צייט פון דעם פּוילישן אויפשטאַנד האָבן זיך איינמאָל דאָרט, הינטער דער דאָזיקער בימה אַליין באַהאַלטן, וויפל מיינסטו, אַ שטייגער? גאַנצע צוואַנציק טויזנט אויפשטענדלער?

— וואָס רעדסטו? — מאַכט דער צווייטער פאַרוואונדערט — צוואַנציק טויזנט?!

— אָט זעסטו דאָך! — רופט זיך אָפּ יענער.

אַ שיין בילד

איין ייד ווייזט דעם צווייטן אַ שטיק לייוונט, גאָר אינ־גאַנצן ריין און ליידיק און זאָגט אים:

— זעסטו, אָט האָסטו פאַר דיינע אויגן אַ שיין בילד: „יידן גייען איבער דעם ים־סוף".

— וואו זיינען דאָ די יידן? — פרעגט יענער.

— די יידן? — מאַכט דער ערשטער — זיי זיינען שוין אַרויס פונעם ים און אַוועק ווייטער.

— און די מצרים וואו זיינען?

— די מצרים האַלטן נאָך אין לויפן און זיינען אַהער נאָך ניט אָנגעקומען.

— נו, און דער ים אַליין וואו איז דאָ אויף דעם בילד?

— וואָס הייסט? דער ים איז דאָך צעשפּאָלטן געוואָרן און אָפּגעטראָטן איןביידע זייטן.

מסכתא „גלאָק"

— פון וואַנען איז געדרונגען, אַז אין בית-המקדש איז ניט געווען קיין גלאָק?

— ווען עס וואָלט געווען אַ גלאָק, וואָלט דאָך זיכער געווען אַ גאַנצע מסכתא „גלאָק"...

אַ תענוג

— וואָס איז אַ יידישער תענוג?

— ווען תשעה באב איז קיל...

אַ ייד און אַ הונט

— ווען געפינט זיך אַ הונט אין אַ יידישער שטוב?

— אָדער ווען דער ייד איז קיין ייד ניט, אָדער ווען דער הונט איז קיין הונט נישט...

יידן זיינען דאָרט ניטאָ

— וואו קאָן מען נישט געפינען קיין ייד?

— אויף אַ גויישן בית-הקברות.

אַ ליטוואַק

— פאַרוואָס רופט מען אַ ליטוואַק „צלם-קאָפּ"?

— ווייל ער לייגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו פאַרענטפערן אַ האַרבן מהרש"א...

אויפן הימל אַ יאַריד

בשעת אַן עדה יידן דאַוונען אין שול ווערט אויפן הימל אַ גאַנצער יאַריד, ווייל איינער טראַכט אין זיין תפילה וועגן ווייץ, דער אַנדערער וועגן באַקאַליי, דער דריטער וועגן שניט-סחורה און אַזוי ווייטער. און אַז די תפילות גייען אַרויף אויפן הימל און מען נעמט זיי דאָרט איבערקוקן געפינט מען אַ גאַנצן יאַריד פון אַלערליי מינים סחורות. דערפון נעמט זיך דאָס יידישע ווערטל: „אויפן הימל אַ יאַריד".

שלום עליכם

אַ גוטער־ייד פּלעגט זאָגן:

— אַז אַ ייד גייט־אויס שמונה־עשרה קומט אים דעמאָלט אָפּצוגעבן אַ „שלום עליכם״, ווייל אין דער צייט וואָס ער איז געשטאַנען שמונה־עשרה איז ער געווים אויסגעווען אַ גאַנצע וועלט, געפאָרן אין די גרויסע שטעט און אויף פאַרשיידענע יאַרידן איינצוהאַנדלען אָדער צו פאַרקויפן סחורות.

גרינגער אויפן האַרצן

אַ ייד גייט אין גאַס פאַרזאָרגט, ווי דער שטייגער. באַגעגנט אים אַ באַקאַנטער און גיט אים אַ פרעג:

— וואָס מאַכט מען עפּעס?

— אַזוי...

— איך מיין די געשעפטן ווי גייען?

— הע, ווייסעך, מע...

— נו, וואָס מאַכט דאָס ווייב?

— נו...

— און די קינדערלעך וואָס מאַכן?

— נו, נו...

— אַ גוטן טאָג.

— אַ גוט יאָר. אוי, אַז מען רעדט זיך דורך ווערט טאַקע גרינגער אויפן האַרצן.

לכתחילה און בדיעבד

לכתחילה ווילט זיך יעדן יידן, ער זאָל זוכה זיין ביי גאָט צו געווינען דאָס גרעסטע געווינס, די צוויי הונדערט טויזנט רובל; נאָר בדיעבד איז ער שטאַרק צופרידן, אַז גאָט העלפט אים און ער האָט די זכיה, לכל הפחות, צו שטאַרבן אין חודש ניסן.

קיינמאָל ניט געפּרואווט

— מ׳האָט געפרעגט אַ יידן צי ער קען שפּילן אויף אַ פּיאַנע?

— איך ווייס? — ענטפערט ער — איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געפּרואווט, אפשר קען איך.

מורא צו זאָגן דעם אמת

צוויי באַקאַנטע יידן באַגעגענען זיך אין איין וואַגאָן. פרעגט איינער דעם צווייטן:

— וואוהין פאָרט עס אַ ייד?

— וואוהין פאָרט מען? — ענטפערט דער צווייטער — קיין וואַרשע פאָרט מען.

— איך פאַרשטיי גאַנץ גוט — מאַכט יענער אויפגעבראַכט — אַז דו זאָגסט קיין וואַרשע כדי איך זאָל מיינען, אַז דו פאָרסט קיין לאָדזש. איך וויים דאָך אָבער אויף געוויס, אַז פאָרן פאָרסטו איצט טאַקע קיין וואַרשע, הייִנט פרעג איך דיך, ביסטו ניט קיין פּאַסקודניק — וואָס האָסטו מורא צו זאָגן דעם אמת?

אָן הענט

אין אַ קאַלטן ווינטער-טאָג גייען עטלעכע יידן אין גאַס און פירן צווישן זיך אַ הייסן שמועס און אַמפּערן זיך שטאַרק אויף קולות, ווי דער שטייגער איז, נאָר איינער גייט מיט די גאַנצע צייט און שווייגט.

— ר' קרוב — ווענדט מען זיך צו אים — וואָס שווייגט איר עפּעס און מ'הערט פון אייך ניט קיין איין וואָרט?

— איך וועל אייך זאָגן דעם אמת — ענטפערט יענער — איך הייב ניט אָן צו פאַרשטיין, ווי אַזוי איר קענט רעדן, ס'איז דאָך אַזאַ שרעקלעכע קרירה, אוממעגלעך אַ האַנט אַרויסצושטעקן און מיט איר אַ ריר צו טאָן.

אַ סאָקאָלאָוו אַנעקדאָט

אין חומש, פּרשת בא, זאָגט דער פּסוק: „ולא נחם אלקים דרך ארץ פלשתים" (גאָט האָט די יידן ניט געפירט דורכן לאַנד פלשתים). ווערט דערציילט, אַז ווען דער גרויסער שרייבער און ציון-פירער נחום סאָקאָלאָוו איז אַמאָל געקומען האַלטן אַ רעדע ביי אַ פאַרזאַמלונג, האָבן זיך זיינע געגנער אויפ-

געשטעלט און גענומען שרייען: „ולא נחום!" דאָס הייסט „נחום זאָל ניט רעדן". איז נחום סאָקאָלאָוו אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרם און האָט, פאַרענדיקנדיק דעם פּסוק, אויסגערופן: „דרך ארץ, פלשתים!"

וואַרעמקייט

איינער, אַ טוריסט פון אַמעריקע, איז געשטאַנען ביים ברעג ים אין חיפה און האָט זיך באַקלאָגט, אַז ס'איז אים קאַלט דאָ. האָט אים אַ תושב פון ארץ־ישראל געראָטן, ער זאָל בעסער פאָרן קיין תל־אביב, דאָרט וועט אים וואַרעמער ווערן, מחמת, קיין עין־הרע, פינף הונדערט טויזנט יידן קאָכן זיך דאָרט...

ס'האָט זיך אַ סך געביטן

געקומען אַ טוריסט קיין ארץ־ישראל, אַרומגעפאָרן איבערן לאַנד, שטאַרק באַאיינדרוקט געוואָרן. איידער ער האָט געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס לאַנד, פרעגט אים אַ פריינט זיינער, ווי עס געפעלט אים ארץ־ישראל.

— ס'האָט זיך דאָ אַ סך געביטן...

— זענט איר דען אַמאָל שוין געווען אין לאַנד?

— אַוודאי בין איך געווען — ענטפערט דער טוריסט — מיט אַן ערך צוויי טויזנט יאָר צוריק...

ער גייט איינגעבויגן

אַ ייד טרעפט אַ צווייטן אין תל־אביב.

— וואָס גייסטו אַזוי איינגעבויגן? — פרעגט איינער.

— אַ פשוטע זאַך — ענטפערט דער צווייטער — שוין אַ גאַנצע וואָך, ווי איך גיי אַרום יעדן אין דערפרי אין גאַס און עס טרעפט מיך איין באַקאַנטער און אַ צווייטער און אַ דריטער און אַ הונדערטער און יעדער פרעגט מיך די זעלבע פראַ־

גע: „ווי גייט עס?" און איך ענטפער: „אַזוי". גיט יעדער איינציקער אַ קלאַפּ מיר איבער דעם אַקסל: „ניט געזאָרגט, יהיה טוב (ס'וועט גוט זיין)"...

נו, דערפאַר האָט זיך פון דער קלאַפּעניש מיין אַקסל ביי מיר איינגעבויגן.

שוין איינמאָל אַ הייסער

צוויי יידן טרעפן זיך. זאָגט איינער צום צווייטן:

— זאָג מיר, כ'האָב געהערט זאָגן, אַז דיין לאַנדסמאַן איז אַ הייסער ציוניסט. איז עס אמת?

ענטפערט דער צווייטער:

— אוודאי, אַלץ הייסט „אַ הייסער"! ער האַלט דאָך אין איין הייסן: ער הייסט יענעם פאָרן קיין ישראל, ער הייסט יענעם געבן געלט און ער הייסט יענעמס קינדער ווערן חלוצים...

שטיינער...

ווען איך בין געווען אויף באַזוך אין ישראל, האָב איך אין ירושלים גענומען אַ טעקסי צום קוואַרטאַל מאה שערים, און פאָרנדיק האָב איך באַמערקט זייער אַ סך שטיינער, באַזונדערס אין דער ריכטונג צום כותל מערבי. פרעג איך דעם נהג, דעם שאָפער הייסט עס: „פון וואַנען נעמען זיך דאָ אַזוי פיל שטיינער?" — ענטפערט ער:

— איר ווייסט דאָך, שוין צוויי טויזנט יאָר אַז יידן פאָרן צום כותל מערבי, באַזונדערס פאַר ראש־השנה, זיך אויסוויינען און אויסבעטן ביים רבונו של עולם אַ גוט יאָר. און ווען אַ ייד אָדער אַ יידענע וויינט זיך גוט אוים, פאַלט זיי אַראָפּ אַ שטיין פונעם האַרצן. נו, איז דאָך קיין חידוש ניט, וואָס ס'האָבן זיך דאָ אָנגעזאַמלט אַזויפיל שטיינער.

עס רינט אַריין

אַ ייד אין ישראל באַקלאָגט זיך פאַר דעם אייגנטימער פון הויז, אין וועלכן ער וואוינט:

— אדון באַלעבאָס, זינט די לעצטע רעגנס רינט אין הויז אַריין כסדר וואַסער!

— וואָס דען האָט איר געוואָלט? פאַרענטפערט זיך דער באַלעבאָס — פאַר די נאַרישע צען פונט אַ חודש, וואָס איר צאָלט מיר דירה-געלט, זאָל אייך אַריינרינען ווייַן?

שווער צו זיין אַ ייד

מען דערציילט, אַז צווישן די ערשטע דייטשע יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון היטלערן און זיינען געקומען קיין ארץ־ישראל, האָט זיך געפונען אַ יונג פּאָרפאָלק, ביי וועלכע עס איז געבוירן געוואָרן אַ ייִנגעלע. זיי האָבן אָבער ניט געמאַכט קיין ברית צום אַכטן טאָג, ווי דער דין איז ביי יידן. אַז מען האָט זיי געפרעגט: „היתכן, פאַרוואָס יידישט איר ניט דאָס קינד?״ האָבן זיי געענטפערט:

— פערשטייען זי, וויר האָבן נאָך ניכט בעשלאָסן, אָב וויר אין ארץ-ישראל פערבלייבן...

ווען אַ ייד זיפצט

צוויי יידן פאָרן אין ישראל אין אַן אויטאָבוס, איינער נעבן צווייטן, און ביידע זיינען פאַרזאָרגט און שווייגן. פּלוצים האָט איינער פון זיי אַ שטאַרקן זיפץ געטאָן. רופט זיך צו אים אָפּ דער צווייטער: „וואָסזשע? איר דאַרפט דאָס מיר ערשט דערציילן״...

אַז אַ ייד טרינקט

— וועגן וואָס טראַכט אַ ייד, ווען ער טרינקט אויס אַ גלעזל בראָנפן?

— וועגן דעם צווייטן גלעזל...

***

— וואָס פּאַסירט ווען אַ ייד טרינקט אויס אַ פלאַש רויטן וויין?

— דער ייד ווערט רויט און די פלאַש ווערט ווייס...

דייטשע פינקטלעכקייט

אַ יידישער פליכטלינג פון דייטשלאַנד איז געקומען קיין ארץ־ישראל און נאָך דעם ווי ער האָט שוין אָנגעהויבן צו פאַרשטיין העברייאיש איז ער געגאַנגען זען אַ העברייאישע פאַר־שטעלונג אין טעאַטער „אהל”. אַזוי ווי לויט דעם אַנאָנס האָט זיך די פאַרשטעלונג געדאַרפט אָנהויבן 8:30 אָוונט, איז ער געקומען פינקטלעך אין צייט, אָבער אין טעאַטער זיינען נאָך געווען זייער ווייניק מענטשן און דער פאָרהאַנג איז נאָך געווען אַראָפּגעלאָזט. ביסלעכווייז זיינען אָלץ צוגעקומען מער מענטשן, אַזוי, אַז אין אַ דריי־פערטל שעה שפּעטער איז דער זאַל שוין געווען פול און מען האָט אָנגעהויבן שפּילן. כאַפּט ער אַרוים זיין זייגערל און זעט, אַז דער זייגער ווייזט 9:15. ניט קענענ־דיק אונדזער יידישן טעאַטער־עולם, האָט ער געמיינט, אַז ס׳איז טאַקע ערשט 8:30 נאָר זיין זייגער לויפט, האָט ער צוריקגע־רוקט די ווייזערס אויף 8:30...

איין שונא־ציון ווייניקער

ווען דר. שמריהו לעווין, ז״ל, איז געווען אין ניו־יאָרק, האָט אים אימיצער אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז דר. בן־ציון האָפמאַן און „צביון” איז איינער און דער זעלבער.

— אַ דאַנק דעם אויבערשטן — האָט דר. לעווין זיך אָפּ־גערופן — אויב אַזוי, האָבן מיר מיט איין שונא־ציון ווייניקער...

מען קאָן שטיין

ווען דוד רמז איז געוואָרן מיניסטער פאַר קאָמוניקאַציע אין ישראל, האָבן אַ סך בירגער געהאַט טענות צו אים פאַר־וואָס ער זעט ניט, אַז אין די אויטאָבוסן זאָל ניט זיין אַבּיסל געראַמער. ניטאָ וואו זיך אַוועקצוזעצן — האָט מען געטענה׳ט.

— צו וואָס דאַרף מען זיך־פלעצער — האָט דער מיניסטער געענטפערט — אַז מען קאָן שטיין...

יידן דאַרפן זיך געבן אַן עצה

ווען אַ גרופּע נייע עולים זיינען געקומען צו בן־גוריונען און זיך באַקלאָגט, הלמאי די יידן האָבן ניט דעם כותל־מערבי, איז זיין ענטפער צו זיי געווען זייער פּשוט:

— מאַכט זיך אַן אייגענעם כותל־מערבי...

דאָרט איז די אָטשערעד נאָך לענגער

בעת דעם „צנע״־רעזשים אין ישראל זיינען די געשעפטן געווען באַלאַגערט פון הונדערטער מענטשן, וואָס זיינען געווען אויסגעשטעלט אין ליניעס און האָבן געוואַרט צו קאָנען באַקומען זייערע פּראָדוקטן. איין ייד איז געוואָרן אומגעדולדיק און איז אַרויס פון די כלים. ער האָט באַשלאָסן צו גיין צו בן־גוריונען און זיך באַקלאָגן אויף די פּאַראַנדקעס... ער האָט געזאָגט זיין שכן וועגן זיין באַשלוס און איז אַוועק.

נאָך 15 מינוט קומט דער ייד צוריק און זיין שכן פרעגט אים צי האָט ער עפּעס געפּועלט. דערקלערט אים דער ייד:

— דאָרט איז די אָטשערעד נאָך לענגער...

אַ ניי־געקומענער

ביי אַ פאַמיליע אין ישראל איז געבוירן געוואָרן אַ קינד. ווען די מוטער איז צוזאַמען מיט דעם ניי־געבוירענעם קינד געקומען אין שטוב פון שפּיטאָל, האָט מען דאָס קינד געוויזן צו זיין עלטערן ברודער, דוד.

דוד האָט אָנגעהויבן זיך שפּילן מיט זיין ברודערל און צו אים גערעדט יידיש.

— פאַרוואָס רעדסטו ניט צו אים עברית? — פרעגט דער פאָטער אַ דערשטוינטער.

— ער איז דאָך אַ נייער עולה, דאַרף מען צו אים רעדן יידיש...

אַן ענטפער פון אַ קינד

מיין גוטער פריינט י. מ. בידערמאַן איז צוריקגעקומען אַ באַגייסטערטער פון זיין באַזוך אין ארץ־ישראל און האָט אין

זיין באַריכט דערציילט וועגן דער חכמה פון די ירושלימער קינדער: אַ קינד פו די נטורי־קרתא האָט אים באַגעגנט אין מאה שערים און געפרעגט פאַרוואָס ער גייט אין בלויזן קאָפּ... אַ ייד דאַרף טראָגן אַ היטל אויפן קאָפּ...

— דער הימל איז מיין הוט — האָט געקלונגען דער ענטפער.

— אַ צו־קליינער קאָפּ פאַר אַזאַ גרויסן הוט — האָט דאָס ירושלימער ייִנגל געענטפערט.

אויף אַ מיטינג

דער פאָרזיצער רייסט איבער דעם רעדנערס „ספּיטש״:

— איך וועל אייך ניט לאָזן ווייטער רעדן, אויב איר וועט אייך ניט אַנטשולדיקן צוליב דעם, וואָס איר האָט אָנגע־רופן דעם וויצע־פּרעזידענט „זשוליק״!

— איך האָב טאַקע געזאָגט „זשוליק״, — פאַרענטפערט זיך דער רעדנער, — אָבער איך האָב, חלילה, ניט געמיינט דעם וויצע־פּרעזידענט!

— דאָס וועט איר דער באָבען דערציילן! — שרייט און קלאַפּט דער פאָרזיצער מיטן האַמער — אויב איר זאָגט זשוליק, מיינט איר ניט קיין אַנדערן נאָר דעם וויצע־פּרעזידענט.

ער טוט מצוות

אַ ייד אין אַ קליין שטעטל, גראָד אַ באַלעבאַטישער ייד און אַ בן־תורה דערצו, האָט זיך שטאַרק גענומען צום ביטערן טראָפּן. האָט אים איינער אַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— סטייטש, ווי פּאַסט עס פאַר אייך? אַזאַ שיינער ייד ווי איר, זאָלט זיין אַ שיכור?

— פאַרשטייט איר מיך, — ענטפערט דער ייד, — אין פּרק שטייט: „ושוב יום אחד לפני מיתתך״, אַ ייד דאַרף תשובה טאָן פאַרן טויט, און אַזוי ווי איך ווייס ניט ווען איך וועל שטאַרבן, נעם איך אַלע שעה אַביסל בראָנפן, כדי צו קענען מאַכן אַ ברכה...

ער זאָל ניט פאַרגעסן

אין אויטאָבוס אין תל־אביב פאָרט אַן אַלטע פרוי מיט איר אייניקל. דאָס יינגל רעדט צו איר העברעאיש און זי רעדט צו אים יידיש.

— פאַרוואָס רעדט איר יידיש צו אייער אייניקל? — רופט זיך אָפּ צו איר אַ פּאַסאַזשיר, וואָס איז נעבן איר געזעסן און צו וועלכן זי האָט גערעדט אַ שיינעם העברייאיש — איר קענט דאָך אויך עברית?...

— וואָס הייסט איך זאָל רעדן צו אים עברית? — ענטפערט די פרוי — אַז כ'וועל רעדן צו אים העברייאיש וועט ער דאָך אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ער איז אַ ייד.

פרעגט די וועלט

ליב האָבן ווי זיך אַליין

אויפן פסוק „ואהבת לרעך כמוך" ווערט געבראַכט אין דער גמרא: „אמר ר' עקיבא: זה כלל גדול בתורה". פרעגט די וועלט — וואָס האָט ר' עקיבא דערמיט געמיינט? איז דער תירוץ, אַז ר' עקיבא האָט מיט זיינע ווערטער געמיינט צו זאָגן, אַז דער כלל פון ליב האָבן אַ חבר ווי זיך אַליין, געפינט זיך נאָר אין דער תורה, אָבער אין לעבן גופא איז אַזאַ זאַך ווי ליב האָבן אַ צווייטן ווי זיך אַליין, זייער שווער צו געפינען...

אַ צדיק אין פעלץ

ביי יידן איז פאַראַן אַן אויסדרוק: „אַ צדיק אין פעלץ". פרעגט זיך, פון וואַנען נעמט זיך אָט דער אויסדרוק? איז דער תירוץ גאַנץ פשוט: אין דער אַלטער היים פלעגט אינמיטן בית המדרש שטיין אַ הרובע, ביי וועלכער אַלע פלעגן זיך אום ווינטער וואַרעמען. איינמאָל האָט אָבער אויסגעפעלט האָלץ אויף צו הייצן די הרובע און דער גביר פונעם שטעטל האָט

ניט געוואָלט געבן אויף דעם קיין געלט. אַז ס'איז געקומען שבת איז דער גביר געקומען אין שול אַריין אָנגעטאָן אין אַ וואַרעמען פעלץ. האָבן די, פון קעלט ציטערנדיקע, מתפללים געזאָגט איינער צום צווייטן: „אָט איז ער, דער צדיק אין פעלץ"!

ביז פערציק און נאָך פערציק

די גמרא זאָגט: „עד ארבעים שנה מיכלא מעלי, מארבעים שנה ואילך משתיא מעלי" — ביז 40 יאָר איז גוט צו עסן, און פון 40 יאָר און ווייטער איז גוט צו טרינקען.

פרעגט די וועלט: ס'איז דאָך נישט ריכטיק. מיר זעען יונגע מענטשן, וואָס טרינקען אַ סך און אַלטע לייט, וואָס האָבן ליב אַריינצועסן — און ביידע זיינען געזונט! נאָר אין אמתן מיינט די גמרא אַזוי: ווען אַ מענטש איז נאָך יונג טראַכט ער: „וואָס קאָן איך נאָך אויפטאָן מיט מיין באַטייליקן זיך אין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, אַז מ'וועט זי ניט אָנערקענען?" זאָגט מען צו אים: „מיכלא מעלי" — קוק אויף עסנוואַרג: וואָס פרישער, אַלץ בעסער. פאַרקערט ווידער — ווען אַ מענטש ווערט עלטער און זאָגט מיט יאוש: „וואָס פאַר אַ ווערט קאָן שוין האָבן מיין אַרבעט און ווער וועט זיך אויף מיר אומקוקן?" אים דאַרף מען ענטפערן: משתיא מעלי" — גיב אַ קוק אויף געטראַנקען, וויין און קאָניאַק — וואָס עלטער אַלץ בעסער.

אַ ראיה פונעם סידור

ווי באַקאַנט, האָט דער גרויסער העברייאישער דיכטער פון דער השכלה, יהודה לייב גאָרדאָן, געשאַפן דעם שפּרוך: „היה יהודי באהלך, ואדם בצאתך!" — אַ ייד זאָלסטו זיין אין הויז, אָבער אַ מענטש זיי אין גאַס!

פרעגט די וועלט: פון וואַנען האָט דאָס דער דיכטער גענומען?

איז דער תירוץ, אַז טאַקע פון דעם אַלטן סידור, וואו עס שטייט בפירוש: „לעולם יהא אדם ירא שמים בסתר" — פאַר דער וועלט זאָלסטו זיין אַ מענטש, אָבער אַ ירא שמים, אַ פרומער ייד, זאָלסטו זיין בסתר, אין הויז...

אַ מנהג לויט דעם חומש

די וועלט פרעגט: פון וואַנען נעמט זיך ביי יידן דער מנהג, אַז ווען אַ מיידל באַקענט זיך מיט אַ בחור, הייסן די עלטערן דער טאָכטער ברענגען דעם יונגנמאַן אַהיים און באַלד איז די מאַמע אים מכבד מיט גוטע איינגעמאַכצן און האָניק-טייגלעך?

איז דער תירוץ, אַז דאָס נעמט זיך טאַקע פון דעם חומש: ווען משה רבינו איז אַנטלאָפן פון מצרים קיין מדין און האָט זיך דאָרט ביי אַ ברונעם באַקענט מיט יתרו׳ס טעכטער, און זיי זיינען אַהיימגעלאָפן און דערציילט וועגן דעם גאַסט, האָט דער טאַטע, יתרו, געזאָגט: „קראנה לו, ויאכל לחם״ (רופט אים אַריין, וועט די מאַמע אים געבן צו פאַרזוכן פון אירע פיינע מאכלים). מאַכט רש״י: „שמא ישא אחת מהן״ (אפשר וועט ער טאַקע חתונה האָבן מיט איינער פון זיינע בתולות). און אַזוי איז טאַקע געווען — צפורה איז געווען די גליקלעכע.

ששון און שמחה

ווען דער חזן זאָגט די ברכות ביי אַ חתונה אונטער דער חופה, זינגט ער: „קול ששון וקול שמחה, קול חתן וקול כלה״. שטעלט זיך אַ פראַגע: פאַרוואָס עפּעס צוויי אויסדרוקן: ששון און שמחה? ס׳האָט דאָך געקאָנט שטיין ששון אַליין אָדער שמחה אַליין?

איז דער תירוץ: עס זיינען פאַראַן צוויי מינים פרייד. אַן אויסערלעכע און אַן אינערלעכע. ששון מיינט אַן אָפענע פרייד, ווי דער פסוק זאָגט: „שש אנכי על אמרתך כמוצא שלל רב״ — ווען איינער געפינט אַן אוצר שרייט ער אויס זיין פרייד. שמחה אָבער מיינט אַן אינערלעכע פרייד, ווי שמחה של מצווה, אַז איינער גיט צדקה, האָט ער אַן אינערלעכע פרייד. איצט ווען אַ פאַרפאָלק האָט חתונה, האָט דער חתן אַן אָפענע פרייד, בעת די כלה האַלט די פרייד באַהאַלטן אין זיך. דערפאַר איז דער חזן גערעכט, ווען ער זינגט קול ששון אַנטקעגן קול חתן, און קול שמחה אַנטקעגן קול כלה. דער חתן ווייזט אַרויס אַן אָפענע פרייד, בעת די כלה, וואָס איז באַשיידן, פרייט זיך מיט אַ באַהאַלטענער פרייד.

פאַרוואָס עפּעס צוויי „יודן״?

די וועלט פרעגט: פאַרוואָס לייגט מען אוים „לחיים״ מיט צוויי יודן? עס וואָלט דאָך גענוג געווען איין יוד?...

איז דער תירוץ: כדי צו מאַכן אַ לחיים דאַרף מען האָבן לכל הפחות צוויי יידן.

אַ יידישער קאָפּ מיט אַ גויישן מזל

די וועלט פרעגט די אַלטע קשיא: סטייטש, „צדיק ורע לו, רשע וטוב לו״ — אַז אַ גוי איז זיך מגייר, גייט עס אים אַלעמאָל מיט דער פוטער אַראָפּ, און פאַרקערט, אַז אַ ייד, זאָל גאָט שומר ומציל זיין, שמדט זיך — גייט עס אים גאָר לעילא ולעילא?

איז דער תירוץ אַזוי: אַ גוי, אַז ער איז זיך מגייר, האָט ער אַ גויישן קאָפּ מיט אַ יידישן מזל, און ווען אַ ייד שמדט זיך, האָט ער אַ יידישן קאָפּ מיט אַ גויישן מזל...

אַן אויסטייטש אַזאַ

די וועלט פרעגט: הלמאי האָט יעל, די פרוי פון חבר הקני, געגעבן דעם געשלאָגענעם סיסרא מילך אָנשטאָט וואַסער, ווי עס שטייט אין פסוק „מים שאל, חלב נתנה״ (שופטים ד׳).

איז דער תירוץ: מילך איז אויף לשון קודש „חלב״. די אותיות פון חלב באַטרעפן פערציק. די אותיות פון „מים״ באַטרעפן ניינציק. געבעטן האָט ער „מים״, דהיינו — „ניינציקער״ שפירט, און געגעבן האָט זי אים „חלב״ — „סאַראַקאָווקע״, פערציקער — און דערפון האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ...

אַ ראיה פון פרק

— פון וואַנען נעמט זיך, וואָס די וועלט זאָגט, אַז „אַ נאַר האָט זיך זיין אייגענעם שכל״?

— אין פרק שטייט: „איזהו חכם? הלומד מכל אדם״ — אַ קלוגער איז דער, וואָס לערנט פון אַלע מענטשן. הייסט עס,

אַז אַ קלוגער האָט דעם שכל פון אַנדערע, אָבער אַ נאַר, וואָס וויל פון קיין אַנדערע ניט לערנען, האָט שוין ממילא בלויז זיין אייגענעם שכל...

שקר

כ׳האָב קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען דעם זין פון דעם מאמר „שקר אין לו רגלים״ — פאַלשקייט האָט ניט קיין פיס, אָבער איצט פאַרשטיי איך שוין גאַנץ גוט. אַנומלט האָט מיר מיינער אַ קרוב געגעבן אַן אַדרעס אין קוני איילענד. דער אַדרעס איז אָבער געווען אַ פאַלשער און איך בין אַ גאַנצן טאָג אַרומגע־גאַנגען אויף מיינע פיס און דעם פלאַץ ניט געפונען. האָב איך געטראַכט, אַז דאָס האָט די גמרא אוודאי געמיינט: שקר, אויב מען האָט דיר געגעבן אַ פאַלשן אַדרעס — אין לו רגלים, וועסטו בלייבן אָן פיס.

בשר ודם

פרעגט די וועלט: מיר זאָגן אין בענטשן: „ונא אל תצריכנו לידי מתנת בשר ודם ולא לידי הלוואתם״ — מיר זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צו געשאַנק אָדער הלוואה פון אַ מענטשן. איז טאַקע קשה: ווי קאָן מען בעטן אַזאַ זאַך, ווען אפילו אַ רייכער מענטש דאַרף אויך אַמאָל עפּעס לייען ביי אַ צווייטן?

איז דער ענטפער: עס זיינען פאַראַן אַלערליי מדרגות מענטש, ווי: איש, גבר, אדם און בשר־ודם. פון די אַלע נעמען שטעלט מיט זיך פאָר בשר־ודם די נידעריקסטע מדרגה, ווייל דאָס מיינט אַ מענטש פון הוילע פלייש און בלוט, אַן רוקן־ביין, דעריבער בעטן מיר, אַז אויב מיר דאַרפן שוין יאָ אָנקומען צו אַ מענטשן, זאָל ער כאָטש ניט זיין פון דער נידעריקסטער מדרגה...

זאָרגן

זיצן זיך צוויי בחורים אין בית המדרש און גריבלען זיך. רופט זיך אָפּ איינער:

— פאַרוואָס זאָגט די וועלט אַ ווערטל: „צרת רבים חצי נחמה״ (די צרות פון אַ סך מענטשן איז אַ האַלבע טרייסט)?

ענטפערט דער צווייטער:

— געוויינלעך האָט אַ מענטש צווייערליי זאָרגן: ערשטנס, ווען אים אַליין איז שלעכט אין פרנסה אָדער געזונט, און צווייטנס זאָרגט ער, ווען יענעם איז בעסער פון אים. דערפאַר זאָגט מען: „צרת רבים — אַז יענעם איז אויך שלעכט, איז חצי נחמה — איז שוין העלפט פון די זאָרגן אַוועק״.

ערד און הימל

די וועלט זאָגט, אַז מיט רייכקייט טאָר מען אַ צווייטן נים מקנא זיין, אָבער מיט חכמה און וויסנשאַפט מעג מען יענעם יאָ מקנא זיין. פון וואַנען איז עס געדרונגען? איז דער תירוץ — דער פסוק זאָגט: „בשמים ממעל״ — וועגן הימלשע זאַכן, ווי תורה און חכמה, זאָלסטו קוקן אַרויף, אָבער „ועל הארץ מתחת״ — אין ערדישע זאַכן, ווי רייכטום, זאָלסטו קוקן אַרונטער, וואו עס זיינען פאַראַן נאָך נידעריקערע פון דיר.

ס׳איז גענוג אַ וואָרט

די וועלט פרעגט: ווי קומט עס, וואָס נישט גענוג, וואָס דער אָרעמאַן האָט קיין געלט נישט, וויל מען אַפילו זיין וואָרט נישט אָננעמען און מען וויל אים נישט באָרגן אויף זיין אונטערשריפט, בעת דעם גביר, וואָס האָט יאָ געלט און קען פאַר יעדער זאַך גלייך באַצאָלן, באָרגט מען אים יאָ אויף זיין וואָרט אָדער חתימה?

איז דער תירוץ, ווייל דער פסוק זאָגט: „לי הכסף ולי הזהב — נאום ד׳״. גאָט זאָגט, אַז דערפאַר ווייל איך האָב דאָס זילבער און דאָס גאָלד — איז נאום ד׳ — איז גענוג דאָס וואָרט אָדער די אונטערשריפט פון גאָט...

רייד וואָס האָבן אַ סוף

די חז״ל זאָגן: „האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם״ — ווער עס זאָגט עפּעס אין יענעמס נאָמען ברענגט אַ דערלייזונג דער וועלט. איז טאַקע קשה: פון וואַנען נעמט זיך עס און פאַרוואָס איז עס אַזוי?

איז דער תירוץ אַזוי: ווען אַ מגיד, וואָס האַלט אַ דרשה, זאָל, חלילה, זאָגן זיינע אייגענע געדאַנקען, וואָלט ער געהאַלטן אין איין זאָגן און וואָלט קיינמאָל ניט געענדיקט, אַזוי אַז קהל וואָלט פאַרמאַטערט געוואָרן. אַז ער זאָגט אָבער יענעמס, מוז ער זיך פאָרט אַמאָל אָפּשטעלן, ווייל יענעמס רייד זיינען דאָך מיט אַ סוף, איז דעריבער ברענגט ער אַ ישועה אויף די יידן.

מ׳דאַרף קאָנען טייטשן

די גמרא זאָגט אין ברכות: „כל הנותן פרוטה לעני בשעת דחקו, כאילו קיים עולם מלא" — ווער עס גיט אַ פרוטה צו אַן אָרעמאַן, ווען ס׳איז אים ענג, איז גלייך ווי ער וואָלט אויפגעהאַלטן אַ גאַנצע וועלט. איז דאָך אַ פראַגע: סטייטש, אַ פרוטה איז דאָך אַזאַ קליינִיקייט, אַז דער אָרעמאַן קאָן פון דעם ווינציק געהאָלפן ווערן. היינט ווי קאָן מען פאַרגלייכן אַ מענטשן, וואָס גיט אַזוי ווייניק מיט גאָט אַליין?

איז דער תירוץ, די גמרא מיינט אינגאַנצן עפּעס אַנדערש: ווער עס גיט אַוועק אַ פרוטה צו אַן אַנדערן אָרעמאַן בשעת דחקו, אין דער צייט ווען ער, דער געבער אַליין, איז נעבעך זייער געענגט, איז כּמעט ער גיט בלויז אַ פרוטה איז דאָס זייער אַ גרויסע זאַך!...

געזעלשאַפטלעכע טוער

אין דעם „מי שברך" בעטן מיר פאַר „העוסקים בצרכי צבור", די, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט קהלשע געשעפטן, אַז „ויסיר מהם כל מחלה וירפא לכל גופם" — גאָט זאָל זיי באַשיצן פון קרענק און היילן זייער גוף. איז דאָך קשה, פון וואַנען ווערן די קהלשע פאַרזאָרגער קראַנק, אַז זיי זאָלן דאַרפן אַ רפואה?

איז דער תירוץ: עס איז דאָך באַקאַנט, אַז די מערסטע וואָס דרייען זיך אַרום אַ קהלשער שיסל פאַרשמעכן זיך די הענט — איז ממילא דאַרפן זיי האָבן אַ רפואה...

די אָרעמעלייט, נעבעך

די וועלט פרעגט: פאַרוואָס זיינען די אָרעמעלייט פרום און היטן אָפּ די עשרת הדברות פּינקטלעך, און די רייכע ווידער זיינען עובר אויף אַלע צען געבאָט און זיי ווערן גאָרניט באַשטראָפט?

איז דער תירוץ: דער מדרש זאָגט, אַז ווען משה האָט צעבראָכן די לוחות איז געוואָרן „אותיות פורחות באויר" — די אותיות פון די עשרת הדברות זיינען זיך צעפלויגן אין דער לופט. האָבן די רייכע, הויכע און שטאַרקע יידן צוגעכאַפּט דעם „תגנוב", דעם „תחמוד" און אַנדערע. אָבער די אָרעמע, די שוואַכע און קלייניקע האָבן אויסגעכאַפּט די לא׳ס. דעריבער מעגן די גבירים אַלצדינג טאָן, נאָר דער אָרעמאַן, נעבעך, טאָר ניט.

משה און דער ים

אויפן פסוק „הים ראה וינוס" פרעגט דער מדרש: וואָס האָט דער ים אַזוינס געזען און איז אַנטלאָפן? ענטפערט דער מדרש: ער האָט דערזען דעם ארון פון יוסף׳ן, וואָס די יידן האָבן מיט זיך מיטגענומען צו ברענגען זיינע ביינער קיין ארץ־ישראל. איז אָבער ווידער די קשיה: און אַז דער ים האָט דערזען דעם קאַסטן, האָט ער זיך געדאַרפט דערשרעקן? איז דער תירוץ, אַז אַזוי ווי מיטן ארון האָבן זיך מתעסק געווען די חברה קדישא, וואָס קענען אַ סך טרינקען, האָט דער ים מורא געהאַט טאָמער וועלן זיי אים אויסטרינקען... אויב אַזוי איז אָבער ווידער קשה, נאָכוואָס האָט משה געדאַרפט באַנוצן זיין שטעקן צו שפּאַלטן דעם ים? ער האָט דאָך געקענט הייסן די חברה קדישא אויסטרינקען דעם ים, און די יידן וואָלטן דאַן געקענט אַריבערגיין אין דער טריקעניש? איז ווידער דער תירוץ, אַז אַזוי ווי ס׳איז געווען פּסח און די יידן האָבן געגעסן מצה, ניט קיין חלה, האָבן די חברה קדישא ניט געקענט אויסטרינקען דעם גאַנצן ים, דעריבער האָט משה רבינו געמוזט שפּאַלטן דעם ים מיט זיין שטעקן...

דער אָפּגעלייגטער יום־טוב

די וועלט פרעגט: די יידן האָבן דאָך מקבל געווען די תורה אום שבועות, פאַרוואָסזשע פראַוועט מען דעם יום-טוב פון פרייען זיך מיט דער תורה ערשט מיט עטלעכע חדשים שפּעטער, אום שמחת-תורה?

איז דער תירוץ: למשל, אַ ייד האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער און איז בשעת דער התונה אַרומגעגאַנגען פאַר־טרויערט. אַז מ׳האָט אים געפרעגט: סטייטש, איר דאַרפט זיך דאָך פרייען, צום סוף זענט איר אַזוי טרויעריק? האָט דער ייד געענטפערט: ווי קען איך זיך פרייען, אַז עס קומען זיך צונויף צוויי פרעמדע מענטשן און איך ווייס נאָך ניט צי דער זיווג וועט זיין אַ געראָטענער. ערשט ווען זיי וועלן אָפּלעבן אינאיינעם אַ שטיקל צייט און כ׳וועל זען, אַז ס׳איז גוט, וועל איך זיך פרייען. אַזוי אויך מיט די יידן. אַז גאָט האָט זיי געפרעגט צי זיי ווילן נעמען די תורה, האָבן זיי גיך געענטפערט: „נעשה ונשמע”, ניט וויסנדיק צי ס׳וועט זיין גוט פאַר זיי, דעריבער האָבן זיי אָפּגעלייגט דאָס פרייען זיך מיט איר, אויף אַ צייט שפּעטער.

שלמה׳ס חכמה

שלמה המלך זאָגט אין קהלת: „לב חכם לימינו, ולב כסיל לשמאלו” — ביי אַ קלוגן איז דאָס האַרץ אויף דער רעכטער זייט, און ביים נאַר איז דאָס האַרץ אויף דער לינקער זייט. פרעגט די וועלט, סטייטש, לויט דער אַנאַטאָמיע איז דאָך דאָס אַן אומזין? איז דער ענטפער, אַז שלמה האָט אַזוי געמיינט: ווען אַ קלוגער און אַ נאַר נעמען זיך לייענען אַ בוך און זיי האָבן אַריינגעלייענט עטלעכע בלעטלעך, איז „לב חכם לימינו” קוקט דער קלוגער אויף רעכטס פונעם בוך און זאָגט: „כ׳האָב נאָך גאָרניט געלייענט און גאָרניט דערגרייכט”. דער נאַר, אָבער, קוקט אויף לינקס פונעם בוך און זאָגט: „אַי, ס׳איז נאָך דאָ אַזוי פיל צו לייענען!” און דער גאַנצער עסק ווערט אים נמאס.

שלמה המלך האָט געקענט יידיש

— פון וואַנען איז געדרונגען, אַז שלמה המלך האָט געקענט רעדן מאַמע־לשון, אונדזער היינטיקן יידיש?

— ווייל שלמה המלך זאָגט אין משלי „ויין ישמח לבב אנוש" (וויין מאַכט פריילעך דעם מענטשנס האַרץ). איז דאָך קשה, פאַרוואָס האָט שלמה גראָד באַנוצט דאָס וואָרט אנוש, ער האָט דאָך געקאָנט זאָגן „אדם", „איש" אָדער „גבר"? איז דער תירוץ, אַז ער האָט אונדז דערמיט געוואָלט לערנען, אַז אויב יאָ טרינקען, זאָל עס זיין מיט אַ גרענעץ, ווייל אנוש איז די ראשי־תיבות פון „אָבער ניט ווערן שכור".

פאַרגעסענע רייד

ישעיה הנביא שטראָפט די יידן מיט די ווערטער: „קחו עמכם דברים" — נעמט מיט זיך די רייד! פרעגט זיך, וואָס מיינט ער מיט דעם? פון וואַנען און צו וואָס זאָל מען מיט־נעמען מיט זיך רייד? קען מען דאָס פאַרשטיין פון אָט דער מעשה, וואָס חסידים דערציילן: מ'האָט אַמאָל דעם בעל שם טוב איינגעלאַדן אויף אַ שבת, נאָך ימים נוראים, אין אַ שטעטל. ווען דער צדיק איז פרייטיק צו קבלת שבת צוגעקומען צו דער שול, איז ער געבליבן שטיין ביי דער שוועל און איז ניט אַריינגעגאַנגען. האָבן די חסידים געפרעגט:

— סטייטש, רבי, די שול איז דאָך ניט געפּאַקט. און עס איז דאָ גענוג פּלאַץ אַריינצוגיין.

— ניין, — האָט דער בעל שם טוב געענטפערט, — די שול איז אָנגעפּאַקט מיט די תפילות, וואָס איר האָט דאָ איבער־געלאָזט ראש־השנה און יום־כפור און איר האָט זיי, די תפילות, פאַרגעסן מיטצונעמען מיט זיך, און דערפאַר קען איך ניט אַריינגיין אינעווייניק.

נח אין דער מגילה

אין דער מגילה, וואו עס ווערט דערציילט ווי אחשורוש האָט אַרויסגעשיקט בריוו צו אַלע זיינע מדינות, אַז די יידן זאָלן זיך אָפּרעכענען מיט זייערע שונאים, שטייט „ונוח

מאויביהם". פרעגט די וועלט: ווי קומט נח אין דער מגילה? איז דער תירוץ, אַז ווען המן האָט זיך גענומען צוגרייטן די תליה פאַר מרדכין און האָט געדאַרפט האָבן אַ ברעט פון 50 איילן די לענג, וואָס ס'איז שווער געווען צו קריגן, האָט ער זיך דערמאָנט אין נח'ן, וואָס האָט געבויט די תיבה, און מסתמא זיינען ביי אים פאַרבליבן ברעטער. איז ער אַוועק צו נח'ן און גענומען שלעפן אַ ברעט. נח ווידער, וועלנדיק קריגן באַצאָלט, האָט דאָס ברעט געשלעפט צו זיך. און אויף אַזאַ אופן איז נח אַריינגעשלעפט געוואָרן אין דער מגילה...

דלפון און ויזתא

די וועלט דערציילט, אַז ווען מ'האָט געהאַלטן ביים אויפהענגען המנס צען זין, האָט דלפון געטענהט צום קעניג:

— איך בין דאָך אַ ביטערער אָרימאַן „עני חשוב כמת", בין איך דאָך אַ טויטער סיי־ווי־סיי, וואָסזשע דאַרף מען מיך הענגען?

און ויזתא האָט געטענהט:

— איך בין דאָך אַ גרויסער שוטה און מיין נאָמען איז ביי יעדן צו שאַנד און שפּאָט, פאַרוואָסזשע קומט מיר געהאָנגען צו ווערן?

— ס'איז פאַרפאַלן, — האָט אחשורוש געענטפערט, — ווייל ס'קען נאָך אויסברעכן אַ מלחמה, ווערסטו, דלפון, ווערן אַן עושר, און דו, ויזתא, וועסט ווערן אַ חכם...

המנס מסירה

אויפן פסוק אין מגלת אסתר „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים" זאָגט דער מדרש: „בעלילה גדולה בא על ישראל", דאָס איז געווען המנס גרעסטע מסירה אויף יידן. פרעגט זיך, וואָס האָט דאָ המן אַזוינס געזאָגט? אין דעם, וואָס יידן זיינען צעשפּרייט צווישן פעלקער, איז דאָך ניטאָ קיין שום פאַרברעכן. נאָר דער אמת איז אַזוי, המן האָט צום קעניג געזאָגט:

— ס'איז דאָ אַן איינציק פאָלק, וואָס כאָטש ס'איז אין גלות צווישן פעלקער, איז אָבער צווישן זיך אַליין צעטיילט און צעשפּליטערט אין פאַרשידענע פּאַרטייען, פּאַרטייעלעך און קלייזלעך, און אַזוי ווי ס'איז ביי זיי ניטאָ קיין אחדות, קאָנסטו מיט זיי טאָן וואָס דיין האַרץ גלוסט...

די ניט געשריבענע מכה

אין דער תוכחה פון דער סדרה „בחקותי", איז נאָך דעם ווי עס ווערן אויסגערעכנט אַלע שלעק און פּורעניות, וואָס וועלן טרעפן דעם, וואָס וועט ניט אָפּהיטן די געזעצן פון דער תורה, פאַראַן אַ פּסוק מיט די ווערטער:

„ גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתובה בספר הזה".

פרעגט די וועלט: „גם" איז דאָך אַ ריבוי (אַ צוגאָב). היינט, וואָס קען נאָך זיין ערגער פון די אַלע שלעכטקייטן, וואָס זיינען יאָ אָנגעשריבן? איז דער תירוץ, אַז „גם" איז די ראשי תיבות פון „גרויסע מיידן", דאָס הייסט, אַז גאָט בענטשט אַ יידן מיט עטלעכע גרויסע מיידן, בוגרות'ן, איז דאָס אַ „מכה אשר לא כתובה בתורה".

רייך און אָרעם

דער פּרק זאָגט: „איזהו עשיר? השמח בחלקו" — ווער איז רייך? דער, וואָס פרייט זיך מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט. שטעלט זיך אַ פראַגע: וואו איז דען דאָ אַ מענטש, וואָס זאָל זיין צופרידן? די גמרא זאָגט דאָך: „מי שיש לו מנה, רוצה מאתים" — ווער עס פאַרמאָגט הונדערט גילדן, וויל האָבן צוויי הונדערט; און ווידער זאָגט די גמרא: „אין אדם מת וחצי תאותו בידו" — עס שטאַרבט ניט קיין מענטש, וואָס זאָל האָבן דערגרייכט אַ העלפט פון זיין פאַרלאַנג.

איז דער תירוץ אַזוי: די ראשי־תיבות פון דעם וואָרט „עשיר" זיינען: „עינים, שיניים, ידים, רגלים", וואָס מיינט: אויב אַ מענטש איז געזונט אויף אַלע אברים — הייסט ער אַן עושר און מעג זיך פרייען.

אַ גוטע און אַ שלעכטע שטיפמוטער

צוויי ייִדן טרעפן זיך אין גאַס. פרעגט איינער דעם צווייטן:

— וואָס איז דער אונטערשייד צווישן אַ גוטער און אַ שלעכטער שטיפמוטער?

ענטפערט דער צווייטער:

— אַ גוטע, אַז זי וויל צוגעוואוינען דאָס קינד צו מצוות, גיט זי אים אַן עפּל און הייסט אים מאַכן אַ ברכה „בורא פּרי העץ" אָדער זי גיט אים אַן אייער־קיכל און הייסט אים מאַכן „בורא מיני מזונות". די שלעכטע אָבער וואַרט ביז עס הערט זיך אַ דונער, זאָגט זי צום קינד: מאַך די ברכה „שכוחו וגבורתו מלא עולם", און אַז עס גיט אַ בליץ, הייסט זי אים מאַכן די ברכה „עושה מעשה בראשית".

די מצווה פון עסן קרעפּלעך

ביי ייִדן איז אַ מנהג דריי מאָל אין יאָר צו עסן קרעפּלעך: פּורים, ווען מען „שלאָגט" המנען, ערב יום־כפּור, ווען מען „שלאָגט" מלקות, און הושענא רבה, ווען מען „שלאָגט" הושענות. שטעלט זיך די פראַגע, פון וואַנען שטאַמט דער מנהג? איז דער ענטפער, אַז עס נעמט זיך טאַקע פון דער תורה, וואו עס שטייט „הכה תכה" (שלאָגן זאָלסטו). די ראשי תיבות פון הכה איז: המן, כיפּורים, הושענות; די ראשי תיבות פון תכה איז: תאכל „כרעפּלעך" היום...

אויף יעדן פאַל

אין די הייליקע ספרים ווערט געבראַכט: אַז ווען ס'וועט זיין נאָך תחית המתים, וועלן די צדיקים עסן שור הבר און לויתן.

פרעגט די וועלט: איז דען שור הבר אליין נישט גענוג? נאָך וואָס דאַרף מען אויך האָבן דעם לויתן?

איז דער תירוץ: אַזוי ווי שעכטן אַזאַ ריזיקן אָקס וועט דאָך מוזן דער אויבערשטער אַליין, איז טאָמער וועלן די צו פרומע צדיקים ניט וועלן עסן פון גאָטס שחיטה, האָט מען פאַר זיי אָנגעגרייט לויתן...

„יין” און „מים”

די וועלט פרעגט: פאַרוואָס, אַז מען טרינקט „יין” מאַכט מען אַ „לחיים”, און אַז מען טרינקט „מים” מאַכט מען ניט קיין „לחיים”?

איז דער תירוץ: אויף צו מאַכן אַ לחיים דאַרף מען האָבן צוויי יידן; ווייל איין ייד אַליין קען זיך ניט זאָגן „לחיים”, און „יין” האָט צוויי יודן; אָבער „מים” האָט נאָר איין יוד, דערפאַר מאַכט מען ניט קיין „לחיים”.

צוליב די אויערן

די וועלט פרעגט פאַרוואָס, אַז צוויי מענטשן גיסן זיך אָן גלעזלעך בראָנפן אָדער וויין און מאַכן אַ לחיים, קלאַפּן זיי אָן איינער דעם צווייטן די גלעזלעך?

איז דער תירוץ: ווען אַ מענטש נעמט אַביסל בראָנפן מיט זיין חבר, האָבן די אויגן הנאה פון זען די משקה, די צונג האָט הנאה פון לעקן דעם געטראַנק, די נאָז האָט הנאה פון שמעקן. פרעגן די אויערן — און וואו זיינען מיר? איז דערפאַר, אַז מען קלינגט מיט די גלעזלעך, זיינען די אויערן אויך צופרידן...

ממה־נפשך

די וועלט פרעגט: פאַרוואָס, אַז צוויי מענטשן גיסן זיך דעם רב לענגער אויסצושטיין שמונה עשרה, ווי אַלע אַנדערע? עס זיינען דאָך געווים דאָ נאָך יידן, וואָס זאָגן די ברכות מיט כוונה, און דאָך ווערן זיי פריער פאַרטיק.

איז דער תירוץ אַזוי: אַלע ווייסן, אַז דער רב פלעגט האָבן זיין מערסטע הכנסה פון בוררות'ן, פון דין־תורהס און פון גט'ן. דערפאַר, אַז דער רב פלעגט קומען צו דער לעצטער ברכה „שים שלום”, איז ער געבליבן שטיין, ווייל ער האָט זיך געראַנגלט מיט אַ ממה־נפשך און האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן: יאָ זאָגן „שים שלום”, פון וואַנענזשע וועט ער האָבן פרנסה? אַז גאָט וועט מאַכן שלום צווישן שותפים און צווישן מאַן און ווייב — טויג דאָך ניט... ווידער, ניט זאָגן „שים

שלום" וועט דאָך פעלן איינע פון די 18 ברכות... און אַזוי טראַכטנדיק, וואָס צו טאָן באַשליסט ער סוף כל סוף יאָ צו זאָגן די ברכה, אָבער ערשט דעמאָלט ווען אַלע אַנדערע יידן זיינען שוין אויסגעגאַנגען...

די אמתדיקע שמחה

די וועלט פרעגט: מילא שמחת־תורה איז רעכט וואָס מיר זאָגן אין קידוש און אין דער שמונה־עשרה „זמן שמחתנו", אָבער פאַרוואָס זאָגט מען סוכות אויך „זמן שמחתנו"?

איז דער תירוץ, ווי קאָן זיין אַ גרעסערע שמחה ביי אַ יידן, ווי ער זיצט זיך אין סוכה און זיין ווייב קוקט אים ניט אין די הענט אַריין?

דער חשבון שטימט

שוין איבער 5 טויזנט יאָר, אַז די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן. וואו זיינען ערגעץ אַהינגעקומען די טעג, די נעכט און די יאָרן?

— ס'איז גאָר פשוט. די „טעג" האָבן די ישיבה־בחורים אויפגעגעסן; די „נעכט" האָבן די מענער פאַרשפּילט אין קאָרטן, און די „יאָרן" האָבן די פרויען פאַרלייקנט.

ויתרוצצו...

„ויתרוצצו הבנים בקרבה" — זאָגט רש"י, אַז ווען רבקה איז פאַרביי־געגאַנגען אַ שול האָט זיך יעקב געשטויסן, און להבדיל, אַ קירך — האָט זיך עשיו געוואָלט אַרויסרייסן. פרעגט די וועלט: בשלמא עשיו, פאַרשטייט מען: עשיו דאַרף דינען צו עבודה זרה און אין דער מאַמעס בויך האָט ער עס ניט געהאַט. אָבער יעקב? די גמרא זאָגט דאָך, אַז „בזמן שהתינוק במעי אמו — ווען דאָס קינד איז אין דער מאַמעס בויך — נר דולק על ראשו — ברענט אַ ליכט איבער זיין קאָפּ — ומלאך מלמדו תורה (און אַ מלאך לערנט מיט אים תורה), וואָס־זשע האָט זיך יעקב געריסן?

איז דער תירוץ: יעקב האָט געזאָגט — כ׳בין מוחל דעם מלאך מיט זיין תורה, אַבי ניט צו זיין מיט עשיו׳ן אין איין בויך.

אַן אַנדערער ויתרוצצו

וואָס רש״י זאָגט אויף „ויתרוצצו הבנים בקרבה״ ווייסן מיר שוין. פרעגט די וועלט: פאַרוואָס שטייט „ויתרוצצו״, אַז ביידע — עשיו מיט יעקב׳ן — האָבן זיך געשטויסן אין דער מאַמעס בויך? ווען רבקה איז פאַרבייגעגאַנגען אַ שול איז דאָך עשיו געלעגן רואיק, ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען אַ קירך, איז יעקב געלעגן רואיק... איז דער תירוץ, אַז ביידע האָבן זיך געשטויסן, ווען זי איז פאַרבייגעגאַנגען אַ רעפאָרם-טעמפל...

„הא לחמא״ און „שפוך חמתך״

די וועלט פרעגט: פאַרוואָס עפנט מען ביים סדר די טיר צו „שפוך חמתך״? עס וואָלט דאָך מער געפּאַסט מ׳זאָל עפענען די טיר צו „הא לחמא״, וואו מען זאָגט „כל דכפין ייתי וייכול״ — ווער ס׳איז הונגעריק זאָל אַריינקומען עסן? איז דער תירוץ: אויב מען וועט עפענען די טיר ביי „הא לחמא״, קען דאָך טאַקע אַמאָל פּאַסירן, אַז אַן אָרעמאַן זאָל אַריינקומען און זיך זעצן צום טיש עסן. דערפאַר וואַרט מען בעסער ביז „שפוך חמתך״, ווען ס׳איז שוין נאָכן עסן. איז ווען אפילו עטלעכע אָרעמעליים זאָלן אַריינקומען, וועט עס שוין ניט אויסמאַכן...

אַ גוט וואָרט

קאָן מען אַ צעריסן געמיט פאַרלאַטען?...

מיר און זיי

שמעון, לוי און דינה

אין חומש שטייט, אַז ווען שמעון און לוי האָבן זיך דער־וואוסט וועגן דער שענדונג פון זייער שוועסטער דינה דורך שכם, דעם זון פון חמור, האָבן זיי קודם געהייסן אַלע מענער פון שטאָט שכם זיך מל זיין און האָבן זיי דערנאָך אויסגעהרגעט.

פרעגט זיך אַ קשיא: צוליב וואָס האָבן זיי דאָס גע־דאַרפט? די צוויי ברידער זיינען דאָך געווען גבורים, האָבן זיי דאָך געקענט נעמען נקמה פון די דאָרטיקע מענער איידער זיי האָבן זיך מל געווען?

איז דער תירוץ אַזוי: מיר האָבן עס געזען אין די יאָרן פון מלחמה. ווען די דייטשע בעסטיעס האָבן אויסגעהרגעט זעקס מיליאָן יידן, האָט זיך די וועלט געמאַכט ניט וויסנדיק. אָבער ווען די דייטשן האָבן חרוב געמאַכט דאָס טשעכישע שטעטל לידיצע פון בלויז עטלעכע הונדערט איינוואוינער, האָט זיך געטאָן חושך. שמעון און לוי האָבן געוואוסט, אַז אויב זיי וועלן אויסהרגענען די איינוואוינער פון שכם ווי גויים, וועט עס אויפרודערן אַלע פעלקער אַרום. דערפאַר האָבן זיי קודם

זיי געלאָזט מל זיין, זיינען זיי דאָך שוין געוואָרן יידן, און פּאַר אויסהרגענען אַ שטאָט יידן וועט זיי די אַרומיקע וועלט גאָר־ניט זאָגן...

פּעסטע מאָטיוו

אַ קאַטוילישער גלח, אַ פּראָטעסטאַנטישער פּאַסטאָר און אַ יידישער ראַבאַי זיינען געגאַנגען צוזאַמען איבערן גאַס אויף אַ שפּאַציר.

זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ הויז און באַטראַכט צו וועמען דאָס הויז געהערט.

דער גלח זאָגט דאָן צו זיינע צוויי באַגלייטער:

— ניין, דאָ איז זיכער ניט קיין קאַטוליש הויז, ווייל איך זע דאָרט ניט הענגען קיין קרייץ!

— ס'איז אויך ניט קיין פּראָטעסטאַנטיש הויז — רופט זיך אָפּ דער פּאַסטאָר — ווייל איך זע ניט אינעווייניק קיין ביבל!

— און קיין יידיש הויז איז עס אוודאי און אוודאי ניט — רופט זיך אָפּ דער ראַבאַי — ווייל איך זע ניט אינעווייניק קיין „וואָל־טו־וואָל קאַרפּעטינג" (טעפּיכער פון וואַנט צו וואַנט).

אויב שוין יאָ טרינקען

ווען עס איז אָנגעגאַנגען די שלאַכט אין אַפריקע, זיינען 3 מענטשן פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין דער הייסער מדבר און האָבן געהאַלטן אין אויסגיין פאַר הונגער און דורשט. ווען דער פליער פון אַן עראָפּלאַן, וואָס איז צופעליק פאַרבייגעפלויגן, האָט זיי דערזען און האָט זיך צו זיי אַראָפּגעלאָזט, כדי זיי צו ראַטעווען, האָט ער די פאַרחלשטע געפרעגט:

— וואָס קען איך פאַר אייך טאָן?

צוויי פון זיי, וועלכע זיינען געווען אירלענדער, האָבן אַרויסגעשעפּטשעט:

— אַביסעלע וואַסער...

דער דריטער, אַ ייד, האָט שטיל געמורמלט:

— אַביסל קאַלטע סעלצער...

די רעליגיעס טוען דאָס זייעריקע

אַ קריסטלעכער פּאַרמער פון אַ ווייטער געגנט קומט צו־פאָרן קיין ניו־יאָרק אין אַ זונטיק. ס׳איז געווען סוף יאַנואַר. צו זיין גרויס וואונדער זעט ער, אַז די שטאָט איז כמעט ליידיק פון מענטשן. באַגעגנט ער אַ יידן און פרעגט אים:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואו זיינען ערגעץ די זיבן מיליאָן מענטשן פון ניו־יאָרק?

— גאַנץ פּשוט, — ענטפערט אים דער ייד, — די קאַטאָליקן שלאָפן, די פּראָטעסטאַנטן זיינען אַלע אין די קירכן, און די יידן זיינען אַוועק קיין מיאַמי...

מיין גאָט און דיין גאָט

אַ ייד האָט געוואוינט אין שכנות מיט אַ גוי, אַ הויז נעבן אַ הויז. מאַכט זיך איינמאָל ביינאַכט אַ שרפה און ביידע הייזער זיינען אַוועק מיטן פייער. אויף מאָרגן באַגעגענען זיך ביידע אָפּגעברענטע, דער גוי גייט אַרום ווי אָן אַ קאָפּ און דער ייד איז רואיק און לעבעדיק, גלייך ווי פריער.

— איך קוק אויף דיר און וואונדער זיך, — זאָגט דער גוי צום יידן, — איך בין געוואָרן אויס מענטש און דיר, ווייזט אויס, הייבט דאָס אומגליק גאָרנישט אָן צו אַרן!

— וואָס גלייכסטו מיך צו דיר? — ענטפערט דער ייד — ביי דיר אין שטוב איז פאַרברענט געוואָרן דיין גאָט אויך; מיין גאָט אָבער איז געבליבן לעבן!

איידער וואָס, איידער ווען

אין אַ שטעטל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שטיקל צייט אַ צירק מיט חיות. איינמאָל מאַכט זיך, אַז עס שפּרינגט אַרויס אַ בער פון זיין שטייג און לאָזט זיך לויפן איבערן שטעטל. באַלד איז אַרויס אַ באַפעל, אַז פּאָליציאַנטן זאָלן זיך אַוועק־לאָזן איבער די גאַסן און ווער פון זיי עס וועט אָנטרעפן דעם בער זאָל אים אויפן אָרט דערשיסן.

באַגעגנט איין ייד זיינעם אַ גוטן ברודער און זאָגט אים:

— ווייסט וואָס, מען דאַרף פון שטעטל וואָס גיכער אַנטלויפן.

— וואָס איז אַזוינס? פרעגט יענער.

— וואָס הייסט, דו האָסט גאָרניט געהערט די מעשה מיטן בער?

— וואָסזשע איז די מורא? מען דערזעט פון וויטנס דעם בער לויפט מען אַריין אין שטוב.

— ניין, ניט פאַרן בער האָב איך מורא, נאָר פאַר די פּאָליציאַנטן, וואָס לויפן אַרום איבער די גאַסן צו זוכן דעם בער.

— וואָס האָסטו פאַר זיי מורא, דו ביסט דאָך קיין בער ניט.

— איך וועל דיר זאָגן: איידער וואָס, איידער ווען, הרגעט מען דערווייל אַ יידן און דערנאָך גיי דערוויַיז, אַז דו ביסט ניט קיין בער.

טאַקע אַ חידוש

אַ יונג פּאָרפאָלק, געבוירענע אַמעריקאַנער, זיינען אויף זייער „האָניק־חודש" געפאָרן קיין ארץ־ישראל. צווישן די פּלעצער, וואָס זיי האָבן באַזוכט, איז אויך געווען דער „כותל המערבי", וואו זיי האָבן אינאיינעם מיט פיל אַנדערע באַזוכער פון פאַרשיידענע פעלקער און לענדער באַוואונדערט ווי פרומע יידן און יידענעס שטייען ביי דער וואַנט און זאָגן זייערע האַרציקע תפילות.

רופט זיך אָפּ די יונגע אַמעריקאַנערין צו איר מאַן:

— סטענלי דיר, עס איז אַזאַ וואונדערבאַרע זאַך. פאַר־וואָס האָבן זיי דאָס בעסער ניט געשטעלט אין תל־אביב נעבן דעם קינג דייוויד האָטעל?

דרייערליי טרינקער

מען דערציילט, אַז אין אַ הייסן זומער־טאָג זיינען דריי מענטשן, אַן אַמעריקאַנער, אַן ענגלענדער און אַ רוס, אַריינ־געקומען אין אַ שענק און האָבן זיך געהייסן געבן צו גלעזער ביר.

איז אין דעם גלאָז פון דעם אַמעריקאַנער אַריינגעפאַלן אַ פליג. האָט ער אויסגעגאָסן זיין גלאָז ביר און האָט זיך גע־

הייסן געבן אַן אַנדער גלאָז. ביים ענגלענדער האָט אויך פּאַסירט דאָס זעלבע, האָט ער פון זיין גלאָז אָפּגעגאָסן אַביסל ביר אינ־איינעם מיט דער פליג און האָט דאָס איבעריקע אויסגעטרונקען. דער רוס ווידער, ביי ווען עס איז אויך אַריינגעפאַלן אַ פליג, האָט צוגעטראָגן זיין גלאָז ביר צום מויל, האָט אַ זופּ געטאָן, מיט די ליפּן פאַרהאַלטן די פליג, אויסגעטרונקען דאָס ביר און איבערגעלאָזט די פליג אין ליידיקן גלאָז.

ניין, ס'איז ניט קיין טעות

אין איינער פון די גרויסע שטעט אין דרום פון די פאַר־אייניקטע שטאַטן איז איינגעשטאַנען אַ רעגימענט פון סאָל־דאַטן. איינמאָל קומט צוגיין אַן אַריסטאָקראַטישע פרוי פון הויכן יחוס אין דעם מיליטערישן לאַגער אַריין און בעט דעם קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל איר שיקן זעקס סאָלדאַטן אויף שבת אָוונט צו אַן אויפנאַמע, וואָס זי אָרדנט איין. דערביי האָט זי אָבער אויסגענומען מיטן קאַפּיטאַן, אַז ער זאָל איר ניט שיקן קיין יידן.

שבת אָוונט זיינען די סאָלדאַטן אַוועק צו דער אויפנאַמע. זיי קומען צו צו דער טיר און ווי נאָר די באַלעבאָסטע האָט זיי דערזען איז איר ממש ניט גוט געוואָרן: דאָס זיינען געווען זעקס סאָלדאַטן — נעגערס.

רופט זיך אָפּ די פרוי:

— עס מוז אַוודאי זיין אַ טעות.

— נאָ, מעם, — ענטפערט איין סאָלדאַט, — קעפּטען ליווי מאַכט קיינמאָל ניט קיין טעות...

ער איז אַ מחותן

ביי די קאַטאָליקן איז אַ מנהג, אַז נאָכדעם ווי אַ פרוי פאַרברענגט אין מאָנאַסטיר אַ געוויסע צייט, ווערט פאַר איר דורכגעפירט אַ צערעמאָניע פון איר חתונה מיט דעם „אותו האיש"...

איינמאָל איז אַ ייד פאַרבייגעגאַנגען אַ קירך, וואו עס האָט געדאַרפט פאָרקומען אַזאַ צערעמאָניע. איז ער אַריין אינווייניק

און האָט זיך געזעצט אויף אַ באַנק. קומט צו אים צו דער גלח און פרעגט אים, צי ער ווייסט וואָס דאָ קומט איצט פאָר.

— אַוודאי ווייס איך — ענטפערט דער ייד.

— נו, — פרעגט ווייטער דער גלח, — און וועמען קענט איר דאָ?

— ווי הייסט? — מאַכט דער ייד — איך פאַרטרעט דאָ דעם חתנ'ס צד...

אַן עוולה

אַ יידישער האָטעל-אייגנטימער אין די בערג האָט געהאַט צוויי קיכן, איינע אַ מילכיקע און איינע אַ פליישיקע. איינמאָל פאַרבייגייענדיק איינע פון די צוויי קיכן, הערט ער ווי די צוויי גויאישע באַדינער, וואָס אַרבעטן ביי אים, קריגן זיך אַזוי שטאַרק, אַז ס'האַלט שוין ביי אַ געשלעג. לויפט ער אַריין און פרעגט:

— וואָס קריגט איר זיך אַזוי?

— הערט נאָר, — ענטפערט איינער פון זיי, — איך האָב אים געכאַפּט ביים אויסקערן די פליישיקע קיך מיטן מילכיקן בעזים!...

וואָס דאַרף מען אַזוי פיל גויים?

אַ חסידישער ייד פלעגט אין זיין קליינעם שטעטל שטענדיק זיצן איבער דער גמרא און לערנען. זיין ווייב איז געווען די פרנסה-געבערין און געהאַנדלט און געמסחר'ט מיט די פויערים פון די אַרומיקע דערפער. אַמאָל איז דער ייד געפאָרן קיין קאַרלסבאַד זיך קורירן. דאָרט האָט ער זיך צונויפגערעדט מיט אַן אַנדערן יידן, וועלכער האָט אים, ווי געוויינלעך, געפרעגט פון וואַנען ער קומט.

— איך קום — האָט דער ערשטער געענטפערט — פונעם שטעטל זשאַבעניץ.

— וויפל יידן זענט איר דאָרט? — פרעגט דער צווייטער.

— כ'ווייס — מאַכט דער ערשטער — מיר זיינען דאָרט

אַ פּערציק־פּופציק יידישע משפּחות, און אַרום דעם שטעטל זיינען דאָ הונדערט גויים. און פון וואַנען קומט איר?

— איך — זאָגט דער אַנדערער — קום גראָד פון אַ גרויסער שטאָט, וואו עס געפינען זיך, קיין עין־הרע, ביי אַ דרייסיק טויזנט יידישע פאַמיליעס, און אַ צוויי מיליאָן גויאישע...

— זאָגט־זשע מיר — מאַכט דער ערשטער — וואָס דאַרפט איר אַזוי פיל גויים?

אַ יידישער קאָפּ

אַ רוסישער אָפיציר האָט געלערנט רעקרוטן מאַרשירן.

— ווען איך וועל זאָגן איינס, צוויי, דריי, שטעלט פאַר־אוים די לינקע פיס און מאַרשירט.

ווי דער אָפיציר האָט דערנאָך גענומען זאָגן „איינס" כאַפּט אַ יידישער רעקרוט און הויבט אָן מאַרשירן. צעשרייט זיך אויף אים דער אָפיציר:

— איך האָב דאָך געזאָגט, אַז איך דאַרף פריער זאָגן: איינס, צוויי, דריי!

— יאָ, — ענטפערט דער יידישער רעקרוט, — וואָס גלייכט איר אָבער מיך צו זיי? די גראָבע קעפּ פאַרשטייען ניט און מוזן וואַרטן ביז איר זאָגט „דריי". איך אָבער פאַרשטיי וואָס איר מיינט גלייך ווי איך הער „איינס".

בויך־ווייטיק

אין מאָסקווע איוף דער גאַס זיינען אַמאָל געשטאַנען און געשמועסט צוויי יידן, איינער פון זיי האָט געהאַט אַ כשרן פּאַספּאָרט און דער אַנדערער ניט. דערזעען זיי ווי אַ „נאַד־זיראַטעל" (אַ פּאָליציי־אָפיציר) לאָזט זיך גיין גלייך צו זיי.

— וואָס טוט מען? — זאָגט דערשראָקן דער ניט־כשרער, בלייך ווי די וואַנט — איך בין אַ פאַרפאַלענער!

— איר רירט זיך ניט פונעם אָרט — מאַכט דער צווייטער — און איך וועל זיך לאָזן לויפן.

דער ייד נעמט געשווינד לויפן און דער נאַדזיראַטעל, פאַר־

שטייט זיך, נאָך אים. דערנאָך שטעלט זיך דער ייד אָפּ און דער נאַדזיראַטעל פּאַקט אים.

— זאָג, אַ פּאַספּאָרט האָסטו? — גיט ער בייז אַ פרעג דעם יידן.

דער ייד נעמט אַרויס געלאַסן זיין פּאַס און באַווייזט אים. דער נאַדזיראַטעל באַטראַכט דאָס פּאַפּיר און זעט, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדנונג, פרעגט ער פאַרוואונדערט דעם יידן:

— זאָג, צו וואָס פאַר אַ רוח ביסטו אַנטלאָפן?

— וואָס הייסט אַנטלאָפן? איך בין זיך גלאַט געלאָפן, ווייל איך לייד זייער פון בויך-ווייטיק, האָט מיר דער דאָקטאָר געהייסן טרינקען ביטער-וואַסער און דערנאָך מאַכן באַוועגונגען און גיך לויפן.

— יאָ, אָבער דו האָסט דאָך געזען, אַז איך לויף דיר נאָך, פאַרוואָס האָסטו זיך נים אָפּגעשטעלט? — שרייט דער נאַדזי־ראַטעל.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? — מאַכט דער ייד בתמימות

— איך האָב געמיינט, אַז איר ליידט אויך גלייך מיט מיר, פון אַזעלכע לייב-שמערצן און אייער דאָקטאָר האָט אייך אויך געהייסן דאָס אייגענע, צו טרינקען ביטער-וואַסער און דערנאָך לויפן.

וואוינרעכט

אַ רוסישער ייד האָט זיך משתדל געווען דאָרט וואו מען באַדאַרף, צו באַקומען דאָס רעכט אויף צו וואוינען אויסער דער „יידישער גרענעץ”, ווי אַ בעל-מלאכה.

— וואָס פאַראַ מלאכה קענט איר עס? — פרעגט אים דער באַאַמטער.

— איך קען מאַכן טינט — ענטפערט דער ייד.

— טינט מאַכן איז אויך אַ מלאכה? ווער קען עס נים? אפילו איך קען עס אויך.

— וואָסזשע מיינט איר, הער באַאַמטער, האָט איר דאָך טאַקע אויך וואוינרעכט.

זיין וועקסל איז גלייך ווי געלט

אַ גוי איז קראַנק געוואָרן און האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן. קיין ווייב און קינדער האָט ער ניט געהאַט, קיין נאָענטע קרובים אויך ניט, האָט ער אָנגעשריבן אַ צוואה, אַז זיין גאַנץ פאַרמעגן לאָזט ער איבער נאָך זיין טויט די דריי נאָענטע שכנים זיינע, מיט וועלכע ער האָט זייער פריינדלעך געלעבט די לעצטע יאָרן, איינער אַ דייטש, דער צווייטער אַ רום און דער דריטער אַ ייד. נאָר איין זאַך פאַרלאַנגט ער פון זיי, אַז זיי זאָלן אַריינלייגן צו אים אין אָרון, איידער מען וועט אים אַראָפּלאָזן אין קבר, יעדער צו אַ הונדערטער.

דער קראַנקער איז געשטאָרבן. געהאַט האָט ער אַ שיינע לוויה, ווייל ער האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ פיינעם נאָמען, און אַ סך קריסטן און יידן זיינען נאָכגעגאַנגען. פאַרשטייט זיך, אַז די דריי שכנים, די יורשים זיינע, האָבן ניט געפעלט צווישן עולם.

געקומען אויפן בית־הקברות, מען דאַרף שוין אַראָפּלאָזן דעם אָרון אין קבר, גייען צו די דריי שכנים מקיים צו זיין די צוואה פונעם געשטאָרבענעם. אמת, ס'איז מער ניט ווי גלאַט אַ קאַפּריז־זאַך, אין קבר קען מען קיין געלט ניט נוצן, נאָר דאָך אַ צוואה, מוז מען זי האַלטן. דער ערשטער גייט צו דער דייטש און לייגט אַריין אַ הונדערטער מיט גאָלדענע מטבעות, נאָך אים לייגט דער רום אַריין אַ הונדערטער מיט פּאַפּיר־געלט, צום סוף גייט צו דער ייד, נעמט אַרויס די צוויי הונדערט רובל און לייגט אַריין זיינס אַ וועקסל אויף גאַנצע דריי הונדערט.

אויסגעשאָסן אַלע קוילן

איינעם אַ משולח איז אויסגעקומען דורכצוגיין אַ וועלדל. איז אים באַפאַלן דאָרט אַ גוישער גזלן, אַ באַוואָפנטער מיט געווער, און האָט צוגערויבט ביי אים דאָס געלט, וואָס ער האָט ביי זיך געהאַט. בעט זיך דער משולח ביים גזלן:

— דאָס געלט איז ניט מיינס. מ'האָט עס מיט מיר גע־שיקט איבערצוגעבן אַ פּאָר סוחרים אין נאָענטן שטעטל. וואָס וועל איך טאָן היינט, אַז מען וועט מיר ניט גלויבן און מען

וועט מיך חושד זיין, אַז דאָס געלט האָב איך זיך צוגענומען און אויסגעטראַכט אַ מעשה, אַז מ׳איז מיך אויפן וועג באַפאַלן? טו־זשע מיר אַ טובה, איך וועל אויפהענגען מיין היטל אויף אַ בוים און דו וועסט אויף דעם אויסשיסן, וועל איך האָבן אַ באַוויז, אַז איך זאָג ניט קיין ליגן.

דער גזלן האָט דעם יידן צוליב געטאָן און אויסגעשאָסן אינעם היטל איינמאָל און אַ צווייט מאָל. דערנאָך האָט דער משולח אויסגעטאָן פון זיך די קאַפּאָטע און געבעטן אויסשיסן און דורכלעכערן דעם רעכטן אַרבל, דערנאָך אויך אין לינקן אַרבל, כדי דער באַוויז זאָל זיין וואָס שטאַרקער. דער גזלן האָט אים צוליב געטאָן און געהאַלטן אין איין שיסן. ווען דער ייד האָט אים נאָך געבעטן ער זאָל שיסן, האָט אים דער גזלן געזאָגט:

— איך וואָלט עס דיר צוליב געטאָן און נאָך געשאָסן, נאָר איך האָב שוין מער ניט קיין קוילן.

— אויב אַזוי, — מאַכט דער משולח, וואָס איז געווען בטבע אַ ייד אַ גבר, — אַז דו האָסט שוין קיין קוילן ניט, האָב איך פאַר דיר מער קיין מורא ניט.

און דער ייד איז באַפאַלן דעם גזלן, אים געבונדן און אָפּגענומען צוריק דאָס גאַנצע געלט, און איז זיך אַוועק ווייטער אין וועג בשלום.

דער גויישער גזלן ליגט געבונדן און שפּייט־אויס אין שרעקלעכן כעס:

— טפו, זשיד מאָשעניק!

ביסמאַרק און דער שמידט

מען דערציילט, אַז אין דער אַמאָליקער מלחמה צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך איז דער גרויסער ביסמאַרק אַליין שיער ניט אַריינגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט, נאָר אַנטלויפנדיק, איז ער אַריין צו אַ יידישן שמיד אין קוזניע און האָט געבעטן מען זאָל אים באַהאַלטן. דער ייד האָט אים באַלד אָנגעטאָן אין קאָוואַלסקע קליידער און האָט אים געשטעלט אַרבעטן ביי דער קאָוואַדלע. ווען סאָלדאַטן זיינען אַריינגעקומען און האָבן

געפרעגט דעם שמיד, צי האָט ער ניט געזען אזא און אזא דייטשן אָפיציר? האָט ער געענטפערט, אז ניין. אין אַ פּאָר טעג אַרום, ווען ביסמאַרק האָט זיך מיט דעם יידן געזעגנט, האָט ער אים געהייסן קומען צו אים אין דייטשלאַנד, וועט ער אים באַלוינען. דער ייד האָט אַזוי געטאָן און ביסמאַרק האָט אים גוט באַלוינט. נאָר פאַרן אַוועקגיין פרעגט אים דער ייד:

— זאָגט מיר דעם אמת, ווי אַזוי האָט איר געפילט, ווען די סאָלדאַטן זיינען געקומען אייך זוכן אין מיין קוזניע?

— דאָס איז שוין אַ חוצפּה צו שטעלן מיר אזא פראַגע! — שריים אוים ביסמאַרק.

ער האָט באַלד געלאָזט דעם יידן אַרעסטירן און אים שטעלן פאַר אַ קריגס־געריכט, וואו מען האָט אים פאַרמשפּט צו הענגען. ווען מען האָט שוין דעם יידן געהאַלטן אין פירן צו דער תליה, איז ביסמאַרק פלוצים אָנגעקומען און האָט אַ געשריי געטאָן: „באַגנעדיקט!" ער האָט דאַן שטילערהייט אַ זאָג געטאָן צום יידן:

— זעסטו, אָט ווי דו האָסט ערשט געפילט, אַזוי האָב איך געפילט דעמאָלט ביי דיר אין קוזניע...

רעכטע און לינקע

דעם קראָקאָווער רב האָט מען איינמאָל אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז די מעשה, וואָס ביי יידן געפינען זיך תמיד אַזויפיל לינקע?

— דאָס איז דערפאַר — האָט דער רב געענטפערט — וואָס יידן האָבן ניט קיין רעכטע.

אַ גוי

ר' יעקב אייכענבוים, דער אינספּעקטאָר פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, האָט אַמאָל דיקטירט פאַר די שילער אין איינעם פון די קלאַסן העברעאיש. איינער פון די שילער האָט געשריבן דאָס וואָרט „גוי" אָן אַ יוד צום סוף. נאָכן שרייבן רופט צו אייכענבוים יענעם שילער, ווייזט אים אָן

אויפֿן וואָרט „גוי“, ווי ער האָט אויסגעלייגט און זאָגט דערביי מיט אַ גוטמוטיק שמייכל:

— דו גוי איינער! ווייסט דען ניט אַז קיינמאָל אין דער וועלט קאָן אַ גוי זיך ניט באַגיין אָן אַ יוד?...

געיידישט

איינער פֿון די קריסטלעכע לערער אין יידישן ווילנער לערער אינסטיטוט, אַ פֿאַרביסענער אַנטיסעמיט, האָט אַמאָל געמאַכט אַ שמועס וועגן דער אויסלענדישער פּרעסע, אַז זי געפֿינט זיך אינגאַנצן אין יידישע הענט.

דער אינספּעקטאָר פֿונעם אינסטיטוט, יהושע שטיינבערג, האָט עס געהערט, רופֿט ער זיך אָפּ צו אים:

— ווייזן ווייזט אויס, אַז ס׳איז טאַקע ווי איר זאָגט: ניט אומזיסט קומען צו אונדז פֿון דאָרט די אויסלענדישע צייטונגען אַלע באַשניטן...

זיין שטעלע האָט אים אויך געקאָסט

אין דער צייט פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטן האָט זיך איינמאָל געמאַכט, אַז עס איז געווען אַ וואַקאַנס אויף אַ שטעלע פֿאַר אַ הויכן באַאַמטן. האָט דער מיניסטער גראָד אויסגעקליבן ניט אַזוי אַ געבילדעטן מאַן נאָר זייער אַ רייכן. אַז דער קיסר האָט זיך דערוואוסט, האָט ער גערופֿן דעם מיניסטער און געזאָגט:

— איך גיב דיר מיין וואָרט, אַז איך וועל דיר גאָרניט טאָן. נאָר זאָג מיר דעם אמת, וואָס האָסטו עפּעס אויסגעקליבן יענעם מאַן.

— איך זאָג דיר דעם אמת — האָט דער מיניסטער געענטפֿערט — ער האָט מיר געגעבן 25 טויזנט רובל, איך זאָל אים געבן די שטעלע.

— אַזוי גאָר — האָט זיך דער קיסר אָפּגערופֿן — דו פֿאַרקויפֿסט דיין פֿאָטערלאַנד פֿאַר געלט?

— וואָס זאָל איך טאָן? — פאַרענטפערט זיך דער מינים־טער — איך האָב נאָך ניט אויסגעצאָלט אינגאַנצן וואָס מיין שטעלע האָט מיך געקאָסט.

אַ חתן דאַרף קושן די כלה

צאַר ניקאָלאַי דער ערשטער איז, ווי באַוואוסט, געווען אַ צורר יהודים. ער האָט געוואָלט ניט אַנדערש ווי אָפּשמדן אַלע יידן פון רוסלאַנד. איינמאָל — דערציילט מען — איז גע־קומען צו אים אַ פערצן־יאָריק מיידל מיט אַ ביטע, מען זאָל באַפרייען איר פאָטער פון אַ בלבול. אויפן טיש, צו וועלכן מען האָט צוגעפירט דאָס מיידל איז געשטאַנען יעזוס אויף אַ גרויסן גאָלדענעם קרייץ. דער צאַר האָט אַ ווײַלע אָנגעקוקט דאָס יידישע מיידל, דערנאָך רופט ער זיך אָפּ צו איר:

— גיב אַפריער אַ קוש דעם חתן — און איר אָנגעוויזן אויף יעזוסן.

— ביי אונדז יידן איז אַ מנהג — האָט דאָס מיידל גע־ענטפערט — אַז דער חתן דאַרף פריער אַ קוש טאָן די כלה.

מען דאַרף אַ שול

צו ניקאָלאַי דעם ערשטן איז געקומען אַ דעלעגאַציע פון יידישע סוחרים אין לאָדזש בעטן מען זאָל דאָרט דערלויבן בויען אַ יידישע שול, און די קינדער וואָס וועלן גיין אין דער שול, זאָלן האָבן די זעלבע רעכט ווי די, וואָס גייען אין אַ מלוכה־גימנאַזיע.

די דעלעגאַציע האָט געזען דעם קיסר צום ערשטן מאָל, און די סוחרים זיינען געווען זייער צעשראָקן. אַז דער קיסר האָט זיי עפּעס געפרעגט, האָבן זיי געפּלאָנטערט מיטן צונג און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. ענדלעך האָט דער קיסר אויסגעהערט, וואָס זיי האָבן געוואָלט און האָט קורץ געענט־פערט:

— איך זע, איר זענט גערעכט, לאָדזש נויטיקט זיך טאַקע אין אַ שול.

דער ייד און פושקינס דענקמאָל

דער רוסישער צאַר ניקאָלאַי פלעגט יעדן פרימאָרגן מאַכן אַ שפּאַצירביים ברעג פון טייך נעוואַ. זייט אַ לענגערער צייט האָט ער באַמערקט, ווי אַ ייד פלעגט קומען אַלע טאָג צום ברעג און שעה׳ן לאַנג אָפּשטיין און די אויגן ניט אַראָפּנעמען פון דעם דענקמאָל פון דעם רוסישן פּאָעט פּושקין. דעם צאַר איז עס געוואָרן פאַרדעכטיקט. ער האָט געלאָזט רופן צו זיך דעם ייד און אים געפרעגט, וואָס זוכט ער דאָרט ביים דענקמאָל?

— ווי אייער קייזערלעכע מאַיעסטעט זעט — האָט דער ייד געענטפערט — שטרעקט אויס אויפן דענקמאָל דער פּאָעט זיינע הענט און ווייזט אָן אויף דעם שטראָם פון דער נעוואַ. שוין צוויי מאָנאַטן, טאָג נאָך טאָג, אַז איך גיי אַהער און קען אַלץ ניט דערקלערן, וואָס האָט דער פּאָעט מיט דעם געמיינט. יעצט אָבער איז מיר איינגעפאַלן זיין אמתע כוונה.

— וואָס איז עס? — האָט דער צאַר געפרעגט.

— דער פּאָעט מיינט מיט דעם צו זאָגן: דו ייד, וואָס דו וואַנדלסט דאָ אַרום דעם טייך נעוואַ, דו זאָלסט אין דיין אייגענעם געבורטס־לאַנד קענען אויף זיך האָבן אַזאַ פּראָצעס, איז שוין אַ סך גלייכער דו זאָלסט זיך אַריינוואַרפן אין שטראָם אַריין, ווייל אין רוסלאַנד וועסטו שוין קיינמאָל ניט האָבן דיין רעכט.

דער צאַר האָט זיך געלאָזן דערציילן, וואָס פאַרא פּראָצעס דער ייד האָט אויף זיך און פאַראָרדנט דעם פּראָצעס מבטל צו מאַכן.

ווער עס האָט דאָס געשריבן

דער קייזער פרידריך דער צווייטער האָט אַמאָל אויף אַ טאָוול אויפגעשריבן: „מענדעלזאָן איז אַן עזעל”. ווען מענדעלזאָן האָט דאָס געזען, האָט ער אונטערגעשריבן: „פרידריך דער צווייטער”.

אויף אייער חתונה

דער גרויסער פילאָזאָף משה מענדעלסאָן איז געווען אַמאָל געלאַדן אויף אַ מאָלצייט צו איינעם פון די דייטשע פרינצן. געזעצט האָט מען אים אויף אַ בכבודיקן פּלאַץ, צווישן צוויי גייסטלעכע, אַ קאַטוילישן און אַ פּראָטעסטאַנטישן, נאָר מאכלים האָט מען אים דערלאַנגט באַזונדערע, ווייל מ׳האָט געוואוסט, אַז קיין טריפות עסט ער ניט. ביים עסן רופט זיך אָפּ דער קאַטוילישער גייסטלעכער צום יידישן פילאָזאָף:

— ליבער הער מענדעלסאָן, ווען וועט איר שוין מעגן עסן מיט אונדז צוזאַמען די זעלביקע מאכלים?

— אויף אייער חתונה — ענטפערט מענדעלסאָן קורץ און שאַרף.

ער שלא נוצרתי

אין דער צייט פון די רוסישע גזרות, ווען די יידן האָבן שטאַרק געליטן פון מלכות, האָבן יידישע פּני זיך געווענדט צו דעם משומד, פּראָפעסאָר כוואָלסאָן, ער זאָל זיך עפּעס משתדל זיין פאַר יידן. דערביי האָבן זיי אים באַמערקט, אַז אפילו ער האָט זיך געשמדט, דאַרף ער אויך ניט פאַרגעסן דאָס יידישע פאָלק. האָט זיי פּראָפעסאָר כוואָלסאָן געענטפערט:

— עד שלא נוצרתי איני כדאי — איידער איך האָב זיך געטויפט, האָט ניט געלוינט; „ועכשיו שנוצרתי — כאלו לא נוצרתי" — און איצט, אַז כ׳האָב זיך געשמדט, קומט אויס, ווי כ׳וואָלט זיך נישט געשמדט.

פון איבערצייגונג

מען האָט אַמאָל געפרעגט פּראָפעסאָר כוואָלסאָן פאַרוואָס אַזאַ ייד, אַ תלמיד־חכם, ווי ער, האָט זיך געשמדט.

— כ׳האָב זיך געשמדט — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט — אויס איבערצייגונג. כ׳האָב זיך איבערצייגט — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַז צו זיין אַ פּראָפעסאָר איז בעסער ווי צו זיין אַ ייד, אַ מלמד...

ניט זיין דאגה

אַ פרומער ייד איז אין רוסלאַנד אַמאָל געפאָרן אויף דער באַן. ווען ס'איז צוגעפאַלן דער אָוונט, האָט ער זיך גע־שטעלט דאַווענען מנחה. ביי שמונה־עשרה האָט ער זיך אַוועק־געשטעלט. דער קאָנדוקטאָר איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען און באַמערקט ווי אַ קאָרב שטייט ביים יידנס זייט פונקט וואו די פּאַסאַזשירן דאַרפן דורכגיין. זאָגט ער צום יידן, ער זאָל דעם קאָרב אַוועקנעמען. דער ייד, אָבער, שטייענדיק שמונה־עשרה, האָט ניט געענטפערט נאָר אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — דאָס האָט זיך אַזוי איבערגעחזרט אַ פּאָר מאָל ביז דער קאָנדוקטאָר איז בייז געוואָרן און האָט דעם קאָרב אַרויס־געוואָרפן דורך דעם פענצטער. ווען דער קאָנדוקטאָר האָט דערנאָך דערציילט דעם יידן, וואָס ער האָט געטאָן, האָט דער ייד זיך אָנגערופן:

— פריצ'ל, וואָס אַרט עס מיך? ס'איז דאָך גאָרניט געווען מיין קאָרב...

ער וועט היטן דעם אורטייל

אַ פרומער ייד האָט גלייך נאָך יום־כפור אויפגעשטעלט אַ סוכה אויף דעם הויף פון הויז, וואו ער האָט געוואוינט. קומט צולויפן דער איירישער וועכטער מיט אַ געוואַלד, אַז ער מוז שוין צענעמען די סוכה, ווייל ער האָט זיך ביי אים ניט אָנגע־פרעגט. ווען דער ייד האָט ניט געוואָלט פאָלגן, האָט דער וועכטער אים אָנגעקלאָגט אין געריכט. קומענדיק ערב סוכות פאַרן ריכטער, טענהט דער ייד, אַז אויפשטעלן אַ סוכה איז אַ געבאָט פון זיין רעליגיע און ער האָט דאָס געמוזט טאָן.

דער ריכטער האָט זיך ווייטער אויסגעפרעגט וואָס איז אַזוינס אַ סוכה. דער איירישער האָט אים אויפגעקלערט, אַז דאָס איז אַ מין הילצערנע געביידע אין מיטן הויף. האָט דער ריכטער אָן צו לאַנגן ישוב הדעת אַרויסגעגעבן זיין אורטייל: אויפשטעלן אַ געביידע אָן אַן אָפיציעלע דערלויבניש איז אַ בפירושע פאַרלעצונג פון היגן געזעץ. דו מוזט די סוכה ווי

אמשנעלסטן פונאנדערנעמען. איך גיב דיר — האָט דער ריכטער צוגעגעבן — 8 טעג צייט אומצואווארפן די געביידע!...

דער ייד האָט אַ צופרידענער געדאַנקט דעם ריכטער פאַר דעם אורטייל...

דער גרעסטער יחסן

אין אַ זומער-טאָג זיינען אויף אַ באַנק אין פאַרק געזעסן דריי מענער: אַן אירלענדער, אַן איטאַליענער און אַ ייד און האָבן וועגן עפּעס דיסקוטירט. פּלוצים, אָבער, הויבן זיי זיך אָן באַרימען מיט זייער גרויסקייט. רופט זיך אָפּ דער איר-לענדער:

— אַז איך גיי אויף דער גאַס אין מיין געגנט טייטלט יעדער אויף מיר מיט די פינגער: „אָט גייט סעינט פּאַטריק!"

— און איך, — באַרימט זיך דער איטאַליענער, — אַז איך גיי אין גאַס און מיינע לאַנדסלייט דערזעען מיך, שרייען זיי: „אָט איז קריסטאָפאָר קאָלומבוס!"

— דאָס איז אַלץ גאָרנישט, — רופט זיך שוין אָפּ דער ייד, — אָט האָב איך מיר אַנומלט שפּאַצירט אין פּאַרק, איז אַזוי גיך ווי דער ערשטער פּאָליציאַנט האָט מיך דערזען האָט ער צו מיר אויסגעשריען: „דזשיזוס קרייסט, גיי אַראָפּ פונעם גראָז!"

אַ מענטש קען ניט וויסן

דער באַרימטער פּראָגער רב ר' יונתן אייבשיץ איז געווען אַ מקורב למלכות. דער מלך פלעגט ליב האָבן מיט אים צו שמועסן און הערן פון אים דברי חכמה.

איינמאָל גייט ר' יונתן אין בית-המדרש, פּאָרט דורך דער מלך, און ווי ער האָט דערזען דעם רב הייסט ער אָפּשטעלן די קאַרעטע און גיט אַ פרעג וואוהין ער גייט.

— איך ווייס ניט, אדוני קעניג! — ענטפערט דער רב.

ווערט דער מלך אויפגעבראַכט און הייסט ר' יונתנען אַריינזעצן אין תפיסה.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען דער כעס איז דעם מלך

אָפּגעגאַנגען, הייסט ער ברענגען פאַר זיך דעם רב און פרעגט אים:

— ווי פאַלט דיר אוים אַזוי צו ענטפערן? ווייסטו דען נים, אַז צו מאַכן שפּאַס מיט אַ מלך איז אַ פאַרברעכן?

— חלילה! — ענטפערט ר׳ יונתן — קיינמאָל וואָלט איך זיך נים דערלויבט צו טרייבן קאַטאָוועס מיט אונדזער קעניג. געמיינט האָב איך עס גאַנץ ערנסט. קען דען אַ מענטש ווימן וואוהין ער גייט? אָט בין איך געגאַנגען אין בית-המדרש און אָנגעשפּאַרט אין תפיסה.

גאָט אין הימל

דער לובלינער מגיד ר׳ בעריש האַלפּערין איז געזעסן אין תפיסה פאַר עפּעס אַ בלבול וואָס מ׳האָט אויף אים אוים-געטראַכט. מיט גרוים השתדלות האָט ער געפּועלט מ׳זאָל אים לאָזן האַלטן ביי זיך טלית און תפילין. געדאַוונט האָט ער תמיד הויך אויף אַ קול. דער עלטסטער פון דער תפיסה האָט עס נישט געוואָלט ליידן. פרעגט ער אים אַמאָל:

— פאַרוואָס מאַכסטו אַזעלכע קולות בשעת דו דאַוונסט? קענסטו דען נים דאַוונען שטיל, ווי מיר קריסטן טוען תפילה צו אונדזער גאָט?

— די מעשה איז — ענטפערט דער מגיד — איר האָט אייער גאָט גאָר נאָענט אויף דער וואַנט. קענט איר דאַוונען שטיל; אונדזער גאָט אָבער איז גאַנץ הויך, אויפן זיבעטן הימל, מוזן מיר דאַוונען הויך אויף אַ קול.

אַ גויישער וויץ

אַ יידישער סוחר איז איינמאָל איינגעלאַדן געוואָרן אין אַ רעסטאָראַן אויף אַ מיטאָג-עסן דורך אַ מאָסקוווער קאַצאַפּ, וואָס האָט מיט אים געפירט געשעפטן. דער גוי האָט פאַר זיך געבעטן אַ פאַרציע געפּרעגלטן חזיר. דער ייד אָבער איז נים געוועזן קיין בעלן אויף חזיר עסן און זיך געהייסן געבן פיש.

ווען דער ייד האָט געענדיקט עסן די פיש, רופט ער זיך אָפּ צום קעלנער:

— דערלאַנג אַ גלאָז וואַסער, די פיש ווילן שווימען.

דער גוי האָט זיך צעלאַכט פונעם יידישן וויץ און וועלנדיק ווייזן, אַז ער קען אויך זיך וויצלען, רופט ער אויך צו דעם קעלנער נאָכן אָפּעסן דעם חזיר און טוט אים אַ זאָג:

— דערלאַנג אַ גלאָז וואַסער, דער חזיר וויל אַ טרונק.

אַרכעאָלאָגיע

אַ גריך האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט אַ יידן און גענומען זיך פאַר אים באַרימען:

— ביי אונדז אין אַטען האָט מען פאַר עטלעכע יאָרן געגראָבן גאַנץ טיף און מ'האָט געפונען אַ לאַנגן דראָט. איז עס אַ סימן, — זאָגט דער גריך, — אַז אונדזערע עלטערן, די אַלטע גריכן, האָבן שוין אין אַמאָליקע צייטן געהאַט ביי זיך אַ טעלעגראַף.

— אַ גרויסע זאַך! — רופט זיך אָפּ דער ייד און גיט דערביי אַ מאַך מיט דער האַנט — איך וועל דיר דערציילן עפּעס שענערס: אין ירושלים האָט מען אַנומלט געגראָבן גאָר־גאָר טיף און מ'האָט ניט געפונען אַ סימן אפילו פון קיין דראָט.

— וואָסזשע איז דערפון געדרונגען?

— וואָס הייסט, וואָס? — געדרונגען, אַז אונדזערע יידן האָבן שוין גאָר פאַרצייטן געהאַט ביי זיך איינגעפירט אַ טע־לעגראַף אָן דראָט.

ווי אַזוי אַ ייד ענטפערט

איינעם אַ יידן האָט אַ קריסט אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט, איך בעט אייך, פאַרוואָס האָבן יידן ליב שטענ־דיק צו ענטפערן מיט אַ שאלה אויף אַ שאלה?

דער ייד האָט לאַנג ניט געטראַכט און גלייך אָפּגעענטפערט:

— פאַרוואָס עפּעס זאָל מען אַזוי טאַקע ניט ענטפערן?

ווי אַזוי אַ ייד פרעגט

אַ קליינשטעטלדיקער ייד איז געשטאַנען צום געריכט. פרעגט אים דער ריכטער: ווי אַלט איז ער, ענטפערט דער ייד:

— פופציק ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר.

דער ריכטער פאַרשטייט ניט, וואָס דאָס הייסט, פרעגט ער אים איבער נאָכאַמאָל און באַקומט ווידער דעם זעלביקן ענטפער:

— פופציק ביז הונדערט און צוואַנציק.

דער ריכטער קוועטשט מיט די פּלייצעס און ווייסט ניט, וואָס טוט מען דאָ צו באַקומען פון דעם דאָזיקן יידן אַ קלאָרע תשובה אויף דער פראַגע.

שטייט אויף אַ יידישער אַדוואָקאַט, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען בשעת-מעשה, און בעט דעם ריכטער ער זאָל אים דערלויבן צו שטעלן דעם יידן די פראַגע. דער ריכטער האָט עס אים דערלויבט. ווענדט זיך דער אַדוואָקאַט צו יענעם יידן:

— דער ריכטער פרעגט, וויפל איר זענט אַלט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר?

— פופציק — ענטפערט דער ייד גאַנץ פשוט.

אַ ליכט אַליין העלפט ניט

צוויי מיידלעך חברטעס, אַ יידישע און אַ קריסטלעכע, האָבן געלערנט אין איין גימנאַזיע. געקומען צום עקזאַמען האָט די יידישע אויסגעהאַלטן און די קריסטלעכע ניט.

— פאַרוואָס קומט עס מיר אַזוי? — האָט זיך די קריסט-לעכע אויסגערעדט דאָס הארץ פאַר דער יידישער חברטע — איך האָב געשטעלט אַ ליכט פאַר דער הייליקער מאַריע און דו האָסט דאָך ניט געשטעלט. צום סוף...

— פאַרוואָס מיינסטו, אַז איך ניט? — זאָגט יענע — איך האָב אויך געשטעלט אַ ליכט.

— וואָס הייסט, דו ביסט דאָך אַ יידיש קינד?

— פאַרשטייסטו, געשטעלט האָב איך אַ גרויס ליכט אויפן טיש ביי מיר אין צימער און געלערנט דערביי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

זיין הנאה און זיין צער

לייבל מסור פון סלאָנים פלעגט מסרן יידן פאַר דעם קלענסטן „חטא" קעגן מלכות, און געטאָן האָט ער עס ניט אַזוי צוליב באַצאָלט, נאָר פשוט, ער פלעגט הנאה האָבן, ווען מען פלעגט אַ יידן באַשטראָפן. „אַ יידנס צער איז מיין הנאה" פלעגט דער מסור זאָגן. איינמאָל מאַכט זיך אָבער, אַז דער מסור אַליין האָט אָפּגעטאָן אַ חטא און עס האָבן זיך געפונען יידן, וואָס האָבן געוואָלט נקמה נעמען און האָבן דערציילט דעם פּריסטאַוו.

דער פּריסטאַוו האָט אַרויסגעגעבן זיין אייגענעם פּסק: לייבלען גוט אויסשמייסן.

די גאַנצע צייט וואָס מען האָט דעם מסור געשמיסן, איז ער געלעגן און געלאַכט, דערנאָך אָבער אַז מען האָט אים אָפּגעלאָזט, האָט ער אויפגעהערט צו לאַכן און אָנגעהויבן וויינען.

זיינען אַלע געוועזן משיקאַווע וויסן דעם טעם דערפון.

— וואָס האָסטו עפּעס געלאַכט, ווען מען האָט דיך געשמיסן? — האָט מען אים געפרעגט.

— ווייל איך האָב — האָט דער מסור געענטפערט — הנאה געהאַט וואָס מען שמייסט אַ ייד.

— און פאַרוואָס האָסטו דערנאָך געוויינט?

— פאַר צער.

— וואָס פאַראַ צער?

— צער דערפון, אַז — אַ ייד האָט הנאה געהאַט.

דאָס לאָזט ער איבער פאַר גאָט

אונטער דער רעגירונג פון פראַנץ יאָזעף דעם צווייטן האָבן זיך אַ סך יידן געשמדט, כדי צו קריגן בעסערע שטעלעס.

איינער אַזאַ געשמדטער ייד האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט, ווען דער קיסר איז געווען אין קלויסטער, און געהאַלטן אַ רעדע. נאָכדעם, ווי ער האָט שטאַרק געלויבט דעם נייעם

גלויבן, האָט ער אויך דערציילט, אַז ניט נאָר ער אַליין האָט זיך געשמדט, נאָר ער האָט נאָך צוגערעדט אַ סך פון זיינע באַקאַנטע יידן און זיי אַגיטירט פאַר דעם נייעם גלויבן. ער האָט דעריבער געבעטן, אַז דער קיסר זאָל אים באַוויליקן אַ פּענסיע.

פראַנץ יאָזעף האָט אים אָנגענומען ביי דער האַנט און געזאָגט:

— דו האָסט אַזוי פרום, אַזוי איידלמוטיק „געהאַנדלט", אַז איך בין גאָרניט אימשטאַנד דיר צו באַצאָלן, דאָס מוז איך איבערלאָזן צו גאָט.

אַ יידישער באַנקיר און זיין קריסטלעכער שותּף

אַ באַוואוסטער באַנקיר, האָט געהאַט אַ קריסט אַ שותּף, מיט וועמען ער האָט זיך נאָענט באַפריינדעט. צו ימים-נוראים, אַז ער איז געגאַנגען אין שול, האָט ער אויך איינגעלאַדן זיין פריינט, דעם קריסט, ער זאָל קומען הערן דעם חזן. דער קריסט איז די גאַנצע צייט געזעסן שטיל און מיט רעספּעקט זיך צו־געהערט צום דאַווענען. ווען עס איז געקומען צום פאַרקויפן מפטיר, האָט דער באַנקיר אָנגעבאָטן ביז צוויי הונדערט דאָלער. אויף דער אַנדערער זייט איז אָבער געזעסן נאָך אַ יידישער גביר, וועלכער האָט אָפּגעענטפערט גלייך: „צוויי הונדערט און פינף-און-צוואַנציק".

— צוויי הונדערט און פופציק — האָט דער יידישער באַנקיר געהעכערט.

— דריי הונדערט! — איז דער אַנדערער אַריין אין אַן אַמביציע.

דער באַנקיר האָט געשוויגן. עס האָט שוין געהאַלטן, אַז דער מפטיר זאָל בלייבן ביי יענעם. דאָ האָט זיך פּלוצים דער קריסטלעכער שותּף אויפגעשטעלט און אויסגעשריען:

— פיר הונדערט!

דער מפטיר איז געבליבן פאַר דעם יידישן באַנקיר.

אַז דער באַנקיר האָט איבערראַשט געפרעגט דעם קריסט,

צי ווייסט ער וואָס ער האָט געקויפט, האָט דער קריסט גע־ענטפערט:

— איך וויל גאָרניט וויסן. איך ווייס נאָר איין זאַך: אויב איר האָט געבאָטן 250, איז עס אַ מציאה פון פינף הונדערט.

לאָמיר זען ווי מענטשן װעלן טאָן

אַ גלח האָט געפרעגט אַ רב:

— ביי אייך איז דאָ אַ דין, אַז דער רב גייט דורך, דאַרפן אַלע זיך אויפשטעלן און דאָס איז דאָך באַוואוסט, אַז מען באַגעגנט אַ הונט דאַרף מען זיך זעצן, טאָ ווי זאָל מען טאָן, אַז מען באַגעגנט אַ רב מיט אַ הונט פאַר אַמאָל?

— אָט לאָמיר צוזאַמען טאַקע זיך דורכגיין, — האָט דער רב געענטפערט — וועלן מיר זען, ווי די מענטשן וועלן טאָן.

די באַנדע

אַ גוי, אַ שכור און אַ שונא ישראל, פלעגט פאַרשאַפן גרויסע צרות די יידן פון זיין שטעטל. ער פלעגט זיי זידלען און אויך אָנמאַכן היזקות. דערפאַר האָבן די יידן אויך דער־לעבט אָן אים נקמה. ער האָט זיך איינמאָל אַזוי שטאַרק אָנ־געשכורט, אַז ער האָט ניט דערקענט צווישן אַ ייד און אַ קריסט און האָט שטאַרק צעשלאָגן אַ קריסט. דער קריסט האָט גערופן פאָליציי און מען האָט דעם שכור אַרעסטירט.

ביים פראָצעס האָט אַ ייד עדות געזאָגט פאַרן ריכטער:

— ער איז שכור ווי לוט, אַ מויל האָט ער ווי בלעם און אַ רשע איז ער ווי המן.

— ברענגט מיר אַהער די גאַנצע באַנדע! — האָט דער ריכטער אויסגעשריען.

אַן אמתע ראיה

האָט אַ גלח געפירט אַ וויכוח מיט אַ יידן און האָט צו אים געזאָגט:

— איר לייקנט נאָך, אַז איר האָט פיינט גויים און אָט

שטייט איר אויף אַלע טאָג פרי און מאַכט די ברכה „שלא עשני גוי״?

האָט דער ייד לאַנג ניט געטראַכט און באַלד געענטפערט:

— אונדזערע ווייבער האָבן מיר דאָך געווים ניט פיינט, פונדעסטוועגן מאַכן מיר אויך אַלע טאָג די ברכה „שלא עשני אשה״!

אַן איינס און אַ נול

אַ גלח האָט אַמאָל געפרעגט אַ גרויסן רב, ווי קומט עס, אויב אייער גאָט איז טאַקע דער איינציקער און אַ כל-יכול, האָט ער דאָך געקענט פאַרניכטן די אַלע אַנדערע געטער און זיין דער איינציקער?

האָט דער רב אַרויסגענומען אַ בלייפעדער און אָנגעשריבן אַן איינס (1) און געוויזן דעם גלח.

— זעסט? — האָט דער רב געזאָגט — אָט דאָס איז אונדזער גאָט. יעצט לאָמיר אָנשרייבן אַ נול (0) וועט דער איינס ווערן צען; נאָך אַ נול און דער איינס ווערט הונדערט און אַזוי ווייטער. וואָס עס קומען צו מער נולן צו אונדזער גאָט ווייזט זיך אַרוים דער איינס מער און בעסער.

יידן געגליכן צו קראָפּעווע

אַ גלח און אַ רב האָבן אַרומשפּאַצירט אין אַ גאָרטן מיט בלומען און געפירט אַ וויכוח וועגן רעליגיע. צוקומענדיק נאָענט צו די בלומען, זאָגט דער גלח:

— זעסטו די בלומען? דאָס זיינען די פאַרשידענע פעלקער וואָס שטעלן צוזאַמען דעם קריסטלעכן גלויבן; אָבער וואו איז אייער פאָלק?

האָט אים דער רב גענומען און צוגעפירט צו אַ פּאַרקאַן און אים אָנגעוויזן אויף די קראָפּעווע:

— אָט איז אונדזער פאָלק!

האָט דער גלח געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געפרעגט דעם רב, צי מיינט ער ערנסט?

— יאָ, איך מיין דאָס, — האָט דער רב געענטפערט — אייערע בלומען קאָן יעדער טאָן מיט זיי וואָס ער וויל, אָבער אונדזער קראָפּעווע — פּרוביר זיך נאָר צורירן צו דעם.

ווער עס האָט מער שכל

יענקעלע דריי־קאָפּ האָט גענומען אַ לאָטעריע־צעטל און זיך אַ נדר געטאָן: אויב ער וועט געווינען דאָס גרויסע גע־ווינס, וועט ער געבן צען טויזנט רובל אויף דער שול. די ציאונג איז געווען און ער האָט ניט געוואונען. דעם אַנדערן מאָל, ווען ער האָט גענומען אַ צעטל, האָט ער זיך געגעבן אַ נדר, אַז אויב ער וועט געווינען דאָס גרויסע געווינס, וועט ער געבן צען טויזנט רובל אויפן קלויסטער. און דאָס מאָל האָט ער טאַקע געוואונען דאָס גרויסע געווינס! אַז ער האָט שוין געהאַט דאָס געלט אין קעשענע, גייט ער אַזוי אין גאַס און רעדט צו זיך אַליין:

— אונדזער גאָט האָט פּאַרט מער שכל; ער האָט גלייך געוואוסט, אַז איך וועל אַ קאָפּיקע אויך ניט געבן...

די שבועה ניט געבראָכן

אַ יידישער זעלנער בשעת מלחמה, ווען זיין פּאָלק האָט זיך באַדאַרפט באַגעגענען מיטן שונא, איז ער אַנטלאָפן פונעם פראָנט. דערנאָך אַז מ'האָט אים געכאַפּט און דער פּאָלקאָווניק האָט אים גענומען זידלען, וואָס ער האָט פאַרגעסן די שבועה צו דינען געטריי דעם קיסר, האָט ער אָפּגעענטפערט מיט אַ גאַנץ ערנסטער מינע:

— איך בין אַ טרייער זעלנער און די שבועה מיינע האָב איך ניט געבראָכן; דאָס וואָס איך בין אַנטלאָפן איז נאָר דער־פאַר וואָס איך האָב אַזוי פיינט דעם שונא, אַז איך קען זיין פנים ניט אָנקוקן.

אַ שאָד וואָס אַ יידישער נאָמען

אַ רב איז אַמאָל געפאָרן אויף דער באַן און אַנטקעגן אים איז געזעסן אַ גענעראַל מיט אַ גרויסן כלב, וועלכן ער האָט גערופן יאַנקל.

— ווי געפעלט אייך, רבי, — זאָגט דער גענעראַל דעם רב, — דער הונט מיינער?

— אַ פיינער הונט, ענטפערט דער רב, — אָבער אַ רחמנות אויף אים, וואָס ער הייסט אַ יידישן נאָמען.

— וואָס הייסט?

— פאַרשטייט איר, דער יידישער נאָמען וועט אים שטערן צו ווערן אַ גענעראַל.

יידן און חזירים

אַ געוויסער אַנטיסעמיט איז געזעסן צווישן אַן עולם מענטשן, קריסטן און יידן, נעמט ער דערציילן מיט אַ חוצפּה־דיקן געלעכטער:

— איינער אַ גוטער באַקאַנטער מיינער איז אויסגעווען אַ וועלט, האָט ער מיר איבערגעגעבן, אַז ערגעץ ווייט אין אַפריקע איז פאַראַן אַ שטאָט אַזאַ, וואו עס געפינט זיך ניט קיין צוויי מיני באַשעפענישן — ניט קיין יידן און ניט קיין חזירים.

— ווייסט איר וואָס — רופט זיך אָפּ איינער פון די יידן — איך בין געפאַלן אויף אַ טייערן איינפאַל: לאָמיר ביידע זיך אַוועקלאָזן אַהין, וועט מען אויף אונדז לויפן קוקן ווי אויף חידושים.

בעסער צוויי גויים

צוויי גאַליצישע חסידים האָבן געהאַט אַ שאַרפן וויכוח מיט אַ ליטוואַק, אַ פאַרברענטן מתנגד, וועגן חסידות.

צעהיצט זיך דער ליטוואַק מיט אַ געשריי:

— וואָס האָט מען צו רעדן מיט צוויי גויים?

רופט זיך אָפּ איינער פון די חסידים:

— כעס טויג ניט, כעס איז עבודה זרה. הערט בעסער אוים אַ תורה: ביי רבקה׳ן שטייט געשריבן „ויתרוצצו הבנים בקרבה. ותאמר אם כן למה זה אנכי, ותלך לדרש את ה׳. ויאמר לה ה׳ שני גויים בבטנך”. די דאָזיקע פסוקים זיינען פול מיט קשיות, דער אמתער פשט איז אָבער אַזוי: רבקה האָט דערפילט, אַז דער בחור ביי איר אין בויך איז עפּעס

אַ מאָדנע בריה, וואָס צאַפּלט מיט אַלע אברים אַרויסצוגיין אי ביי אַ שול אי ביי אַ טומאה, להבדיל. איז איר אַריין אַ געדאַנק, אַז עס מוז זיין ניט אַנדערש ווי אַ ליטוואַק, איז זי געווען אין איינע צרות און געזאָגט: אם כן, אַז פונעם גרויסן צער פון טראָגן וועט אַרוים אַ ליטוואַק, למה זה אנכי — וואָס טויג מיר אינגאַנצן דער עסק? אַז מ׳האָט אָבער געזאָגט: שני גויים בבטנך — צוויי גויים זיינען אין דיין בויך, האָט זי זיך געפונען שטאַרק געטרייסט. דאַנקן גאָט — האָט זי געזאָגט — בעסער צוויי גויים איידער איין ליטוואַק.

דריי קשיות פּאַרענטפערט

אַ גלח האָט געהאַט אַ וויכוח מיט אַ יידן. פרעגט ער אים דריי קשיות:

— ערשטנס, פּאַרוואָס זאָגן יידן אין זייערע תפילות „אלקי אברהם אלקי יצחק ואלקי יעקב” און ניט „אלקי משה”? משה איז דאָך ביי יידן גערעכנט פאַרן גרעסטן געטלעכן מאַן?

צווייטנס, אויב יידן זיינען ווירקלעך אַזעלכע חשובים ביי גאָט, ווי זיי זאָגן, פּאַרוואָס זיינען זיי אַזוי אָרעם און דער־שלאָגן, אין דער צייט וואָס די גויים זיינען רייך און עס לעבט זיך זיי אַזוי גוט?

דריטנס, פּאַרוואָס איילט זיך אַזוי דער ייד אויסצוגעבן זיין טאָכטער פאַר דער צייט, ווען זי איז נאָך כמעט אַ קינד, איז עס דען ניט משונה און ווילד?

דער ייד האָט געענטפערט אויף אַלע דריי קשיות:

— „אלקי משה” זאָגן יידן ניט דערפאַר, ווייל דער גרויסער משה האָט אויף זיך געהאַט אַ גרויסן פלעק: ער האָט אַ גלח געהאַט פאַר אַ שווער.

גויים זיינען רייך דערפאַר, ווייל זייער גאָט איז געשטאָרבן, האָבן זיי באַקומען אַ רייכע ירושה; דער יידישער גאָט אָבער לעבט און יידן זיינען ניט קיין יורשים.

און דאָס וואָס אַ ייד כאַפּט זיך חתונה צו מאַכן די טאָכטער זיינע, נעמט זיך דערפון, וואָס ער פילט גוט, אַז צוליב איין אַלטע מויד האָבן יידן צרות עד־היום.

דער ריכטיקער פּלאַץ

מען דערציילט, אַז אין די ערשטע יאָרן פונעם היטלעריזם האָט די געסטאַפּאָ געפונען אַ יידן זיך אויסבאַהאַלטן אין בער־לין. האָט מען אים באַשטראָפט, ער זאָל גיין איבער די גאַסן און שרייען: „יודן הינאַוים! דיזער פּלאַץ איזט נור פיר די אַריער!"

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָבן די געסטאַפּאָ־לייט באַמערקט, אַז דער ייד ווייזט זיך ניט מער אין די גאַסן. האָט מען אים אָנגעהויבן זוכן, ביז מען האָט אים געפונען זיך אַרומדרייען אויפן יידישן בית־עולם און שרייען: „יידן הינאַיום! דיזער פּלאַץ איזט נור פיר די אַריער!"...

אין נאַצי־לאַנד

שטורמיסטן האָבן זיך אין גאַס אין אַ דייטשער שטאָט געטשעפּעט צו צוויי יידן און אין דעם געשלעג האָבן זיי די יידן אָוועקגעלייגט און צעמזיקט. ווען מען האָט די צוויי יידן געבראַכט אין נאַצי־געריכט, האָט דער ריכטער ביי איינעם פון זיי געפרעגט:

— פאַרוואָס האָסטו דעם שטורם־טרופּער געשלאָגן?

— ווייל — מאַכט דער ייד — ער האָט זיך מיט מיר פאַרטשעפּעט.

— נו, און דו — פרעגט דער ריכטער דעם צווייטן יידן — פאַרוואָס האָסטו צעשלאָגן דעם אַנדערן טרופּער?

— ווייל — ענטפערט דער ייד — אַז איך האָב געזען ווי יענער ייד שלאָגט צוריק, האָב איך געמיינט, אַז ס'איז שוין נאָך דער מלחמה, און מען מעג שוין...

חזיר איז אסור

אין דייטשלאַנד אויף אַ באַל איז געזעסן אַן אַנטיסעמיט און האָט אויסגערעדט אויף יידן. אַנטקעגן אים איז גראַד געזעסן אַ יידישע פרוי, וואָס האָט זיך צוגעהערט און עס האָט איר שטאַרק וויי געטאָן. די פרוי האָט אָבער געשוויגן.
דעם שונא־ישראל האָט געקרענקט, וואָס זי ענטפערט אים

ניט אָפּ, און ווען די פרוי האָט אַ גענעץ געטאָן, רופט ער זיך אָפּ:

— איר זעט, די יודין האָט יעצט געעפנט אַ מויל מיך איינצושלינגען.

— איר האָט אַ טעות, מיין הער — האָט די פרוי גע־ענטפערט — ווייסט איר דען נישט, אַז עס איז אונדז פאַר־באָטן שווינען־פלייש צו עסן?

אַ גענעראַל — אַ דעזערטיר

אַ געוויסער גענעראַל, וועלכער האָט אין דער צייט פון מלחמה געלאָזן זיינע סאָלדאַטן און איז אַליין אַנטלאָפן דער ערשטער פון פראָנט און איז דערפאַר אָפּגעזאָגט געוואָרן פון דער שטעלע, האָט געהאַט אַ יידישן גוטן פריינט. ער אַליין איז אָבער געווען אַ פאַרבאָרגענער שונא־ישראל. איינמאָל האָט דער ייד איינגעלאַדן דעם גענעראַל אויף אַ חתונה פון זיינער אַ טאָכטער. צו דער חתונה זיינען געקומען דער כלה׳ס פריינ־דינס, אַ סך מיידלעך, וועלכע האָבן זייער שיין און פיל גע־טאַנצט. דער גענעראַל האָט זיך צוגעקוקט צו זייער טאַנצן און געזאָגט:

— וואָס איז דער וואונדער, וואָס יידישע טעכטער קענען שיין טאַנצן, אַרום דעם גאָלדענעם עגל האָבן שוין יידישע טעכ־טער געטאַנצט?

אויף דער חתונה איז געווען, ווי געוויינלעך, אויך דער רב פון שטאָט, וועלכער האָט דעם גענעראַל גוט געקענט. אַז דער רב האָט געהערט דעם גענעראַלס רייד, האָט ער אים גלייך געענטפערט:

— דאָס איז אָבער געווען ווען דער גענעראַל האָט פאַר־לאָזן די אַרמיי...

קניידלעך און קשיות

מען דערציילט, אַז ווען די ערשטע אוקראַינער יידן זיינען געקומען קיין בירא־בידזשאַן, איז ביי זיי דעם ערשטן ערב־פסח געוואָרן אַ פּראָבלעם: זאָלן זיי יאָ פּראַווען אַ סדר, איז

עס דאָך קעגן דעם גייסט פון יענער צייט ביי די באָלשעוויקעס. ווידער ניט פּראַוועון דעם סדר, ווי קען מען דאָס? ס'איז דאָך אַן אַלטער איינגעוואָרצלטער מנהג. איז געבליבן מען זאָל שיקן אַ דעפּעשע קיין מאָסקווע און ווי סטאַלין וועט פּסקענען אַזוי וועלן זיי טאָן. איז תיכף פון סטאַלינען צוריקגעקומען אַזאַ ענטפער: „עסן קניידלעך מעגט איר, אָבער למען השם — פרעגט קיין קשיות ניט!...

טאַקע אַן אומרעכט

אַ יידישער געשעפטסמאַן אין אַ פּראָווינץ-שטעטל איז געווען באַקאַנט פון זיין ברייטער האַנט. ער פלעגט געבן געלט פאַר אַלע אינסטיטוציעס, אָן אונטערשייד פון רעליגיע. מיט אַ צייט צוריק איז מען געקומען צו אים בעטן אַ ביישטייערונג פאַר אַ קאַטוילישער אינסטיטוציע, אָבער ער האָט זיך אָפּגע־זאָגט צו געבן. ווען מען האָט דאָס דערציילט דעם גלח פון דער לאָקאַלער קאַטוילישער קירך, האָט ער דאָס ניט געקענט פאַרשטיין, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דער ייד פלעגט אַלע־מאָל יאָ געבן. איז דער גלח אַוועק צו דעם יידן און אים גע־פרעגט פאַרוואָס ער האָט איצט אַזוי געהאַנדלט.

— ווייל — ענטפערט דער ייד — אייער קאַטוילישע קירך האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן פאַר שטאַרק אַנטיסעמיטיש. אָט האָב איך ערשט געלייענט אין די צייטונגען, אַז דער פּויפּסט האָט באַשטימט 32 נייע קאַרדינאַלן, און צווישן די אַלע האָט ער אפילו קיין איין ייד ניט באַשטימט...

ווי מיט אַ טאַטע

אַ פּראָטעסטאַנטישן גלח'ס אַ טאָכטער זאָגט אַמאָל צו איר פאָטער:

— פּאַפּאַ, פאַרוואָס איידער דו הויבסט אָן אין קירך דיין דרשה, בויגסטו קודם איין דיין קאָפּ?

— דאָס, מיין קינד, — זאָגט דער גלח, — זאָג איך שטיל אַ תפילה צו גאָט, אַז מיין דרשה זאָל מיר געלונגען.

— אויב אַזוי, — מאַכט די טאָכטער, — ווי־זשע קומט עס וואָס דיין תפילה האָט דיר ביז איצט נאָך קיינמאָל ניט געהאָלפן?

בעסער נעמען אַ גלעזל

אַ רוסישער פּויער, אַ מוזשיק, איז געוואָרן זייער קראַנק און איז אַוועק צו אַ דאָקטאָר. נאָך דעם, ווי דער דאָקטאָר האָט אים אויסגעהערט, האָט ער אים אָנגעזאָגט מיטן הארבן לשון:

— אויב דיין לעבן איז דיר ליב, זאָלסטו אויפהערן צו טרינקען; טאָמער ניט, וועסטו שטאַרבן.

האָט דער פּויער אים צוגעזאָגט מיט כל השבועות שבעולם, אַז ער וועט אַקוראַט אויספאָלגן זיין פּאַרזאָג.

גייענדיק אַהיים, איז ער פאַרבייגעגאַנגען אַ שענק און ס'האָט זיך ביי אים אָפּגעריסן אַ שטיק האַרץ, שטעלט ער זיך אַוועק און טראַכט, טראַכט, און זאָגט צו זיך אַליין:

— אַז דו וועסט יאָ טרינקען, וועסטו שטאַרבן און אַז דו וועסט ניט טרינקען, וועסטו דאָך אויך שטאַרבן, איז שוין בעסער יאָ צו טרינקען.

און ער איז גלייך אַריין אין שענק...

צידה לדרך

צוויי אירלענדער זיינען געפאָרן פון דובלין קיין ניו־יאָרק. אויפן וועג איז איינער פון זיי קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. ווי עס פירט זיך אויף שיפן אין די ווייטע ימים, האָבן די מאַטראָזן דעם טויטן אַריינגעלייגט אין אַן ארון, צו וועלכן זיי האָבן צוגעבונדן אַ זאַק מיט קוילן, און אים אַראָפּגעלאָזט אין ים אַריין.

שטייט אַזוי זיין פריינד און באַקלאָגט אים: „אוי, קעלי, קעלי! איך האָב געוואוסט, אַז נאָך דיין טויט וועט מען דיך בראָטן אין גיהנום, אָבער כ'האָב ניט געוואוסט, אַז דו וועסט נאָך דאַרפן מיטנעמען דיינע אייגענע קוילן פאַר דיין פייער"...

ער פאַרשטייט ניט קיין דייטש

אַ דייטש, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געקומען קיין אַמעריקע, איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר גנבענען אַ פערד. אַזוי ווי ער האָט גאָר ניט פאַרשטאַנען קיין ענגליש, האָט מען אין געריכט

געבראַכט אַ יידן, וואָס האָט דערקלערט, אַז ער קען רעדן דייטש. ווען דער ריכטער האָט געהייסן דעם יידן פרעגן ביים דייטש צי איז עס אמת, אַז ער האָט גענגבעט דאָס פערד, האָט דער ייד צום דייטש געזאָגט:

— ר׳ יעקע! דער אדון השופט איז דיך חושד, אַז דו האָסט געלקחנט אַ סוס ביי אָט דעם ערל דאָרט.

דער דייטש האָט ניט פאַרשטאַנען קיין וואָרט און האָט געשוויגן. רופט זיך אָפּ דער ייד צום ריכטער:

— איצט זעט איר שוין, אַז ניט נאָר איז ער אַ גנב, נאָר אַ ליגנער אויך! ער זאָגט אַז ער איז אַ דייטש און לסוף פאַר־שטייט ער גאָר ניט קיין דייטש...

שטאָל און אייזן פאַר די גויים

אין שטעטל האָט מען געדאַרפט פאַר ימים־נוראים אַ בעל־מוסף. האָט מען פאָרגעשלאָגן אַ געוויסן בעל־הבית, וועלכער האָט געהאַט אַן אייזן־געשעפט, אָבער האָט געקענט דאַוונען אויסגעצייכנט. האָט קיינער ניט געהאַט דאַקעגן און אַלע האָבן מסכים געווען, אַז ער זאָל זיין דער בעל־מוסף. רופט זיך אָפּ אַ ייד:

— איך פאַרשטיי ניט, ווי קען מען שטעלן אַ שליח־צבור אַ יידן, וואָס האַלט שטאָל און אייזן פאַר די גויים?

מדה כנגד מדה

דער שטעטלשער גלח, א שונא ישראל, האָט אויפגע־האַנגען אַ מגן־דוד אויפן שפּיץ פון קלויסטער.

דאָס שטעטל האָט זיך געקאָכט אויפן חילול השם און געזוכט מיטלען ווי עס אַראָפּצונעמען. רופט זיך אָפּ איין ייד:

— איך האָב אַ בעסער מיטל. אַזוי ווי זיי האָבן אויפ־געהאַנגען אַ מגן דוד אויפן קלויסטער, וועלן מיר אויפהענגען אַ צלם אויפן שול.

אַ נאַאיווער ענטפער

אַ גלח איז דורכגעגאַנגען אַ שמאָל געסל, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט קוקן ווי קינדער, שפּילנדיק זיך מיט בלאָטע האָבן אויסגעקנאָטן אַ קלויסטער — אָבער ריכטיק ווי אַן אמתער. דער גלח איז געווען אַנטציקט און איז צוגעגאַנגען צו די קינ־דער און געפרעגט:

— קינדער, איר זייט אויסגעצייכנטע מייסטער, אָבער פאַרוואָס האָט איר שוין ניט געמאַכט דעם גלח?

— זיי האָבן ניט געבראַכט גענוג בלאָטע — האָט איין יינגל געענטפערט.

שוין אַמאָל געטראָפן

אַ גלח האָט אַמאָל גענומען איינרעדן אַ רב, אַז ער זאָל זיך שמדן. דער גלח האָט גענומען פאַרשטעלן, וואָס ער קאָן דערגרייכן ווען ער זאָל זיך נאָר שמדן.

— דו קאָנסט ווערן בישאָף, דערנאָך קאַרדינאַל און ווען דו זאָלסט זיין פעאיק — אפילו אויך אַ פויפּסט.

ווען דער רב האָט אויף אַלע די פאָרשלאָגן ניט געענט־פערט, האָט דער גלח מיט כעס אויסגערופן:

— וואָס, איז עס דיר אַלץ ווייניק? דו קענסט דאָך ניט ווערן קיין גאָט?

— פאַרוואָס ניט? — ענטפערט דער רב — עס איז דאָך שוין אַמאָל אַ ייד געוואָרן אַ גאָט.

אַוואו עס צו נעמען

איז געקומען דער פויער צום גלח פון דאָרף בעטן אַ תשובה אויף זיינע זינד.

— וואָס האָסטו געטאָן? — פרעגט דער גלח.

— הייליקער פאָטערל! — זאָגט דער גוי — איך האָב געגנבעט צען אַרשין לייוונט.

— דו זינדיקער! דיין נשמה איז פאַרלוירן — זאָגט דער גלח.

— הייליקער פאָטערל! וואָס זאָל איך אָבער טאָן, גיב מיר אַ תשובה — בעט זיך דער פויער.

טראַכט אַ ווײַלע דער גלח און זאָגט:

— דו מוזט ברענגען דרײַסיק אַרשין לײַוונט פאַרן קלויסטער.

— אָבער הייליקער פאָטער, — וויינט־צו דער פויער — וואו זאָל איך עס נעמען, איך בין דאָך אַן אָרעמאַן.

— דאָרט, וואו דו האָסט גענומען די צען אַרשין — ענטפערט דער גלח.

תליה ניט נאָר פאַר זיי

אין אַ געוויסער שטאָט האָט אַ ייד אָפּגעטאָן אַ פאַרברעכן, פאַר וועלכן ער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום הענגען. דאָס האָט געגעבן שטאָף אַ קריסט, אַ שונא ישראל, און ער האָט זיך געריײַצט מיט די יידן: „זעסטו — האָט ער אים געזאָגט — אָט בײַ אונדז אין שטאָט הענגט מען אויף אַ יידן!"

— וואָס איז דער וואונדער? — האָט דער ייד געענטפערט — איז דען די תליה נאָר פאַר אײַך געבויט געוואָרן?

דער אַראַבער פוילט זיך

אין די ערשטע יאָרן פון ציוניסטישער טעטיקייט אין ארץ־ישראל איז אָנגעגאַנגען אַ שווערער קאַמף פאַר „כיבוש עבודה" און „עבודה עברית". די יידישע אַרבעטערשאַפט האָט געקעמפט קעגן די פּרדסנים און בעל־בתים, וואָס האָבן זיך באַנוצט מיט אַראַבישע אַרבעט, וואָס האָט על־פּי־רוב אויך געמיינט ביליקע, אומאָרגאַניזירטע אַרבעט.

האָט זיך געפונען אַ סוחרישער ייד, וואָס איז געקומען קיין ארץ־ישראל, אינוועסטירט קאַפּיטאַל אין בוי־אַרבעט און האָט געוואָלט אין דער פראַגע פון „כבוש עבודה" זײַן נייטראַל. ער האָט אָנגעשטעלט העלפט אַראַבישע בוי־אַרבעטער און העלפט יידישע. ווען דער ייד איז אַמאָל געקומען צום פּלאַץ, וואו מען האָט געבויט אַ נײַ הויז און דערזען, אַז דער אַראַ־

בישער אַרבעטער לייגט אַרויף אויף אַ האַנט-וועגעלע 16 ציגל און דער יידישער אַרבעטער לייגט אַרויף נאָר אַכט ציגל, האָט ער דערפילט, אַז ס'איז אַ ביטער עסק. אַ ברוגזער גייט ער צו צום יידישן אַרבעטער און מיט אַ טענה וואַרפט ער אים פאָר:

— וואו איז יושר? דער אַראַבישער אַרבעטער נעמט 16 ציגל מיט איין מאָל און דו נעמסט נאָר אַכט? איך דאַרף דאָך דאָ צולייגן אַן אוצר מיט געלט! איך צאָל דאָך אייך דעם זעלבן פּרייז!

האָט דער יידישער אַרבעטער געענטפערט רואיק זיין יידישן אַרבעטס-געבער:

— וואָס בין איך שולדיק, ר' ייד, אַז דער אַראַבער פוילט זיך צו גיין צוויי מאָל?

אַ וויץ

— וואָס איז אַ וויץ?

— אַ זאַך, פון וועלכער גויים קאַטשען זיך פון געלעכטער און אַ ייד זאָגט: מנע, שוין געהערט...

כלי-קודש

רעדן און זאָגן...

מען דערציילט, אַז דער באַרימטער רב און וועלט-געלערנ־טער, דער מלבי"ם, איז אַמאָל געקומען קיין בערלין, האָבן זיינע פריינט אים געראַטן ער זאָל גיין אין טעמפּל און הערן רעדן דעם ראַבינער דר. רובינאַ, וועמענס גייסטרייכע רעדע וועט אים, דעם מלבי"ם, פאַרשאַפן אַן אמתן עונג רוחני. ווען דער מלבי"ם איז נאָכן ראַבינערס רעדע אַרויסגעקומען פונם טעמפּל, האָבן אים די פריינט געפרעגט:

— נו, ווי איז אייך געפעלן געוואָרן די רעדע?

— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט דער גאון, — איצט איז מיר פאַרענטפערט געוואָרן אַ קשיא. דער פילאָזאָף קהלת זאָגט אין זיין ספר — „לכל עת", אויף אַלץ איז אַ צייט: „עת לבכות ועת לשחוק", אַ צייט צו וויינען און אַ צייט צו לאַכן. פאַרשטייט מען, אַז ס'איז אויך דאָ אַ צייט, ווען דער מענטש, ניט ער וויינט און ניט ער לאַכט. אָבער ווען ער זאָגט: „עת לחשות ועת לדבר", אַ צייט צו שווייגן און אַ צייט צו רעדן,

איז דאָך קשה: ווי קאָן זיין אַנדערש? אָדער מען שווייגט, אָדער מען רעדט. נאָר איצט איז מיר פאַרענטפערט: מען קאָן רעדן און גאָרנישט זאָגן...

צו שווייגן קומט עס נישט

דער דובנער מגיד האָט איין מאָל געהאַלטן אַ דרשה אין דעם ווילנער גאונ׳ס קלויז און ווייל ער האָט געוואוסט, אַז דער ווילנער גאון אַליין איז צווישן די צוהערער, האָט ער געהאַלטן איינע פון זיינע בעסטע דרשות מיט האַרץ און נשמה.

נאָך דער דרשה איז דער דובנער צוגעגאַנגען צום גאון און האָט אים געפרעגט מבינות.

— וואָס זאָגט איר צו מיין דרשה? — האָט ער אים געפרעגט.

— צו שווייגן קומט עס ניט — האָט דער ווילנער גאון געענטפערט.

דער רב לערנט און דער חזן דאַוונט...

אין פרק שטייט, אַז אויף דריי זאַכן שטייט די וועלט: אויף תורה, אויף עבודה און אויף גמילות חסדים. איז תורה געקומען צום רבונו של עולם און געקלאָגט: „ווי קען זיך אויף מיר האַלטן די וועלט, אַז אין אַמעריקע לערנען יידן ניט קיין תורה". האָט דער אויבערשטער געענטפערט: „זאָרג זיך ניט, מיין טאָכטער, דער רב וועט לערנען תורה". איז עבודה (דאַוונען) געקומען און געטענהט צום רבש״ע: „ווי קען זיך אויף מיר האַלטן די וועלט, אַז אין אַמעריקע דאַוונען יידן אַזוי וויניק". „נישקשה", ענטפערט דער רבש״ע, „דער חזן וועט דאַוונען". קומט גמילות חסדים צום אויבערשטן און קלאָגט: „סטייטש? מען טוט דאָך אַזוי וויניק גמילות חסדים. מען פטרט מיך אָפּ מיט געבן אַ שמעק טאַבאַק". „יאָ", ענטפערט דער רבונו של עולם, „אָבער, וויפל דער רב לערנט און דער חזן דאַוונט, איז אָפּט קיין שמעק טאַבאַק אויך נישט ווערט"...

מען קאָן זיך אָן אים ניט באַגיין

אַ רב האָט געדאַרפט חתונה מאַכן זיין זון אין אַ ווייטער שטאָט, און דאָס פאָרן אַהין און צוריק האָט געדאַרפט דויערן אַ גאַנצע וואָך. האָט ער געשריבן צו די מחותנים, אַז אַזוי ווי ער קאָן ניט מאַכן אַזאַ ווייטע נסיעה, בעט ער, אַז די חתונה זאָל געפּראַוועט ווערן אין אַ געוויסער אכסניה, וואָס איז ניט ווייט פון זיין שטעטל, אָדער טאַקע אין שטעטל גופא. ווען די רביצין האָט זיך דערוואוסט פון אָט דעם בריוו, האָט זי געמאַכט אַ גוואַלד:

— סטייטש? וואָס פאַרא טאַטע ביזטו? אַז דו מאַכסט איינמאָל אין לעבן חתונה אַ זון, ווילסטו גאָר ניט פאָרן צו דער חתונה?

— יידענע, וואָס דו ביסט! — ענטפערט דער רב. — ווי טאָר איך ווייזן די באַלעבאַטים פונם שטעטל, אַז זיי קאָנען זיך באַגיין אָן אַ רב אַ גאַנצע וואָך?!...

זיי ברענגען די קרענק

ר׳ שמשון רפאל הירש, דער פראַנקפורטער רב, האָט אַמאָל געזאָגט:

— זייט די דייטשע רבנים רופן זיך אויך דאָקטוירים, ליגט דאָס יידישע פאָלק קראַנק...

זעט וואָס פון אינדיק איז געוואָרן

בעת דער מלווה־מלכה האָט דער רבי גענומען זאָגן תורה. דערווייל האָט די רביצין אַריינגעבראַכט דעם אינדיק אויפן טיש און דער רבי האָט ממשיך געווען:

— פון דעם אינדיק קענט איר לערנען אַ מוסר־השכל וואָס דאָס מענטשלעכע לעבן איז: ערשט געווען אַן אינדיק, זיך גע־בלאָזן, אַרומגערודערט. און אָט זעט, וואָס פון אים איז געוואָרן.

די חסידים האָבן זיך צוגעהערט צו דער תורה. דער רבי אָבער האָט אין מיטן איבערגעריסן און אַ זאָג געטאָן:

— אָבער איידער־וואָס־ווען, וועל איך נעמען אַ האַלבן מוסר פון אינדיק — און ער האָט אַ שלעפּ געטאָן אַ האַלבן עוף צו זיך...

אַ שטאָט פול מיט יראה

דער בערלינער רב, ר׳ הירש בערלין, פלעגט זאָגן:

— מיין בערלין איז אַן „עיר מלאה יראה", אַ שטאָט פול מיט יראה, ווער סע קומט מיט יראה, לאָזט עס דאָרט איבער...

שווייגן איז גאָלד

אַ רב האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער מיט אַ ישיבה־בחור, וואָס האָט געהאַט סמיכה. ווען ס׳איז געקומען דער ערשטער שבת האָט דער נייער איידעם געהאַלטן אין דעם רב׳ס שול זיין ערשטע דרשה. נאָר אַזוי ווי אין שול אַפּלאָדירט מען ניט, האָט דער יונגערמאַן ניט געקענט וויסן צי די דרשה איז דעם עולם געפעלן, צי ניט. גייענדיק פון דער שול אַהיים מיט זיין שווער, וועלכער האָט גאָרניט דערמאָנט צו אים וועגן דער דרשה, האָט דער איידעם זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האָט צו אים געזאָגט:

— שווער לעבן, ווי איז אייך געפעלן מיין פאָרטראָג?

— בע, — מאַכט דער רב, — צו שווייגן קומט עס ניט!...

געביטן די יוצרות

אין אַ שטעטל אין דער אַלטער היים האָט אַ רב׳ס אַ טאָכטער זיך פאַרליבט אין אַ זון פון אַ בעל־עגלה.

איז עס, פאַרשטייט זיך, אין יענע צייטן געווען אַ גרויסער בזיון פאַר דער כלה׳ס עלטערן, אָבער מען האָט זיך ניט געקאָנט העלפן און זיך געגרייט צו דער חתונה. אין אָוונט פון דער חופה איז דער מחותן, דער בעל־עגלה, געקומען אַן אויסגעפוצ־טער אין „עסיק און אין האָניק", בעת דער רב איז געקומען אָנגעטאָן אין אַ פּראָסטער קאַפּאָטע און אין אַ פּאָר הויכע שטיוול.

גיט אים איינער פון די געסט אַ פרעג:

— רבי, סטייטש, צו אייער קינדס חתונה טראָגט איר אַזוינע גרויסע שטיוול?

— נו, — ענטפערט דער רב, — איר זעט דען ניט, אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין אַ בלאָטע?

נישט געהאַט קיין ברירה...

אַ רב פון אַ שטעטל איז נפטר געוואָרן. האָט זיך דער ראש הקהל אַרויסגעלאָזט איבער פּוילן און האָט געבראַכט עפּעס אַ היקעוואַטן ייד און אים געמאַכט פאַר רב.

פאַרשטייט זיך, אַז ס'שטעטל יידן האָבן זיך אויף דעם זייער געוואונדערט.

— וואָס איז אייך, ר' נפתלי, עפּעס איינגעפאַלן אַ „שמע קולנו" צו ברענגען אַ היקעוואַטן רב? — האָט דער עולם געוואָלט וויסן.

— איך האָב נישט געהאַט קיין ברירה — האָט דער ראש הקהל געענטפערט — קיין שטומען האָב איך ניט געקאָנט געפינען.

ניט מיט אַ פערד

אַ רב איז געפאָרן מיט אַ בעל־עגלה פון ווילנע נאָך ווילקאָמיר. אַז עס איז געקומען באַרג אַרויף איז דער רב אַרונטער פון וואָגן און געגאַנגען צופוס, אפילו ווען דאָס בערגל איז געווען קלענער. זאָגט דער בעל־עגלה:

— רבי לעבן, אַז דאָס בערגל איז קליין דאַרפט איר ניט אַרונטער, איר קענט זיצן אין וואָגן.

— ניין — האָט דער רב געענטפערט. — אויף יענער וועלט, אַז מ'וועט מיך פרעגן צי איך האָב עובר געווען אויף „צער בעלי חיים", וועל איך זיך דאָך דאַרפן אויסטענהן מיט אַ פערד. און מיט אַ פערד וויל איך קיין דין תורה ניט האָבן...

אויף דער לינקער זייט

ווען דער רב איז פרייטיק אוועק אין מרחץ אריין לכבוד שבת, האָט די רביצין אים מיטגעגעבן אַ פריש העמד איבער־צוטאָן זיך. ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט זי דערזען, אַז ער האָט אָנגעטאָן דאָס העמד אויף דער לינקער זייט. האָט זי זיך צו אים אָפּגערופן:

— שלים־מזל, וואָס דו ביסט! אַ מענטש אין דיינע יאָרן וואָלט שוין געמעגט וויסן, אַז אַ העמד דאַרף מען איבערקערן.

אין אַ וואָך אַרום, פרייטיק, האָט שוין די רביצין אַליין איבערגעקערט דאָס העמד פריער, כדי צו באַוואָרענען, אַז דער רב זאָל שוין אָנטאָן דאָס העמד ריכטיק. דער רב, אָבער, האָט אין באָד זיך דערמאָנט דעם פסק, וואָס ער האָט געכאַפּט פון דער רביצין אַ פרייטיק פריער און האָט איצט איבערגעקערט דאָס העמד אויף דער אַנדערער זייט. און ווען זיין ווייב האָט אין דער היים ווידער דערזען, ווי ער טראָגט דאָס העמד אויף דער לינקער זייט, איז זי דאָך אים ווידער באַפאַלן — האָט דער רב רואיק אַ מאַך געטאָן:

— אַ מאָדנע זאַך! אי דו האָסט איבערגעקערט, אי איך האָב איבערגעקערט און ס'איז אַלץ נאָך אויף דער לינקער זייט!...

כשרע עדות

אַ פרומער סוחר איז אַמאָל געבליבן שטעקן אין אַ קליין שטעטל אויף שבת און אַזוי ווי ער האָט צוליב דער קדושה פון שבת ניט געוואָלט טראָגן מיט זיך קיין געלט, איז ער פרייטיק אַוועק צום רב און האָט אים געבעטן צו האַלטן פאַר אים זיינע 15 הונדערט רובל ביז איבער שבת. דער רב ווידער, דערזעענדיק פאַר זיך אַזאַ סומע, האָט ער ניט געוואָלט נעמען, טאָמער וועט אים דער יצר־הרע אָנרעדן עס צו האַלטן פאַר זיך. האָט ער דעם סוחר געהייסן ברענגען דריי שיינע באַלע־באַטים זיי זאָלן זיין עדות, אַז דער ייד האָט אים געגעבן צו באַהאַלטן דאָס געלט.

ווען ס'איז געקומען שבת־נאָכט און דער סוחר האָט ביים

רב צוריק געמאָנט דאָס געלט, האָט דער רב געלייקנט: ער האָט קיין געלט ניט גענומען, ער ווייסט גאָרניט. ווען די דריי באַלעבאַטים זיינען געקומען, האָבן זיי ניט געהאַט די העזה צו זאָגן דעם רב אין די אויגן, אַז ער האָט יאָ גענומען דאָס געלט. אַ פאַרביטערטער האָט זיך דער סוחר געלאָזט אַוועקגיין. ווען ער איז שוין געווען ביי דער טיר האָט דער רב אים שטילערהייט אומגעקערט דאָס געלט און באַמערקט דערביי, אַז ער האָט אים בכוונה פאַרלייקנט דאָס געלט, ווייל ער האָט אים געוואָלט ווייזן, ווער זיינע „שיינע" באַלעבאַטים זיינען...

אַ רב און אַ ראַביי

אַ ייד פון לאָנג-איילענד רופט אָפּ זיין רב און פרעגט אים אַ שאלה אויפן טעלעפאָן צי מען דאַרף אין „סאַנט פעטריקס דעי" זאָגן יעלה-ויבוא?

— וואָס אַזעלכעס איז „סאַנט פעטריקס דעי"? — פרעגט אים צוריק דער רב.

טראַכט דער ייד, אַז דער רב איז אַן אַלט-מאָדישער, שטאַמט פון יענער זייט ים און דעריבער קאָן ער אים ניט העלפן. ער וועט אָפּרופן דעם ראַביי פון דעם רעפאָרם-טעמפּל. ער איז דאָך אַן אַמעריקאַנער, ער וועט וויסן. ער רופט טאַקע אָפּ דעם ראַביי און פרעגט אים די זעלבע פראַגע:

— וואָס איז „יעלה ויבוא"? — ענטפערט צוריק דער ראַביי...

די גבאים און דער רב

אין אַ שטעטל אין דייטשלאַנד איז אַ פּוילישער ייד געקומען צו די גבאים פון דער קהלה און דערציילט זיי, אַז זייער ראַבינער פאָרט אום שבת...

— אויב אַזוי, — האָבן די גבאים געענטפערט — איז ער דאָך געוואָרן אַ גרעסערער בעל-הוצאה, דאַרף מען טאַקע העכערן זיינע שכירות...

ס׳האָט געקאָנט זיין ערגער

אַ רב איז געקומען פון פילאַדעלפיע קיין ניו־יאָרק פאַר אַ פראָבע כדי אָנצונעמען אַ נייע שטעלע. ווען ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט האַלטן די דרשה, האָט ער גערעדט אַנדערט־האַלבן שעה. גיט אים דער פרעזידענט פון דער שול אַ פרעג:

— רבי, פאַרוואָס האָט איר אַזוי לאַנג געדאַרפט האַלטן דעם עולם?

— פשוט, כ׳בין געפאָרן פון פילאַדעלפיע קיין ניו־יאָרק האָט מיר גענומען אַ שעה און אַ האַלב און כ׳האָב געשריבן די רעדע...

— אַ נס — ענטפערט אים דער פרעזידענט — וואָס איר זענט ניט געפאָרן אַהער פון שיקאַגאָ...

ער טויג ניט פאַר זיי

די באַלעבאַטים פון אַ שטעטל אין אַמעריקע האָבן געטראָפן זייער ניי־אָנגעשטעלטן רב ביים זיצן און לערנען.

די באַלעבאַטים האָבן דאַן געמאַכט דעם רב אַ סקאַנדאַל:

— גייט געזונטערהייט, רב, און זוכט אייך אַ נייע שטעלע ערגעץ אַנדערש.

— פאַרוואָס, אַשטייגער, טויג איך נישט פאַר אייך? — האָט דער רב אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט.

— ווייל מיר דאַרפן האָבן אַ רב, וואָס קען שוין, און איר, ווערליק ווי מיר זענען, לערנט ערשט איצט.

ער ווערט רעדעוודיק

אַ שול האָט אַמאָל אויפגענומען אַ נייעם רב. האָט דעם ערשטן שבת זיין דרשה געדויערט אַ האַלבע שעה; דעם צווייטן שבת האָט ער שוין גערעדט 40 מינוט. ווען ס׳איז געקומען דער דריטער שבת, האָט ער שוין מיט זיין רעדן געהאַלטן דעם עולם גאַנצע צוויי שעה. אַז דער גבאי האָט דעם רב דערנאָך געפרעגט: „פאַרוואָס אַזאַ אונטערשייד פון צייט אין די דריי שבתים?״ האָט דער רב געענטפערט:

— פאַרשטייט איר מיך: דעם ערשטן שבת האָב איך אָנגעטאָן נייע ציין, איז מיר שווער געווען צו רעדן אַ סך; דעם צווייטן שבת, איז שוין אַביסל גרינגער. נאָר דעם דריטן שבת האָב איך, על פי טעות, אָנגעטאָן די ציין פון מיין שוויגער, איז מיר פשוט שווער געווען אָפּצושטעלן זיך...

אַ רב דאַרף זיין אַן עניו

איין ייד פרעגט דעם צווייטן:

— מיר איז אַ גרויסער חידוש, פאַרוואָס זיינען די אָרטאָ־דאָקסישע שולן זיך נוהג צו צאָלן זייערע רבנים דעם קלענסטן געהאַלט? עס וואָלט דאָך געדאַרפט זיין פאַרקערט, ווייל די אָרטאָדאָקסישע יידן דאַרפן ויסן ווי אָפּצושאַצן די גרויסקייט און געלערנטקייט פון אַ רב?

ענטפערט דער צווייטער:

— פאַרשטייסטו מיך, אָרטאָדאָקסישע יידן ווייסן אויך ווי אָפּצושאַצן די גרויסע מעלה פון ענוות ביי אַ רב, און אַזוי ווי רייכטום ברענגט מיט זיך גאווה, ווילן זיי, אַז זייער רב זאָל בלייבן דער אמתער עניו...

ואכלת ושבעת...

אויף אַ באַנקעט פון אַ יידישער אינסטיטוציע האָבן זיך געפונען אי אַן אָרטאָדאָקסישער רב, אי אַ מאָדערנער ראַבאַי. גלייך נאָכן עסן האָט זיך דער ראַבאַי אויפגעהויבן און האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין. אַ ייד, וואָס איז געזעסן נעבן אים, גיט אים אַ פרעג:

— רבי, סטייטש? וואו איז בענטשן? עס שטייט דאָך „ואכלת ושבעת וברכת"!

— פאַרשטייט איר מיך — ענטפערט דער ראַבאַי — ביי אונדז ליגט זיך אוים דאָס דריטע וואָרט מיט אַ חית: „וברחת", וואָס מיינט, אַז גלייך נאָכן אָפּעסן, זאָלסטו אַנטלויפן...

אַ גערעכטע טענה

אַ רב האָט זיך אַמאָל אָפּגעזאָגט פון זיין רבנות אין אַ קליין שטעטל צוליב דער מחלוקת מיט די באַלעבאַטים. ווען דער רב האָט שוין געדאַרפט אַוועקפאָרן, איז כמעט אַ האַלב שטעטל מיט יידן אַרויסגעגאַנגען אים באַגלייטן צופוס צוליב זיין כבוד וועגן. אין מיטן וועג האָט דער רב עטלעכע מאָל צו זיי זיך אָפּגערופן: „גייט שוין צוריק אַהיים און זייט זיך ניט אַזוי פיל מטריח", אָבער זיי זיינען אַלץ מיטגעגאַנגען; צולעצט רופט ער זיך אָפּ צו זיי:

— אַ מאָדנע זאַך מיט אייך; איך האָב אייך שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, איר זאָלט זיך אומקערן, אָבער איר האָט עס מיר אפילו קיין איין מאָל ניט געזאָגט...

אַ רב׳ס אַ חכמה

אַ מחבר איז אַמאָל געקומען צו אַ רב אין דער ליטע און האָט ביי אים געבעטן צו געבן אים אַ הסכמה אויף זיין חיבור. דער רב, וועמען ניט דער מחבר און ניט זיין ספר איז געווען געפעלן, האָט זיך געקווענקלט. דער מחבר איז אָבער צו אים צוגעשטאַנען מיט טענות, אַז ער איז אַ ייד, אַן אָרימאַן, און ער מוז דאָס האָבן צו זיין פרנסה. האָט שוין דער רב אָנגעשריבן זיין הסכמה, נאָר צום סוף, ווען ער האָט געדאַרפט אונטערשרייבן זיין נאָמען, האָט ער דורכגעלאָזט עטלעכע שורות און ערשט דערנאָך זיך געחתמעט.

ווען דער מחבר איז שוין אַוועקגעגאַנגען, האָט דעם רב׳ס תלמיד געפרעגט דעם רב:

רבי, וואָס איז דער שכל, וואָס איר האָט זיך געחתמעט אַזוי ווייט אונטער דער הסכמה?

— ווייל, זון מיינער — ענטפערט דער רב — אין דער תורה ווערט געזאָגט בפירוש: „מדבר שקר תרחק" (פון אַ ליגן מוז מען זיך דערווייטערן).

דעם רב׳ס אַ סברא

מ׳האָט אַמאָל דעם זקן הרבנים, הרב לעווענטאַל פון פילאַ־דעלפיע, געפרעגט פאַרוואָס ס׳איז געוואָרן אַ מנהג, אין די אַמעריקאַנער שולן, אַז שבת, 11 אַזייגער פאַרמיטאָג, איז שוין נאָכן דאַווגען? — האָט דער רב געענטפערט: אַז אַזוי ווי דאָס רוב יידישע באַלעבאַטים אין אַמעריקע האָבן פיל שפע און פרנסה, איז ווען אַזאַ ייד גייט אין שול אַריין, טוט ער דאָך דערמיט דעם רב און דעם חזן אַ גמילת־חסד, און עס איז אַ באַוואוסטע זאַך, אַז אַ גמילת־חסד טאָר מען לאַנג ניט האַלטן.

אַלץ הייסט פאַרלירן

אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געענדיקט אויף רב אין ישיבה קאַלעדזש, האָט באַקומען אַ שטעלע אין אַ קליינער אָרטאָ־דאָקסישער שול. די באַלעבאַטים זיינען פון אים געווען צופרידן, אָבער קיין לעבן האָט ער ניט געקענט מאַכן. דערוויל האָט פאַסירט, אַז אין אַ רעפאָרם־טעמפל איז געשטאָרבן דער ראַבאַי, האָבן די באַאַמטע פונם טעמפל אויפגענומען דעם יונגן רב ווי זייער ראַבאַי. אין אַ צייט אַרום האָט גראָד איינער פון די באַלעבאַטים פון דער קליינער שול באַזוכט דעם טעמפל און געזען ווי זייער אַמאַליקער רב גייט אָן אַ היטל. פרעגט ער אים:

— זאָגט מיר נאָר, וואו איז אַהינגעקומען אייער יאַרמולקע?

— פאַרשטייט איר מיך, — מאַכט דער ראַבאַי — דאָ האָב איך נאָר פאַרלוירן מיין יאַרמולקע; ביי אייך האָב איך, אָבער, שיער ניט פאַרלוירן די הויזן...

האַלבע אַרבעט

אַ תלמיד פרעגט אַמאָל זיין רבין פון וואַנען עס נעמט זיך דאָס ווערטל: „פאַר אַ נאַר טאָר מען קיין האַלבע אַרבעט ניט ווייזן".

ענטפערט דער רבי:

— טאַקע פון אַ פּסוק אין תהלים. אַט, למשל, קומט צו מיר אַנומלט אַ ייִד און פרעגט מיך: סטייטש, ווי קומט עס, וואָס דוד המלך שרייבט אין תהלים „ד׳ את כל אוהביו ואת כל הרשעים ישמיד״ — אַז גאָט וועט פאַרטיליקן אַלע זיינע ליב־האָבער און אַלע רשעים?... אַ צווייטער ייִד, ווידער, איז צו מיר געקומען מיט אַ טענה: סטייטש, ווי קומט דוד המלך צו שרייבן: „שומר ד׳ את כל אוהביו ואת כל הרשעים״? — אַז גאָט היט אָפּ אי אַלע זיינע ליבהאָבער, אי אַלע רשעים? איז אָבער דער אמת, אַז דער ערשטער ייִד האָט ניט געזען דעם גאַנצן פּסוק: ער האָט פאַרפעלט דעם „שומר״, און דער צווייטער ייִד האָט ניט געזען דעם „ישמיד״. איז דערפון גע־דרונגען, אַז פאַר אַ נאַר טאָר מען ניט ווייזן קיין האַלבע אַרבעט.

אַז מען פאָדערט געלד

אַמאָל בין איך שבועות געווען אין הרב שוק׳ס שול. דער רב האָט גערעדט אַ שעה צייט איבער פאַרשיידענע זאַכן אין שייכות מיט ייִדנטום און ייִדישקייט. ער האָט באַרירט אַזעלכע פראַגן ווי שמירת שבת, כשרות, טהרת המשפּחה, תּלמוד־תּורה, ייִדישע דערציאונג א. אַז. וו. צום סוף האָט ער, ווי דער מנהג איז, געמאַכט אַן אַפּיל, מען זאָל שטיצן די שול און די תּלמוד־תּורה.

איינעם אַ ייִד, וואָס האָט געדאַוונט אין דער שול און איז אַהיימגעגאַנגען, האָט באַגעגנט זיינער אַ פריינט און אים געפרעגט וועגן וואָס דער רב האָט היינט געדרשנט; האָט דער ייִד אים דערציילט, אַז דער רב האָט אַפּעלירט מ׳זאָל געבן געלט.

אַז מ׳האָט דערנאָך דעם רב דערציילט וועגן דעם, האָט ער געזאָגט: „איצט פאַרשטיי איך שוין דעם פּסוק „כי דורש דמים אותם זכר״ — אַז דער רב האָט געמאַכט אַן אַפּיל פאַר געלט, דאָס געדענקט מען, אָבער וואָס דער רב האָט גערעדט וועגן אַנדערע וויכטיקע זאַכן — דאָס פאַרגעסן זיי...״

דער „קריפּל"

— הערט נאָר, ר׳ נח, ווי קומט עס, וואָס אייער שול האָט היי־יאָר אָנגעשטעלט אַ קריפּל פאַר אַ חזן?

— וואָס רעדסטו פאַראַ נאַרישקייטן? אונדזער חזן איז אַ געזונטער אויף אַלע אברים, הלואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן.

— איר האָט מיך ניט פאַרשטאַנען. איך מיין אַ חזן — אַ קאַליקע, וואָס הינקט נעבעך אויף דער עברי.

דער חזן קאָן ניט דאַווענען

אַ חזן האָט אין שול געדאַוונט שבת אויף פּראָבע, און ווען ער האָט נאָך געהאַלטן אין זינגען די ערשטע תפילה, איז צווישן עולם געוואָרן אַ גרויסער געטומל. שטעלט זיך אויף דער גבאי אויף דער בימה און קלאַפּט אויפן שולחן:

— שאַ, שטיל זאָל זיין! דער חזן קאָן ניט דאַווענען.

— וואָסזשע? — שרייט איינער פונם עולם — איר דאַרפט עס אונדז ערשט דערציילן? מיר ווייסן שוין אַליין, אַז ער קען ניט...

אַ האַרבע שאלה

אין אַ שטעטל אין אַמעריקע, וואו ס׳איז געווען אַ קליינע יידישע קהילה, האָט זיך באַזעצט אַ יונגער ייד, וואָס האָט געהאַט אַ גוטע שטים צום זינגען. האָט די קהילה אים געמאַכט פאַר אַ חזן. דערווייל האָט ער זיך צוביסלעך ביי אַ שוחט אין אַ דערבייאיקער שטאָט אויך אויסגעלערנט שחיטות, אַזוי אַז די באַלעבאַטים פון דער קהילה האָבן אים שוין געקרוינט מיטן נאָמען רב. איינמאָל אַ פּרייטיק־צונאַכטס צו קבלת שבת אין שול, האָט דער פּרעזידענט פון דער שול אים אַ פרעג געטאָן, וואָס פאַראַ סדרה מ׳וועט מאָרגן לייענען אין דער תורה. האָט דער „רב" געענטפערט:

— איך בין טאַקע ביי אייך אַ רב, אַ חזן און אַ שוחט, אָבער קיין נביא בין איך ניט...

ממה נפשך

קשיא: פאַרוואָס נעמט מען אויף אַ מלמד נאָר אויף זעקס חדשים און ניט אויף אַ גאַנץ יאָר?

תירוץ: ממה נפשך: איז דער מלמד אַ מענטש מיט יושר, וואָס טוט זיין מלאכה ווי ס׳געהערט צו זיין, מוז ער דאָך בדרך הטבע באַקומען אַ לונגען־פעלער און שטאַרבן לכל היותר אין זעקס חדשים. בלייבט ער אָבער לעבן נאָך דעם „זמן", זעט מען דאָך באַשיינפערלעך, אַז ער גענאַרט און מען מוז זוכן אַן אַנדערן אויף זיין אָרט.

זיצן און שלאָפן

אין פאַרבינדונג מיט דער דיסקוסיע, וואָס איז לעצטנס אָנגעגאַנגען אין די יידישע צייטונגען וועגן דעם, וואָס אין געוויסע אָרטאָדאָקסישע שולן האָבן אייניקע מיטגלידער גע־וואָלט איינפירן, אַז די פרויען זאָלן זיצן צוזאַמען מיט די מענער, האָב איך זיך געווענדט צום רב פון אַן אָרטאָדאָקסישער שול מיט דער פראַגע: „פאַרוואָס טאַקע ניט? און ווי שיין ס׳איז אין די קאָנסערוואַטיווע שולן, וואו דער אָרגעל שפּילט און מענער און פרויען זיצן צוזאַמען און דינען דעם באַשעפער!"
האָט דער רב געענטפערט: „אַז פרויען און מענער זאָלן זיצן און דאַווענען צוזאַמען, וואָלט טאַקע ניט אויסגעמאַכט. נאָר מיר האָבן מורא, אַז ווען דער רב וועט האַלטן זיין פאַר־מוסף׳דיקע דרשה און דער עולם וועט איינשלאָפן, זעט איר, אַז מענער און פרויען זאָלן זיצן און שלאָפן אין שול צוזאַמען, דאָס איז ניט אַזוי שיין"...

די דריי „אנכי״ס"

דריי טענות טענה׳ט אַ מלמד און אַלע דריי לאָזן זיך אויס מיט דעם וואָרט „אנכי":

תחלת זמן, ווען ער גייט אַרום זוכן תלמידים, זאָגט ער: „הבה לי בנים ואם אין מת אנכי" — גיב מיר קינדער און ווען ניט, בין איך טויט.

אין דער מיט זמן, ווען די טאַטעס זשאַלעווען זיך פאַר אים, אַז די קינדער זיינען „וואויטקעס", טענהט ער: „התחת אלקים אנכי" — בין איך דען אויף דעם אָרט פון גאָט?

ווען דער זמן ענדיקט זיך און בעלי־בתים ווילן ניט באַצאָלן דאָס מלמדות־געלט, שרייט ער: „אם כן למה זה אנכי" — אַז דאָס צער פונעם טראָגן איז יאָ אַזוי גרויס, צו וואָס לעב איך אויף דער וועלט?

שרייט אויף די ציין

אַ חזן איז נאָך שבועות געקומען אין אַ שול אויף פּראָבע אָנצונעמען אַ שטעלע אויף ימים־נוראים. די באַאַמטע האָבן זיך אויסגעזעצט, גענומען דעם חזן אויף אַ פאַרהער, און נאָכדעם ווי זיין שטימע איז זיי געפעלן געוואָרן, האָבן זיי אים אָנגעהויבן צו באַטראַכטן פון קאָפּ ביז די פיס.

רופט זיך אָפּ דער פּרעזידענט: „עס איז דאָך אַ חילול־השם! וואָס הייסט מיר ווען אָנשטעלן אַ חזן אַ גלוח, אָן אַ באָרד? אין דער הייליקער תפילה פון „הנני העני ממעש" שטייט דאָך בפירוש: „ופרקו נאה וזקנו מגודל".

ענטפערט אויף דעם דער חזן: „יידן, וואָס מאַכט איר אַזאַ רעש? בין איך דען געבוירן געוואָרן מיט אַ באָרד?"

שרייט אוים דער פּרעזידענט: „נו, אָט זייט איר געבוירן געוואָרן אָן ציין און פון דעסטוועגן טראָגט איר זיי אין מויל".

— אויב אַזוי, — ענטפערט דער חזן, — שרייטזשע אויף די ציין, וואָסזשע שרייט איר אויף די באָרד?...

דער טייטש פון „אם"

אַ דרדקי־מלמד אין גאַליציע לערנט חומש מיט זיין תלמיד זלמן „גוי" און פרעגט אים, וואָס איז טייטש „אם". דער „גוי" ווייסט ניט; ער האָט שוין פאַרגעסן.

דער רבי וויל אים אונטערהעלפן זיך דערמאָנען און זאָגט: אם, אַ מי... (אַ מיטער).

— אם — אַ מיל — ענדיקט זלמן דאָס אָנגעהויבענע וואָרט.

— נישט אַ מיל — זאָגט דער מלמד מיט אַ ניגון — נאָר אם אַ מי...

— אם, אַ מילגרוים — זאָגט דער תלמיד אויס.

— נישט אַ מיל און נישט אַ מילגרוים, — זינגט ר׳ שלמה נחום, — נייערט אם איז אַזאַ מין זאַך, וואָס מיין ווייב איז און מיין אויסגעגעבענע טאָכטער האָדעל אויך. זאָג־זשע ייִנגע־לע אַצינד מיט חשק, אם אַ מי...

— איצט ווייס איך שוין, — זינגט זלמן מיט דעם זעלבן ניגון, — „אם, אַ משלחת״.

זיין טעות, נעבעך...

נאָך דעם, ווי דער חזן אויף פּראָבע האָט אין אַ שבת פון ראש־חודש־בענטשן אָפּגעדאַוונט אין שול, האָט דער פּרעזידענט איינגעלאַדן דעם חזן, דעם גבאי און נאָך עטלעכע באַלעבאַטים אין אַ באַזונדער צימער אין דער שול־געביידע, געשטעלט פאַר זיי כיבוד, וואָס דעם פּרעזידענטס ווייב האָט צוגעגרייט. אַרויס־גייענדיק דערנאָך פון דאָרט אויפן וועג אַהיים, האָט דער חזן געהערט, ווי דער גבאי האָט געזאָגט צום פּרעזידענט מיט באַגייסטערונג:

— ס׳איז געווען אַ מחיה! ממש טעם גן־עדן!

— וואָס איז אייך אַזוי שטאַרק געפעלן? — פרעגט דער חזן, וועלכער איז אַלץ געווען אונטער דעם איינדרוק פון זיין דאַוונען — מיין „קדושה״ צי מיין „יהי רצון״?

— כ׳רעד ניט פון דעם, חזן לעבן — ענטפערט דער גבאי — איך מיין די פיש, וואָס דעם פּרעזידענטס פרוי האָט געגעבן צום לעקאַך און בראָנפן.

וקברתני — איך וועל אייך באַגראָבן

לערנענדיק מיט זיין תלמיד פּרשת „ויחי״, קומט דער דאָרפס־מלמד צו דעם וואָרט „וקברתני״. ער זאָגט דעם גע־ווינלעכן טייטש („און דו וועסט מיך באַגראָבן״) און הייסט דעם תלמיד נאָכזאָגן.

— וקברתני, און איך וועל אייך באַגראָבן — זינגט דאָס יינגל.

— נישט „און איך וועל אייך באַגראָבן”, נאָר „און דו וועסט מיך באַגראָבן” — בעסערט דער מלמד אוים.

— וקברתני, און איך וועל אייך באַגראָבן — חזרט לייבקע איבער דעם פאַלשן טייטש.

דער מלמד קומט אין כעס און שרייט:

— כאַמסקע לעפּ! וויפל מאָל מוז איך מיט דיר קנעלן: וקברתני, און דו וועסט מיך באַגראָבן.

אָבער דער תלמיד ווערט פונעם רבינס צאָרן נישט נתפּעל און זאָגט רואיק:

— איך פאַרשטיי אייך נישט, רבי. לא די וואָס איך אירץ אייך, כאָטש איר זענט אַ בחור, שרייט איר נאָך?

וילך — ער איז גע־גאַנ־גען

אַ מלמד לערנט מיט די תלמידים דעם פּסוק „ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה”. ער וויל פאַרטייטשן, אָבער ראובעלע מקשן איז, ווי זיין שטייגער איז געווען, פלוצים געגעבן אַ פּאָר אַריין אין דער מיט:

— איין זאַך פאַרשטיי איך נישט, רבי. פון באר שבע קיין חרן איז דאָך בלי שום ספק אַ מהלך רב; און חוץ מזה איז דאָך ידוע, אַז אין ארץ־ישראל הערשן פון תמיד אַן שרעק־לעכע היצן, אַזוי אַז מיר קענען רעכענען, אַז יעקב׳ס נסיעה האָט געדויערט, לאָמיר נישט זאָגן קיין סך, אַנדערטהאַלבן חדשים. היינט־זשע ווי אַזוי קומט דאָס, אַז דער פּסוק זאָל באַשרייבן אַזאַ לאַנגע און שווערע נסיעה אַזוי קורץ, בסך הכל מיט זעקס ווערטער: ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה?

— ביזט אַ טפש! — פאַרענטפערט דער מלמד די קשיא — דער פּשט איז נישט ווי דו מיינסט: ויצא יעקב מבאר שבע וילך חרנה — און יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באר שבע און איז געגאַנגען קיין חרן, דאָס הייסט נישט: ער איז געגעבן אַ גיי־אַרויס, אַ גיי און אַ קום; נאָר דער פּשט איז אַזוי: ויצא יעקב מבאר שבע — „און” (ער הייבט פלוצים אָן פּאַוואָלע

צו רעדן) „יע־קב איז אַ־רוים־גע־גאַנ־גען פון באר ש־בע, ו־יי־לך, און איז גע־גאַנ־גען און גע־גאַנ־גען און גע־גאַנ־גען חרנה — ביז ער איז געקומען קיין חרן״.

זי טרייסט אים

אַן עלטערער חזן קומט איינמאָל אַהיים פון זיין שול און זאָגט צו זיין ווייב:

— אוי, שלעכט, פייגע לאה, כ׳האָב געהערט איינעם זאָגן, אַז איך בין שוין אויסגעשפּילט. ס׳הייסט, אַז מיין שטימע איז שוין אַוועק און מ׳איז שוין ניט צופרידן מיט מיין דאַוונען.

— פון וועמען האָסטו דאָס געהערט? — האָט פייגע לאה געפרעגט.

— בענציע דער קצב האָט עס געזאָגט.

— גיי שוין, נאַרעלע! — רופט זיך אָפּ דאָס ווייב צום חזן — מאַלע וואָס ער באַלעבאָטשעט, ער איז דען אַ מבין ער האָט געהערט וואָס אַנדערע רעדן, רעדט ער נאָך...

די העכסטע מדרגה

אַ טאָג נאָך חנוכה זיצט דער מלמד מיט די תלמידים אין חדר. מען שמועסט פון די גרויסע צדיקים און פון די פאַרשידענע מדרגות, וואָס זיי האָבן דערגרייכט.

— נאָך גרעסער פון די תנאים — ענדיקט דער רבי דעם ענין — זיינען געווען די נביאים, אָבער דער גרעסטער פון אַלע צדיקים איז געווען משה רבנו, וואָס האָט גערעדט מיט דער שכינה פּנים אל פּנים. דאָס איז טאַקע שוין דאָס העכסטע, וואָס אַ בשר ודם קאָן דערגרייכן.

בשעת מעשה האָט אָבער איינער פון די תלמידים, אַ יינגל וואָס האָט גאַנץ חנוכה זיך עוסק געווען אין שפּילן קאָרטן, געכאַפּט אַ דרימל אויף אַ מינוט. דער מלמד האָט גראָד אַהינגעקוקט און געזען דעם בחור מיט די צוגעמאַכטע אויגן און ער האָט געוואָלט וויסן, צי דער תלמיד שלאָפט טאַקע באמת.

— זאָג נאָר, שלמהלע, וואָס איז דאָס העכסטע וואָס אַ בשר ודם קאָן דערגרייכן?

דאָס יינגל גיט אַ מאַך אויף די אויגן, טוט אַ טרעסע מיטן קאָפּ און שרייט מיט אַ קול:

— פיר טייז!

אַ רבֿ׳ס טרייסט

אַ רבֿ פון אַ קליין שטעטל איז געקומען קיין קאָוונע. איז ער געגאַנגען זיך זען מיטן מרא דאתרא, דעם באַרימטן גאון און צדיק ר׳ יצחק אלחנן.

אָפּגעבנדיק אים שלום, פרעגט אים דער גרויסער גאון:

— וואָס טוט איר און ווי גייט עס אייך?

— איכ׳ל אייך זאָגן — ענטפערט דער רבֿ — מיט פרנסה קום איך נאָך ווי עס איז דורך, אָבער איך האָב ביי מיר אין שטעטל זייער אַ סך שונאים.

— נו! — וויל ר׳ יצחק אלחנן אים טרייסטן — מה־דאָך איר, אין אַ קליין שטעטל, האָט אַזוי פיל שונאים, היינט וויפל שונאים האָב איך שוין אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי קאָוונע?

דער רבֿ און די רביצין

מען דערציילט, אַז צו אַן אַמאָליקן רבֿ אין האָראָדענקאָ האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן זיין ווייב:

— הער נאָר, וויפל איז דער שיעור, אַז מיר זאָלן אַזוי לעבן אין נויט און דחקות? ס׳איז שוין, דאַכט זיך, צייט, זאָלסט בעטן אַ הוספה.

— גיי שוין גיי — ענטפערט דער רבֿ — ווי קען איך פאַרלאַנגען אַ הוספה אין אַזאַ קליין שטעטל, וואו די באַלע־באַטים זיינען אַזוינע קבצנים...

— יאָ — מאַכט די רביצין — דו, לויט דיין לומדות, מוזטו טאַקע זיין אַ רבֿ אין האָראָדענקאָ, אָבער איך האָב דאָך געקענט זיין אַ רביצין אין לעמבערג אָדער אין קראָקע...

אַ רב און אַ חזן

— רבי, — איז איינער פון די חשובי העיר אַמאָל גע־קומען צום רב פון שטאָט מיט אַ טענה — ס'איז אַן עוולה פון אייער זייט, וואָס איר חנפ'עט די גבירים...

— איך טו, ווי דער דין איז — האָט דער רב געענטפערט — ס'שטייט בפירוש געשריבן, אַז אַ ש"ץ (-שליח-ציבור, אַ חזן) דאַרף זיך חנפ'ענען צו קהל.

— דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן אַ ש"ץ, אָבער ניט וועגן אַ מ"ץ (-מורה-צדק, אַ רב) — ענטפערט ער דעם רב.

— איר דאַרפט פאַרשטיין, אַז אַ חזן האָט מען געדאַרפט בפירוש אָנזאָגן, איר ווייסט דאָך, חזנים זענען ניט צו־קלוג, דעם רב אָבער מוז מען ניט אויסדריקלעך זאָגן, ס'איז דאָ אויף וועמען צו פאַרלאָזן, ער ווייסט אַליין וואָס צו טאָן.

אַ ריכטיקער סימן

— ווען איך דאַוון אַמאָל אין אַ פרעמדער שול — דערציילט איין ייד דעם צווייטן — קאָן איך דערקענען צי דער רב פון דער שול לעבט גוט מיט זיינע באַלעבאַטים, אָדער ניט.

— ווי אַזוי, למשל?

— אויב דער רב איז אין כעס אויף זיין קהילה, איז ווען ער דאַרף אָנהויבן אויפן קול ענדיקן די קריאת־שמע, הויבט ער אָן „וחרה אף ד'" — און עס וועט ברענען גאָטס צאָרן; אויב אָבער ער איז גוט מיט די באַלעבאַטים, הויבט ער אָן מיט „למען ירבו ימיכם" — כדי איר זאָלט האָבן לאַנגע יאָרן...

דער גרעסטער יחסן

עס זיינען אַמאָל געווען צוויי ברידער, איינער אַ רב און דער צווייטער אַ בעדער. האָט זיך דער רב געהאַלטן זייער שטאָלץ און זיך געשעמט מיטן ברודער, דעם בעדער. רופט זיך איינמאָל אָן דער בעדער צו זיין ברודער, דעם רב:

— הער נאַר, וואָס האַלסטו זיך עפּעס אַזוי גרויס קעגן מיר? אַדרבה, איך דאַרף זיך גאָר האַלטן גרויס, ווייל איך האָב אַ ברודער אַ רב. אָבער דו, וואָס פאַרא יחסן ביסטו? דו האָסט דאָך אַ ברודער אַ בעדער!

אַ דין תורה מיט גאָט

אַ קאָוונער ייד איז אַמאָל געקומען קיין קעניגסבערג, דייטשלאַנד. גייט ער אַריין צום דאָרטיקן ראַבינער און זאָגט:

— הער ראַבינער, איך וויל פאַר אייך האָבן אַ דין תורה מיט גאָט. איך האָב צו אים וויכטיקע טענות.

— יאָוואָהל — מאַכט דער ראַבינער — אָבער מיין ליבער יודע, וואָרום קאָמען זי זאָ וויט צו מיר, ווען זי האַבען אין קאָוונאָ דען גראָסען ראַבי יצחק אלחנן?

— אמת — ענטפערט דער ייד — אָבער אונדזער רב האָט מורא פאַר גאָט, האָב איך מורא, אַז ער וועט האַלטן מיט אים, אָבער אַזוי ווי איר האָט פאַר גאָט קיין מורא ניט, וועט איר קאָנען מישפּטן ערלעך...

די גוטע עצה

אַ מלמד אין דער אַלטער היים איז געקומען צו אַן עלטערן יידן און האָט צו אים געזאָגט: „איך וויל ביי אייך פרעגן אַן עצה; אָט וועלן מיר באַלד האָבן פּסח, און איך האָב ניט קיין גראָשן אויף יום-טוב; וואָס טוט מען?” ענטפערט דער ייד: „איך מיין, אַז די בעסטע עצה פאַר דיר, איז, אַז דו זאָלסט פאַר׳משכונ׳ען די זילבערנע לייכטער, וועסטו האָבן גענוג געלט אַלץ איינצוקויפן אויף פּסח”. „יאָ, מאַכט דער מלמד, אָבער וואו נעם איך זילבערנע לייכטער, אַז כ׳האָב עס קיינמאָל ניט געהאַט?”

— זעסטו —זאָגט דער ייד — דאָס איז שוין פאַר מיר צופיל. האָסט פריער געבעטן אַן עצה, האָב איך דיר געגעבן. איצט בעטסטו שוין ביי מיר אַ צווייטע עצה, וואו דו זאָלסט נעמען זילבערנע לייכטער, מוזטו שוין פרעגן ביי עמיצן אַנדערש...

שוואַרץ אויף ווייס

אַ מלמד קומט אַמאָל אין אַ שטעטל אין אוקראַינע צונויפ־שטעלן זיך אַ חדר פאַרן זמן. נעמט ער זיך דינגען מיט די בעלי־בתים וועגן שכר־לימוד. רופט זיך אָן צו אים איינער פון די בעלי־בתים:

— גוט, מיר גיבן אייך וויפל איר פאַדערט, אָבער מיט דעם באַדינג, אַז איר מוזט פאַרמאַכן דאָס מויל פונם שטעטלדיקן אפיקורס, וואָס גלויבט ניט, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט.

— אַה, — מאַכט דער מלמד — דאָס איז ביי מיר אַ קליי־ניקייט. איך וועל אים זאָגן: „ניתי ספר ונחזה״, און וועל אים טאַקע גלייך ווייזן דעם חומש, וואו ס׳שטייט בפירוש: „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ״...

אַ קשיה פאַרענטפערט

אַ מלמד האָט אָנגעהויבן לערנען מיט די יינגלעך די גמרא „בבא קמא״, וואו די ווערטער „ארבעה אבות נזיקין״ זיינען געווען געדרוקט אין אַ קעסטעלע. האָט איין תלמיד געפרעגט דעם רבין:

— רבי, זיי האָבן זיך דאָך נאָך גאָרניט געקריגט, זיינען זיי שוין צע׳ניזוק׳ט געוואָרן?

— חכם איינער! — רופט זיך אָן אַ צווייטער תלמיד — ווען מען לייגט דיך אַריין אין אַזאַ קעסטעלע, וואָלסטו אויך צעשעדיקט געוואָרן...

פערד בלייבן פערד

אַ באַלעגאָלע האָט איינמאָל, פאָרנדיק פון אַ יאַריד, מיטגע־נומען אויף זיין וואָגן אַ מלמד, וואָס איז אַהיימגעפאָרן פון זיין קנעלונג. אַרויספאָרנדיק פון שטעטל זאָגט דער באַלעגאָלע צו זיין פאַרשוין:

— ר׳ ייד, אַזוי ווי איך בין זייער מיד, וויל איך זיך אַביסל צושפאַרן און כאַפּן אַ דרימל. נאָט אייך די בייטש, און אַז די

פערד וועלן זיך אפּשטעלן, זאָלט איר זיי אַ גוטן סטראַשע טאָן, וועלן זיי ווייטער גיין.

דער באַלעגאָלע איז באַלד איינגעשלאָפן און אין עטלעכע מינוט אַרום זיינען די פערד געבליבן שטיין. גיט דער מלמד אַ געשריי: „סוסים! רירט זיך פון אָרט, גייט! סוסים, אַ בער גייט!״ — די פערד רירן זיך ניט פון אָרט. אין אַ פּאָר שעה אַרום כאַפּט זיך אויף דער באַלעגאָלע און זעענדיק, אַז דער וואָגן איז נאָך אַלץ הינטער דעם שטעטל, פרעגט ער דעם מלמד:

— סטייטש, איך האָב דאָך אייך אָנגעזאָגט וואָס צו טאָן, אַז די פערד וועלן זיך אָפּשטעלן?

— יאָ, — ענטפערט דער מלמד, — איך האָב זיי טאַקע געסטראַשעט, נאָר זיי פאַרשטייען הפנים ניט קיין יידיש...

אַ גערעכטע טענה

ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ מלמד, וואָס האָט ניט פיינט געהאַט דעם ביטערן טראָפּן. איינמאָל אויף אַ חתונה, ווען מען האָט אים געוואָלט מכבד זיין מיט זאָגן די שבע ברכות, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דעם כבוד. אַז מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער וויל ניט, האָט ער געענטפערט:

— נאָך וואָס זאָל איך מאַכן זיבן ברכות איבער איין כוס און גאָרניט טרינקען, איז דאָך בעסער, אַז איך זאָל מאַכן איין ברכה איבער זיבן כוסות און אַלע אויסטרינקען...

ער וויל ניט גיין אין חדר

אַ פאָטער האָט אַמאָל, שבת נאָכן עסן, געשיקט זיין קליינעם זון אין חדר אַריין, ער זאָל לערנען פּרק. ווען דאָס ייִנגל איז אַריינגעקומען אין פאָרהויז פון חדר, האָט ער דערזען דעם רבינס ציג ליגנדיק אויפן דיל אויסגעצויגן אין אַ טיפן שלאָף. האָט דאָס ייִנגל געלערנט אַזאַ קל וחומר: „מה־דאָך די ציג, וואָס האָט קיין קוגל ניט געגעסן און קיין בראָנפן ניט גע־טרונקען, שלאָפט אַזוי געשמאַק, היינטזשע דער רבי, וואָס האָט

יאָ געגעסן קוגל און געטרונקען בראָנפן — שלאָפט ער דאָך אוודאי און אוודאי״. און דער קליינער למדן איז גלייך געלאָפן צוריק אהיים.

דער ריכטיקער טייטש

אַ מלמד האָט זיך געשטעלט דאַוונען און האָט געהייסן די קינדער אין דער צווישנצייט איינחזרן די פרשה חומש. עס איז גראָד געווען די סדרה „נח״ און ווען די קינדער זיינען גע־קומען צום וואָרט חלון, האָבן זיי געפרעגט דעם רבין, וואָס דאָס וואָרט מיינט. אַזוי ווי דער מלמד האָט געהאַלטן אינמיטן דאַוונען, האָט ער בלויז אַ ווייז געטאָן מיטן פינגער צום פענצטער. די קינדער קוקן צום פענצטער און דערזעען אין דרויסן אַ שיקסע. רופט זיך אָן איינער פון זיי: „איך ווייס שוין: חלון — אַ שיקסע...״

איך האָב יאָ און איר האָט ניט

אַ מלמד האָט געהאַלטן אין לערנען מיט די קינדער חומש. ווען עס איז געקומען צום וואָרט „אשה״ און די תלמידים זיינען געבליבן שטיין, ניט ווייסנדיק דעם טייטש, רופט זיך אָן צו זיי דער רבי:

— אשה מיינט דאָס, וואָס איך האָב יאָ, און איר האָט ניט.

— איך ווייס שוין! — שרייט אויס אַ יינגל — אַ פאַרך!...

צוליב וואָס דער רבי פּאַטשט

דער מלמד האָט געהייסן די יינגלעך אין חדר חזר׳ן דעם חומש און אַליין איז ער אַרויף אויפן בוידעם אויפהענגען דער רביצינס וועש.

די יינגלעך האָבן זיך דערווייל אָנגעשטויסן אויפן וואָרט „למעלה״ און ווייסן ניט דעם טייטש. גייט איינער פון זיי אַרויס אויפן הויף, שרייט אַרויף צום רבי׳ן און פרעגט אים וואָס איז דער טייטש פון „למעלה״.

— העכער — ענטפערט דער רבי פון אויבן.

דאָס ייִנגל האָט געמיינט, אַז דער רבי הערט נישט, שרייט ער אַרויף נאָכאַמאָל: וואָס מיינט עס „למעלה״?

— העכער — ענטפערט ווידער דער רבי.

דאָס ייִנגל איז געוועזן זיכער, אַז דער רבי הערט נאָך אַלץ ניט און האָט געשריגן אויף די העכסטע טענער.

— גיי צו אַלדי רוחות — האָט דער מלמד אַן אויפגעבראַגטער געענטפערט.

לויפט דאָס ייִנגל צוריק אין חדר און דערקלערט די ייִנגלעך דעם טייטש: „למעלה״ — גיי צו אַלדי רוחות...

ווען דער מלמד איז צוריק אַראָפּגעקומען אין חדר אַריין, האָבן די תלמידים אים דערקלערט דעם טייטש.

נעמט דער רבי און פּאַטשט זיי אַלע גוט אָן. די חברה צעוויינען זיך און איינער פון די תלמידים רופט זיך אָפּ צו אים:

— רבי, איך וויים, פאַרוואָס איר פּאַטשט אונדז. צו אַ רבי'ן דאַרף מען זאָגן — ניט גיי, נאָר גייט צו אַלדי רוחות...

זייגער און ווייזער

אַ מגיד, וואָס איז געקומען אין אַ שטעטל אויף שבת, האָט ביים האַלטן זיין דרשה פאַרגעסן ווען אויפצוהערן. דער גבאי, וועלכער האָט שוין פשוט ניט געקענט איינזיצן, האָט זיך אויפגעהויבן און צוגייענדיק צום בעל דרשן האָט ער אים איינגערוימט, אַז ס'איז שוין די צייט צו דאַווענען מעריב, און האָט אים דערביי אַ ווייז געטאָן זיין זייגער. דער מגיד האָט זיך אָבער ניט פאַרלוירן און האָט מיט זיין מגידישן ניגון ווייטער געזונגען:

— דער זייגער איז טאַקע אַ גוטער זייגער, אָבער דער „ווייזער״ טויג ניט...

אַז מען לעבט ניט...

אַ מגיד קומט אַמאָל אין אַ ייִדישער שטאָט און זעט ווי אַלע בתי־מדרשים זיינען פּוסט און קיינער לערנט ניט אין זיי. גייט ער צו צום גבאי און זאָגט:

— איך וויל בעטן ביי אייך אַ טובה, איר זאָלט מיך אָפּפירן

צו אייער בית-עולם, ווייל איך וויל באַזוכן די קברים פון רמב״ם, פון רבינו תם און פון דעם מהרש״א.

—וואָס רעדט איר? — שרייט אויס דער גבאי — אַט די גדולים האָבן דאָך ביי אונדז קיינמאָל ניט געלעבט.

— טאַקע דאָס מיין איך — ענטפערט דער מגיד — ביי אייך אין שטאָט זיינען די אַלע גדולים טויט, ווייל איך זיי זוכן אויפן בית-עולם.

חזירים מעלקן זיך ניט

אַ משולח פון אַ פרומער אָרגאַניזאַציע איז געקומען אין אַ שטעטל קלייבן געלט, אָבער צו וועמען ער איז ניט געקומען בעטן אַ ביישטייערונג האָט מען אַלץ אָפּגעזאָגט. אַ מידער פון אַרומגיין אַ גאַנצן טאָג, און אַ פאַרביטערטער, איז ער אין אָוונט אַריינגעגאַנגען אין בית-מדרש דאַוונען. נאָכן דאַוונען גייט צו אים צו אַ ייד און פרעגט אים:

— ר׳ ייד, איז די מילך ביי אונדז אין שטעטל כשר?

— אַוודאי כשר — ענטפערט דער משולח.

— ווי אַזוי זענט איר זיכער? — פרעגט דער ייד — טאָמער איז אין דער מילך אַריינגעמישט טמא׳דיקע מילך פון חזירים?

ענטפערט דער משולח:

— עס קאָן ניט זיין, ווייל די היגע חזירים לאָזן זיך ניט מעלקן...

מען מוז קעמפן

ווען צווישן די אַראַבער און די יידן האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה אין ירושלים און די שיסעריי האָט זיך שוין געהערט אין אַלע ווינקעלעך פון דער שטאָט, קומט אַריין אַ פרומער ייד אין אַ דאָרטיקער ישיבה און דערציילט דעם ראש-ישיבה, וואָס עס קומט פאָר אין דרויסן. גיט דער ראש-ישיבה אַ געשריי צו די תלמידים:

— קינדער, איר הערט וואָס עס טוט זיך? פאַרלאָזט זיך ניט אויף קיין נסים, נעמט זיך שוין — זאָגן תהלים!...

דער חשבון שטימט...

מ׳האָט אַמאָל, אין דער אַלטער היים, געכאַפּט ביי אַ גנבה אַ גאָר באַגלויבטן אָנגעשטעלטן — אַ „נאמן״.

— סטייטש, — האָט מען אים געפרעגט, — ווי פּאַסט עס פאַר אַזאַ ערלעכן מענטש ווי אַ „נאמן״ צו זיין אַ גנב ? !

— איך האָב געטאָן ווי די ראשי תיבות זאָגן. די אותיות פון „נאמן״ : „נאָר איך מעג נעמען״ ! . . .

דער קלוגער שמש

אין דער אַלטער היים, ספּעציעל אין די קליינע שטעטלעך, איז אַמאָל געווען אַ מנהג, אַז ווען איינער האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, פלעגט ער איבערגעבן דעם שמש אַ ליסט מיט נעמען פון די מענטשן, וועמען ער וויל איינלאַדן צו דער חתונה ; דער שמש פלעגט גיין פון איין בעל-הבית צום אַנדערן רופן צו דער חתונה. טרעפט, אַז ער קומט אַריין צו אַ בעל-הבית און זאָגט :

— זייט וויסן, אַז ר׳ יוסף הירש מאַכט חתונה זיין טאָכטער און ער בעט אייך (קוקט דערווייל איבער די ליסט) — ניט צו קומען אויף דער חתונה . . .

געפונען אַ למדן

ווי באַקאַנט, איז אין דער אַלטער וועלט געווען אין יעדן שטעטל אַזאַ אינסטיטוציע ווי אַ „שניידערשע שול״, וואו עס האָבן געדאַוונט בלויז די שניידערס, שוסטערס און אַנדערע בעלי מלאכות פונם שטעטל. פאַרשטייט זיך, אַז זייערע בעלי תפילות און זייערע בעל-קורא׳ס האָבן אויך געמוזט זיין בעלי-מלאכות. איינמאָל, שבת, פרשת קורח איז עס געווען, ווען דער בעל-קורא האָט גענומען לייענען „ויקח קורח״, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און האָט געמאַכט אַ טומל. וואָס איז ? ער האָט געפונען אַ גרייז אין דער ספר-תורה ! עס שטייט גאָר קורח

מיט אַ קוף און מיט אַ חית, בעת ווי ער געדענקט פון דער הגדה, דאַרף גאָר זיין „כורך" מיט אַ כאַף און ענדע־כאַף!

— די ספר־תורה איז פּסול — האָט ער אויסגערופן — און מען טאָר אין איר ניט לייענען...

האָט מען טאַקע דעם שבת שוין די פּרשה ניט געלייענט. נאָר אין אָוונט האָבן די בעלי־מלאכות געהאַלטן אַן אסיפה און מען האָט באַשלאָסן, אַז אַזוי ווי דער בעל־קורא איז אַ תלמיד־חכם, געהערט ער שוין ניט צו זייער חברה און מען דאַרף אויסקלייבן אַן אַנדער בעל־קורא...

ער דאַרף ניט קיין באַווייזן

אַ יונגערמאַן, ניט קיין זייער קלוגער, איז אַמאָל געקומען צו אַ רב, ער זאָל אים געבן קבלה אויף שחיטה. דערביי האָט ער דעם רב שטאַרק גענודיעט מיט פּוסטע רייד. ווען דער רב האָט ענדלעך גענומען שרייבן די קבלה, זאָגט צו אים דער שוחט:

— פאַרגעסט ניט, רבי, אַריינצושרייבן, אַז איך קוילע אויך גסות.

— דאָס — ענטפערט דער רב — דאַרפסטו מיר ניט זאָגן, דער אָקס ליגט דיר אויף דיין פּנים...

אַ פּשוטער שכל

צוויי יידן האָבן בשותפות געקויפט אַ האָטעל אין די בערג און האָבן באַשלאָסן איינצופירן אַ כשר פלאַץ. האָבן זיי געבראַכט אַ משגיח. דער סעזאָן איז אַוועק מיט גרויס דערפאָלג.

ווען עס איז געקומען דער צווייטער סעזאָן און זיי האָבן געוואָלט נעמען דעם פריערדיקן משגיח, האָט יענער געטענהט, אַז אַזוי ווי די גוטע געשעפטן זיינען געקומען דורך אים, בעט ער איצט טאָפּלט געהאַלט ווי מען האָט אים געצאָלט פריער.

די שותפים האָבן זיך דורכגערעדט וועגן דעם און באַשלאָסן, אַז אויב זיי מוזן דעם משגיח אַזוי פיל געלט צאָלן, איז שוין גלייכער פאַר זיי צו קויפן דעם סעזאָן כשר פליייש...

ער בעט אַ טובה

נאָך דעם ווי עס איז דערשינען אין צייטונג דער אויבנ־געבראַכטער אַנעקדאָט וועגן די צוויי האָטעל־שותפים מיטן משגיח, האָב איך פון אַ האָטעל־אייגנטימער אין די בערג באַקו־מען אַזאַ בריוול:

— טייערער פריינט! מיין האַרץ רייסט מיר אויפן משגיח, וואָס איז נעבעך געבליבן אָן אַ דזשאָב. ווי גאָט איז אייך ליב, שיקט מיר צו זיין אַדרעס. איך וועל אים האַלטן בכבוד גדול און אים אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, און דערמיט וועט איר מיר אויך טאָן אַ גרויסע טובה, ווייל מיין ביזנעס גייט פון שלעכט צו ערגער. איך פאַרזיכער אייך, אַז איך וועל אייך די טובה קיינמאָל ניט פאַרגעסן...

מיט גרוס

אַן אייגנטימער פון אַ האָטעל אין די בערג

אויף קאַלטס בלאָזט מען נישט

מען דערציילט וועגן אַ שוחט וואָס איז געקומען וויינענדיק פאַרן טשאָרטקאָווער רבין און זיך געבעטן ביי אים מען זאָל אים דערלויבן זיין דער בעל־תוקע ראש־השנה.

— דו ביזט זיך ניט טובל אין דער מקווה — האָט דער רבי אים געזאָגט.

— דאָס וואַסער איז צו קאַלט — האָט דער שוחט גע־ענטפערט.

— אויף קאַלטס בלאָזט מען נישט — האָט דער רבי געפּסקנ׳ט.

אַ פלייסיקער סופר

ר׳ מלך סופר האָט געהאַט אַלצדינג, וואָס אַ סופר באַ־דאַרף האָבן: פרומקייט, חשק צו דער מלאכה און אַ גוטע האַנט. נאָר איין זאַך האָט ר׳ מלך נישט געהאַט: פרנסה. ויהי היום, האָט אים דער רב צוגערופן און געפרעגט:

— ר׳ מלך, צו וואָס שרייבט איר אייגנטלעך אַזויפיל, אַז איר האָט דערפון נישט צו עסן?

— הער אַ מעשה! — האָט דער סופר געגעבן אַ תשובה — און ווען איך וועל נישט שרייבן, וועל איך יאָ האָבן צו עסן?

אַ האַלצהעקער און אַ מלמד

וואָס איז דער חילוק צווישן אַ האָלצהעקער און אַ מלמד?

אַ האָלצהעקער, ווען ס׳קומט צו אַ גוי, ווערט אים די מלאכה לייכטער. אַנדערש איז ביים מלמד: מיט יעדן נייעם גוי, וואָס קומט צו, ווערט די מלאכה שווערער.

די בייזע שוחטקע

אין דער אַלטער היים, אין אַ שטעטל, איז אַמאָל געשטאָרבן דער שוחט. ער האָט ניט איבערגעלאָזט נאָך זיך קיין קינדער. געבליבן איז בלויז זיין אלמנה, פעסיע די שוחט׳קע. איז געוואָרן אַ מחלוקת צווישן איר און דעם רב, איבער דעם שוחט׳ם חזקה, אַזוי אַז די באַלעבאַטים האָבן גערופן אַן אסיפה. איז דער רב אַרויף אויף דער בימה, און האָט גענומען טענהן: ס׳איז דאָך ממש אַ חילול השם! מ׳הערט ניט מער אין גאַנצן שטעטל ווי נאָר „רב״-„פעסיע״ און „פעסיע״-„רב״.

הייבט זיך אויף די שוחט׳קע און שרייט אוים:

דער רב איז טאָקע אַ „פתי״, אָבער פעסיע איז ניט קיין רב...

אַ גוט האַרץ

אַ ייד, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ בעל-תפלה און אַ מנגן, האָט איינמאָל אין אַ שבת מברכין דערקלערט, אַז ער גיט אַ נדבה דער שול זיינעם אַ מוסף. ער איז צוגעגאַנגען צום עמוד און געדאַוונט.

נאָכן דאַוונען האָבן די מתפללים צווישן זיך גערעדט:

— אַ גוט האַרץ האָט דער ייד. ער קאָן נעבעך ניט און גיט נדבות.

ער דאַרף ניט וויינען

אַ חזן איז געקומען אין אַ שול צו האַלטן פּראָבע פאַר ימים־נוראים. דער קאָמיטעט פון בעלי־בתים האָט זיך צוגע־הערט ווי דער חזן האָט געזאָגט „ונתנה תוקף״. אַלע האָבן גרויס הנאה געהאַט. ווען דער חזן האָט געענדיקט, גיט ער אַ פרעג די יידן:

— נו, וואָס זאָגט איר צו מיין דאַווענען?

רופט זיך אָפּ איינער פון קאָמיטעט:

— גאַנץ גוט, אָבער ווען אַזאַ ייד ווי איר, אַ זקן ורגיל, קומט צו צו „אדם יסודו מעפר וסופו לעפר״ האָט ער געדאַרפט געבן אַ קרעכץ און אַביסל אַ וויין טאָן, אַזוי אַז עס זאָל נעמען דעם עולם...

— ניין, — ענטפערט דער חזן — איך דאַרף ניט וויינען. וויינען דאַרפט איר. איך קריג מיין סאָשל סעקיוריטי...

ער קריכט אין בלאָטע

דער דובנער מגיד איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אַ גביר, אַ קמצן, בעטן אַ נדבה פאַר אַ נויטיקע צדקה. דער גביר האָט פאַרשטאַנען, אַז ער איז געקומען נאָך אַ נדבה, האָט ער אָנ־געהויבן שרייען:

— ווי קריכט איר מיט די שמוציקע שטיוול צו מיר אין הויז? פאַרוואָס האָט איר ניט קיין קאַלאָשן?

— איך האָב ניט געוואוסט — האָט דער דובנער געענט־פערט — אַז איך וועל דאַרפן קריכן אין אַזאַ בלאָטע...

אַ גוטע זאַך וועגן טויט

הרב מימון פון ישראל האָט אַמאָל געזאָגט, אַז אין יעדער שלעכטער זאַך איז אויך פאַראַן עפּעס גוטס, ווי עס שטייט געשריבן „אין רע בלא טוב״. אָט למשל, אַזאַ זאַך ווי טויט: וואָס קען שוין זיין ערגער ווי, אַז מ׳ליגט שוין טויט אין אָרון? איז אָבער דערביי אויך דאָ אַ גוטע זאַך, וואָס דער טויטער הערט ניט די פאַלשע שבחים, וואָס די, וואָס מאַכן די הספדים, זאָגן אויף אים...

רביים און חסידים

„רזין" און „רזין דרזין"

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ רבין, וואָס דער חילוק איז צווישן „רזין" און „רזין דרזין".

— דער חילוק איז דער — האָט דער רבי געענטפערט — „רזין" איז, ווען דער רבי זאָגט תורה און די חסידים פאַרשטייען זי נישט, און „רזין דרזין" — ווען דער רבי זאָגט תורה און ער אַליין פאַרשטייט זי אויך נישט.

דער עזות פנים

דער זיבעצן־יאָריקער בחור חיים־יעקב, אַ פּיסקאָוויצער חסיד, קומט אינעם זינקאָוויצער בית־המדרש צו צו ר׳ שבתי׳ל ר׳ זיינוול׳ס, אויך אַ פּיסקאָוויצער, אָבער אַ ייד אַריבער ששים, און גיט אַ זאָג צו אים:

— הער נאָר דו, שבתי! (אַלע פּיסקאָוויצער חסידים „דוצן" זיך) גיב מיר גיך אַ ברענג פון דער שאַפע אָט אַ דאָרט דעם „שאגת אריה"!

— איך גיב דיר אַ פּליאַסק, וועסטו האָבן! — דערבייזערט זיך דער אַלטער חסיד — בין איך דיין משרת, צי וואָס?

דער בחור גיט זיך אַ דריי אויס צו די חברים זיינע און זאָגט:

— ווייסט איר, וואָס מיר דאַכט זיך: דאָס דאַזיקע שבתי׳לע וואַקסט אַ גוטער עזות־פּנים!

ווען דער רבי וויל דווקא...

אַ חסיד קומט צוריק אַהיים און דערציילט אינעם בית־המדרש אַ תורה, וואָס דער רבי האָט געזאָגט שבת פּרשת עקב ביים טיש אויף דעם פּסוק „כבד את אביך״.

— ווי קומט דער דאָזיקער ענין צו פּרשת עקב? — וויל איינער פון די צוהערער וויסן.

— זאָל דיר דאַכטן, — ענטפערט דער חסיד — אַז די דאָזיקע קשיא גופא איז אויך מיר קשה געווען, האָב איך מיך נישט געפוילט און געפרעגט דעם רבין. האָט מיר דער רבי תוך כדי דבור געגעבן אַ תירוץ: עק״ב מאַכט: „כבוד אב ואם״.

— ווי אַזוי איז עס? — וואונדערט זיך דער גאַנצער עולם — „עקב״ לייגט זיך אויס...

אָבער דער חסיד לאָזט די יידן נישט אויסרעדן, גיט אַ קלאַפּ אויף אַ ספר און שרייט:

— בהמות! ווייסט איר דען נישט, אַז „הקדוש ברוך הוא גוזר והצדיק מבטל״? ווען דער הייליקער צדיק וויל דווקא, אַז „עקב״ זאָל מאַכן „כבוד אב ואם״ — מאַכט עס!

דער פּדיון רעכנט זיך

צום פּיסקאָוויצער צדיק קומט אַ יידענע און גיט אים אַ קוויטל מיט אַ פּדיון.

דער רבי טוט אַ לייען דורך דאָס קוויטל און זאָגט:

— לאה בת דינה! איך זע דאָ אינעם קוויטל, אַז איר האָט אַנומלט פאַרלוירן געלט און איר ווילט, איך זאָל מתפלל זיין,

אַז די אבידה אייערע זאָל בקרוב געפונען ווערן. — ווי גרויס איז דער היזק?

— הונדערט רייניש.

— איר האָט אַ קליינעם טעות, לאה בת דינה! ס'איז ניט הונדערט, ס'איז הונדערט און איין רייניש.

— ווי אַזוי? איך האָב דאָך נאָר געהאַט הונדערט?

— נאַרישע יידענע! — גיט דער צדיק פּלוצים אַ געשריי — און דאָס רייניש'ל אַ פּדיון איז אַ הונט?

שטום ביז אין טויט אַריין...

איין מאָל איז קיין קיזלאָוויץ געקומען אַ ייד מיט אַ שטומער טאָכטער און געבעטן דעם רבין, ער זאָל זי רעדעוודיק מאַכן.

— ווי הייסט דאָס מיידל? — פרעגט דער צדיק.

— ברכה־לאה.

דער רבי נעמט אַ גלאָז וואַסער, דערלאַנגט עס דער שטומער ביז צום מויל און שרייט אויף אַ קול:

— ברכה־לאה, מאַך אַ „שהכל"!

דאָס מיידל שווייגט.

— ברכה־לאה, איך בין אויף דיר גוזר, זאָלסט תיכף ומיד מאַכן אַ „שהכל נהיה בדברו"! — שרייט דער רבי נאָך העכער.

די שטומע גיט ניט קיין פּיפּס.

— ווילסט הייסט עס טאַקע בשום אופן נישט מאַכן קיין „שהכל" — זאָגט דער צדיק מיט גרימצאָרן — אַזוי הערזשע מיינע רייד: ווייל דו ביסט ווידערשפּעניק, וועט דיך גאָט שטראָפן און וועסט בלייבן שטום ביז אין טויט אַריין!

וכך הוה. די ווידערשפּעניקע איז געשטאָרבן שטומערהייט.

אַ השגה פון אַ בטלן

אַ גאַליציאַנער רבי האָט אַמאָל ביים טיש צוגערופן זיינעם אַ חסיד, אַ טיש־זיצער, וואָס האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גרויסן בטלן און געפרעגט:

— זאָג מיר מיכל'ע! ווען דער אויבערשטער גיט דיר אַזוי

פּלוצים אַ העלף און דו געווינסט אַ טערנע אויף צוואַנציק טויזנט רייניש — וואָס וואָלסטו געטאָן?

— וואָלט איך מיר — ענטפערט דער חסיד מיניה וביה — יעדן טאָג פאַרן דאַוונען געקויפט פאַר עטלעכע גרייצער רומאַ־ניק און וואָלט מיר געמאַכט אַ קאַנע — וואָלט איך געהאַט אַ הכנה!...

אַ גוטע ראיה

דער בדחן ר׳ הערש־לייב סיגוטער האָט געפרעגט זיין רבין, וואָס איז אַ „תשובה״, לשון זכר אָדער לשון נקבה?

— אַוודאי לשון נקבה! — האָט דער רבי געענטפערט.

— נישט געמאָלט! — זאָגט אויף דעם דער בדחן — ווען דאָס זאָל זיין וואָר, וואָלט איך זיכער דערפון געהאַט אַ הרהור...

זכות אבות

איינעם אַ צדיק האָט מען אַמאָל דערציילט פון אַ יונגן מאַן, אַז ער טראָגט שעלקעס צו די הויזן (און נישט אַ פּאַס, ווי אַלע יידן).

דער רבי האָט תיכף דעם „דייטש״ געלאָזט רופן און אים אָפּגעשייגעצט ווי עס געהערט צו זיין.

— אַוודאי האָט איר רעכט, רבי לעבן, — האָט זיך דער „חוטא״ מתנצל געווען — אָבער וואָס זאָל איך טאָן, אַז נאָר שעלקעס קענען ביי מיר מנצח זיין דעם כח המושך, וואָס ציט די מכנסים צו דער ערד, און נישט קיין פּאַס?

— נאַרישע תירוצים! — שרייט דער צדיק מיט כעס — פאַרוואָס האַלטן זיך ביי מיר די הויזן מיט אַ פּאַס?

— וואָס פאַר אַ פאַרגלייך דער רבי מאַכט? — זאָגט דער חסיד מיט אַ קול פון נצחון — דער רבי האָט דאָך עפּעס זכות אבות!...

אַנשטאָט קוויטלעך — זמירות

אמאָל ביי נעילה באַמערקט דער פאָטער ווי זיין זון, אַ יינגל פון צוועלף יאָר, האָט זיך, נישט ווי זיין שטייגער, זייער שטאַרק צעוויינט.

— וואָס האָסטו זיך עפּעס פּלוצים אַזוי צעלאָזט, בערישל?
— האָט דער פאָטער געפרעגט.

— ווי זאָל מען נישט וויינען, — האָט דאָס יינגל געענט־פערט — ווען מען מאָלט זיך אויס, אַז אַנשטאָט קוויטלעך צו שפּילן, וועט מען היי־יאָר ניטעל מוזן קידוש מאַכן און זמירות זינגען.

— ווי אַזוי?

— איך האָב גראָד איצט נאָכגערעכנט און געפונען, אַז ניטעל געפאַלט דאָס יאָר פרייטיק־צונאַכטס.

אַ גוטער גנב

דעם ערשטן טאָג פסח ביים „טיש" פרעגט דער רבי דעם זון זיינעם, אַ בחורל פון צען יאָר, וואָס ער האָט נעכטן ביים „שפוך חמתך" געזען.

— אַן אָפענע טיר און ווייטער גאָרנישט — איז געווען די תשובה.

דער רבי טוט אַ שמייכל, גיט דעם יינגל אַ קנופּ אינעם בעקל און זאָגט:

— דו וואַקסט אַ גוטער גנב!

דאָס איז טאַקע די קונץ!

צוויי חסידים, ר' פייוויש און ר' געצל, גייען שפּאַצירן. פּלוצים זאָגט ר' געצל צו ר' פייווישן:

— איין זאַך פאַרשטיי איך נישט, פייוויש: מילא, דאָס איז דאָך אַמאָל אַ ברי שבברי, אַז דער רבי איז אַ בעל־יכולת און קאָן, ווען ער וויל, משנה זיין סדרי בראשית. היינט־זשע ווי אַזוי קומט דאָס, אַז מירביידע פאָרן שוין צום רבין העכער

דרייסיק יאָר, גיבן עטלעכע מאָל אינעם יאָר קוויטלעך מיט פּדיונות און מיר ווערן וואָס אַמאָל גרעסערע קבצנים?

— שוטה! — גיט ר' פּייוויש אַן ענטפער — דאָס איז דאָך טאַקע די קונץ! ער וויל העלפן, ער קאָן העלפן און העלפט ניט.

ודאי עשה תשובה...

אַ לץ אין אַ רבי'שן הויף האָט אַמאָל געזאָגט:

— די גמרא זאָגט: „אם ראית תלמיד חכם, שעבר עבירה בלילה, אל תהרהר אחריו ביום, ודאי עשה תשובה". איז דער פּשט: אם ראית תלמיד חכם וכו' — ווען דו זעסט אַ תלמיד חכם טאָן אַן עבירה ביינאַכט, זאָלסטו נישט נאָכקלערן נאָך אים בייטאָג, ודאי עשה תשובה, ער האָט אוודאי געמאַכט אַ „תשובה", אַז מען מעג.

„אוי" און „אַה"

דער אַלטער רבי האָט געוואָלט זיין זון ברוכ'ל, אַ בחורל פון עלף יאָר, מחנך זיין אין מצוות און האָט אים געפירט אין דער קאַלטער מקווה אַריין. דאָס יינגל האָט דאָס קאַלטע וואַסער נישט געקאָנט סובל זיין און האָט געהאַלטן אין איין יאָמערן: „אוי! ס'איז קאַלט! אוי! סע שניידט! איך קאָן נישט אויס־האַלטן!"

אָבער קוים וואָס ער איז אַרויס פונעם וואַסער און האָט זיך אָנגעטאָן דאָס העמד, האָט ער פלוצים אָנגעהויבן צו שרייען: „אַה, אַ גן־עדן!"

דער רבי האָט עס געהערט און געזאָגט:

— זעסטו, יינגעלע? דאָס איז דער חילוק צווישן אַ קאַל־טער מקווה און אַן עבירה. ביי אַ קאַלטער מקווה קומט צו־ערשט דער „אוי" און דערנאָך דער „אַה". אַנדערש איז ביי אַן עבירה: דאָרט שרייט דער מענטש צוערשט „אַה" און דערנאָך „אוי".

„חדושים"

דריי חסידים דערציילן חדושים פון זייערע רבי'ם:

— ביי מיין רבין — זאָגט איינער — זיינען דאָ צוויי דינסטן, איינע פאַר פליישיקס און איינע פאַר מילכיקס. אזוי ווייט איז מיין רבי מדקדק אין „בשר בחלב".

— דאָס איז נאָך גאָרנישט — זאָגט דער אַנדערער — מיין רבי וואַרט צווישן פליישיקס און מילכיקס אַ גאַנצן מעת-לעת.

— או־וואַ! אויך מיר אַ חדוש! — מאַכט דער דריטער חוזק — מיין רבי, אַז ער לערנט "בשר בחלב", איז ער מפסיק צווישן „בשר" און „בחלב" צוויי מעת-לעת.

אַלצדינג יאָ, נאָר נישט דאָס...

אַ רבי האָט אַמאָל געפרעגט זיין גבאי, צי ער וואָלט געטויגט צו זיין אַ רבי.

— פאַרוואָס נישט? — האָט דער גבאי געענטפערט — איך בין שוין, ברוך השם, ביי רבין, זאָל לעבן, צוואַנציק יאָר און האָב שוין צייט געהאַט אַלצדינג אויסצולערנען. נאָר איין איינציקע זאַך — דאָס מוז איך מודה זיין — קאָן איך ביזן היינטיקן טאָג נישט משיג זיין.

— וואָס הייסט ביי דיר אַלצדינג? — איז דער רבי אַ בעלן צו וויסן.

— אַלצדינג — זאָגט דער גבאי — דאָס איז: קרעכצן, פראַוועז אַ טיש, שרייען בשעת מעשה: „טאַטעניו"! „מאַמעניו"! בעטן פאַר ר' דוד'ן אויף רעגן און פאַר ר' שלמה'ן אויף היצן וכדומה.

— און וואָס איז די „איינציקע זאַך"?

— דאָס איז: צונויפשאַרן די קיפּקעלעך פדיונות פונעם טיש, זיי פאַוואָלע אַריינצולייגן אין די קעשענעס, און נישט דערביי — אַ שמייכל צו טאָן.

כל זמן

אַ חסידישער ייד, פון די בעלזער, פלעגט תמיד אַרומגיין אָן אויפגעלייגטער, שמחה׳דיק ווי עס וואָלט גאָר קיין פראַגע וועגן פרנסה ניט עקזיסטירט אויף דער וועלט. האָט אימיצער אים וועגן דעם טאַקע אַ פרעג געטאָן. דער בעלזער חסיד האָט תמימות׳דיק אים געענטפערט:

— כל זמן עס דרייט זיך אַרום אַ ייד אין שטאָט מיט אַ גילדן אין דער קעשענע, האָב איך ניט קיין דאגה וועגן פרנסה.

אָבער דער באַלקן

האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַ חסיד פורים נאָך דער סעודה, ווען ער האָט זיך גוט אָנגעשניאַשקעט און קוים זיך געהאַלטן אויף זיינע פיס און אַזוי געטענה׳ט:

— מילא, מיין צונג דרייט זיך מיט מיר, איז עס נאָך צום פאַרשטיין. די צונג האָט דאָך טועם געווען אַביסל בראָנפן, אָבער דו, באַלקן, וואָס איז די שמחה מיט דיר? וואָס דרייסט דו זיך?

מיין מאָגן דערלויבט

איין חסיד האָט געטראָפן אַ צווייטן חסיד עסן פאַר קריאת־התורה.

— דער מגן אברהם אסר׳ט דאָך צו עסן פאַרן לייענען — זאָגט ער צו אים.

— מיין מאָגן איז מתיר... — האָט ער אים געענטפערט.

אַ וויאַדרע אָן אַ דנאָ

אַ בעלזער חסיד, וואָס איז באַקאַנט געווען מיט דעם נאָמען „יעקב מיט דער וויאַדרע לאָקשן״, פלעגט שטרעבן און האָפן, אַז ער וועט סוף־כל־סוף זוכה זיין צו האָבן אַמאָל אַ וויאַדרע לאָקשן און אויפעסן עס. אַ חבורה חסידים האָט באַשלאָסן אים מהנה צו זיין און האָט אַוועקגעשטעלט פאַר אים אַ פולע וויאַדרע מיט לאָקשן. דער חסיד האָט עס גענומען אין דער אַרבעט און אויפגעגעסן.

— נו, ר׳ יעקב, זענט איר צופרידן? — האָבן אים די חסידים געפרעגט.

— ניין, כ׳האָב געטראַכט וועגן אַ וויאַדרע אָן אַ דנאָ...

אַז ס׳ברענט — שרייט מען

קאַרלינער חסידים פלעגן דאַוונען מיט התלהבות און מיט געשרייען.

— צוליב וואָס שרייט איר אַזוי? — האָט מען זיי געפרעגט.

— אַז ס׳ברענט — האָבן זיי געענטפערט, האַלטנדיק די הענט אויפן האַרץ — שרייט מען...

„אשר יצר" מאַכט מען מער מאָל

אַ קאַרלינער חסיד און אַ מתנגד זיינען אַמאָל חנוכה געקומען אין אַ וואַלד. אין אָוונט זיינען זיי אַראָפּ פון וואָגן בענטשן חנוכה־ליכט. דער חסיד האָט, ווי זיין שטייגער, געמאַכט די ברכות בקולי־קולות. פרעגט אים דער מתנגד:

— ר׳ קרוב, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי, אַז די ברכה „אשר יצר" מאַכט איר אין דער שטיל און די ברכות פון חנוכה־ליכט בענטשן מאַכט איר מיט אַזעלכע געשרייען?

— ווען דו וואָלסט געמאַכט „אשר יצר" נאָר אַכט מאָל אַ יאָר — האָט אים דער חסיד געענטפערט — וואָלסטו געשריען עד לב השמים.

בעסער, אַז מען הויבט מיט זיי ניט אָן

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ מתנגדישן רב: פאַרוואָס הייבט זיך אָן די תפילה אין שמונה־עשרה מיט „על הצדיקים ועל החסידים" און פאַרענדיקט זיך מיט „משען ומבטח לצדיקים", אויסלאָזנדיק די חסידים?

— ס׳איז טאַקע בעסער, אַז מען זאָל מיט חסידים ניט אָנהייבן — איז געווען דער ענטפער.

געסטראַשעט דעם אויבערשטן

מען דערציילט, אַז דער באַרימטער ר׳ לוי יצחק בערדי־טשעווער איז איינמאָל יום־כפור, וואָס איז אויסגעפאַלן אום שבת, ארומגעגאַנגען אין שול צערודערט. פּלוצים האָט ער אויפגעהויבן זיינע הענט צום הימל און האָט אויסגעשריען: „הערסט רבונו של עולם? דו וועסט מוזן חתמענען אַ גוט יאָר פאַר די יידן, אַז ניט וועל איך אויף דיר אויסזאָגן!”...

דער עולם האָט זיך שטאַרק געחידושט, וואָס דער צדיק זאָל האָבן געמיינט מיט די ווערטער. שפּעטער זיינען אַ פּאָר נאָענטע חסידים צו אים צוגעשטאַנען, ער זאָל זיי דערקלערן וואָס ער האָט געמיינט מיטן „אויסזאָגן”.

— ס׳איז גאָר פּשוט — האָט דער בערדיטשעווער גע־ענטפערט — אַזוי ווי ס׳איז דאָך שבת, איז ווען דער אויבערשטער זאָל אַנחתמענען אַ גוט יאָר, וואָלט דאָס געווען רעכט, ווייל פּקוח נפש איז דוחה שבת. טאָמער, אָבער, חתמעט ער אַן, חלילה, שלעכטס — וואָלט איך אויף אים אויסגעזאָגט, אַז ער, כביכול, האָט מחלל שבת געווען...

ניט קיין גזלן

ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער איז געקומען אין שול צו כל־נדרי און געזען, אַז אַלע מתפללים זיינען דורכגענומען אין אימה און טרויער, שטייען געבויגן און צעבראָכענע, האָט ער זיך צו זיי אָפּגערופן:

— וואָס שרעקט איר זיך, ביי אַ גזלן אין די הענט שטייט איר איין?

אַ גילדן געוויכטל

ר׳ אברהם יהושע העשל אַפּטער האָט דערציילט ר׳ ברוכל מעזשיבוזשער וועגן זיין זונס חתונה און ווי זיין שטייגער איז געווען, האָט ער דערציילט אַ סך גוזמאות:

— ווען די סאַרווערס זיינען געקומען צוצוגרייטן די סעודה, האָבן זיי אויסגענוצט אַזויפיל אייער, אַז דאָס שאָלעכץ האָט

געסטייעט אויפצושטעלן אַ שטאַרקע בריק איבער דעם טייך און ווען זיי האָבן אָנגעהויבן צו וואַלגערן דאָס טייג, האָבן זיי ניט געהאַט גענוג קיין פּלאַץ אויסצושפּרייטן עס און האָבן עס אויסגעלייגט איבער אַלע דעכער פון די הייזער אין שטאָט און האָבן אויך געמוזט אויסנוצן די פּלויטס; און ווען די מחותנים האָבן געבראַכט דאָס דרשה-געשאַנק, האָבן זיי אים געגעבן אַ פּעלץ, וואָס זיינע האָר זיינען געווען אַזוי לאַנג, אַז אַ קאָזאַק אויף אַ פערד איז אין זיי אַריין און מען האָט אים ניט אַרויסגעזען, און אין דער זעלבער צייט איז דער פּעלץ געווען אַזוי איידל, אַז מען האָט אים געקאָנט איינלייגן און אַריינוויקלען אין אַ שאָלעכץ פון אַ האַלבער נוס.

חסידים, וואָס האָבן זיך צוגעהערט צו דער אוימגלויב-לעכער דערציילונג, זיינען געווען איבערצייגט, אַז ר׳ ברוכל וועט אים אויפמערקזאַם מאַכן אויף די גוזמאות, אָבער ער האָט זיך אָפּגערופן:

— ער האָט אַ גילדן געוויכטל אויף דער צונג...

טיי און תהלים

דער גערער רבי פּלעגט זאָגן, אַז ס׳איז טאַקע אמת וואָס מענטשן זאָגן, אַז טיי און תהלים שאַדן ניט...

— ווען איז עס אָבער געזאָגט געוואָרן — האָט ער צוגע-געבן — ווען דער טיי און דער תהלים זיינען היים...

אַ לאָקשענער קוגל

ר׳ יהושע האָרוויץ, דער דזשיקעווער רבי, איז געווען אַ למדן, אַ שיינערייד און אויך אַ מנגן. ער פּלעגט זאָגן וועגן זיך, אַז ער איז גליך צו אַ לאָקשן-קוגל. ווען אַ לאָקשן-קוגל גיט זיך אַמאָל ניט איין, קאָן מען עס אויך עסן, וואָרים די לאָקשן אַליין זיינען דאָך גוט, דער שמאַלץ וואָס איז אַריינ-געטאָן געוואָרן — איז דאָך אויך גוט. איז וואָס-זשע דאָ צו רעדן?

צו שטיל און צו הויך

דער טשאָרטקאָווער רבי, ר׳ דוד משה, פלעגט זאָגן תורה ביים טיש בנעימות׳דיק און שטיל. חסידים האָבן געמוזט צולייגן אַן אויער צו הערן וואָס דער רבי זאָגט.

איינמאָל זיינען צוויי חסידים אַרויס פון רבינס שטוב און איינער פרעגט דעם צווייטן:

— האָסטו גוט געהערט דעם רבינס תורה?

— ניין, כ׳האָב ניט געקאָנט כאַפּן — זאָגט דער אַנדערער — דער רבי האָט גערעדט שטיל.

— איך רעכן — זאָגט דער ערשטער — אַז מ׳האָט נישט געקאָנט כאַפּן, ווייל דער רבי האָט גערעדט צו־הויך.

וואָס אַ רבי איז

דער גאָרליצער רבי, ר׳ ברוכל, האָט ליב געהאַט צו העלפן זיינע חסידים פורים־צייט איבערצוטאָן זיך פאַר פורים־שפּילער. איינעם האָט ער אָנגעטאָן פאַר אַ קומענקערער, אַ צווייטן — פאַר אַן אַלטן קאָזאַק און אַ דריטן — פאַר אַ יידענע.

פרעגט אים אַמאָל זיינער אַ חסיד:

— רבי, פאַרוואָס פאַרשטעלט איר ניט אימיצן פאַר אַ רבי?

— וואָס איז דען צו פאַרשטעלן איינעם פאַר אַ רבי? — ענטפערט אים ר׳ ברוכל — וואָס איז אַ רבי? ער גייט אין קורצע הויזן, ווייסע זאָקן און אין אַ ווייסן זיידענעם כאַלאַט מיט אַ ספּאָדעק אויפן קאָפּ. אויב אימיצער וועט זיך אַזוי אָנטאָן, וועט ער דאָך זיין אַ רבי און ניט קיין פורים־פאַר־שטעלטער.

ראשי־תיבות פון רבי

דער זעלבער ר׳ ברוכל האָט אַמאָל געהערט ווי איינער אַ חסיד זאָגט, אַז די דריי אותיות פון „רבי״ מאַכן: ראש בני ישראל, דער פירער פון יידן.

דערויף האָט ער באַמערקט, אַז די אותיות מאַכן אויך: רע בעיני ה׳ — שלעכט אין גאָטס אויגן...

דער נאַטירלעכער וועג

מען דערציילט, אַז ווען דער ריזשינער צדיק ר׳ ישראל׳עניו ז״ל, האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דער רוסישער טורמע און האָט זיך באַזעצט אין סאַדיגורע, עסטרייך, האָט אַ חסיד, מיטן נאָמען ר׳ מנחם, דערקלערט פאַר אַ גרופּע אַנדערע חסידים, אַז דער צדיק איז ניצול געוואָרן אויף אַזאַ אופן:

„פאָניע האָט געהאַלטן דעם רבין אַרומגערינגלט און באַוואַכט פון סאָלדאַטן. וואָסזשע האָט גאָט געטאָן? האָט ער אַראָפּגעשיקט צוויי מלאכים, איינער פון איין זייט און דער אַנדערער פון דער צווייטער זייט, און דער הייליקער צדיק האָט זיך אַזוי צווישן זיי ביידן אַרויסגעשפּאַצירט פון דער תפיסה״.

פרעגן די חסידים:

— סטייטש, ר׳ מנחם, דאָס באַפרייען דעם רבין האָט דאָך אָפּגעקאָסט הונדערט טויזנט רובל, וויזשע קומט איר מיט אַזאַ מעשה?

— נו, — ענטפערט ר׳ מנחם, — דאָס ווייס איך אויך. נאָר איך האָב אייך געוואָלט געבן צו פאַרשטיין די גאַנצע זאַך בדרך הטבע...

יידישע צרות

צום ריזשינער צדיק ר׳ ישראל׳עניו פלעגן פאָרן חסידים פון דער גאַנצער וועלט. דערציילט מען, אַז איינמאָל איז צו אים געקומען אַ חסיד און האָט זיך באַקלאָגט, אַז זיינע צרות און יסורים זיינען גרעסער ווי ביי אַלע אַנדערע חסידים, וואָס געפינען זיך אין רבינס הויף.

האָט אים דער ריזשינער אַזוי געענטפערט:

— גלויב מיר, אַז ווען יעדער ייד וואָלט אויפגעהאָנגען זיין פּעקל צרות אויף דער וואַנט, וואָלסטו געזען ווי יעדער ייד וואָלט צוריק אַראָפּגעכאַפּט זיין אייגן בינטל צרות איידער אַן אַנדערנס...

מורא האָבן פאַרן אויבערשטן

מען דערציילט וועגן דעם רבין ר׳ ישראל ריזשינער, אַז ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד פון פינף יאָר האָט זיין רבי מיט אים געלערנט אין אַ הייסן זומער־טאָג. פּלוצים האָט אָנגעהויבן דונערן און בליצן. דער מלמד האָט אים דעמאָלט דערקלערט, אַז דער מדרש זאָגט, אַז דאָס בליצן און דונערן איז געמאַכט געוואָרן „להחריד לבו של אדם״, דאָס הארץ פונם מענטשן זאָל אויפציטערן, ווען ער זעט דעם כח און די גבורה פון השם יתברך. ווען דער קליינער ישראל׳עניו איז געקומען אַהיים, האָט ער דעם פאָטער זיינעם דערציילט, וואָס דער רבי האָט מיט אים געלערנט, און דערביי געפרעגט:

— טאַטע, זאָג מיר נאָר, אום זומער דאַרף מען יאָ מורא האָבן פאַרן אויבערשטן און ווינטער ניט?...

דער רבונו של עולם קאָן אויך

מ׳האָט דערציילט דעם קאָזשניצער מגיד, אַז אַן אַלט פּאָרפאָלק איז געבענטשט געוואָרן מיט אַ בן־זכר, ניט פאַרנדיק צו קיין צדיק.

— דער רבונו של עולם — האָט דער מגיד געשמייכלט — האָט זייער גלייך געטאָן. אַזוי פאָרט מען צו דעם אָדער צו יענעם גוטן ייד, האָט השם־יתברך באַוויזן, אַז ער קען אויך געבן אַ בן־זכר...

ער מיינט עס אויף אַן אמת

אַ ייד, אַ חסיד, קומט אַמאָל צו זיין רבין און זאָגט:

— רבי לעבן, וואָס טוט מען מיט מיין בחור, משהלען. ער איז שוין, קיין עין הרע, אין די יאָרן און רק ער זיצט טאָג און נאַכט און לערנט, גייט יעדן טאָג אין מקווה אַריין, און איז אַזוי פרום, אַז ער וויל זיך אויף קיין מיידלעך ניט אומקוקן...

— נו, — שלאָגט אים איבער דער רבי — דאָס אַלעס הייסט ביי דיר שלעכט? איך אַליין טו דאָך אויך די אַלע זאַכן.

— יאָ, רבי, — מאַכט דער חסיד, — אָבער מיין זון, דער שוטה, מיינט דאָך עס טאַקע אויף אַן אמת.

דער גוטער סימן

צוויי חסידים, גרויסע בטלנים, דערציילן זיך וועגן דער גרויסקייט פון זייערע רביים. זאָגט איינער:

— מיין רבי, זכותו יגן עלינו, איז געווען אַזוי אָפּגעהיט קעגן בשר בחלב, אַז ער האָט איינגעטיילט די אַרבל פון זיין העמד אין אַ פליישיקן און אַ מילכיקן אַרבל. האָט ער געגעסן פליישיקס, פלעגט ער אָפּווישן די ליפּן מיטן פליישיקן אַרבל, און אַז ער האָט געגעסן מילכיקס, האָט ער די ליפּן אָפּגעווישט מיטן מילכיקן אַרבל.

— אָבער ווי אַזוי האָט ער געקענט דערקענען און נישט מאַכן קיין טעות צווישן די צוויי אַרבל? — פרעגט דער צווייטער.

— פשוט ענטפערט דער ערשטער — ער האָט זיך געמאַכט אַ סימן: „מימיני מיכאל”! דער רעכטער אַרבל איז אַ מיל־כיקער!...

די צוויי צדיקים

אין מינקאָוויץ, פּאָדאָליע, איז געווען אַ „גוטער ייד”, אַ רבי מיטן נאָמען ר' חיימקע; און אין זינקעוו, אויך אין פּאָדאָליע, איז געווען אַ רבי מיטן נאָמען ר' חיים'על, דער פאָטער פון די צוויי באַוואוסטע רביים ר' משהלע און ר' פּנחסל. האָט איינמאָל דער זינקעווער ר' חיים'על זיך אויסגעדריקט, בדרך הלצה, אַז אין „מינקאָוויץ” איז דאָ אַ „שלעכטער צדיק”, (אין אוקראַינע פלעגט מען די ענדע־צדיק (ץ) אָנרופן: „שלעכטער צדיק”). אַז די חסידים פונם „מינקאָוויצער” האָבן דאָס איבערדערציילט צו זייער רבין ר' חיימקען, האָט ער זיך אָנגערופן:

— נו, איז מה רעש? אין „זינקעוו” איז דאָך אין גאַנצן קיין צדיק נישטאָ...

אַריינגעזאָגט

אַ רבי מיט זיין גבאי זיינען שבת אַרויסגעקומען פון דער שול. האָט דער גבאי געוויזן דעם רבין, ווי פון דער ווייטן קומט אַליין נענטער אַ ייד, וואָס האַלט אין רויכערן אַ ציגאַר. דער רבי האָט דאָס אין תחילת נישט געוואָלט גלויבן, אָבער ווען

יענער האָט זיך דערנענטערט האָט דער רבי שוין געזען, אַז ס׳איז אמת. גיט ער דעם יידן אַ פרעג: „סטייטש, ס׳איז דאָך שבת?" ענטפערט דער ייד: „גלויבט מיר, רבי לעבן, אַז איך טו דאָס חלילה ניט פאַר וואוילטאָג, נאָר דאָס רויכערן איז פאַר מיר אַ רפואה".

— זעסטו שוין — מאַכט דער רבי צום גבאי — דער ייד איז אַ גרויסער מאמין! ער גלויבט אין דעם, וואָס די חכמים זאָגן, אַז דער אויבערשטער שיקט די רפואה פאַר דער מכה...

מען דאַרף פּרובירן מיט גוטן

אַ ייד קומט אַריין אין אַ חסידיש שטיבל און טרעפט דאָרטן אַ חסיד, וואָס דאַוונט ביחידות און שאָקלט זיך שטאַרק און שרייט בקולי קולות, בעטנדיק דעם רבונו של עולם ער זאָל אים העלפן. רופט זיך אָפּ דער ייד צום חסיד:

— מיין ליבער ייד, נאָך וואָס שרייט איר און בייזערט זיך אַזוי אויף זיין ליבן נאָמען? פּרובירט אַקאָרשט מיט גוטן, וועט איר, גלויב איך, בעסער פּועלן...

אַלץ הייסט תורה

אַ וואַנדערנדיקער רבי, ניט קיין גרויסער תלמיד־חכם, האָט אַמאָל אין אַ שטעטל ביי שלש סעודות, מיט אַ פאַר׳דבק׳עטן ניגון, געזאָגט אַזאַ תורה: „עס שטייט אין פּסוק „זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם" — מיר געדענקען די פיש, וואָס מיר האָבן געגעסן אין מצרים אומזיסט — איז דאָך קשה, ס׳האָט דאָך געדאַרפט שטיין „אכלנו" אַ לשון עבר, וואָס־זשע שטייט „נאכל", אַ לשון עתיד — וואָס מיר וועלן עסן? איז דער תירוץ, אַז די תורה הקדושה מיינט דאָ דעם לויתן, וואָס די צדיקים וועלן עסן, ווען משיח וועט קומען. אַי, איז דאָך די קשיא, אויב אַזוי, פאַרוואָסזשע זאָגט די תורה „במצרים"? איז דער תירוץ, אַז די תורה זאָגט טאַקע אויפן אָרט: „חנם", אַז אָט דער „במצרים" שטייט טאַקע דאָ אומזיסט, און האָט טאַקע ניט געדאַרפט שטיין...

ציילן ווי אַ פויער

מען דערציילט, אַז אַ רב, אַ מתנגד, איז אַמאָל געווען אין שול וואו דער טאַלנער רבי ר׳ דודל זצ״ל, האָט געדאַוונט. האָט ער באַמערקט ווי דער רבי איז צו גיך אויסגעגאַנגען שמונה־עשרה. פרעגט ער אים נאָכן דאַוונען:

—רבי, סטייטש, די גמרא זאָגט דאָך, אַז מען דאַרף ציילן די ווערטער פון שמונה־עשרה, ווי מען ציילט געלט?

— נו, — האָט ר׳ דודל געענטפערט, — ווער הייסט אייך ציילן ווי אַ פויער...

עס לאָזט זיך דינגען

צוויי חסידים זיינען געזעסן און האָבן זיך דערציילט נסים פון זייערע רביים. דערציילט איינער:

— אַז מיין רבי וויל מקיים זיין די מצווה פון עסן פיש לכבוד שבת, גייט ער פרייטיק פרי צום טייך און אַזוי ווי ער גיט נאָר אַ קוק אויפן טייך, קומען אים גלייך אַנטקעגן צען פיש!

— און מיין רבי, — מאַכט דער צווייטער, — אַז ער וויל מחדש זיין די לבנה, גיט ער אַ קוק אויפן הימל און עס קומען אים אַנטקעגן צען לבנות.

— ווי אַזוי? — פרעגט דער ערשטער — ווי קען זיין צען לבנות, אַז ס׳איז דאָך ניטאָ מער ווי איינע?

— אויב — ענטפערט דער צווייטער — דו וועסט מיר אַראָפּלאָזן פון דיינע צען פיש, וועל איך דיר אַראָפּלאָזן פון מיינע צען לבנות...

ער איז געווען טויב

אַ רבי מיט זיין גבאי און עטלעכע חסידים זיינען געפאָרן פון איין שטאָט אין אַ צווייטער. אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין אַ דאָרף דאַוונען מנחה. ווען גויים פונם דאָרף האָבן דערזען אַזוי פיל יידן מיט בערד און פאות האָבן זיי זיך גענומען טשעפּען צו זיי און דערלאַנגען קלעפּ. די יידן האָבן זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן.

ווען זיי זיינען אַריינגעקומען אין שטאָט און דערציילט, וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט, האָט איינער דעם גבאי געפרעגט:

— סטייטש? פאַרוואָס האָט דער רבי זיי ניט פאַרשאָלטן?

— אַדרבא, — מאַכט דער גבאי, — דער רבי האָט זיי דווקא יאָ געשאָלטן, נאָר צום אומגליק איז דער גרעסטער שלעגער געווען אַ טויבער...

אָן סודות

ר' ברוכל מעזשביזשער איז געווען ניט נאָר אַ גרויסער צדיק, נאָר אויך אַ גרויסער קבצן. איינמאָל האָבן זיינע חסידים געזען ווי ער גייט אין אַ וואָכעדיקן טאָג אין שול אַריין אָנגעטאָן אין זיין שבתדיקער בעקעשע מיטן שטריימל. די חסידים האָבן זיך געוואונדערט און האָבן געמיינט, אַז עס שטעקט אין דעם עפּעס אַ גרויסער סוד. איין חסיד האָט זיך איינגעשטעלט און האָט אים געפרעגט, וואָס דאָס באַטייט. האָט אים דער רבי געענטפערט:

— גאָר פשוט, די גמרא זאָגט: „מאַך דיין שבת אין דער וואָכן, אַבי זאָלסט ניט אָנקומען צו מענטשן". נו, אַז מיינע וואָכעדיקע מלבושים זיינען צעריסן, מאַך איך מיר שבת...

פאַרפאַלן

אין פּוילן און אין גאַליציע איז געווען אַ מנהג, אַז אויף יעדן יידישן יום־טוב פלעגן הונדערטער טויזנטער חסידים פאָרן צו זייערע רביים צו פאַרברענגען מיט זיי דעם יום־טוב.

אַמאָל האָט זיך געמאַכט אַ געשיכטע, אַז מען האָט ביי אַ רייכן חסיד צוגענומען זיין פוטערנעם מאַנטל, וואָס איז ווערט געווען גרויס געלט. דער חסיד האָט געמאַכט אַ טומל און איז אַוועק גלייך צום רבין מיט טענות און געפאָדערט, אַז דער רבי זאָל אים גלייך קריגן צוריק זיין מאַנטל.

דער רבי האָט זיך ניט געפוילט, ער האָט גלייך געשיקט רופן צו זיך דעם הויפּט פון די גנבים און ער האָט אים מיטן

הארבן וואָרט באַשוואוירן, אַז ער מוז גלייך צוריקקריגן דעם חסידס פוטערנעם מאַנטל.

רופט זיך אָפּ דער גנב:

— רבי לעבן, אויב איינער פון אונדזערע האָט צוגענומען דעם מאַנטל, קאָן איך אייך פאַרזיכערן, אַז איר וועט דאָס פוטער קריגן צוריק. נאָר טאָמער, די שעה זאָל ניט זיין, האָט איינער פון אייערע צוגענומען דעם מאַנטל — דאָן איז עס פאַרפאַלן.

פון דעם רבינס נסים...

צוויי חסידים זיינען געזעסן און זיך דערציילט די מופתים און נסים פון זייערע רביים. דערציילט איינער, אַז זיין רבי האָט ממש אויפגעטאָן וואונדער מיט דער לבנה, אַקוראַט ווי אין זיין צייט האָט עס געטאָן יהושע בן נון...

— איין מאָל אין אָוונט, אָנפאַנג חודש — דערציילט ער — זיינען מיר, חסידים, געגאַנגען מיטן רבין אין גאַס און עס איז געווען זייער פינצטער. רופט זיך אָפּ דער רבי: „איך בין גוזר, אַז די לבנה זאָל זיך באַווייזן אין איר פולער פּראַכט און גלאַנץ!" און וואָס זאָל איך דיר זאָגן, — מאַכט דער חסיד, — מיר זיינען געשטאַנען די גאַנצע נאַכט און אַלע נעכט נאָך דעם, ביז אינמיטן חודש, און דער רבי, זכרונו לברכה, איז ניט אָפּגעטראָטן ביז די לבנה האָט זיך געמוזט באַווייזן אַזוי ווי ער האָט באַפוילן...

ולשרה בן

אַ ייד, וועמענס ווייב איז געווען אַן עקרה, איז אַמאָל געפאָרן צו אַ רבין, אַ בעל-מופת, און אים געבעטן, ער זאָל אים ווינטשן, אַז זיין ווייב שרה זאָל אים געבוירן אַ זון, כדי ער זאָל האָבן לאחר מאה ועשרים אַ קדיש. דער רבי האָט אים געוואונטשן מיטן נוסח פונם חומש, אַז פון היינט איבער אַ יאָר „ולשרה בן".

עס איז אַוועק אַ יאָר און שרה איז טאַקע געלעגן געוואָרן, אָבער אַנשטאָט אַ זון האָט זי געבוירן אַ צווילינג, צוויי מיידלעך. דער ייד איז גלייך אַוועק צום רבין און האָט געזאָגט:

— סטייטש, רבי, איר האָט דאָך געזאָגט „ולשרה בן״, לסוף איז עס גאָר צוויי מיידלעך?

— פאַרשטייסטו מיך — האָט אים דער רבי געענטפערט — בשעת איך האָב אייך געגעבן די ברכה, האָב איך אין הימל געזען די ווערטער „ולשרה בן״ און איך האָב דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, אַז מיטן וואָרט „בן״ האָבן זיי געמיינט, די ראשי־תיבות פון „בי״ת נקבות״, צוויי נקבות, און ניט „בן״ אַ זון...

אַזאַ טעם האָט עס

אַנומלט באַגעגנט אימיצער זיינעם אַ באַקאַנטן, אַ חסידישן ייד, און רעדנדיק וועגן פאַרשיידענע זאַכן דערציילט ער, אַז ער האָט געגעסן אין אַ געוויסן רעסטאָראַן. ווערט ער דער־שטוינט און גיט צו אים אַ זאָג:

— וואָס הייסט, ס'איז דאָך דאָרט ניט כשר!

— אוי־וואַ! — גיט ער צוריק אַ מאַך מיט באַדויערן — אָבער הפלא ופלא, וואונדער איבער וואונדער, כ'האָב טאַקע עפּעס געפילט אין מויל ווי טריפה...

שפּילקעס...

אַ חסיד נעמט מיט צום רבין זיין 20־יאָריקן בן־יחיד צום ערשטן מאָל. דער רבי באַמערקט, ווי דעם בחורס פּנים איז געגאָלט, נעמט ער און גיט מיט זיין האַנט אַ פיר אַרויף איבערן בחורס פּנים. ביים בחור איז דאָס אויסגעקומען קאָמיש און ער האָט זיך צעלאַכט. מאַכט דער רבי:

— דו לאַכסט! — און מיך שטעכט...

ודע מה שתשיב...

מען דערציילט, אַז אין בעלז האָט געלעבט אַ גרויסער אפּיקורס, וועמען דער בעלזער רבי האָט כל ימיו געזוכט מחזיר למוטב צו זיין, אָבער ס'האָט ניט געהאָלפן. ווען ביידע זיינען שוין געווען אין די עלטערע יאָרן, האָט דער אפּיקורס געזאָגט צום רבין:

— רבי, אַזוי ווי אייערע טעג זיינען שוין געציילטע, איז אַז איר וועט קומען אויף יענער וועלט, וועט איר דאָך אוודאי עסן אַ סך שור הבר און שטיקער לויתן, איז מיין עצה, אַז איר זאָלט זיך מיטנעמען אַ פלעשל ריצין־אויל.

— און דו — ענטפערט דער רבי — וועסט דאָך דאָרט קריגן קדחת, זאָלסטו מיט זיך מיטנעמען אַ פלעשל כינין...

אָט פאַרוואָס

אַ מתנגד האָט איינמאָל באַמערקט ווי די חסידים טאַנצן און פרייען זיך ביים מקדש (מחדש) זיין די לבנה. פרעגט ער איינעם פון זיי:

— „ולשמחה זו מה עושה?" — וואָס איז ביי אייך אַזוי די שמחה?

— פאַרוואָס — מאַכט דער חסיד — זאָל מען זיך נישט פרייען, אַז אַי מען איז מקדש, אַי מען האָט ניט קיין ווייב...

טאָמער פאַרקערט

מען דערציילט, אַז דער באַרימטער וויצלער, מאָטקע חבד, וועלכער איז אויך געווען באַקאַנט ווי אַ גרויסער אפיקורס, האָט, ווען ער איז שוין געווען אַ נוטה למות, אויף זיין טויטן־בעט, געבעטן מען זאָל אים געבן אויפעסן אַ ווערעמדיקע פלוים, כדי, אַז מ׳וועט אים אויף יענער וועלט שמייסן פאַר אַלע זינד, וואָס ער איז באַגאַנגען אין זיין לעבן, זאָל ער וויסן, אַז מ׳וועט אים שוין שמייסן פאַר דער ווערעמדיקער פלוים, זיינען דאָס די לעצטע שמיץ.

ווען מ׳האָט די מעשה מיט דער פלוים איבערגעגעבן צום ריזשינער צדיק ר׳ ישראל׳עניו, האָט ער זיך אָנגערופן: „יאָ, אָבער, וואָס וועט דער אפיקורס טאָן, אַז מ׳וועט אָנהויבן שמייסן פון דער פלוים אויף צוריק?..."

צוויי יצר־הרע׳ס

חסידים האָבן אָפּגעשפּאָט פון די מוסרניקעס, וועלכע פּלעגן אין די ליטווישע ישיבות גיין אַהין און צוריק און רעדן צו זיך: מען דאַרף צעברעכן דעם יצר־הרע! מען דאַרף צע־ברעכן דעם יצר־הרע!

— און וואָס וועט שוין זיין, אַז דו וועסט צעברעכן דעם יצר־הרע? — האָט אַ חסיד אָפּגעשטעלט אַזאַ מוסרניק — וועסטו האָבן צוויי יצר־הרע׳ס...

טאַטע און זון

דעם סטריזשעווער רבינס זון איז געווען אַן אָנהענגער פון דער השכלה. פלעגט דער רבי נעמען אַ שטעקן און פּאָכן מיט אים אַנטקעגן זיין זון, דעם משכיל, און שרייען:

— דיבוק, אַרויס פון מיין זון!

האָט דער זון גענומען אַ צווייטן שטעקן און געפּאָכעט אַנטקעגן זיין פאָטער:

— שוטה, אַרויס פון מיין טאַטן!

ער האָט זיך אַליין אומגליקלעך געמאַכט

אַ ייד, וואָס האָט געהאַנדלט מיט געהילץ, איז געקומען צום רבין בעטן אויף שניי.

— רבי — האָט געזאָגט דער האָלץ־הענדלער — איך בין אומגליקלעך. איך קאָן ניט אַרויספירן ס׳געהילץ פון וואַלד, ווייל ס׳איז ניטאָ קיין שניי. רבי, דערבאַרעמט זיך, פועלט אויס ביים רבונו של עולם אַביסל שניי.

— גיב מיר אַ פדיון פון דריי הונדערט און דריי און דרייסיק קערבלעך, כמנין „שלג", וועסטו האָבן בקרוב שניי.

דער סוחר האָט געגעבן דעם רבין דעם פדיון און זיך געזעגנט.

ביים אַרויסגיין האָט ער געטראָפן די רביצין, האָט ער איר אויך צוגעגעבן צען קערבלעך און אַזוי אַרום זיך געוואָלט נאָך מער פאַזיכערן, אַז אינגיכן זאָל זיין שניי.

נאָך אַ קורצער צייט איז דער סוחר ווידער געקומען צום רבין און געפרעגט:

— היתכן, וואו איז דער שניי? אַנשטאָט שניי איז גאָר געקומען אַ רעגן...

— ביסט דיר אַליין שולדיק — האָט דער רבי געענטפערט. — די צען קערבלעך, וואָס דו האָסט געגעבן דער רביצין, האָבן דיך אומגליקלעך געמאַכט, דיין פדיון האָט באַטראָפן 343 און דאָס איז שוין כמנין „גשם".

דער יצר הרע

צוויי משכילים האָבן זיך אַמאָל אָוועקגעשטעלט און זיך געשפּאַרט צי איז דער יצר הרע אַ חסיד אָדער אַ מתנגד. זיי זיינען ביידע געקומען צו איין אויספיר, אַז ער איז אַ חסיד, ווייל מען זעט אים אָפט ביים רבין...

משכילים און אפיקורסים

אַ יידישע שטאָט

אין אַ שטעטל האָט אימיצער געטראָפן זיינעם אַ באַקאַנטן, וואָס איז אָקאָרשט געקומען פון אָדעס. פרעגט ער אים צי עס איז טאַקע אמת, אַז אָדעס איז אַ גויישע שטאָט און צען וויאָרסט אַרום אָדעס ברענט ממש אַ העליש פייער פון זינד און צע־לאַזנקייט?

— פונקט פאַרקערט — ענטפערט דער באַקאַנטער — אָדעס איז אַן עכט־יידישע שטאָט. ווען מען גייט שבת אין גאַס און מען זעט ווי אַ גלוח פאַרט זיך אין אַ קאַרעטע מיט אַ סיגאַרעט אין מויל, מיינט איר דאָך, אַז דאָס איז אַ גוי, לאָזט זיך אויס, אַז אפילו דער דאַזיקער איז אויך אַ ייד...

צו־פרי געמאַכט הבדלה

אַ פרומער ייד איז געגאַנגען שבת מנחה־צייט שפּאַצירן. האָט ער באַגעגנט עטלעכע הייעטוועלטיקע יונגעלייט מיט פּאַפּיראָסן אין מויל. די יונגעלייט האָבן זיך שטאַרק פאַרשעמט, ווען זיי האָבן דערזען דעם יידן.

— איי, קינדערלעך, — מאַכט צו זיי דער פרומער ייד — היינטיקס מאָל האָט איר צו־פרי געמאַכט הבדלה.

ווי אַזוי ניט צו פאַסטן

אַ געוויסער משכיל פלעגט זאָגן:

— ווען עס קומט אַ תענית, האָב איך אַ מיטל ווי אַזוי ניט צו דאַרפן פאַסטן און דווקא על פי דין. איך נעם אַרויס מיינע תפלין און לאָז אַראָפּ פון דער האַנט אויף דער ערד דעם של־יד. ס'איז אַ בפירושער דין אין שולחן־ערוך: אַז מען וואַרפט אַראָפּ דעם של־ראש דאַרף מען פאַסטן, וואַרפט מען אָבער אַראָפּ דעם של־יד דאַרף מען ניט פאַסטן.

שבת און תפלין

אברהם יצחק לאנדא פון בראָד האָט געדרויכערט אַ פּאַפּי־ראָס אום שבת ביי זיך אין דערהיים און פונקט זיינען אַריינ־געקומען צו אים די גבאים פון דער שול און געכאַפּט אים בשעת מעשה. זיי האָבן זיך פאַרשעמט און דערשטוינטע זיינען זיי געבליבן שווייגן.

— קומט צו מיר אין אַ שעה אַרום.

ווען זיי זיינען געקומען צו אים שפּעטער, האָבן זיי אים געטראָפן אין טלית און תפילין.

— ס'איז דאָך היינט שבת, ווי קומט עס, אַז איר לייגט תפילין היינט?

האָט ער אויסגעשטעלט אויף זיי אַ פּאָר אויגן:

— היינט איז גאָר שבת? כ'האָב דאָך געדרויכערט פריער אַ פּאַפּיראָס, וויי איז צו מיר...

שניי און פרעסט

מען דערציילט, אַז ר' שמואל יוסף פין איז עשרה בטבת געזעסן און געגעסן. ס'איז געווען אַ קאַלטער טאָג און ס'האָט געשנייט אין דרויסן. אין מיטן עסן איז צו אים אַריינגעקומען אַ ייד אַ חסיד און ניט טראַכטנדיק אַ סך, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— איר זענט געוואָרן אַ שותף צום רבונו של עולם צו מעשי בראשית.

פרעגט דער אַלטער משכיל: ווי אַזוי?

— פשוט, — ענטפערט אים דער חסיד — גאָט גיט שניי און איר — פרעסט...

א. ב. ג.

דער העברעאישער דיכטער אברהם בער גאָטלאָבער פלעגט זיך אונטערשרייבן אב"ג, די ראשי-תיבות פון זיין נאָמען. אויף דער עלטער איז ער בלינד געוואָרן. האָט ער אַמאָל געזאָגט אויף זיך אַליין:

— ווייסט איר ווי ס'מאַכט איצט אב"ג — אַלטער בלינדער גוי...

מותר און אסור

ר' ישראל וויזשניצער איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון השכלה. זיינען געקומען צו אים אַמאָל עטלעכע משכילים און איינגעטענה'ט:

— פאַרוואָס, רבי, זאָלן חסידים פיינט האָבן משכילים? מיר זיינען דאָך קינדער פון איין פאָטער?

— יאָ, — האָט ר' ישראל געענטפערט — אָבער ניט פון איין מוטער...

— וואָס מיינט עס? — האָבן די משכילים זיך געוואונדערט.

— פאַרשטייט איר מיך, וואָס ביי אייך איז מותר (מוטער) איז ביי אונדז אסור...

דריי וואָס האָבן פאַרגעסן

ווען דער משכיל ר. א. ברוידעס איז נאָך געווען אַ בחור, פלעגט ער יעדן שבת נאָכמיטאָג מיט נאָך צוויי בחורים, אפּי־קורסים ווי ער, זיך פאַרמאַכן אין אַ שטיבל כדי דאָרט אומ־געשטערט מקיים צו זיין די „מצווה" פון „תבערו אש בכל מושבותיכם". איינמאָל גייט פאַרביי אַ ייד, גיט אַ קוק דורכן פענצטער, זעט וואָס ס'טוט זיך און הייבט מסתמא אָן צו שרייען: „געוואַלד!" ווי געווײנלעך, קומט דאָס גאַנצע שטעטל צו לויפן און הערט וואָס דער ייד האָט געזען. נישט לאַנג קלערנדיק רייסט דער עולם אויף די טיר. נאָך אַ קורצער באַ־ראַטונג באַשליסט מען, די בחורים איינציקווייז צו נעמען אין דער אַרבעט אַריין.

מען נעמט צוערשט איין חוטא און מען הייבט אים אָן צו מקל'ען כמו שכתוב. דערשפּירט קלעפּ, האָט דער בחור אַרויסגעלאָזט אַ געוואַלד:

— לאָזט מיך געמאַך! — האָט ער געשריען — איך בין אומשולדיק, איך האָב פאַרגעסן, אַז ס'איז היינט שבת.

— טאָמער טאַקע? — רופט זיך איינער אָפּ. די יידן ווערן ווייך. מען לאָזט אים צורו און מען נעמט זיך צום אַנדערן בחור, אָבער אויך ער האָט דעם אייגענעם תירוץ: „ער האָט פאַרגעסן".

— וואָס האָסטו פאַרגעסן? — וויל דער עולם וויסן.

— איך האָב פאַרגעסן, אַז מען טאָר שבת ניט רויכערן.

די יידן באַקומען רחמנות. מען שיקט אויך דעם צו אַלדע רוחות און מען הייבט זיך אָן מתעסק צו זיין מיט דעם ראש המדברים, מיט ברוידעסן.

— און דו, טייערער תכשיט, — מאַכט די חברה חוזק — האָסט אפשר אויך פאַרגעסן?

— אַוודאי האָב איך פאַרגעסן.

— וואָס?

— איך האָב פאַרגעסן — אַראָפּצולאָזן די פוירענגלעך...

אַ שאַרפער ענטפער

דער לעמבערגער ראש-הקהל, שמעלקע האָראָוויץ, אַ באַרימטער גביר און באַזיצער פון גאָרזשעלניעס (בראָנפן-ברעגערייען), באַגעגנט ברוידעסן אויף דער גאַס און זעט, אַז ער איז אַביסל בגילופין. ווי געוויינלעך, לאָזט ער זיך אַריין מיט דעם קלוגן אפיקורס אין אַ שמועס:

— איין זאַך פאַרשטיי איך ניט, פאַניע ברוידעס, וואָס וועט איר טאָן אויף דעם עולם האמת אָן דעם ביטערן טראָפּן?

— איר האָט אַ גרויסן טעות, ר' שמעלקע, — ענטפערט מניה וביה דער געפרעגטער — לויט מיין מיינונג וועט מען אויך אויף יענער וועלט באַקומען אַ גלעזל משקה. וואָרום אַ הוה אמינא — איר וועט דאָרט ניט ברענען?

שוין אויס מיוחס

יאָקעלע אפּיקורס באַרימט זיך פאַר זיין חבר יעקעלע מיט זיינע אפּיקורסישע מעשים. צווישן אַנדערע חדושים דער־ציילט ער, אַז ער האָט זינט כמה שנים אַ מנהג, לכבוד תשעה־באב זיך צו קויפן אַ פעטן אינדיק און אַ פלאַש טאָקייער און צו פּראַווען אַ טיש כמו שכתוב.

יעקעלע צעלאַכט זיך און זאָגט:

— אָ, דיר אַ שווארץ יאָר, יאָקעלע! דו מאַכסט דיר נאָך אוים תשעה־באב אַ יום־טוב? ביי מיר איז דאָס דאָזיקע תעניתל שוין לאַנג אויס מיוחס און איך עס אין אים שוין פּשוט — קאַשע מיט מילך.

אָן אַ קדיש

לייזער יאַשינאָווקער האָט געשמ׳ט אין ליטע פאַרן גרעסטן אפּיקורס. פאַרן טויט האָט ער צוגערופן צו זיך זיין זון און אים געזאָגט:

— הער זיך איין, דער עלטערער ברודער דיינער האָט זיך געשמדט, וועט ער דאָך קיין קדיש נאָך מיר ניט זאָגן. די שוועסטער דיינע — זיינען דאָך פּטור פון קדיש. בלייבסטו דער איינציקער קדיש מיינער, בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט... אויך קיין קדיש ניט זאָגן...

פאַרוואָס ער פרייט זיך

דער רב האָט באַמערקט ווי דער אפּיקורס אין שטאָט פרייט זיך שמחת־תורה, טאַנצט און הוליעט מער פון אַלע יידן. פרעגט ער אים: „וואָס איז מיט דיר אַזוי די גדולה?"

— איך פריי זיך — ענטפערט ער דעם רב — וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן די תורה און ניט דער קייסער. טאָמער וואָלט חס־ושלום דער קייסער געווען אונדז געבן די תורה, וואָלטן מיר זי געמוזט אָפּהיטן מיט אַלע פּיטשעווקעס...

ער האָט געמאַכט אַ ברכה

ווען מענדעלע מוכר ספרים איז געווען אין ווילנע, איז ער אומגעריכט אַריינגעקומען אין אַ בוכהאַנדלונג. דערזען דעם זיידן, איז אין געשעפט געוואָרן אַ צערודערונג: אַלע האָבן זיך געשטעלט און אים באַגריסט.

— ווער איז דאָס? — האָט געפרעגט אַ קליינשטעטל־דיקער מוכר־ספרים, וואָס איז גראָד דאַן געווען אין געשעפט.

אַז ער האָט דערהערט, אַז דער גאַסט איז מענדעלע מוכר־ספרים, האָט ער געמאַכט אַ ברכה.

— אוי, גיכער, גיכער, לאָזט מיך אַנטלויפן! — האָט מענ־דעלע געזאָגט — ער האָט געמאַכט אַ ברכה, וועט ער מיך באַלד אויפעסן...

מען ווייסט נאָך ניט

ווען יעקב גאָרדין, דער גרויסער יידישער דראַמאַטורג, איז געשטאָרבן, האָט מען אים, ווי דער שטייגער איז, מספיד געווען. איינער פון די מספידים האָט באַוויינט דעם גרויסן פאַר־לוסט און דער צווייטער האָט פאַטעטיש אויסגערופן, אַז גאָר־דין איז ניט געשטאָרבן, ער לעבט און וועט שטענדיק לעבן!

איינער פון די מלווים, וואָס האָט זיך צוגעהערט צו די הספדים, איז אַרויס אין גאַס און געהויבן די אַקסלען:

— אין מיין לעבן האָב איך אַזאַ זאַך נישט מיטגעמאַכט. איינער זאָגט ער איז געשטאָרבן, דער צווייטער זאָגט, אַז ער לעבט — קאָן מען דען ניט רופן קיין דאָקטאָר און פעסטשטעלן ווי עס האַלט טאַקע מיט אים?

דאָס גאָלדענע קאַלב

מען האָט געפרעגט אייזיק מאיר דיק: פאַרוואָס האָבן יידן אין מדבר געמאַכט אַ גאָלדען קאַלב?

האָט ער געענטפערט: ווייל ס'האָט זיי ניט געסטייעט קיין גאָלד צו מאַכן אַן אָקס.

כּשר איז ניט טריף

בעת אַ דעבאַטע אויף אַ ציוניסטישן קאָנגרעס, האָבן זיך די דעלעגאַטן פון „השומר הצעיר" שטאַרק איינגעשטעלט פאַר דעם פּרינציפּ פון פרייהייט פון געוויסן און מיטן גאַנצן אייפער זיך קעגנגעשטעלט צו די רעליגיעזע פאָדערונגען פון „מזרחי". עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ זייער הייסע דיסקוסיע, וואָס האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין די קולואַרן.

ביי אַ טישל זיינען געזעסן עטלעכע מיטגלידער פון דעם „השומר־הצעיר" און די „מזרחי"־דעלעגאַטן האָבן זיי געוואָלט איבערציייגן, אַז זיי דאַרפן ניט עסן קיין טריף, ווי יידן דאַרפן זיי עסן כּשר.

איז צופעליק דורכגעגאַנגען יוסף שפּרינצאַק, דער פּראָ־מינענטער פירער פון מפא"י — דער היינטיקער פאָרזיצער פון דער „כּנסת" — און אַריינגעוואָרפן זיין באַמערקונג:

— ניש'קשה, יונגוואַרג, כּשר איז אויך ניט טריף, איר מעגט עסן כּשר...

ער פאַרשטייט זיין טעאָריע

חיים וויצמאַן איז צוזאַמען מיט אַלבערט איינשטיינען געפאָרן אויף אַ שיף קיין אַמעריקע. ווען זיי זיינען אָנגעקומען, זיינען זשורנאַליסטן זיי געקומען אַנטקעגן און איינער האָט אַ פרעג געטאָן וויצמאַנען:

— אין וואָס האָט איר ביידע עוסק געווען אויף דער שיף?

— איינשטיין האָט מיר דערקלערט זיין טעאָריע — האָט וויצמאַן געענטפערט.

— און וואָס איז דיר קלאָר געוואָרן?

— פון זיין אויפקלערונג איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז ער פאַרשטייט זיין טעאָריע...

חברים און חסידים

אַ פּאָר חברים זיינען אין ישראל געפאָרן שבת אין אַ וואַגאָן און זיינען פאַרבייגעפאָרן כּפר חסידים. עטלעכע פרומע בחורים, וואָס האָבן זיי באַמערקט, האָבן צו זיי געשריען אויף יידיש:

— גויים! איר פאַרט אום שבת?!
— שקצים! דברו עברית! (שקצים! רעדט העברייאיש!)
— האָבן די חברים געענטפערט.

דער בעל עבירה

א ייד קומט אריין צו א רבין און איז זיך מודה, אַז ער איז באַגאַנגען א זינד, ווייל ער אַז דער רבי זאָל אים אַרויס־געבן א תשובה.

— וואָס — פרעגט דער רבי — איז געווען דיין זינד?

— כ׳האָב — זאָגט דער ייד — ניט געוואַשן די הענט מיט מים אחרונים.

— פאַרוואָס טאַקע האָסטו זיך ניט געוואַשן די הענט פאַר בענטשן?

— ווייל איך האָב ניט געבענטשט.

— און פאַרוואָס האָסטו ניט געבענטשט?

— ווייל כ׳האָב זיך ניט געוואַשן צום עסן.

— פאַרוואָס ניט? — פרעגט דער רבי.

— ווייל — מאַכט דער ייד — כ׳האָב געגעסן אין א גויאישן רעסטאָראַן.

— פאַרוואָס ניט אין א יידישן?

— ווייל — זאָגט דער ייד — ס׳איז געווען יום־כפור און די יידישע רעסטאָראַנען זיינען געווען פאַרמאַכט...

די הייליקע קאָרטן

אין א ישיבה האָט מען איינעם פון די בחורים געזען אינמיטן לערנען שפּילן זיך מיט א טעשל קאָרטן. אַז דער ראש־ישיבה האָט אים מיט כעס געפרעגט: „היתכן? ווי קומסטו צו טאָן אַזאַ זאַך?" — האָט דער בחור געענטפערט:

— מחמת איך האָב אויסגעפונען, אַז אין טעשל קאָרטן שטעקן א סך סודות פון תורה און מצוות: די 52 קאָרטן אין טעשל זיינען קעגן די 52 וואָכן אין יאָר. היינט זיינען דאָ 4 מאָל צו דרייצן קאָרטן מיט פאַרשיידענע צייכנס, וואָס איז

כנגד די שלש עשרה מדות. אויך קעגן די 13 אני מאמינס און „שלשה עשר מי יודע" און די 13 יאָר פון בר־מצוה. די 4 קעניגן זיינען קעגן די 4 מלכים, וואָס אברהם אבינו האָט באַזיגט און די 4 קעניגינס — קעגן די ארבע אמהות...

עס איז גאָר אַ מצווה

אַן אפיקורס איז געקומען צו אַ רב און אים געפרעגט:

— רבי, איך האָב שוין עובר געווען אויף אַלע עבירות, חוץ די עבירה פון מאבד עצמו לדעת (זעלבסטמאָרד).

האָט אים דער רב געענטפערט: „די עבירה קענסטו ניט עובר זיין, ווייל דאָס וועט גאָר זיין אַ מצוה: „ובערת הרע מקרבך".

לכבוד פסח

אַ ייד קומט אַריין פסח אין אַ כשרן רעסטאָראַן, זעצט זיך ביים טיש, גיט אַ קוק אין דער מעניו און עס ווערט אים „ליכטיק" אין די אויגן. די פרייזן זיינען ניט פאַר זיינע כוחות. נאָר אַז ער איז שוין דאָ, און עסן מוז מען, גיט ער אַ זאָג צום קעלנער:

— ווייסט איר וואָס, גיט מיר אַ מאַלצייט פאַר צוויי דאָלער.

— גוט, — מאַכט דער קעלנער, — אָבער זאָגט מיר צי זאָל איך עס אייך געבן אויף אַ רונדער מצה, צי אויף אַ סקווערער מצה?...

אומזיסטע טרחה

מ'דערציילט, אַז אין אַ געוויסער שטאָט זיינען געווען צוויי פריינט, וואָס מען האָט זיי געהאַלטן פאַר זייער פרומע יידן. איינמאָל אין אַ שבת קומט איינער פון זיי אומגעריכט צו־גאַסט צום צווייטן. אַריינקומענדיק אין צימער, באַמערקט ער, אַז דאָס צימער איז פול מיט רויך. דער באַלעבאָס איז אַריין אין אַ פאַרלעגנהייט און נעמט זיך אַנטשולדיקן:

— דו פאַרשטייסט? אַביסל דער יצר־הרע... מ'איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש... און ס'איז טאַקע אַן עונג שבת —

און ער לאָזט זיך דערביי צו צום שופלאָד און נעמט אַרויס אַ ליולקע־ציבוק און וויל מיט דעם מכבד זיין דעם גאַסט.

— אַ דאַנק, זיי זיך ניט מטריח, — רופט זיך אָפּ דער גאַסט און שפּילעט אויף זיין קאַפּאָטע, — איך האָב מיר אַן אייגענע ליולקע...

אַ ראיה פון תהילים

אין אָנהויב, ווען דער ציוניזם איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין אוקראַינע, זיינען די חסידים געווען געפערלעכע קעגנער. סטייטש — האָבען זיי געטענהט — אַז דער דאָקטאָר הערצל, וואָס שרייבט אין גויאישע בלעטער, וועט גאָר זיין אונדזער משיח צדקנו?

איינמאָל ביי אַזאַ וויכוח רופט זיך צו זיי אָפּ אַ ייד אַ משכיל בזה הלשון:

— שרייט ניט אַזוי, יידן. עס שטייט דאָך בפירוש אין תהלים: „נדחי ישראל יכנס הרופא” — די פאַרשטויסענע פונעם פאָלק ישראל וועט דער דאָקטאָר צונויפנעמען...

מער וועט ער דאָס שוין ניט טאָן

יום־כפור ביי טאָג קומט צו גיין אַ יונגערמאַן צום רב און זאָגט צו אים מיט אַ שוואַכע שטימע:

— רבי, איך בין זייער דורשטיק און וויל אַ טרונק, ממש ניט אויסצוהאַלטן!

רופט זיך אָפּ דער רב:

— מיין זון, פּרוביר אַרויסגיין אויף דער פרישער לופט, אפשר וועט דאָס דיר העלפן.

גייט דער יונגערמאַן אַרויס אין דרויסן, שטייט אַ ווײַלע און קומט צוריק אַריין און אַזוי שטייענדיק נעבן רב האָט ער אָנגעהויבן צו חלשן. האָט דער רב גלייך באַפוילן מ'זאָל דעם יונגערמאַן אַרויסנעמען אין פאָליש און אים געבן אַ טרונק וואַסער.

דער יונגערמאַן האָט זיך באַרואיקט און אין אַ האַלבער שעה שפּעטער איז ער שוין געזעסן אויף זיין „שטאָט” אין

שול. גייט צו צו אים דער רב און פרעגט אים, וואָס ער מאַכט און ווי ער פילט, רופט ער זיך אָפּ:

— רבי, איך וועל שוין איצט האָבן באַצאָלט לערן-געלט אויפן גאַנצן לעבן, מער וועל איך שוין אַזעלכעס ניט טאָן!

דער רב און די אַרומיקע מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען דערבײַ, זיינען געוואָרן זייער נייגעריק צו וויסן, וואָס עס האָט פּאַסירט און אַז מ׳האָט אים געפרעגט, האָט ער געענטפערט:

— רבי, מער וועל איך שוין קיין לאָקס אויף פרישטיק ניט עסן!...

שניידערישע חכמה

אַ רב האָט אַמאָל באַשטעלט ביי אַ שניידער ער זאָל אים אויפנייען אַ קאַפּאָטע. איז אַוועק אַ חודש, צוויי און דריי, און דער שניידער האָט נאָך אַלץ ניט אָפּגעבראַכט דעם בגד. איז דער רב אַוועק צו אים מיט אַ טענה:

— סטייטש, ר׳ יוסף, וויפל איז דער שיעור צו וואַרטן?

— רבי לעבן, — ענטפערט דער שניידער, — וואָס לענ-גער איך ניי, אַלץ שטאַרקער ווערט די קאַפּאָטע.

— אָבער — מאַכט דער רב ווייטער — גאָט ברוך הוא האָט באַשאַפן די וועלט אין זעקס טעג, און דו קאָנסט ניט באַשאַפן אַ זשופּיצע אין דריי חדשים!

— יאָ, רבי, — ענטפערט דער שניידער, — טאַקע אַזאַ פּנים האָט די וועלט און זי האַלט זיך טאַקע אין איין רייסן...

אַ פירער — אַ כבד־פה...

צוויי יידן טרעפן זיך. פרעגט איינער:

— זאָגט מיר נאָר, פאַרוואָס אַז משה רבינו, דער גרויסער פירער ביי יידן, איז געקומען אַרויספירן די יידן פון מצרים, האָט ער ניט געהאַלטן קיין דרשות, נאָר ער איז צוגעגאַנגען גלייך צו דער פראַקטישער זייט, און אונדזערע היינטיקע פירער ביי די קאָנגרעסן און ציוניסטישע קאָנפערענצן רעדן ניין מאָס רייד, און צו קיין פּראַקטישע מעשים קומט עס ניט?

ענטפערט דער אַנדערער:

— הערסט אַ מעשה? ! משה רבינו איז דאָך געבעך געווען אַ כבד־פּה, האָט ער זיך ניט געקענט העלפן...

וועגן כהנים

פרעגט איין ייד דעם צווייטן:

— פאַרוואָס זאָגט די וועלט, אַז כהנים זיינען כעס׳דיקע מענטשן?

ענטפערט דער צווייטער:

— ווי זאָלן זיי ניט זיין אין כעס, אַז זיי וואַשן זיך צום דוכנען די הענט און מען גיט זיי ניט קיין עסן.

פרעגט צוריק דער ערשטער:

— וועגן וואָס טראַכטן די כהנים, בעת זיי דוכנען און בענטשן די יידן?

ענטפערט דער צווייטער:

— זיי טראַכטן, אַז מען זאָל, חלילה, ניט אַוועקגנבענען זייערע שיך, וואָס זיי האָבן צום דוכנען אויסגעטאָן און גע־לאָזן אונטער דעם שטענדער.

מען דאַרף קענען

אין אַ שטעטל איז געווען אַן אַפּטייקער, אַ גרויסער גע־לערנטער און אַן אפיקורס. קומט צו אים איינמאָל אַ בחור און זאָגט צו אים:

— איך וויל אויך ווערן אַן אפּיקורס, זאָגט מיר, וואָס דאַרף איך טאָן?

— האָסטו געלערנט פּוסקים? — פרעגט אים דער אַפּ־טייקער.

— ניין — זאָגט דער בחור.

— און גמרא האָסטו געלערנט?

— ניין.

— נו, און תנ״ך האָסטו יאָ געלערנט?

— אויך ניט.

— אויב אַזוי — רופט אויס דער אַפּטייקער — איז אַן עבירה דיין מי, דו וועסט קיין אפּיקורס שוין ניט ווערן...

ער היט זיך פאַר אַן עבירה

עס ווערט דערציילט, אַז הרב מאיר בערלין, ע"ה, איז אַמאָל אַריינגעקומען אין אַ כשר'ן רעסטאָראַן און האָט דאָרט געטראָפן אַ פּראָמינענטן פּועלי־ציון פירער, וואָס איז געווען זייער ווייט פון אָפּהיטן כשרות. רופט זיך הרב בערלין אָפּ צו אים:

— ווי קומסטו גאָר אַהער עסן?

— רבי, — ענטפערט אים יענער, — איך קאָן אייך שווערן, אַז כ'האָב דאָ נאָר געגעסן אַ שטיקל הערינג...

יידיש אָדער גוייש

אַמאָל האָט דער משכילישער שרייבער מרדכי דוב בראַנד־שטעטער שפּאַצירט דורך די גאַסן פון טאַרנע און צופעליק איז דורכגעגאַנגען נעבן אים אַ גרופּע יידישע מיידלעך, וואָס האָבן זייער הויך גערעדט פּויליש וועגן יידיש און יידישקייט. זייער פּויליש איז געווען ניט וואַזשנע און וועגן יידן האָבן זיי גע־רעדט מיט האַס. האָט זיי בראַנדשטעטער אָפּגעשטעלט און געזאָגט צו זיי:

— מיידלעך, צוליב וואָס רעדט איר פּויליש, אַז אַלע זאָלן וויסן, אַז איר זענט יידישע מיידלעך, וואָלט דאָך געווען בעסער, אַז איר זאָלט רעדן יידיש, אַז אַלע זאָלן וויסן אַז איר זענט גויעס...

גיב אָפּ די תורה

מען דערציילט וועגן דעם זעלבן שרייבער, אַז ווען איינער פון די ערשטע חלוצים האָט פאַרלאָזט טאַרנע כדי עולה צו זיין קיין ארץ־ישראל און איז זיך געקומען מיט אים געזעגענען, האָט דער אַלטיטשקער משכיל אים געפרעגט ווי אַזוי וועט ער מאַכן די רייזע.

— ביז אַלעקסאַנדריע וועל איך פאָרן מיט דער שיף — האָט דער חלוץ אים דערקלערט — פון דאָרט ביז יפו וועל איך פאָרן דורך דעם האַלב־אינדזל סיני מיט דער באַן.

בראַנדשטעטער איז אַריין פאַר אַ ווײַלע אין זיין ביבליאָ-טעק, געבראַכט מיט זיך אַ קליין תנ"כעלע און זיך אָפּגערופן:

— כ'האָב צו דיר אַ בקשה, אַז דו וועסט פאַרבייפאָרן דעם באַרג סיני, וועסטו דאָרט אָפּגעבן דאָס ספרל...

ער גייט אויס

בראַנדשטעטער פלעגט יעדן טאָג שפּאַצירן דורך דער הויפּט-גאַס פון טאַרנע. ווען ער איז קראַנק געוואָרן אויף די עלטערע יאָרן, איז אַמאָל צו אים אימיצער פון זיינע פריינט געקומען מיט אַ באַזוך און האָט אים געפרעגט:

— שפּאַצירט איר אין גאַס?

— יאָ, איך גיי אויס — האָט דער שרייבער געענטפערט קרעכצענדיק.

מען דאַרף אויסהענגען די סחורה

איינער, אַ זשולקעווער משכיל האָט געפירט אַ ביטערן קאַמף מיט די חסידים. ער פלעגט זאָגן: אַ שוסטער אָדער אַ שיך-סוחר הענגט אַרויס פאַר זיין געשעפט אַ פּאָר שטיוול; אַ מאַנופאַקטור-סוחר נעמט אַ שטיק סחורה און שטעלט זי אַרויס. אַ רבי וואָס האַנדלט מיט חסידים דאַרף נעמען אַ חסיד און אויסהענגען אים פאַר זיין הויף.

אַז אַ גוי רירט זיך צו

אליעזר בן-יהודה האָט געהאַט אַ סך קעגנער, ווען ער האָט דער ערשטער אָנגעהויבן איינפירן לשון-קודש ווי אַ טאָג-טעגלעכע שפּראַך. באַזונדערס האָבן זיך קעגנגעשטעלט די פרומע יידן אין ירושלים.

איין מאָל טרעפט בן-יהודה אַזאַ פרומען ייד און פרעגט אים הלמאי זיינען גראָד די פרומע יידן, וואָס ביי זיי איז לשון-קודש אַזוי הייליק, קעגן זיין געדאַנק צו מאַכן לשון-קודש פאַר אַ גערעדטע שפּראַך.

— כ׳וועל אייך זאָגן — ענטפערט אים דער פרומער ייד — ווײַן אויף קידוש און הבדלה איז הייליק. פונדעסטוועגן, אַז ס׳רירט זיך צו אַ גוי ווערט עס נסך און ס׳איז טריף...

וועגן צום גדליה

מען האָט געפרעגט אַן אפיקורס, פאַרוואָס ער פאַסט ניט צום־גדליה?

— צוליב פיר טעמים — איז געווען די תשובה — ערשטנס: ווען גדליה וואָלט ניט ביים ערשטן חורבן דער־הרגעט געוואָרן, וואָלט ער סיי־ווי־סיי ניט מער געלעבט. צווייטנס: ווען מען וואָלט מיך דערהרגעט, וואָלט גדליה אויך ניט געפאַסט. דריטנס: פשוט ווייל איך בין הונגעריק. פערטנס: וואָס איז עפּעס צום־גדליה מער מיוחס ווי יום־כפור? יום־כפור פאַסט איך דען יאָ?

זיי דאַרפן זיך ניט זאָרגן

בעת דער לוויה פון מיין גוטן פריינט, דעם דירעקטאָר פון שולן־קאָמיטעט פנחס גינגאָלד ע״ה, זיינען זיך געשטאַנען די צוויי שרייבער זקנים יוסף מאַרגאָשעס און גרשם באַדער, וואָס זיינען דעמאָלט געווען אין די הויכע אַכציקער.

אין דער מיט פון די הספדים רופט זיך אָפּ באַדער צו מאַרגאָשעסן:

— מיר דאַרפן זיך ניט זאָרגן, דערווייל האָלט עס ביי די זעכציקער...

בעת אַן עקזאַמען

אין דער ראַבינער־שול אין ווילנע איז געווען אַמאָל אַן עקזאַמען. דער עקזאַמינער האָט צוגערופן אַ שילער, געעפנט אַ משניות און אים געהייסן זאָגן:

— המקדש שתי נשים בבת אחת.

האָט דער תלמיד געזאָגט:

— המקדש... אַז איינער איז מקדש, שתי נשים — צוויי ווייבער, בבת אחת — מיט איין טאָכטער...

נאָך פערציק יאָר

אַ יונגערמאַן, אַ משכיל איז אַמאָל געקומען צו אייזיק-מאיר דיק מיט אַ חיבור און געבעטן ביי אים אַ הסכמה.

— יונגערמאַן, — האָט אייזיק-מאיר דיק צו אים געזאָגט — אויב איר ווילט ווערן אַ מחבר ביי יידן, מוזט איר אויף זיך מקבל זיין ערומצוטראָגן אייער חבור איבער די הייזער און ליידן נויט און דחקות ביז פערציק יאָר.

— און נאָך פערציק יאָר? — ווערט דער יונגערמאַן נייגעריק.

— נאָך פערציק יאָר — שמייכלט אייזיק מאיר דיק — וועט איר שוין זיין צוגעוואוינט.

ס'קומט אים מער

אייזיק-מאיר דיק איז אַמאָל געגאַנגען אין גאַס מיט זיינעם אַ פריינט, ווען אַ הינקעדיקער בעטלער, אַ בעל-מום, האָט זיי אָפּגעשטעלט, און מיט אַ שטאַרקן רחמנות-געוויין געבעטן אַ נדבה.

האָט אייזיק-מאיר אים געגעבן צען קאָפּיקעס.

— איך בין איבערצייגט — האָט זיין פריינט געזאָגט — אַז דער מענטש איז אַ שווינדלער, אַ קאָמעדיאַנט.

— פאַר אַזוי גוט שפּילן — האָט אייזיק-מאיר געענטפערט — איז ער ווערט אַ סך מער.

אַ קלוגער מענטש

אייזיק-מאיר דיק איז אַמאָל געווען פאַרטראַגן אין אַן ענין און ער האָט, גייענדיק אין גאַס, צו זיך אַליין גערעדט.

באַגעגנט אים זיינער אַ פריינט און זאָגט:

— אייזיק-מאיר, וואָס טוט זיך מיט אייך, איר רעדט דאָך צו זיך אַליין!

— הערט אַ מעשה! — ענטפערט אייזיק מאיר — טאָמער רעד איך אַמאָל מיט אַ קלוגן מענטשן, דאַרפט איר קומען און זיך אַריינמישן?...

ביי זיי און ביי אונדז

אייזיק־מאיר דיק האָט אַמאָל באַגעגנט אין מאַרק אַ גוי מיט אַ בלאַסן פּנים, אַן איינגעבויגענעם רוקן און אַן איינגע־פאַלענער ברוסט, איז אייזיק מאיר צו אים צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— נו, וואָס איז דיין באַשעפטיקונג?

— איך פלעכט נעצן אויף כאַפּן פיש.

האָט אייזיק מאיר אַ זיפץ געטאָן און געזאָגט:

— אַ שאָד, ביי זיי גייט אַלץ פאַרלוירן... ווען אַזאַ וואָלט געווען אַ ייד — וואָלט ער געווים געווען אַ גדול בישראל...

צווישן הינט

אין אַ געזעלשאַפט פון יונגעליייטלעך האָט זיך איינער באַ־רימט מיט די ווערטער:

— איך בין אַ מענטש, וועלכער קאָן אויסקומען מיט אַלע־מען. בין איך צווישן פרומע — בין איך אויך פרום; קום איך צווישן היינט־וועלטיקע — בין איך אַ היינט־וועלטיקער.

— נו, און צווישן הינט? — האָט איינער אַ שטאָך גע־געבן דעם באַרימער.

— צווישן הינט? — האָט יענער איבערגעחזרט די פראַ־גע — צווישן הינט געפין איך זיך דאָס ערשטע מאָל.

תהלים און חזיר

אַ דייטשער יאַהודי איז אַמאָל געקומען צו אַ רב בעטן אַ תשובה: ער האָט געגעסן חזיר. דער רב האָט אים געהייסן, אַז ער זאָל יעדן טאָג דאַוונען בצבור און נאָכן דאַוונען זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים.

דער יאַהודי איז שוין לאַנג אין שול ניט געווען, נאָר אַז דער רב הייסט, מוז מען פאַלגן. נאָכן דאַוונען זעצט ער זיך זאָגן אַ קאַפּיטל תהלים. נעבן אים איז געשטאַנען אַ קליין יידל און געזאָגט תהלים אַזוי ווי וואַסער. דער יאַהודי שטייט פאַרגאַפט און וואונדערט זיך שטאַרק אין האַרצן:

— ווער זאָל דאָס גלויבן — טראַכט ער — אַז אַזאַ קליין יידעלע זאָל האָבן געפרעסן אַזויפיל חזיר.

גאָט איז גערעכט

משה מענדעלסאָן האָט אין זיינע יונגע יאָרן געדינט ער־געץ אין אַ געשעפט ביי אַ רייכן יאַהודי, וועלכער איז באַ־קאַנט געווען ווי אַ גראָבער יונג.

— זעט ווי אומגערעכט גאָט קען זיין — האָט אַמאָל אַ פריינט באַמערקט צום פילאָזאָף — איר זייט אַ גרויסער גע־לערנטער און איר דאַרפט אַרבעטן פאַר אַזאַ גראָבן יונג.

— דאָס ווייזט פאַרקערט, אַז גאָט ווייסט וואָס ער טוט — האָט מענדעלסאָן געענטפערט — וואָרום ווען ער וואָלט מאַכן פאַרקערט, וואָס וואָלט איך געטאָן מיט אַזאַ גראָבן יונג?

דער אונטערשייד

דער העברעאישער שרייבער אברהם מאַפו, מחבר פון „עיט צבוע", האָט אַמאָל געפרעגט דעם גרויסן גאון ר' יעקב ספיר, מחבר פון „אבן ספיר":

— וואָס וועט זיין דער אונטערשייד צווישן אונדז ביידן נאָכן טויט?

— דער אונטערשייד — האָט ר' יעקב ספיר געענטפערט — וועט זיין דאָס, וואָס נעבן אייער קבר וועלן מענטשן זאָגן: דאָ ליגט דער „עיט צבוע" און נעבן מיין קבר וועט מען זאָגן: דאָ ליגט דער „אבן ספיר".

ווען צען ווייבער באַקן

אברהם מאַפו איז אַמאָל פרייטיק ביינאַג דורכגעגאַנגען אַ גאַס אין סלאָבאָדקע, וואָס איז געווען באַוואוינט פון אָרעמע־לייט. פלוצים האָט ער דערהערט פון אַ הויז קולות פון ווײַ־בער, וועלכע האָבן זיך געשאָלטן מיט די שרעקלעכסטע קללות. מאַפו'ן האָט עס פאַראינטערעסירט. ער איז אַריין אינעווייניק אַ קוק טאָן און האָט געזען ווי אַ סך ווייבער האָבן „פאַר־רוקט" דעם טשאָלנט אויף שבת אין איין אויוון.

— איצטער איז מיר רעכט — האָט מאַפו באַמערקט — וואָס אין דעם סוף דער תוכחה, נאָך אַלע קללות, איז די לעצטע

קללה „ואפו עשר נשים לחמכם בתנור אחד”. עס איז גאַנץ פשוט, ווען צען ווייבער באַקן אין איין אויוון, שילטן זיי דאָן אַזוינע קללות, וואָס זיינען אפילו אין דער תוכחה נישטאָ.

אַ מענאַזשעריע

איינער אַ יידישער געלערנטער, מיט דעם נאָמען לאַזאַרוס בער, וועלכער איז אויך געווען אַ רויט־האָריקער, האָט זיך צעקריגט מיט זיינעם אַ פריינט. האָט דער פריינט מיט כעס אויסגערופן:

— וואָס רעדסטו דאָס? דו הייסט בער, זעסט אויס ווי אַ פוקס און ביזט אַ הונט.

— אָבער קיין חזיר בין איך געווים ניט — האָט לאַזאַ־רוס געענטפערט.

הונדערט גילדן אום שבת

אַ פרייער האָט אַמאָל געפרעגט אַ פרומען יידן:

— הער זיך איין, שמואל, דו ביזט דאָך פרום. זאָג מיר דעם אמת, ווען דו זעסט שבת אַ בייטל מיט הונדערט גילדן, וואָלסטו דאָס אויפגעהויבן צי ניט?

האָט דער פרומער ייד געענטפערט:

— וואָס זאָל איך דיר ענטפערן? ערשטנס, זע איך דאָך ניט דעם בייטל; צווייטנס, איז דאָך היינט ניט שבת.

ווען מען קען כעמיע...

אַ באַרימטער יידישער כעמיקער האָט זיך אַמאָל אָנגע־בייזערט אויף זיין פרוי. די פרוי האָט אָנגעהויבן צו וויינען און גיסן מיט טרערן.

— דיינע טרערן ווירקן גאָרניט אויף מיר. — האָט דער פראָפעסאָר געזאָגט — וואָס אַנטהאַלטן דען טרערן? אַ גאַנץ קליינע דאָזע פון פאָספאָר־זויער און אַ קליינעם טייל כלאָר; דאָס איבעריקע — איז דאָך בלויז וואַסער.

אַ פּראָפעסאָר

אַ פּראָפעסאָר איז געגאַנגען פון פּאָסט־אַמט אין אַ גרױסן גאָס רעגן. ער איז געװען אַזױ פאַרטראַכט אין דעם, װאָס ער האָט אַ גאַנצן טאָג געשריבן, אַז ער האָט גאָרניט באַמערקט װי דער רעגן גיסט. אַרײַנקומענדיק אין שטוב, האָט ער דערפילט װי דורכגענעצט ער איז.

— גענוג געשריבן, — האָט ער באַשלאָסן — איך װעל זיך לײגן אָפּרוען.

דער פּראָפעסאָר האָט גענומען דעם שירם, אַרײנגעלײגט אין בעט און ער אַלײן האָט זיך אַװעקגעשטעלט אין װינקל.

געטרױט ניט

קומט אַ ייד צום דענטיסט און בעט, אַז ער זאָל אים אַרױסנעמען אַ צאָן, ער לײדט װײטיקן.

— איך װעל אײך פריער כלאָראָפאָרמירן — זאָגט דער דאָקטאָר.

דער ייד נעמט אַרױס דעם טײסטער פון קעשענע און הױבט אָן צו צײלן דאָס געלט.

— איר האָט נאָך צײט — זאָגט דער דאָקטאָר — איר װעט מיר שפּעטער באַצאָלן.

— איך װיל אײך גאָרניט באַצאָלן — זאָגט דער ייד — נאָר אַז איר גײט מיר כלאָראָפאָרמירן, מוז איך פריער װיסן װיפל געלט איך האָב געהאַט בײ זיך.

דאָ רײסט מען די הױט

שטײט אַ ייד מיט אַ פאַרבונדענער באַק בײ אַ טיר פון אַ דאָקטאָרס קאַבינעט און קוקט זיך אַרום. גײט דורך פאַרבײ אַ פרוי. פרעגט דער ייד:

— דאָ װאױנט דאָס דער צײן־דאָקטאָר?

— נײן, מײן ליבער ייד, — ענטפערט די פרוי — דאָ רײסט מען די הױט, צײנער רײסט מען צװײ הײזער װײטער.

מענדעלע און אחד־העם

אחד־העם האָט געליייענט פאַר די חכמי אָדעם זיין באַ־רימטן מאמר וועגן משה רבינו. צווישן די צוהערער איז אויך געווען מענדעלע, דער זיידע פון דער ניי־העברעאישער און יידישער ליטעראַטור. ווען מען האָט אים געפרעגט, וואָס ער זאָגט וועגן אחד־העמ׳ס פאָרטראַג, האָט ער געענטפערט:

— „ולא ידע איש את קבורתו״ — און קיינער האָט ניט געוואוסט משה רבינו׳ס קבר, איך וויים יאָ, אחד־העם האָט אים טאַקע אָט־אָ־דאָ באַגראָבן...

מענדעלע וועגן אוסישקינען

מענדעלע מוכר ספרים, דערציילט מען, האָט ניט געהאַלטן פון מנחם אוסישקינען, האָט ער זיך אַמאָל געגעבן אַזאַ זאָג:

— אין סידור שטייט: „ולירושלים עירך ברחמים תשוב״

— אדרבא ואדרבא, אָבער אוסישקין בתוכה? (אין טעקסט פון דער תפלה שטייט „ותשכון בתוכה״) קיינמאָל אין דער וועלט ניט...

אַ פירוש אויף קינות

אַ מחבר איז אַמאָל געקומען צו משה מענדעלסאָן בעטן אַ הסכמה אויף זיין חיבור — אַ פירוש אויף „איכה״. מענ־דעלסאָן האָט אַריינגעקוקט אין חיבור — ניט קיין געדאַנק, ניט קיין שפּראַך, ס׳קלעפּט זיך ניט קיין וואָרט צו אַ וואָרט.

— הערט — זאָגט ער צום מחבר — איר האָט געמאַכט אַ פירוש אויף קינות, מ׳דאַרף אָבער זאָגן קינות אויף אייער פירוש.

שובניקעס

זאָלן זיי אָוועקגיין

א צדיק איז אמאָל איינגעשטאַנען אַ גאַנצן טאָג ביי אַ רייכן אַרענדאַר. ביינאַכט, ווען דער צדיק האָט גענומען אָוועקפאָרן, האָט ער געבענטשט דעם אַרענדאַר ער זאָל זוכה זיין דערלעבן ווען משיח וועט קומען.

דער אַרענדאַר האָט גענומען קראַצן די האָר אין קאָפּ און געזאָגט צום צדיק:

— רבי, זעט אַליין ווי גוט מיר לעבט זיך דאָ, ברוך השם: דאָס אָרט איז גוט, דער פּריץ איז צו מיר גוט, אַרענדע־געלט צאָל איך ווינציק, דער קאָנטראַקט איז אויף לאַנג... אַז משיח וועט קומען וועל איך דאָך דאָס אַלעס דאַרפן איבער־לאָזן.

— איך האָב אָבער געהערט, — האָט דער רבי געזאָגט, — אַז די הײדאַמאַקעס באַפאַלן די יידישע אַרענדאַרן און טוען זיי אָן צרות.

— אמת, רבי, אמת — האָט דער אַרענדאַר געזיפצט — זיי זיינען אמתע רשעים, די הײדאַמאַקעס. מיר האָבן פון זיי

ניט קיין רו... אפשר, רבי, איז פאַראַן אַ האָפענונג, אַז משיח וועט קומען זאָלן די היידאַמאַקעס אַוועקגיין אין ארץ־ישראל...

רבי, לא עליכם...

אין דעם ליטווישן שטעטל, שאַלאַט, איז אַמאָל געווען אַ מנהג, אַז יידן פון שטעטל און פון די דערפער פלעגן קומען צום רב פאַרברענגען אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן. איינמאָל האָט דער רב געפרעגט איינעם פון זיינע געסט:

— ר׳ משה, וואָס מאַכט אַ ייד?

האָט דער ייד געענטפערט:

— איך בין עפּעס, רבי, לא עליכם, ניט מיט אַלעמען.

אַ ישובניק, וואָס האָט דאָס דערהערט, האָט געמיינט, אַז „לא עליכם" איז אַ טיטל אַזאַ פאַרן רב. דעריבער, ווען דער רב האָט אים שפּעטער געפרעגט, פאַרוואָס ער קומט לעצטנס ניט אָפט אין שטעטל אַריין, האָט דער ישובניק געענטפערט:

— איך זאָל, רבי, לא עליכם, אַזוי זיין געזונט, ווי איך קום יאָ...

אַלערליי שאלות

אַ ישובניק איז אַמאָל געקומען צום רב. דער רב האָט שוין לאַנג דעם ישובניק ניט געזען. האָט ער אים געפרעגט, פאַרוואָס ער קומט אַזוי זעלטן צו אים. האָט אים דער ישובניק געענטפערט:

— איכ׳ל אייך זאָגן, רבי לעבן, אַז ס׳מאַכט זיך ביי מיר אַ גרינגע שאלה, ווי למשל, אַז מיין שיקסע וואַרפט אַריין, אַנשטאָט אין איר טעפּל, איר שטיק חזיר אין מיין ווייבס טאָפּ — ווייס איך, אַז „טעות גוי איז מותר". איצט אָבער, אַז ס׳האָט זיך געמאַכט אַ האַרבע שאלה, אַ טראָפּן מילך איז אַרויפגעפאַלן אויפן פליישיקן מעסער, קאָן איך שוין אַליין ניט פּסקענען, און כ׳מוז קומען צו אייך.

וואַסילי איז מער ניטאָ

אַ ישובניק האָט אַהיימגעבראַכט אַ מלמד פאַר זיין בן־יחיד. האָט ער, דער עיקר, אים געבעטן, למען השם, אויסצולערנען דעם זון מאַכן קידוש. דער מלמד האָט ניט געזשאַלעוועט קיין מי און האָט געהאַלטן אין איין איינחזרן מיטן בחורעץ דעם קידוש, אָבער ס'איז ניט געגאַנגען. ביז דער בחור איז אַליין געפאַלן אויף אַ פּלאַן: אַזוי ווי ער האָט געקענט אַלע גויים פונם דאָרף ביי די נעמען, זאָל ביי אים יעדעס וואָרט פונם קידוש זיין אַן אַנדער גוי — איז „יום" ביי אים געווען איוואַן; „הששי" — איז געווען סטעפּאַן; „ויכולו" — איז געווען וואַסילי, און אַזוי ווייטער. אויף דעם אופן האָט דער תלמיד באַלד אויסגעלערנט דעם גאַנצן קידוש אויף אויסנווייניק.

איינמאָל, אָבער, פרייטיק צו נאַכטס, הערט דער מלמד ווי זיין תלמיד זאָגט: „יום הששי... השמים והארץ"... אָן דעם וואָרט „ויכולו". פרעגט ער אים: סטייטש, פאַרוואָס האָסטו דורכגעלאָזט דאָס וואָרט „ויכולו"? ענטפערט אים דער בחור:

— רבי, דו נישט ווייסט, „ויכולו" איז שוין זונטיק געשטאָרבן...

אַ רב, וואָס ווייס ניט

אַ יידענע, וואָס האָט געוואוינט אויפן דאָרף, איז אַמאָל געקומען אין שטאָט אַריין און איז אַוועק צום רב פרעגן אַ שאלה וועגן איר זונס בר־מצווה.

טוט איר דער רב אַ פרעג: ווען איז אייער זון געבוירן געוואָרן?

ענטפערט די יידענע: ווען די גויים פייערן דעם יום־טוב „איוואַן באַסלאָוואַ".

דער רב בלייבט שטיין, ווי איינער רעדט: פון וואַנען זאָל איך וויסן?

גיט די יידענע אַ מאַך: רבי לעבן, עס וואונדערט מיך זייער אויף אייך, איר זאָלט אַזאַ קלייניקייט ניט וויסן. דאַכט זיך ביי אונדז דער קלענסטער שייגעצל ווייסט ווען „איוואַן באַסלאָוואַ" געפאַלט...

אמתע גוטברודערשאַפט

אַ ישובניק, וואָס האָט געהאַט יאָרצייט, איז געקומען אויף שבת אין שטאָט אַריין.

נאָכן דאַווענען אין דער פרי, גייט צו אים צו דער שמש און פרעגט:

— ר' הערש, ווי איז אייך עפּעס געפעלן דאָס דאַווענען?

— פון אַלע תפילות איז מיר אַמבעסטן געפעלן געוואָרן דער „אנעים זמירות". דאָס איז אמתע גוטברודערשאַפט: מיר אַ פסוק, דיר אַ פסוק; מיר אַ פסוק, דיר אַ פסוק...

אויב אַזוי, איז די צופרידן

אַ באַלעגאָלע איז געפאָרן ווינטערצייט פון איין שטאָט אין דער צווייטער. ווען ער איז פאַרבייגעפאָרן אַ דאָרף, האָט אַ דאָרפס־יידענע אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ר' ייד, אפשר קאָנט איר מיר זאָגן, ווען עס פאַלט היי־יאָר אוים דער קורצער פרייטיק?

— פון היינטיקן מיטוואָך — איבעראַכטאָג! — האָט געענטפערט דער באַלעגאָלע.

— אוי, אַ געזונט אויף אייך, — האָט געענטפערט די יידענע, — אַבי נישט פרייטיק.

גוטע יידן וועלן ניט דערלאָזן

פרעגט דער ישובניק זיין ווייב דער ישובניצע:

— זע, שרה, וואָס איז דאָס מיט דיר, וואָס ביזטו געוואָרן אַזוי אומעטיק, עפּעס גייסטו אַרום אַ צעטראָגענע?

— הערסטו דאָך, — ענטפערט די ישובניצע, — דאָ איז דורכגעפאָרן אַן אָרעמאַן האָט ער מיר דערציילט, אַז גאָר אין גיכן קומט משיח און מיר וועלן אַלע גיין אין ארץ־ישראל.

— טאָ וואָס איז דער אומגליק? — פרעגט דער מאַן.

— דיר איז גרינג צו זאָגן, — רעדט דאָס ווייב ווייטער, — מילא אַ שטאָטישער, נעמט דאָס פּעקל אונטערן אָרעם און גייט, אָבער מיר האָבן דאָך אַזוי פיל בהמות, פערד, גענדז, קאַטשקעס און הינער.

— זאָרג זיך נישט, מיין ווייב, — ענטפערט דער ישוב־ניק, — עס זיינען נאָך דאָ גענוג גוטע־יידן אויף דער וועלט, זיי וועלן צו אַזאַ אומגליק נים דערלאָזן.

אַ ייד, אַ פּריץ און אַ הונט

אַ דאָרפס־ייד, אַן אַרענדאַר, קומט פונעם פּריץ צו זיך אַהיים מיט אַ משונה־גרויסן הונט. פרעגט אים דאָס ווייב, וואו האָט ער עס פּלוצים דערטאַפּט אַזאַ מין כלב, דערציילט ער איר אַ גאַנצע מעשה:

— דער דאָזיקער כלב איז טאַקע דעם פּריצס אונדזערנס. איך קום היינט צו אים צו נעמען די אַרענדע פון אונדזער קרעטשמע אויף ווייטער, טרעף איך אים אַ פאַרשנאַשקעטן, און ער שטייט צו צו מיר נים אַנדערש נאָר איך זאָל אויס־לערנען דעם הונט זיינעם רעדן, וועט ער מיר דערפאַר אָפּגעבן די אַרענדע אָן אַ קאָפּיקע געלט, און אויב נים — דערשיסט ער מיך דערפאַר באַלד אויפן אָרט ווי אַ הונט. וויפל איך האָב זיך נים געבעטן ביי אים און געטענהט, אַז ס'איז אַן אוממעגלעכע זאַך, האָט גאָרנים געהאָלפן. „פאַר אַ יידן — האָט ער גע־שריען אויף קולות — איז נימאָ קיין אוממעגלעכע זאַך!" הכלל, איך האָב אַרויסגעדרונגען, אַז ס'איז קיין ברירה נימאָ, האָב איך זיך מיישב געווען: מען מוז אים די משוגעת נאָכ־געבן און איך האָב קוים זיך אויסגעבעטן ביי אים, ער זאָל דעם הונט מיטגעבן צו מיר אַהיים אויף צען יאָר, וועל איך אים אויסלערנען רעדן.

— וואָס האָסטו געטאָן? — הויבט אָן דאָס ווייב צו ליאַרעמען — און צען יאָר וועט דען העלפן דערצו? איידער דער דאָזיקער כלב וועט זיך אויסלערנען רעדן, וועסטו גיכער זיך אויסלערנען בילן!

— דערוויל באַרואיק זיך, מיין ווייב, — רופט זיך אָפּ דער קרעטשמער, — זאָרג נים און זאָל דיר נאָר דער קאָפּ נים וויי טאָן. אין צען יאָר אַרום וועט זיין איינס פון די דריי: אָדער דער כלב וועט פּגרן, אָדער דער פּריץ וועט גיין אַ גאַנג, אָדער איך אַליין וועל אָוועקשטאַרבן.

ער ווייס נאָר איין סאָרט בענטשן

אַ ישובניק האָט חתונה געמאַכט אַ זון, האָט מען אים גערופן ער זאָל בענטשן די קינדער אונטער דער חופּה. זאָגט דער ישובניק, אַז גאָט ווייסט זיי שוין בענטשן. האָט דאָס ווייב גענומען זיך בייזערן:

האָט דער ישובניק אַרויפגעלייגט זיינע שווערע הענט אויף חתן-כלה'ס קעפּ און אָנגעהויבן בענטשן. ער איז אַזוי לאַנג געשטאַנען און עפּעס געמורמלט אין דער שטיל, האָבן אים די אַרומיקע געזאָגט:

— זאָל שוין זיין גענוג, נעמט אַראָפּ די הענט.

— באַלד, באַלד, — האָט דער ישובניק געענטפערט, — איך האַלט שוין ביי „ובנה ירושלים עיר הקודש".

מ'וועט משיח'ן אויך איבערלעבן...

אַ ישובניק איז געקומען אין שטאָט און אַזוי ווי ער האָט געהאַט יאָרצייט, איז ער אַוועק אין בית-מדרש. ער קומט אַריין, זעט ער ווי צוויי יידן רעדן. וועגן וואָס רעדן יידן? וועגן יידישע צרות. דערציילן זיי, אַז די צרות זיינען אַזוי גרויס, אַז עס איז ממש חבלי משיח. נאָר, טרייסטן זיי זיך, עס וועט לאַנג ניט נעמען און משיח וועט קומען, און אַלע יידן פון די שטעט און דערפער וועלן אַוועק קיין ארץ-ישראל.

דער ישובניק האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן אַ פאַרציטערטער; גלייך אַוועק אַהיים און דערציילט דער ווייב וועגן די גרויסע צרות, וואָס האַלטן זיך אין דערנענטערן, און אַז — דער עיקר — עפּעס אַ משיח האַלט אין קומען, און דאַן וועלן אַלע יידן דאַרפן אַרויס פון די דערפער.

האָט זיך זיין ווייב גענומען שטאַרק צום האַרצן און שוין געוואָלט חלש'ן. דערזעענדיק דאָס, האָט דער ישובניק זי גע־נומען טרייסטן:

— חנה-לאה, זיי ניט אַזוי פאַרזאָרגט! יידן זיינען איבער־געקומען פּרעה'ן, יידן זיינען איבערגעקומען המן'ען — וועלן זיי משיח'ן אויך איבערקומען...

ער וויל ניט פאַרלירן די מצווה

אַ ישובניק ליגט ביינאַכט אונטער אַ וואַרעמען איבער־בעט, בעת אין דרויסן ברענט אַ פראָסט און אַ זאַווערוכע. אַן אורח פון אונטערוועגנס קומט צו צום הויז און קלאַפט אין טיר. די באַלעבאָסטע, וועלכע האָט דאָס דערהערט, זאָגט צו איר מאַן:

— יאָשע־בער, אַן אָרעמאַן קלאַפּט אין טיר.

— אַזוי? — גיט דער ישובניק אַ בורטשע, איבערקערנדיק זיך אויף די אַנדערע זייט — ס'איז טאַקע אויף אים נעבעך אַ ביטערער רחמנות.

— נו, — מאַכט די יידענע — פאַרוואָס זשע גייסטו אים ניט אַריינלאָזן?

— חכמה וואָס דו ביסט, — ענטפערט ער — אַז כ'וועל אים אַריינגעמען, וועל איך דאָך שוין ניט האָבן אויף וועמען רחמנות צו האָבן...

אַן אמתע שאלה

צום גרויסן שאַלאַטער רב, ר' חיים שאול הלוי לעוויטאַן, ז"ל, איז אַמאָל געקומען אַ ישובניק מיט אַזאַ שאלה: ער האָט געקויפט אַן אתרוג בשותפות מיט זיין שוועסטער, אַן אלמנה; איין נאַכט האָט דער אתרוג איבערגענעכטיקט ביי דער שוועסטער, וויל ער וויסן, צי מעג ער נוצן דעם אתרוג אָדער ניט.

הערנדיק די שאלה האָט דער רב געוואָלט לאַכן, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן און האָט דעם יידן געפרעגט רואיק:

— איז טאַקע דער אתרוג געווען אין דעם זעלבן צימער מיט אייער שוועסטער?

— ניין — ענטפערט דער ישובניק — דער אתרוג איז געווען אין פאַדערהויז פון איר צימער, בעת דער לולב איז יאָ געווען אין איר צימער.

— אויב אַזוי — מאַכט דער רב — איז עס ניט קיין „יחוד" און דער אתרוג איז כשר...

די הגדה איז ניט שולדיק

אַ ייד אַ פּאַרמער, איז מיט אַ פּאָר וואָכן פאַר פּסח געפאָרן אין שטאָט אַריין איינקויפן אויף יום-טוב, האָט ער אויך אין אַ ספרים-קראָם געקויפט אַ הגדה. קומענדיק אַהיים האָט ער ביים איבערקוקן די הגדה דערזען, אַז עס פעלן די ארבעה בנים. איז ער דעם צווייטן טאָג צוריקגעפאָרן אין שטאָט אַריין און איז אַריין צום מוכר ספרים מיט אַ געוואַלד:

— סטייטש? דאָס איז ביי אייך אַ הגדה? וואו זיינען ערגעץ די ארבעה בנים?

— וואָסזשע? — ענטפערט דער ספרים סוחר — איר ווייסט גאָר ניט, אַז ס׳גייט איצט אָן די מלחמה און אַלע ארבעה בנים זיינען מאָביליזירט געוואָרן?

ווען עס פּלאָנטערט זיך די צונג

אַן אַרענדאַר האָט אַמאָל חתונה געמאַכט אַ זון אין אַן אַנדער שטאָט. איידער דער אַרענדאַר איז אַהיימגעפאָרן, האָט ער געוואָלט צוואוינטשן דעם זון, עס זאָל אים גיין גוט, ער זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צום טאַטן, און פאַרקערט, דער טאַטע זאָל אויך ניט דאַרפן אָנקומען צום זון. ביי דעם אַרענדאַר האָט זיך אָבער צעפּלאָנטערט דאָס לשון און ער האָט אים געוואונטשן אַזוי:

— הער אוים, מיין זון, גאָט זאָל דיר העלפן, דו זאָלסט האָבן ברויט אויף ברויט און בולבעס אויף בולבעס; דו זאָלסט ניט דערלעבן אָנצוקומען צו מיר, און איך זאָל ניט דערלעבן אָנצוקומען צו דיר.

זאָל זיך דרייען

אַ ישובניק קומט אין שטאָט אַריין און גייט אַריבער צום ראש-ישיבה און בעט אים ער זאָל אים אויסקלייבן איינעם פון זיינע בעסטע תלמידים פאַר אַן איידעם. פרעגט אים דער ראש-ישיבה:

— ווי אַלט איז אייער טאָכטער, זאָל לעבן?

— וואָס פאַרא טאָכטער? — מאַכט דער ישובניק — קיין טאָכטער האָב איך טאַקע ניט, נאָר אַזוי ווי איך בין רייך און עס דרייט זיך אַרום ביי מיר אַ הינדל, אַ קו און אַ פערד, טאָ זאָל זיך ביי מיר אַרומדרייען אַן איידעם אויך...

דער סידור איז ניט שולדיק

אַ ישובניק, וועלכער איז צוליב יאָרצייט געקומען אויף שבת אין שטאָט אַריין, האָט דעם שמש פרייטיק געגעבן פינף רובל, ער זאָל אים זעצן אין מזרח, לעבן רב. איז זיך דער ישובניק געזעסן לעבן רב ביי יעדן דאַווענען, אָבער ער האָט צום רב קיין וואָרט ניט גערעדט, פשוט ווייל ער האָט ניט געהאַט וואָס צו רעדן. נאָר ווען עס איז שוין געקומען שבת פאַרנאַכט צו מנחה, און דער בעל־תפילה האָט געזאָגט „צדקתך צדק" און געענדיקט מיט „אדם ובהמה תושיע ד'", האָט דער ישובניק געזאָגט צום רב:

— רבי, ווי קומט עס וואָס דער סידור האָט גאָר אוועק־געשטעלט אַ בהמה נעבן אַ מענטשן?

— ניט דער סידור איז שולדיק, — ענטפערט דער רב — נאָר דער שמש...

פאַרריכט אַ טעות

אַ ישובניק איז אַמאָל געקומען אין שטאָט אַריין אויף שבת. האָט מען אים אין שול, ווי געוויינלעך, מכבד געווען מיט אַן עליה. ווען עס איז געקומען צו דער ברכה איבער דער תורה, האָט דער ישובניק געמאַכט אַ „בורא פרי האדמה". דערזעענדיק, אָבער, ווי עס ווערט אַ שטיקל טומל אויף דער בימה, גיט ער אַ זאָג:

— האָט ניט קיין פאַראיבל! איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איבער דער תורה דאַרף מען מאַכן אַ „בורא פרי הגפן"...

ער זאָל עסן זיין אייגן פלייש

אַ ישובניק האָט חתונה געמאַכט זיינעם אַ זון פאַר אַן אײדעם אין שטאָט, און ווי געוויינלעך, ביי זעגענען זיך האָט דער ישובניק גענומען בענטשן זיין זון.

— מיין זון, — זאָגט דער ישובניק, — איך האָב דיך געהאָדעוועט, געגעבן עסן קאַרטאָפליעס און פלייש, איצט זאָל דיר גאָט העלפן דו זאָלסט עסן דיין אייגן פלייש.

דער ריכטיקער חתן

אַ רייכער ישובניק איז אַמאָל געפאָרן אין שטאָט אַריין און האָט געבעטן דעם ראש־ישיבה אים אויסצוקלייבן אַ גוטן ישיבה־בחור צו ווערן דער חתן פון זיין יונגער טאָכטער. דער ראש־ישיבה האָט אים גלייך איבערגעגעבן אַ פיינעם בחור. קומענדיק מיט אים אין זיין אכסניה, נעמט דער ישובניק דעם בחור אויף פאַרהער. ער ווייזט אים אַ דאָרפס־בילד אויף וועלכן ס'איז געווען אויסגעמאָלן אַ פויער מיט אַ שטרויענעם קאַפּעליוש און מיט צוויי הענטשקעס אויף די הענט, און ער פרעגט אים: „ממה נפשך, איז עס זומער, וואָסזשע טראָגט ער הענטשקעס ?"

דער בחור בלייבט שטיין, ער ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן. דער ישובניק האָט אים אָפּגעלאָזט און איז ווידער אַוועק צום ראש־ישיבה, הייסנדיק זיך געבן אַן אַנדערן ישיבה־בחור. ווען ער איז מיטן צווייטן בחור געקומען אין אכסניה און אים געשטעלט די זעלבע פראַגע וועגן דעם פויער אויפן בילד, האָט שוין דער צווייטער בחור געענטפערט מיט אַ גמרא־ניגון:

— לעולם טאַקע, איז עס זומער. אַי, פאַרוואָס האָט דער פויער הענטשקעס אויף די הענט? איז עס, ווייל ער איז געגאַנגען רייסן קראָפּעווע...

— מאַלאַדיעץ! — גיט אים דער ישובניק אַ קלאַפּ אין פלייצע — דו וועסט שוין זיין מיין איידעם!

לעכער אין סידור

אַ ישובניק האָט געהאַט יאָרצייט. קומט ער אויף שבת אין שטאָט אַריין. ווען ס׳איז אין שול ביים דאַוונען געקומען צו „מי ידמה לך, ומי ישוה לך, ומי יערוך לך״, גיט ער אַ פרעג ביי אַ שכן: „ווי קומט דאָס אַזוי פיל לעכער אין סידור?״ ענטפערט אים יענער: „גאָר פשוט, עס האָט זיך אין סידור אַריינגעכאַפּט דער מאָל, דעריבער זיינען אין אים אַזוי פיל לעכער״...

אַ מאָדנער טעות

אַ ישובניק איז געקומען אין שטאָט אַריין ווען ער האָט געהאַט יאָרצייט. האָט מען אים אין שול געגעבן אַן עליה, און ער האָט געמאַכט איבער דער תורה אַ ברכה „בורא מיני מזונות״. צווישן די יידן אויף דער בימה איז געוואָרן אַ טומל. רופט זיך אָפּ דער ישובניק:

— טפו זאָל עס ווערן! איך בין שוין אַזוי געוואוינט צו מאַכן די ברכה איבער בולבעס, אַז איבער דער תורה מאַך איך אויך מזונות...

אליהו הנביא אין געשטאַלט פון אַ ציג

אַ ישובניק האָט געפּראַוועט דעם סדר, און ווען עס איז געקומען צו „שפוך חמתך״ האָבן לצים אים אַריינגעלאָזן אַ ציג. דער ישובניק האָט דערזען די ציג, האָט ער זיך געטראַכט: נישט אַנדערש, דאָס האָט זיך אליהו הנביא פאַרשטעלט אין געשטאַלט פון אַ ציג און ער האָט איר ניט אוועקגעטריבן. אַז די ציג האָט דערזען אַז מען לאָזט איר טאָן וואָס זי וויל, איז זי אַרויפגעקראָכן אויפן טיש און גענומען אָנמאַכן היזקות, איבערקערן און צעברעכן אַלץ מיט אַנאַנדער. האָט דער ישובניק גענומען זיך בעטן ביי דער ציג:

— ר׳ אליהו, ר׳ אליהו! עסט און טרינקט וויפל אייער האַרץ גלוסט, אָבער קיין היזק טוט מיר ניט אָן.

ער איז מקנא די שטאָט־יידן

אַ ישובניק האָט אַמאָל זיינעם אַ געלערנטן אורח געפרעגט, וואָס די יידן טוען יום־כפור אין שול בשעת זיי פאַלן כורעים און דעקן זיך איבער מיט זייערע טליתים. הערנדיק אַזאַ פראַגע, האָט דער אורח, מיט אַ באַהאַלטענעם שמייכל, אים געענטפערט, אַזוי ווי אין יענער צייט זיינען די יידן שוין אָפּגעשוואַכט פונם תענית, עסט יעדער ייד עפּעס אונטערן טלית.

ווען ס'איז געקומען יום־כפור און דער ישובניק איז אינאיינעם מיט אַלע דאַוונער געפאַלן כורעים, איבערגעדעקט מיט זיין טלית, האָט ער פאַרגעסן אַזוי גיך אויפצושטיין. גיט אים איינער אַ שכן אַ טאָרע און פרעגט אים:

— ר' ייד, וואָס ליגט איר נאָך דאָרטן?

— הערסט אַ מעשה? — ענטפערט דער ישובניק — אייך שטאָטישע יידן איז גוט, ווייל איר האָט פרישע בולקעס, מאַכט איר עס גיך, אָבער איך מוז, נעבעך, קייען מיינע טרוקענע סוכאַרעס...

ער וועט איר אויך אויפעסן

אַ צדיקס אַן אייניקל איז אַמאָל פאַרפאָרן אין אַ פעלדקרעטשמע. גראָד איז דעמאָלט דער בעל־הבית ניט געווען אין דער היים, נאָר די קרעטשמערקע איז געווען צופרידן אויפצונעמען דעם רבין. גראָד איז אויך אין הויז קיין ברויט ניט געווען. כאַפּט זי שנעל און מאַכט פאַרן רבין לאַטקעס. זי דערלאַנגט די לאַטקעס און לויפט אין קאַמער ברענגען סמעטענע. אַז זי איז געקומען מיט דער סמעטענע, האָט שוין דער רבי דערווייל אויפגעגעסן די לאַטקעס, נעמט זי גלייך און מאַכט אַנדערע לאַטקעס, אָבער ווען זי האָט געשטעלט די לאַטקעס צום טיש, איז שוין פון דער סמעטענע קיין זכר ניט געווען. האָט די פרוי געזען, אַז זי קען גאָרניט העלפן און האָט אים געלאָזן עסן די לאַטקעס אָן סמעטענע. דער רבי האָט די לאַטקעס איילִיק געשלונגען. דערווייל האָט זיך צע־

וויינט דער ישובניצעס אַ קליין קינד, האָט די מאַמע אויף איר אָנגעשריען:

— דו וועסט שווייגן צי ניט? איך לייג דיר באַלד אַרויף אויפן טיש, וועט דיך דער רבי אויך אויפעסן.

אין אַן עבור־יאָר

אַ ישובניק האָט אַמאָל געזאָגט די הגדה מיט זיינעם אַ בחור פון איין סידור. אין דער הגדה איז געווען אַריינגע־שטעלט על־פי טעות אַ בלאַט פון סליחות, און זיי זאָגן כסדר: אלו עשר מכות שהביא הקדוש ברוך הוא על המצרים במצרים, ואלו הן: אשמנו, בגדנו גזלנו, א. אַ. וו.

— טאַטע, — רופט זיך אָפּ דער זון, — מיר דאַכט, אַז היינטיקס יאָר האָבן מיר עפּעס מער מכות ווי שטענדיק?

— יאָ, זון, דו ביסט גערעכט — ענטפערט דער פאָטער.

— פאַרוואָס, טאַטע, קומט היינט מער מכות ווי אַלע יאָר?

— וואָס פאַרשטייסטו דאָ נישט, נאַר איינער, היינטיקס יאָר איז דאָך אַן עבור־יאָר!

דעם רב׳ס יושר

אַ שוחט איז אַמאָל דורכגעפאָרן פריטיק פאַרנאַכט פאַרביי אַ קרעטשמע און האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט נאָר אויף אַ ווײַלע, עפּעס צובייסן און פאָרן אַהיים אויף שבת.

אַז דער קרעטשמער האָט אים אָבער דערזען, האָט ער אים ניט אָפּגעלאָזט. ער האָט אים געבעטן, אַז ער מוז ביי אים זיין שבת, ווייל ער האָט שבת אַ ברית, און אים פעלט פונקט איינער צו אַ מנין. דער שוחט האָט מסכים געווען. אַז עס איז געקומען זונטיק פרי, דער שוחט נעמט זיך געזע־גענען מיטן קרעטשמער, ערשט דער קרעטשמער נעמט אַרויס אַ פּאַפּיר און ווייזט אים אַ חשבון אויף פופציק רובל, וואָס ער האָט ביי אים אָנגענומען איבער שבת און בעט פון אים, ער זאָל אים באַצאָלן. האָט דער שוחט אָנגעהויבן טענהן, סטייטש, ער האָט דאָך געוואָלט פאָרן אַהיים. דער ישובניק האָט זיך דאָך קוים איינגעבעטן ביי אים ער זאָל בלייבן, אָבער עס העלפט ניט, דער ישובניק האַלט זיך ביי דעם זייניקן.

— איר ווילט ניט געבן — האָט דער ישובניק געטענהט — קומט צום רב צו אַ דין־תורה.

דער שוחט האָט מסכים געווען. זיי זיינען אַוועק צום רב. אַז דער רב האָט אויסגעהערט די טענות, זאָגט ער:

— איך ווייס? פופציק איז צופיל; גיט אים אַ פינף־און־צוואַנציקער.

דער שוחט איז געשטאַנען אַ צעטומלטער פון רב׳ם פסק, אָבער ער האָט שוין געוואָלט באַצאָלן, ערשט דער ישובניק נעמט אַרויס פון זיין קעשענע פינף און צוואַנציק רובל און דערלאַנגט עס דעם שוחט.

— איך דאַנק אייך, — זאָגט דער ישובניק — וואָס איר זייט ביי מיר געווען שבת און נאָט אייך דערפאַר דאָס געלט. פאַרוואָס האָב איך ביי אייך געבעטן געלט? ווייל איך האָב אייך געוואָלט ווייזן אונדזער רב׳ם יושר.

דאַוונען פון פאָרנט

אַ ישובניק האָט געהאַט יאָרצייט, איז ער געקומען אין ווילנע אין שול אַריין. גראָד איז ער געקומען שפּעט און מען האָט שוין אומעטום אָפּגעדאַוונט. דערווייל האָט ער זיך דערוואוסט, אַז אין ווילנער גאונ׳ס קלויז דאַוונט מען שפּעט, לויפט ער גלייך אַהין. אַריינגעקומען אין שול, פרעגט ער ביי קיינעם קיין שאלות ניט און שטעלט זיך אַוועק אויבן־אָן. דעם שמש האָט עס פאַרדראָסן: ווי קומט עס אַ פּראָסטער מענטש צו קריכן אויבן־אָן? גייט ער צו צו אים, גיט אים אָפּ שלום און פרעגט:

— פון וואַנען איז אַ ייד?

— פון אַ ישוב נאָענט פון שטאָט — ענטפערט אים דער ישובניק.

פרעגט אים ווייטער דער שמש:

— ר׳ ייד, איר האָט שוין געדאַוונט פון פאָרנט?

— ניין — ענטפערט דער ישובניק.

— אויב אַזוי, — זאָגט דער שמש — טאָ זייט אַזוי גוט און קומט אַרונטער דאַוונען פון פאָרנט.

אויסלערנען דרך־ארץ

אַ ייד אַ ישובניק האָט געהאַט אַ פּאָר קינדער און האָט זיי אַוועקגעגעבן צו אַ רבין אין שטאָט. ער האָט אויסגערעדט מיטן רבין, ער זאָל אַכטונג געבן אויף די קינדער און דער עיקר, זיי אויסלערנען אַביסל דרך־ארץ, זיי זאָלן וויסן ווי צו רעדן צו אַ מענטשן און ניט זיין קיין פּאַרגרעבטע ישובניקעס.

דער רבי האָט אים צוגעזאָגט. אין אַ האַלב יאָר אַרום איז דער ישובניק געקומען אין שטאָט און געגאַנגען זען די קינדער. דערנאָך איז דער ישובניק געקומען צום רבין און אים אויסגערעדט:

— זאָגט אַליין, רבי, איך האָב אייך געבעטן איר זאָלט זיי אויסלערנען דרך־ארץ, און אָט בין איך געקומען פון דער היים, און זיי האָבן מיך אפילו ניט געפרעגט, צי די מאַמע איז געזונט?

ענטפערט אים דער רבי:

— האָט קיין צער ניט, איר וועט קומען דעם אַנדערן מאָל וועלן זיי שוין קענען דרך־ארץ אויך.

דער ייד איז אַוועקגעפאָרן און די קינדער האָבן ווייטער געלערנט ביים מלמד. אין צוויי חדשים אַרום איז דער ישוב־ניק נאָך אַמאָל געקומען אין שטאָט, און איז געגאַנגען זען די קינדער. ווי ער גייט אַריין אין שטוב, ערשט די קינדער לויפן צו אים צו און פרעגן:

— טאַטע, טאַטע, די מאַמע איז נאָך געזונט?

אויף וואָס מען דאַרף מפרשים

אַ ישובניק איז געקומען אין אַ בוך־געשעפט און געבעטן אַ סדור מיט פיל מפרשים ביי די זייטן. דער בוכהענדלער האָט דערקענט, אַז דער ישובניק איז אַ קנאַפּער למדן און ער פרעגט אים:

— וואָס דאַרפט איר אַזויפיל מפרשים, ר' ייד?

— איך וועל אייך זאָגן, — ענטפערט דער ישובניק, — אַזוי אַ סידור איז דער גאַנצער בלאַט פאַרנומען מיטן דאַוונען און פון בלעטערן רייסן זיך אַלעמאָל אָפּ די ווינקלעך און אַנ־דערע ווערטער פעלן שפּעטער און איך ווייס ניט ווי צו דאַוו־

נען. אָבער אין אַ סידור מיט מפרשים זיינען בלויז צוויי־דריי שורות פֿאַרנומען מיטן דאַוונען און דאָס גאַנצע בלאַט איז פֿאַרנומען מיט די „שמאַטעס", און וויפֿל איך זאָל ניט אָפּ־רייבן, וועט דאָס דאַוונען אַלץ בלייבן.

סיי זומער סיי ווינטער

עס איז געווען איינגעפֿירט ביי די גלחים, אַז זיי פֿלעגן אַרומפֿאָרן סוף זומער איבער די דערפֿער און צונויפֿנעמען מתנות פֿון זייערע גויים. אָפֿטמאָל פֿלעגן די גלחים אויך גיין צו די ישובניקעס־יידן און ביי זיי אויך עפּעס קריגן, ווייל עס פֿלעגט די יידן ניט פּאַסן זיי אָפּצוזאָגן. ווינטער אַרום חנוכה־צייט פֿלעגט, להבדיל, דער רב אַרומפֿאָרן און קריגן מתנות פֿון די ישובניקעס.

איינמאָל איז אַ רב פֿאַרפֿאָרן צו אַ ישובניק, וועלכער האָט געהאַט אַ זון אַ גרויסן לערנער. דער ישובניק האָט געבעטן דעם רב, ער זאָל דעם זון פֿאַרהערן. דער רב האָט זיך גע־טראַכט, אַז מסתמא איז דער זון אַ קנאַפּער למדן און כדי אים ניט צו פֿאַרשעמען, האָט ער באַשלאָסן אים צו פֿרעגן אַ רעטעניש, וואָס אַלע ישובניקעס וויסן דעם ענטפֿער. דער רב האָט געפֿרעגט:

— וואָס איז דאָס וואָס רוט ניט זומער און רוט ווינטער; אַן אַנדער זאַך, וועלכע רוט ניט ווינטער און רוט זומער, און אַ דריטע זאַך, וועלכע רוט ניט סיי זומער, סיי ווינטער?

געמיינט האָט דער רב דערמיט: אַ וואָגן רוט ניט זומער, רוט ווינטער; אַ שליטן רוט ניט ווינטער, רוט זומער; און אַ פֿערד, וואָס רוט ניט סיי זומער און סיי ווינטער. אָבער דעם ישובניקס זון האָט עס פֿאַרדראָסן, וואָס דער רב פֿרעגט אים אַזאַ שאלה, און האָט געגעבן אַזאַ ענטפֿער:

— אַ זאַך, וואָס רוט ניט זומער און רוט ווינטער — איז עס אַ גלח, וועלכער פֿאָרט אַרום צו דעם ישובניק זומער; אַ זאַך, וואָס רוט זומער און ניט ווינטער — איז עס דער רב, וועלכער פֿאָרט אַרום ווינטער, און אַ זאַך, וואָס רוט ניט סיי זומער סיי ווינטער — איז עס דער ישובניק, וואָס האָט ניט קיין רו פֿוןביידן, ניט זומער און ניט ווינטער.

דער ישובניק האָט אויך שכל

אַ שטאָטישער האָט געהאַלטן שבת אין דאָרף, האָט זיך אים שבת בייטאָג פאַרוואָלט אַ גלעזל ביר. פרעגט ער דעם ישובניק, ביי וועמען ער איז איינגעשטאַנען, צי מען קען קריגן אַ פלאַש ביר. זאָגט דער ישובניק, אַז יאָ. דער ישובניק האָט געהאַט אַ היבשן בחור'ל, נעמט ער און שיקט אים, ער זאָל ברענגען פון שענק אַ פלאַש ביר. ווען דאָס ייִנגל איז צוריקגעקומען מיט דעם ביר, האָט זיך דער גאַסט פאַרוואונדערט און געפרעגט, ווי אַלט איז דאָס ייִנגל?

— זיבעצן יאָר — האָט דער ישובניק געענטפערט.

— און ווי לאָזט איר דאָס אַ זיבעצן-יאָריקן ייִנגל, וואָס לייגט שוין תפלין, טראָגן אום שבת? — פרעגט דער אורח.

האָט דער ישובניק מיט אַ פאַראיבל געענטפערט:

— איר שטאָטישע מיינט, אַז מיר ישובניקעס האָבן שוין גאָר קיין שכל ניט! איך לאָז אים אומיסנע ניט לייגן קיין תפלין, כדי ער זאָל קענען טראָגן אום שבת.

עפּעס האָט ער יאָ געהערט

די ישובניקעס האָבן זיך אויפגערעדט ניט צו פאָרן מער אין שטאָט אויף ימים-נוראים, נאָר צו מאַכן אַ מנין ביי זיך אין דאָרף. ערב יום-כפור, ביים פאַרפאַסטן, האָבן די ישובניקעס געגעסן זייער פיל הערינג און ביינאַכט צו כל-נדרי האָט זיך זיי געריסן אַ טרונק. די ישובניקעס זיינען אַרומגעגאַנגען מיט טרוקענע ליפּן, פאַרברענטע פון דורשט און ניט געוואוסט וואָס צו טאָן.

איז דאָרטן געווען אַן אַלטער ישובניק, וואָס איז כל ימיו געפאָרן אין שטאָט אויף ימים-נוראים און זיך געהאַלטן פאַר אַ שטאָטישן ייִדן. האָט ער געזאָגט די ישובניקעס, זאָלן זיי אָפּזאָגן אַ פּאָר קאַפּיטלעך תהלים, וועלן זיי שוין נאָכדעם מעגן טרינקען.

די ישובניקעס האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דער עצה, גיך אָפּגעזאָגט דעם תהלים און זיך גוט אָנגעטרונקען. אַז דער דורשט איז געוואָרן געשטילט, פרעגן זיי נאָכמאָל דעם אַלטן

צי ער איז זיכער, אַז מען זאָגט תהלים מעג מען דערנאָך טרינקען?

— אַז מען מעג טרינקען, ווייס איך געוויס, — ענטפערט דער אַלטער, — אָבער איך בין ניט זיכער צי יום־כפּור, צי הושענא־רבה.

אַ יידענע פאַרשטייט ניט

אַן אָרענדאַר זיצט איינמאָל מיט זיין יידענע און זיי שמועסן זיך דורך.

— משה, — פרעגט די יידענע — פאַרוואָס זיינען מיר אַזעלכע אָרעמעלייט? דאַכט זיך, אַז ווען איוואַן נעמט אַביסל בראָנפן, גיסט מען אים אַריין האַלב וואַסער און ווען ער גייט אַרויס פון שענק, שרייבט מען צו אויף דער וואַנט אַ פּאַסיקל. האָבן מיר דאָך געדאַרפט זיין רייך. פון וואַנען־זשע נעמט זיך ביי אונדז אַזאַ דלות?

— אַי, אַי, — מאַכט דער אָרענדאַר — אַ יידענע בלייבט אַ יידענע. אין דעם קעלישקל בראָנפן, וואָס מיר שטעלן צו אויף דער וואַנט, גיסט מען דאָך קיין וואַסער ניט צו...

ווי ער באַצאָלט אים, אַזוי דינט ער אים

פרעגט דער רב אַן אָרעמען יידישן דאָרפס־הענדלער:

— וואָס איז דער מער מיט אייך, ר' זלמן, איר קומט גאָר קיינמאָל ניט אין שול אַריין? איר זייט דאָך עפּעס אַ ירא־שמים, איר גלויבט דאָך עפּעס אין דינען גאָט ברוך הוא?

— ווי ער באַצאָלט מיר, אַזוי דין איך אים — ענטפערט דער ייד.

דעם ישובניקס וואונדער

אַ רב איז אַמאָל אויסגעקומען צו האַלטן שבת ביי אַ ישובניק. פרייטיק פאַרנאַכט קומט דער ישובניק פון פעלד, וואו ער האָט געאַרבעט אַ גאַנצן טאָג, און טרעפנדיק דעם רב, האָט ער אים אָפּגעגעבן „שלום". דער רב האָט אים אָפּגעענטפערט און באַמערקנדיק ווי דער ישובניק טראָגט דאָס העמד איבער די הויזן, האָט דער רב געזאָגט:

— עס איז ניט קיין חרפה צו אַרבעטן אין פעלד. אונדזערע אבות זיינען אויך געווען פעלד־אַרבעטער, אָבער דאָס העמד פּאַסט ניט צו טראָגן איבער די הויזן, פאַרשטעקט עס אינע־ווייניק.

אין אַ צייט אַרום איז דער ישובניק געקומען אויף יום־כּפור אין שטאָט, פון וואַנען עס איז געווען דער רב. אין שול האָט דער רב דערקענט דעם ישובניק און אים געגעבן אַ קיטל. דער ישובניק האָט אָנגעטאָן דעם קיטל און עס אַריינ־געשטעקט אין די הויזן. דער רב האָט עס דערזען, האָט ער אים געלערנט, אַז דער קיטל דאַרף זיין אַראָפּגעלאָזן.

— רבי, — האָט זיך דער ישובניק געוואונדערט — אויפן ישוב, וואו קיינער איז ניטאָ, האָט איר מיך געלערנט טראָגן דאָס העמד פאַרשטעקט, און דאָ אין שול, הייסט איר מיר דאָס טראָגן איבער די הויזן?

מזרח אין פיר זייטן

אַ רבין איז אַמאָל אויסגעקומען צו זיין אין אַ דאָרף. עס איז געקומען די צייט פון דאַוונען, שטעלט זיך דער רבי ביי אַ וואַנט און דאַוונט. ביי שמונה־עשרה פרעגט דער רבי מיט די הענט:

— או, או, מזרח?

האָט אים דער ישובניק אָנגעוויזן אויף אַלע פיר ווענט. האָט דער רבי ניט פאַרשטאַנען, וואָס דער ישובניק מיינט און האָט איבערגעפרעגט:

— או, או, מזרח?

ווייזט דער ישובניק ווידער אויף די פיר ווענט.

האָט דער רבי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און זיך גע־שטעלט ביי דער זעלבער וואַנט און אָפּגעדאַוונט.

נאָכן דאַוונען פרעגט דער רב דעם ישובניק:

— ווי קענען עס זיין אַלע פיר ווענט מזרח?

— פאַרשטייט איר, רבי, — האָט דער ישובניק געענט־פערט — איך האָב געהאַט אַ גרויסע סטאַדאָלע, האָב איך פון דער מזרח־וואַנט פון סטאַדאָלע געמאַכט די פיר ווענט פון הויז, דעריבער איז ביי מיר מזרח אין אַלע פיר זייטן.

אַלץ זיינע אייגענע

אין אַ געוויסער שטאָט איז געווען אַ גרויסע שרפה. פיל יידן זיינען נעבעך אומגליקלעך געוואָרן. צווישן זיי איז אויך אָפּגעברענט געוואָרן אַ ישובניק, וואָס האָט זיך ניט לאַנג אַריינגעקליבן אין שטאָט און האָט מיט זיך געבראַכט שיינע עטלעכע רובל. אַלע יידן האָבן, פאַרשטייט זיך, גענוג באַוויינט זייער אומגליק, נאָר מער פון אַלעמען האָט געקלאָגט דער ישובניק.

— וואָס וויינט איר אַזוי? — האָט אים איינער געפּרואווט טרייסטן — „ד׳ נתן וד׳ לקח״ — גאָט האָט געגעבן און גאָט האָט צוגענומען.

— זאָל איך קרענקען — ענטפערט דער ישובניק מיט געוויין — אויב דאָס איז געווען פרעמדס אַפילו אַ גראָשן... דאָס איז אַלץ געווען מיינס, וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון דאָרף...

אַזאַ טומל צוליב אַ שטיקל קעז

אַ דאָרפישער ייד האָט זיך געפונען אין אַ קאָמפּאַניע פון דאָרפס-גויים אין אַ גויישן רעסטאָראַן. אים האָט זיך זייער געוואָלט עסן, אָבער דאָס האַרץ האָט אים געציטערט צו עסן טרפה. ער האָט באַשלאָסן צו בעטן אַ שטיקל קעז. אמת, גויישע קעז טאָר מען אויך ניט, אָבער דאָך איז עס ניט אַזוי טריף. אָבער ווי ער האָט נאָר אַ ביס געטאָן די קעז, האָבן גלייך אויסגעבראָכן שטאַרקע ווינטן. דאָס געוויסן פון דעם יידן האָט אים אָנגעהויבן פייניקן, אפשר איז עס צוליב אים. באַלד זיינען אויך געקומען שרעקלעכע דונערן. דאָ איז דער ייד אויפגעשפרונגען, האַסטיק אויפגעמאַכט די פענצטער און אַרויסגעוואָרפן דעם קעז, אויסרופנדיק דערביי צאָרנדיק צום הימל:

— ס׳אַ ליאַרם ער האָט דאָס געמאַכט צוליב אַ שטיקל קעז! נאַ דיר דאָס אָפּ, נאַ!

פרעסט

ר׳ גימפעל, דער ישובניק, האָט גענומען אַן אײדעם אַ בן־תורה, אַ ײדן קינד, און אים צוגעזאָגט פינף יאָר קעסט. דער אײדעם איז געװען פון יענע אײדעמלעך, װאָס לערנען װי ײדן און עסן װי גוים.

ר׳ גימפעל װערט שיער צעפּלאַצט צוקוקנדיק װי זײן אײדעם עסט, און קלערט בשעת מעשה, אויב עס זאָל אַזוי אָנהאַלטן די גאַנצע פינף יאָר, װעט ער אים אויפעסן דעם פאַרמעגן. האָט ר׳ גימפעל באַשלאָסן אים צו געבן אָנצוהערעניש אויף אַ שטילן אופן, אַז ער דאַרף אַזוי ניט פרעסן:

— הערסטו, ניסן (דעם אײדעם האָט מען גערופן ניסן) — האָט ער אים אײנמאָל געזאָגט שטיל — איך האָב שוין אין מײן לעבן געזען געװנוג פרעסט: שבת־פרעסט, אָדר־פרעסט, אָבער ניסן־פרעסט — דאָס איז שוין ניט אויסצוהאַלטן!

טוביה׳ס תלמיד

צװײ ײדן האָבן געדונגען אַ פּאָסעסיע, אַ פאַרם. זײנען זײ געפאָרן צום רבין און אים געבעטן, ער זאָל זײ בענטשן מיט מזל און הצלחה. האָט דער רבי צו זײ געזאָגט: איך װעל אײַך בענטשן מיט דער ברכה פון משה רבינו: „ד׳ ילחם לכם" — גאָט װעט אײַך זיכער געבן ברויט, אָבער „ואתם תחרישון" — איר װעט מוזן אַקערן...

אַכסניות און אורחים

איידער עס ווערט אַ טומל

אַ מאַן קומט אַריין אין אַ רעסטאָראַן אַרום 11:30 פאַר־מיטאָג און זעצנדיק זיך ביים טיש זאָגט ער צום קעלנער:

— גיט מיר גיכער מיין זופּ, איידער עס ווערט אַ טומל.

דאָס זעלבע האָט ער געזאָגט צום קעלנער ביים באַשטעלן דאָס פלייש און אַלע אַנדערע מאכלים.

דער באַדינער האָט געטראַכט, אַז מסתמא וויל דער מאַן אָפּעסן, איידער ס'קומט דער גרויסער טומל פון דער מיטאָג־שעה. נאָך דעם ווי דער מאַן האָט אָפּגעגעסן און דער קעלנער האָט אים געגעבן דעם חשבון, האָט ער זיך אויפגעהויבן און צוגייענדיק צום קאַסירער האָט ער געזאָגט:

— ס'טוט מיר לייד, אָבער כ'האָב ניט קיין געלט.

און באַלד איז געוואָרן אַ טומל און מען האָט גערופן אַ פּאָליציאַנט.

זאָגט דער מאַן צום קעלנער:

— זעט איר שוין, אַז כ'בין געווען גערעכט, אַז איך וויל אָפּעסן איידער עס ווערט דער טומל?...

אַן אורחס איינפאַל

אַ גביר האָט איינמאָל גענומען אַן אורח אויף שבת. ווען דער באַלעבאָס האָט גענומען אָנגיסן בראָנפן פאַר די בני בית, האָט ער פאַרן אורח אָנגעגאָסן אַ קליין גלעזעלע. נעמט דער אורח און בינדט צו דאָס גלעזעלע מיט אַ בענדל צום טישטוך.

— פאַרוואָס טוט איר דאָס? — פרעגט אים דער באַלעבאָס.

— פאַרשטייט איר מיך, — מאַכט דער אורח, — ווייל איך האָב מורא טאָמער וועל איך דאָס גלעזעלע איינשלינגען...

אַ ר י י נ ג ע ז אָ ג ט

אַ ייד האָט גענומען אַן אורח אויף שבת. אָבער אַזוי ווי זיין ווייב איז געווען פון יענע, וועגן וועלכע די גמרא זאָגט „אשה עיניה צרה באורחין", האָט זי פאַרן אורח געשטעלט אַ שטיקל פיש, וואָס האָט אַביסל „געשמעקט". די יידענע האָט באַמערקט ווי דער אורח, אַנשטאָט עסן, בויגט ער זיך אַלעמאָל איין און לייגט צו זיין אויער צום טעלער. פרעגט זי אים:

— פעטער, פאַרוואָס עסט איר ניט?

— פאַרשטייט איר מיך — ענטפערט דער אורח — מיין טאַטע איז מיט אַ פאָר וואָכן צוריק דערטרונקען געוואָרן, האָב איך געפרעגט ביים פיש, צי קאָן ער מיר אָפּגעבן אַ גרוס פון מיין טאַטן. האָט ער מיר געענטפערט, אַז ניין, ווייל ער איז שוין אַזוי לאַנג פונעם וואַסער, אַז מיין פאָטער איז נאָך דעמאָלט אין וואַסער ניט געווען.

ס׳ביסעלע וואַרעמס

אַ ייד האָט אין אַ ווינטערדיקן שבת געהאַט אַן אורח. ווען ס׳איז געקומען צו דער מלווה מלכה, האָט די באַלעבאָסטע אים דערלאַנגט קאַלטע קאַרטאָפל. רופט זיך אָפּ דער אורח:

— די גמרא זאָגט ערגעץ „חמין במוצאי שבת מלוגמא", אַביסעלע וואַרעמס אין אַ שבת-צונאַכטס איז אַ מחיה. נו, זאָל זיין קאַלטע בולבעס, אַבי אַביסעלע וואַרעמס...

דער קלוגער אורח

אַ ייד אין דער אַלטער היים האָט גענומען אַן אורח אויף שבת. ווען עס איז געקומען צום עסן, איז אויפן טיש געלעגן פרישע ווייסע חלה און קאָרענע ברויט. דער אָרימאַן האָט אָבער נאָר געגעסן די חלה. גיט אים דער באַלעבאָס אַ פרעג:

— פאַרוואָס עסט איר בלויז חלה און ניט קיין ברויט?

— ווייל, — מאַכט דער אורח, — איך האָב בעסער ליב חלה.

— יאָ, — זאָגט ווייטער דער באַלעבאָס, — אָבער חלה קאָסט אַ סך געלט.

— נו, — מאַכט רואיק דער אָרימאַן, — איז עס טאַקע ווערט!...

דער דיריגענט

אַ באַלעגאָלע, וואָס פלעגט פירן אַ חזן מיט משוררים אויף שבתים פון איין שטעטל צום אַנדערן, האָט זיך איינמאָל באַקלאָגט פאַרן חזן, פאַרוואָס אין יעדן שטעטל צעשטעלט מען פּרייטיק-צו-נאַכטס די משוררים אויף שבת ביי די שענסטע באַלעבאַטים און אים, דעם באַלעגאָלע, קומט אויס צו עסן שבת ביים בעדער. זאָגט צו אים דער חזן:

— שאַ, איך האָב פאַר דיר אַן עצה. איך וועל דיר אָנטאָן אַ לאַנגע קאַפּאָטע מיט אַ טלית, און דו וועסט שטיין ביים עמוד נעבן די משוררים, וועט מען דיך אויך שיקן עסן גלייך מיט זיי.

אין צווייטן שטעטל האָט דער חזן טאַקע אַזוי געטאָן, אָבער פּרייטיק-נאַכט, נאָכן דאַווענען, האָט דער שמש אויסגעטיילט אַלע משוררים צו אַלע באַלעבאַטים. נאָר דעם באַלעגאָלע האָט ער אויסגעלאָזט. פרעגט אים דער חזן:

— סטייטש, פאַרוואָס האָט איר דעם איינעם משורר אויסגעלאָזט?

— ווי אַזוי איז ער אַ משורר, — מאַכט דער שמש, — אַז ער האָט ביים דאַווענען גאָרניט געזאָגט און ניט געזונגען?

— יאָ, — ענטפערט דער חזן, — אָבער ער איז דאָך דער „פירער" פונעם כאָר (דיריגענט), און ווען ער וואָלט ניט געפירט, וואָלט דער כאָר אינגאַנצן דאָ ניט געווען...

דער דורכגעפאַלענער פּלאַן

צו אַ פּאַרפּאַלק איז געקומען צו־גאַסט פון אַ שטעטל זייערער אַ באַקאַנטער. אַזוי ווי עס זיינען אַוועק היפּשע עטלעכע טעג און דער גאַסט האָט אפילו ניט גערעדט וועגן אַוועקפאָרן, האָט דער באַלעבאָס געזאָגט צו זיין פרוי:

— מיט דעם חברה־מאַן איז אַ ביטערע מעשה. ער פילט זיך דאָ גאַנץ וואויל און ס׳גלוסט זיך אים ניט אָפּצוטרעטן. איז מיר איינגעפאַלן, אַז מיר זאָלן זיך, ביים עסן דעם מיטאָג, צעקריגן. איך וועל שרייען, אַז די זופּ איז שלעכט, מען קען עס אין מויל ניט נעמען, און דו ווידער, זאָלסט טענהן, אַז די זופּ איז יאָ גוט. וועלן מיר פרעגן ביים גאַסט. וועט ער דאָך געווים האַלטן מיט דיר, דאַן וועל איך בייז ווערן אויף אים פאַר אַזאַ חוצפה און הייסן גיין!

— טאַקע אַ גוטער פּלאַן — גיט צו די פרוי.

אויף מאָרגן ביים מיטאָג, האָבן מאַן און ווייב אָפּגעשפּילט די געפּלאַנטע סצענע, און ווען זיי האָבן דעם גאַסט געפרעגט, ווער פון זיי ס׳איז גערעכט, האָט ער זיך אָפּגערופן:

— אַזוי ווי איר זענט ביידע גאַנץ וואוילע מענטשן און איך רעכן צו בלייבן ביי אייך נאָך עטלעכע וואָכן, וויל איך זיך ניט אַריינמישן...

וואָכעדיק און יום־טובדיק

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט דעם רבין, ר׳ פּנחס קאָרעצער:

— רבי, וואָס איז די סיבה ווען איר קומט אין וועלכן עס איז פרעמדן שטעטל, נעמט מען אייך אויף בכבוד גדול, און ביי אונדז אין שטעטל, אין קאָרעץ, באַהאַנדלט מען אייך פּראָסט און פּשוט?

— די מעשה איז אַזוי, — האָט געענטפערט ר׳ פּנחס קאָרעצער — מיט מיר איז פּונקט דאָס זעלבע ווי מיט דער סדרה „פּנחס". ווען ס׳קומט פּסח, שבועות און סוכות מאַכט מען אַ גאַנצן יום־טוב מיט דער סדרה פּנחס, און מען לייענט פון איר גאַנצע שטיקער; אָבער אין דער וואָך ווען פּנחס איז אינדערהיים, ס׳הייסט דעמאָלט ווען עס גייט די סדרה פּנחס, מאַכט מען מיט איר ניט קיין צימעס.

ער לאָזט זיך ניט

אַ באַלעבאָס האָט גענומען צו זיך אַן אורח אויף שבת. אַזוי ווי דאָס עסן האָט דעם אורח גוט געשמעקט, איז ער שוין געבליבן אויף זונטיק און אויף די אַנדערע טעג פון דער וואָך. ווען דער באַלעבאָס האָט געזען, אַז ס'איז אַ מעשה אָן אַ סוף, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב:

— ווייסטו וואָס, שרה, לאָמיר זיך צעקריגן און זיך פאַר אים אויסטענהן. וועט ער האַלטן מיט מיר, זאָלסטו אים הייסן גיין; וועט ער האַלטן מיט דיר, וועל איך אים אַוועקשיקן.

ווען זיי האָבן אַזוי געטאָן, האָט דער אורח זיך אָנגערופן:

— איך האָב אַ קבלה פון מיין זיידן, אַז ווען מאַן און ווייב קריגן זיך, זאָל איך זיך ניט מישן.

געזען, אַז ס'איז שלעכט, האָט דער באַלעבאָס צו אים זיך אָנגערופן:

— ר' ייד, איר קאָנט שוין דאָ נישט זיין, ווייל מיין ווייב האָט שוין מער נישט וואָס צו קאָכן.

— גוט — ענטפערט דער אורח — וועקט מיך אויף מאָרגן גאַנץ פרי, וועל איך מיר אַוועקגיין אין אַן אַנדער שטאָט.

אין פרימאָרגן שרייט דער באַלעבאָס צום אורח:

— שטייט אויף, דער האָן האָט שוין געקרייט!

— וואָס? — מאַכט דער אורח — ס'איז נאָך דאָ ביי אייך אַן עוף? וועל איך שוין איבערוואַרטן ביז מאָרגן.

אַז מען שפּאָרט הוצאות

צוויי באַקאַנטע יידן זיינען פאַרפאָרן אין אַ שטאָט אויף איין אכסניה. כדי איינצושפּאָרן הוצאות האָבן זיי גענומען איין קליין צימערל מיט איין בעטל. ביינאַכט האָבן זיי זיך ביידע געלייגט אויפן שמאָלן בעטל. זיי האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט זיך אַ ריר צו טאָן מיט קיין האַנט און מיט קיין פוס און ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן.

אַזוי זיינען זיי אָפּגעלעגן אין געהאַקטע וואונדן אַ פּאָר

שעה, פלוצים האָט זיך איינער פון זיי אויפגעהויבן און גענומען אַראָפּקריכן פונעם בעטל.

— וואוהין איז? — פרעגט אים דער צווייטער.

— איך גיי — ענטפערט יענער — זיך איבערקערן אויף דער אַנדערער זייט.

ביידע זיינען פויל

אין אַן אכסניה האָבן זיך אָפּגעשטעלט צוויי יידן אין איין חדר. ביינאַכט האָט זיך יעדער פון זיי געלייגט אויף זיין בעטל שלאָפן און דעם לאָמפּ אויפן טיש האָבן זיי פאַרגעסן צו פאַרלעשן. עס גייט אַוועק אַ היפּשע ווײַלע, ביידע שלאָפן נאָך ניט.

— מען וואָלט שוין לאַנג געדאַרפט פאַרלעשן דעם לאָמפּ, נאָר איך פויל זיך פשוט פונעם געלעגער אויפצוהויבן.

— און איך — זאָגט דער צווייטער — האָב שוין לאַנג געטראַכט דערפון, נאָר איך האָב זיך געפוילט דאָס צו זאָגן.

מצה איז ניט חלה

אַ באַלעבאָס האָט געהאַט אַן אורח אויף שבת. האָט ער אויפן טיש געשטעלט אַ פלאַש בראָנפן, מיט אַ קליין גלעזעלע פאַרן אורח. ווען דער באַלעבאָס האָט אָבער דערזען, ווי דער אורח טרינקט ניט פונם גלעזעלע, נאָר ער גיסט בראָנפן פון דער פלאַש אין אַ שיסל אַריין, און טונקט עס אוים מיט שטיקער חלה, רופט ער זיך צו אים אָן:

— ר׳ ייד, ס׳איז אַ שאָד, וואָס איר האָט ניט געלעבט אין משה רבינו׳ס צייטן, ווייל דעמאָלט וואָלט איר משה׳ן געווען איינגעשפּאָרט צו שפּאַלטן דעם ים, נאָר איר וואָלט אים געגעבן אַן עצה ער זאָל הייסן די יידן אויסטונקען דעם ים מיט חלה.

— יאָ, — ענטפערט דער אורח — איר פאַרגעסט אָבער, אַז ס׳איז דעמאָלט געווען פסח, און מיט מצה וואָלטן די יידן ניט געקאָנט דעם ים אויסטונקען.

זי וועט ניט וויינען

אַ גאַסט קומט אין אַ האָטעל אין מיאַמי ביטש און בעט אַ צימער.

ביים באַדינגען זיך, דערציילט ער:

— איר זאָלט וויסן, אַז איך בין אַזאַ גאַסט, וואָס שטענדיק ווען איך פאַרלאָז דעם האָטעל, וויינט די באַלעבאָסטע.

— האָט נישט קיין מורא, — ענטפערט די באַלעבאָסטע — איך וועל נישט וויינען ווען איר וועט זיך אַרויסציען, ווייל מיר וועט איר מוזן צאָלן פאַר אַ חודש פאָראויס.

אַ גרויסע לוויה

אַ וואַיאַזשאָר האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קליין שטעטל אין אַ יידישער אַכסניה. ביינאַכט אין בעט איז אים אויסגעקומען מלחמה צו האַלטן מיט די וואַנצן, וואָס זיינען אויף אים אָנגעפאַלן גאַנצע מחנות, און ער האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג ניט געקענט צומאַכן. אויף מאָרגן פרעגט אים די באַלעבאָסטע, ווי עס האָט זיך געשלאָפן ביינאַכט.

— ניט אַזוי גוט — ענטפערט ער.

— פאַרוואָס איז עס?

— איך וויים, עפּעס האָב איך אָנגעטאַפּט ביינאַכט אויף מיין געלעגער אַ טויט וואַנצעלע.

— איין וואַנצעלע און נאָך אַ טויטס דערצו, וואָס מאַכט עס אוים?

— יאָ, עס וואָלט געווים טאַקע גאָרניט אויסגעמאַכט, אָבער דאָס טויטע וואַנצעלע האָט געהאַט אַ גרויסע לוויה און ס׳איז נאָך דעם נאָכגעגאַנגען שיינע עטלעכע מנינים לעבעדיקע און היפּש-אָנגעפּאַשעטע וואַנצן.

אַן אָרט פון וואַנען צו פאָרן

אַ ייד פרעגט זיין פריינט, וואָס האָט זיך אין אַמעריקע, ברוך-השם, פיין אַרויפגעאַרבעט:

— זאָג מיר נאָר, משה-חיים, ווינטער פאָרסטו אין פלאָ-

רידע, זומער אין די בערג, יעדן יום־טוב פֿאָרסטו אין די שענסטע האָטעלן, צו וואָס דאַרפֿסטו נאָך האָבן אַ היים אויך?

— נאַר איינער, — ענטפֿערט זיין פֿריינט — איך מוז דאָך האָבן אַן אָרט פֿון וואַנען צו פֿאָרן אין די אַלע פּלעצער.

אַ מעלה מיט אַ חסרון

אַן אורח האָט געטרונקען קאַווע אין אַ יידישער אכסניה. פֿרעגט אים דער בעל־אכסניה:

— ווי געפֿעלט אייך אונדזער קאַווע?

— די קאַווע אייערע — ענטפֿערט יענער — האָט אַ מעלה מיט אַ חסרון. די מעלה אירע איז, וואָס זי האָט כמעט ניט קיין ציקאָריע, און דער חסרון, וואָס ס'איז אין איר ניטאָ קיין קאַווע.

אַ מתנה אין „העברייאיש"

צו משה־חיימען איז אַמאָל געקומען אַ גאַסט. נעמט זיין פֿריינט און שיקט אים לכבוד דעם אורח אַ שיסל מיט וואַרע־ניקעס, און שרייבט־צו די ווערטער: הנני שולח לך „רבקה פקודים".

משה־חיים לייענט איבער און קאָן ניט פֿאַרשטיין, וואָס זיין פֿריינט מיינט. רופֿט זיך אָן דער אורח:

— וואָס פֿאַרשטייט איר דאָ ניט. ס'איז פּשוט: אַז שרה איז צען, איז רבקה עלף, און אויף ויקהל מאַכט דער תרגום „וכנש". נו, אַז ויקהל איז אַ קניש איז פקודי אַ וואַרעניק, איז „רבקה פקודים" די טייטש עלף וואַרעניקעס.

אַ קליינע עצה

אַ ייד האָט לעצטן זומער געהאַלטן אַ באַנגאַלאָ אין ראָקאַ־וועי ביטש. איז צו אים אין די גרויסע היצן געקומען אַ ווייטע מומע אויף באַזוך און האָט שוין פֿאַרגעסן צוריק אַהיימצופֿאָרן. זעענדיק, אַז ס'נעמט ניט קיין סוף, האָט ער זיך אויף דעם

באַקלאָגט פאַרן רב פון זיין שול. דער רב האָט אויף דעם געענטפערט:

— אַ גוטע עצה צו דעם געפינט זיך אין מדרש תנחומא, וואו עס שטייט: „מי שיש לו אכסנאי”, ווער עס האָט ביי זיך אַ גאַסט, זאָל ער אים דעם ערשטן טאָג געבן צו עסן געשטאָפּטע הינדעלעך; אויף מאָרגן זאָל ער אים שוין געבן פיש; דער־נאָך פּראָסטע פליש; דעם פערטן טאָג זאָל ער אים האָדעווען מיט אַרבעס און צולעצט — בלויז מיט גרינצייג, אויף אַזאַ אופן וועט דער גאַסט זיך שוין אליין אָפּטראָגן...

מפני שיבה תקום

מאָטקע חבד איז איינמאָל אַריין אין אַ רעסטאָראַן עסן מיטאָג. דערלאַנגט מען אים פיש גאָרניט קיין פרישע. שטעלט ער זיך אויף און זאָגט דעם רעסטאָראַטאָר:

— איר ווייסט פאַרוואָס איך שטיי אויף פאַר אייערע פיש? איך בין מקיים אַ מצווה פון דער תורה: „מפני שיבה תקום”.

אַלץ צוליב שלום

אַ ייד האָט אַמאָל גענומען אַן אורח אויף שבת, און גראָד האָט ער צוגעגרייט עסן און טרינקען כיד המלך. נאָר ווען עס איז געקומען נאָך די פיש, זעט דער באַלעבאָס ווי דער אורח טרינקט אוים איין גלעזל בראָנפן, דערנאָך נאָך איינס און צו־לעצט אַ דריטן מאָל. פאַרדריסט עס אים שוין און ער זאָגט צום אורח:

— ר׳ ייד, וואו איז יושר?

— איך וועל אייך זאָגן, — ענטפערט דער אורח — ווען איך האָב אַראָפּגעשלונגען דאָס ערשטע גלעזל בראָנפן, איז אים (דעם גלעזל בראָנפן) געוואָרן ביי מיר זייער אומעטיק, און ער האָט זיך ביי מיר געבעטן צו געבן אים אַ חבר. נו, ווי קאָן מען זיין אַזוי שלעכט? האָב איך אים אַראָפּגעשיקט אַ חבר. אָבער דאָ איז צווישן זיי געוואָרן אַ מחלוקת, ווי אין פּסוק

שטייט: „ויתרוצצו". האָב איך באַלד געטאָן אַזוי ווי עס שטייט אין סידור: „יבא הכתוב השלישי ויכריע ביניהם". איך האָב צו זיי אַראָפּגעשיקט אַ דריטן חבר, און ער מאַכט צווישן זיי שלום...

אַ זולל וסובא

איינער איז געקומען אין אַן אכסניה און פאַרלאַנגט עסן. פרעגט די באַלעבאָסטע: וואָס אַ שטייגער ווילט איר?

— אַ געבראָטנס אָדער קאָטלעטן מיט קאַרטאָפל.

— דאָס איז איצט גראָד נישטאָ.

— נו, זאָל זיין אַ פּיינקוכן.

— אַ פּיינקוכן? דערצו דאַרף מען האָבן אייער, האָב איך איצט נישט.

— ווייסט איר גאָר וואָס? — זאָגט דער אורח — איר קענט מיר געבן פּשוט אַ הערינג, דערצו אַ ציבעלע, און דערנאָך אַ גלאָז טיי — קען מען דערפון אויך ניט שטאַרבן פון הונגער.

— אַ מאָדנער ייד דאָס איז! —מאַכט זי — אַלצדינג ווילט זיך אים!

דער בעסטער באַווייז

אַ ייד קומט אַריין עסן אין אַ רעסטאָראַן, און נאָך דעם ווי ער האָט שוין געגעסן אַ פאַרשפּייז, ברענגט אים דער קעלנער אויך אַ זופּ. אָבער נאָך איידער דער באַדינער האָט די זופּ געשטעלט אויפן טיש האָט דער ייד צו אים געזאָגט:

— נעמט עס צוריק, די זופּ איז קאַלט!

— סטייטש? — פרעגט אים דער קעלנער — איר האָט דאָך אפילו ניט פאַרזוכט די זופּ. ווי קאָנט איר וויסן, אַז עס איז קאַלט?

— יאָ, — מאַכט דער ייד — אָבער, אַז איר האָט געקאָנט האַלטן אייער פינגער אין דער זופּ פון דער קיך ביז צו מיר, איז די זופּ זיכער ניט הייס...

דער חשבון

אויף אַן אכסניה איז אַן אורח אָפּגעשטאַנען עטלעכע טעג. פֿאַרן אַוועקפֿאָרן דערלאַנגט אים דער בעל־הבית אַ חשבון. דער אורח כאַפּט אַ קוק אין חשבון און זעט, אַז אַנשטאָט איין פֿלאַש ווײַן, וואָס ער האָט גענומען, זײַנען דאָרט אַרײַנגערעכנט, אויף זייער אַ הויכן פּרײַז, צוויי פֿלעשער. רופֿט ער זיך אָפּ:

— איך מוז אײַך זאָגן, אַז איר האָט אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. מילא אויף דער צווייטער פֿלאַש ווײַן, וועלכע איך האָב אין די אויגן ניט געזען, וועל איך ניט פֿרעגן קיין קשיא, אפֿשר האָט איר מיט דעם געמיינט אַ טייערע פֿלאַש ווײַן, טאָקע פּרימאַ פֿונעם ערשטן סאָרט; אָבער די ערשטע פֿלאַש ווײַן, וואָס איך האָב יאָ באַקומען און געטרונקען, ווייס איך דאָך וואָס פֿאַר אַ טעם, מישטיינס־געזאָגט, עס האָט געהאַט דער ווײַן — ווי־זשע פֿאַלט אײַך אײַן צו רעכענען פֿאַר דעם אַזאַ אומגעהייער טייערן פּרײַז?

ניטאָ קיין סכנה

אַ ייִד אַן אָרימאַן, וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַ חסידיש שטעטל אין גאַליציע, איז אַמאָל אויף זײַן וואַנדער־וועג געקומען אין אַן אויפֿגעקלערטער שטאָט אין רוסלאַנד. ווען ס'איז געקומען פֿרײַטיק צונאַכטס, האָט דער אָרימאַן אָנגעטאָן זײַן לאַנגע בעקעשע און איז אַוועק אין שול דאַווענען. נאָכן דאַווענען האָט ער זיך, גלײַך מיט אַלע אַנדערע אורחים, געשטעלט בײַ דער טיר, וואו די באַלעבאַטים פֿלעגן נעמען יעדער אַן אורח פֿאַר זיך. צו זײַן פֿאַרדרוס האָט ער צוגעזען ווי אַלע אַנדערע אָרעמעלײַט האָט מען שוין צוגענומען, נאָר אים וויל קיינער ניט רופֿן. האָט ער, אַ פֿאַרצווייפֿלטער, אויסגעשריען:

— ייִדן, מיינט ניט, אַז איך בין גאַלע מאָגן, ווײַל איר זעט ניט וואָס ס'טוט זיך אונטער מײַן בעקעשע. אָט זעט — כ'האָב פּיס אויך!

די צייט פון מנחה

אַ ייד, אַ גביר, האָט איינגעלאַדן אַלע אָרעמעלייט פון זיין שטעטל צו דער חתונה פון זיין טאָכטער. די חתונה איז פאַר־געקומען זונטיק בייטאָג. ווען ס'איז געקומען צום איינטיילן דאָס פלייש, האָט מען אַלע רייכע געסט געגעבן צו אַ פערטל עוף יעדן איינעם, אָבער פאַר די אָרעמעלייט האָט מען איינגע־טיילט אַ פערטל עוף פאַר פיר פערזאָן. גיט זיך איינער פון די קבצנים אַ שטעל אויף און גיט אַ געשריי:

— רבותי, מען דאַרף שוין דאַווגען מנחה!

— סטייטש? — וואונדערן זיך די געסט — ס'איז דאָך נאָך פרי.

— יאָ, — ענטפערט דער אָרימאַן, — ביי אייך איז טאָקע אַ פערטל צו איינס, אָבער ביי אונדז איז שוין אַ פערטל צו פיר...

אַ טייערער ביסן

אַ יונגערמאַן באַטראַכט דעם חשבון וואָס דער בעל־אכסניה האָט אים דערלאַנגט. דרייט ער מיטן קאָפּ און מאַכט אַזוי:

— אָ, אַ טייערער ביסן ביי אייך! איך מיין אָבער אַז פאַר אייערן אַ חבר וואָלט איר געמעגט רעכענען אַביסל ביליקער.

— וואָס — רופט זיך אָפּ יענער — איר זענט אויך אַ בעל־אכסניה?

— נוין, — ענטפערט ער — איך בין אויך אַ רויבער.

טוביה דער צווייטער מאַכט חתונה

ווען טוביה דער צווייטער האָט חתונה געמאַכט זיינע אַ טאָכטער און ער איז אויף דער חתונה געוואָרן זייער פריילעך און האָט אויך געוואָלט משמח זיין די געלאַדענע געסט, האָט ער אויסגעשריען צו זיינע קינדער:

— קינדער, איר טאַנצט און אַמוזירט דעם יונגן עולם און איך וועל דעם עלטערן עולם משלח (משמח) זיין...

צוויי שלעסער

אַ משולח איז פאַרפאָרן אין אַן אכסניה, אַנידערגעשטעלט דאָרט זיין קעסטל מיט אַ היפּשן שלאָס און זיך באַלד אַוועקגעלאָזט אין שטאָט אויף אַרבעט.

דער בעל־אכסניה האָט באַלד דערשמעקט אין דעם משולח וואָס פאַר אַ מין פאַרשוין דאָס איז, נעמט ער און הענגט אויף אויפן קעסטל נאָך אַ צווייטן שלאָס.

דער משולח קומט און דערזעט אויף זיין קעסטל אַ פרעמדן שלאָס, מאַכט ער קולות און פרעגט דעם באַלעבאָס, ווער האָט עס אויפגעהאָנגען אויף זיין קעסטל אַ צווייטן שלאָס.

— נו, און איר — פרעגט אים יענער — צוליב וואָס האָט איר אויפגעהאָנגען דעם ערשטן שלאָס?

— וואָס הייסט צוליב וואָס? — זאָגט דער משולח — כדי מען זאָל פון דאָרט עפּעס נישט אַרויסנעמען.

— און איך — מאַכט דער באַלעבאָס — האָב אויפגעהאָנגען דעם צווייטן שלאָס, כדי מען זאָל אַהין עפּעס ניט אַריינלייגן...

עס וועט ניט בלייבן

אַ רב האָט אַמאָל געבראַכט אַן אורח צו זיין פורימדיקער סעודה. ווען די רביצין האָט געשטעלט אויפן טיש אַ פולע שיסל מיט קרעפּלעך, האָט דער אורח אַריינגעשטעקט דעם גאָפּל אין שיסל און זאָגט אַזוי: „לכבוד פורים אַליין, נעם איך איין קרעפּל; לכבוד מרדכי מיט אסתרן נעם איך צוויי קרעפּלעך; לכבוד אונדזערע אבות, נעם איך דריי קרעפּלעך; לכבוד די הייליקע אמהות — נאָך פיר קרעפּלעך".

ווען דער רב האָט דאָס דערזען, האָט ער צו דער רביצין אויסגערופן:

— שרה־פייגע, גיכער נעם צו די שיסל! עס קאָן זיך אים נאָך גלוסטן צו נעמען צען קרעפּלעך לכבוד די עשרת בני המן, און 12 לכבוד די צוועלף שבטים, וועט שוין גאָרניט בלייבן פאַר אונדז.

נאָר פאַר די אורחים

אַן אורח איז געקומען אין אַ דאָרף, וואו עס האָבן זיך געפונען געגוי צען יידן. זעט ער, אַז זיי האַלטן אין בויען אַ שול און אַ בית-עולם אין איין צייט. וואונדערט ער זיך און פרעגט די דאָרפס-לייט:

— ניט צום פאַרשטיין, רבותי, וואָס איר טוט. צו וואָס טויג אייך אי אַ שול אי אַ בית-עולם? איינס פון די ביידע: אויב איר וועט לעבן, איז דאָך דער בית-עולם איבעריק און אויב אימיצער פון אייך, חלילה, וועט שטאַרבן, בלייבט איר דאָך אָן אַ מנין, — וואָס-זשע דאַרפט איר די שול?

רופט זיך אָפּ איינער פון די דאָרפס-יידן:

— פאַרשטייט איר, די שול בויען מיר טאַקע פאַר זיך, אָבער דעם בית-עולם — פאַר די אורחים...

אַ צו גרויסער עולם

מען דערציילט, אַז דער פאַרשטאָרבענער פּראָפעסאָר הורוויץ איז אַמאָל אין אָנהויב יולי אַרויסגעפאָרן אין די בערג, אָבער צוליב דעם 4טן יולי, דעם אומאָפּהענגיקייטס-טאָג, זיינען אַלע האָטעלן געווען איבערגעפּאַקט, אַזוי אַז ערשט שפּעט אין אָוונט איז ער געקומען צו אַ פאַרם און האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר, מען זאָל אים אַריינלאָזן. טוט דער פאַרמער אַ פרעג:

— ווער איז דאָרט?

— דאָס איז יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי, פּראָפעסאָר הורוויץ — קומט דער ענטפער.

— ניין! — שרייט אויס דער פאַרמער — פאַר אַזויפיל מענטשן האָב איך קיין פּלאַץ ניט...

לייגט זיך אַוועק און שלאָפט

הערשל אָסטראָפּאָליער האָט אַמאָל געדופן נאָך מעריב פון שול אַן אָרעמאַן פאַר אַן אורח צו זיך אויף וועטשערע. געקומען מיטן גאַסט, איז אים דאָס ווייב מקבל פנים מיט איר „מענה-לשון":

— קבצן איינער, אַליין האָסטו ניט קיין ברויט צו דער זעט, ברענגסטו נאָך מיט זיך צו שלעפּן אורחים אויף מיין קאָפּ?
— הערט זיך צו איר ניט צו — רופט זיך אָפּ הערשל צום אורח — זאָל זי שרייען וויפל זי וויל און איר טוט דאָס אייעריקע: נעמט, ר׳ קרוב, אייער קלימעקל צוקאָפּנס און לייגט זיך שלאָפן!

ניט געגעסן

אַן אורח זיצט ביים טיש און פּאַקט גאַנץ געשמאַק אויףביידע באַקן. רופט זיך צו אים אַן דער באַלעבאָס:
— פאַרוואָס עסט איר ניט, ר׳ ייד?
— אַ דאַנק, — זאָגט דער אורח — פאַרוואָס איך עס ניט? דאַכט זיך, אַז איך עס.
— מאָלט אייך, דאָס הייסט ניט געגעסן, נאָר געפרעסן!
— מאַכט דער באַלעבאָס האַלב ערנסט.

אַ מחלוקה לשם שמים

צוויי געסט זיינען איינגעשטאַנען אין אַן אכסניה אין איין צימער. האָבן זיי זיך אָנגעהויבן קריגן און די קולות זיינען דערגאַנגען עד לב השמים. איינער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל פאַרמאַכן דאָס פענצטער און דער צווייטער איז באַשטאַנען, אַז מען זאָל דאָס פענצטער ניט פאַרמאַכן.
דער אייגנטימער פון דער אכסניה האָט דערהערט די קריגעריי, איז ער אַריין אין צימער און האָט די געסט באַרואיקט:
— יידן, צו וואָס קריגט איר זיך, די פענצטער זיינען אָן שויבן...

זיך אַליין פאַרמסרט

מיט אַ 40-50 יאָר צוריק, ווען יידישע שמחות אויף דער איסט סייד פלעגן זיין פריי, אָן ספּעציעלע איינלאַדונגען, האָבן זיך געפונען יונגעלייט, וואָס פלעגן יעדן שבת אָדער זונטיק נאַכט גיין אין די זאַלן, וואו ס׳זיינען פאַרגעקומען חתונות און נאַכ-

דעם ווי זיי האָבן זיך אַמוזירט מיט טאַנצן, פלעגן זיי אויך האָבן אַ פיינעם מאַלצייט אָן געלט. איינמאָל איז אַ יונגערמאַן אריינ־געקומען אין אַ זאַל, ווען מען האָט שוין געהאַלטן ביים זעצן זיך צום טיש צו דער סעודה. גייט ער צו צו איינעם פון די געסט און פרעגט אים פון וועלכן צד ער איז, אַזוי, אַז יענער וועט אים זאָגן, אַז ער איז פון חתנס צד, וועט ער זאָגן, אַז ער איז פון דער כלהס צד. דאָ האָט דער גאַסט אויסגעשריען:

— דו שייגעץ איינער, דו מיינסט ס'איז אַ חתונה? ס'איז גאָר אַ בר־מצווה! אַרויס פון דאַנען!...

אַ גוטע עצה

אַ טוריסט, וואָס איז זומערצייט איינגעשטאַנען אין אַ האָטעלעכל, האָט זיך באַקלאָגט פאַרן האָטעל־אייגנטימער, אַז ווען ער האָט אינדערפרי גענומען אַ באָד, איז דער באָד־צימער געווען פול מיט פליגן. האָט אים דער באַלעבאָס געענטפערט:

— פון איצט אָן זאָלט איר נעמען אייער באָד צווישן צוועלף און איינס מיטאָג־צייט, ווייל דעמאָלט געפינען זיך אַלע פליגן — אין עס־צימער...

אַ מיטל צו פאַרטרייבן מייז

אַ וואָיאַזשאָר איז געקומען אין אַ קליין שטעטל און איז פאַרפאָרן אין דעם בעסטן האָטעל. ער האָט דאָרט פאַרבראַכט אייניקע טעג, און ווען ער איז געווען גרייט צו פאַרלאָזן דעם האָטעל, האָט די ווירטין אים דערלאַנגט אַ גרויסן חשבון. ער האָט באַצאָלט און גאָרניט געזאָגט.

— ווען איר קומט ווידער צו אונדז אין שטאָט, קומט אין אונדזער האָטעל — האָט די ווירטין געזאָגט צום גאַסט.

— דאָס וועל איך ניט טאָן, — האָט דער גאַסט געענטפערט, — ווייל ביי אייך זיינען פאַראַן אַ סך מייז.

— נו, וואָס קאָן מען טאָן קעגן דעם? — האָט די ווירטין געפרעגט.

— איך האָב אַ מיטל — האָט דער גאַסט געזאָגט — ווייזט די מייז אייער רעכנונג און זיי וועלן אַנטלויפן וואו פעפער וואַקסט.

זי לאָזט זיך ניט נאַרן

מחותנים זיינען אמאָל געקומען צוגאַסט. האָט די באַלע־באָסטע, ווי דער שטייגער איז, געשטעלט אויפן טיש כיבוד. ווען עס איז אוועק אַ שטיקל צייט, רופט זיך אָפּ די באַלעבאָסטע צו דער מחותנתטע:

— נעמט אַן עפּל, שעמט זיך ניט!

— אַ דאַנק, — מאַכט די מחותנתטע, — כ׳האָב שוין געהאַט אַן עפּל.

— מאָלט אייך, — זאָגט די באַלעבאָסטע, — געהאַט האָט איר שוין דריי עפּל, נאָר עס מאַכט ניט, נעמט נאָך אַן עפּל...

קאַטאָוועס

אַן אָרימער ייד קומט אַמאָל אַריין אין הויז פון אַ באַלע־באָס, וועלכער איז געזעסן ביי אַ טיש געדעקט מיט גוטע, שמעקנדיקע עסנס; מאַכט דער באַלעבאָס צום גאַסט:

— אויב איר פאַרשטייט אַ קאַטאָוועס — קומט מיט־עסן.

ענטפערט דער ייד צוריק:

— אויב איר פאַרשטייט אַ קאַטאָוועס — עסט געזונ־טערהייט...

אַן איידעם אויף קעסט

אַ באַלעבאָס האָט מיטגענומען מיט זיך פון בית־מדרש אַן אורח אויף שבת. אַריינקומענדיק אין הויז דערזעט ער, אַז עס שלעפט זיך נאָך עפּעס אַ יונגערמאַן. רופט ער זיך אָפּ צום אורח:

— סטייטש, רב ייד, איר׳ט פאַרגעסן די גמרא, אַז „אין אורח מכנים אורח״, אַז איין אורח קאָן מיט זיך ניט מיט־נעמען קיין צווייטן אורח?

ווערט דער ייד ניט נתפעל און ער ענטפערט אים אָפּ:

— אַי, לעבן זאָלט איר, איר פאַרשטייט דאָך ניט די גמרא! דער פּשט איז, אַז איין אורח מעג יאָ מכנים זיין אַ צווייטן. און, אגב אורחא, דאַרפט איר וויסן זיין, אַז דער יונגערמאַן איז מיינער אַן איידעם און איך האָב אים צוגעזאָגט צוויי יאָר קעסט.

פונקט ווי די גמרא זאָגט

אַ באַלעבאָס האָט אַמאָל אין אַ פרייטיק־צו־נאַכטס אַהיימ־געפירט פון דער שול אַן אורח אויף שבת. אַריינקומענדיק צו זיך אין הויז, דערזעט ער ווי נאָך דעם אָרימאַן קומט אויך אַריין אַ יידענע. גיט דער באַלעבאָס דעם אורח אַ פרעג:

— היתכן? מי האשה הזאת? (ווער איז די אשה?).

— דאָס איז — ענטפערט דער אורח — טאַקע מיין ווייב, ווי די גמרא זאָגט „בתר עניא אזלא עניותא" — נאָכן קבצן גייט נאָך די קבצנטע...

אָ פּ גע ב ר י ט

אַ פאַמיליע פון די בראָנקס איז אַנומלט, אין אַ הייסן טאָג, געפאָרן באַזוכן קרובים אין קאָני־איילענד. צוקומענדיק צום הויז זיינען זיי אַרויס פון זייער אויטאָ, בעת אין דרויסן זיינען געשטאַנען די קינדער פון די קרובים און האָבן זיך געשפּילט. אַזוי גיך, ווי די קינדער האָבן דערזען זייער פעטער און מומע, האָבן זיי אַרויפגעשריען צו זייער מוטער:

— מאַמאַ, מיר קריגן געסט! מיר קריגן געזעלשאַפט!

די מוטער, נישט ווייסנדיק, אַז די געסט שטייען שוין ביי דער טיר, האָט צו די קינדער צוריקגעשריען:

— איר זאָלט מיר דערלעבן אָנצוזאָגן בעסערע בשורות!...

גבירים און קבצנים

זיי וועלן זיצן אין וואָגן

אַ היימישער באַלעגאָלע האָט אַמאָל גענומען עטלעכע פּאַרשוינען צו פֿאָרן מיט זיי אין אַן אַנדער שטעטל. האָט ער מיט זיי איינגעטענה׳ט אַזוי: אַז עס וועט קומען באַרג־אַרויף, וועט איר דאָך אַליין וועלן גיכער גיין צו־פֿוס, מחמת ס׳איז דאָך אַ צער בעלי־חיים אויפֿן פֿערדל. נו, און באַרג־אַראָפּ דאַרפֿט איר דאָך וויסן, אַז ס׳איז בעסער צו גיין צו־פֿוס, ווייל ס׳איז פֿאַראַן אַ סכנה צו זיצן אויפֿן וואָגן. נו, און אויפֿן גלייכן וועג איז דאָך פּשוט אַ מחיה צו שפּאַצירן ביי דער זייט אונטער די ביימער...

— אויב אַזוי, — רופֿן אויס די פּאַרשוינען, — ווען־זשע וועלן מיר זיצן אין וואָגן?

— וואָס הייסט ווען? — מאַכט דער באַלעגאָלע — ווען מיר וועלן זיך אָפּשטעלן צו געבן עסן דעם פֿערד, וועט איר אַלע קענען זיצן אויפֿן וואָגן.

עס דאַרף אים ניט פּאַרדריסן

אַ גרויסער גביר, אָבער נאָך אַ גרעסערער קמצן, וואָס פלעגט קיינמאָל נישט ווּעלן געבן אַ גראָשן אויף צדקה, האָט שוין געהאַלטן נאָענט ביים שטאַרבן, און ווען דער רב האָט געהאַלטן אין זאָגן מיט אים ווידוי, האָט ער זיך ביטער צעוויינט. אויפן רב׳ס פראַגע, וואָס ער וויינט אַזוי, האָט דער קאַרגער גביר געענטפערט:

— מיך אַרט ניט אַזוי, וואָס איך גיי אַוועק פון דער וועלט, ווי דאָס, וואָס איך מוז איבערלאָזן מיין גאַנצן אוצר גאָלד און זילבער.

— דאָס — האָט דער רב געענטפערט — דאַרף דיך ניט פאַרדריסן, ווייל ווען דו נעמסט עס אפילו מיט מיט זיך, וואָלט עס סיי־ווי־סיי צעשמאָלצן געוואָרן אין דער היץ פון גיהנום...

וואָס מיינט מזל?

אַ ייד האָט זיך אַמאָל באַקלאָגט פאַר זיין פריינט:

— אַי, משה, וואָס זאָל איך דיר זאָגן? ס׳איז אַ מאָדנע זאַך! צו וואָס איך זאָל זיך ניט נעמען גייט עס מיר מיט דער פּוטער אַראָפּ! אַפּנים, אַז כ׳האָב טאַקע ניט קיין מזל!

— ניין, ברודער, — ענטפערט אים משה, — דו מוזט קודם וויסן, וואָס מזל מיינט. מזל איז די ראשי תיבות פון די ווערטער: מקום, זמן, לעשות. דאָס הייסט, אַז אויב דו טוסט עפּעס אויפן ריכטיקן מקום (אָרט) און אויב ס׳איז נאָר דער ריכטיקער זמן (צייט) איז דעמאָלט — לעשות (זאָלסטו טאָן!). מסתמא זיינען אַלע דיינע ביז איצטיקע טועכצן ניט געווען אויפן ריכטיקן אָרט און ניט אין דער ריכטיקער צייט...

צווישן בטלנים

צוויי יידן טרעפן זיך אין גאַס און איינער פרעגט דעם צווייטן:

— וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דו געפינסט אין גאַס אַ טייסטערל מיט הונדערט טויזנט דאָלער?

ענטפערט דער צווייטער:

— גאָר פּשוט, איך וואָלט דורך די צייטונגען אָנגעפרעגט ווער ס'האָט דאָס פאַרלוירן, וואָלט עס זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער פאַרלירער איז אַ ייד אַן עושר, וואָלט איך אים דאָס געלט ניט אומגעקערט, אויב ווידער, אַן אָרעמאַן האָט דאָס פאַרלוירן, וואָלט איך עס אים מיט כבוד אָפּגעגעבן...

גערעדט פון היץ

אַ גרויסער גביר, אָבער נאָך אַ גרעסערער קמצן, איז געפערלעך קראַנק געוואָרן. האָט מען צו אים געבראַכט אַ פּראָפעסאָר. רופט זיך אָפּ דער חולה צום פּראָפעסאָר:

— הער דאָקטאָר, אויב איר מאַכט מיך געזונט, וועל איך אייך געבן 10,000 דאָלער, ווייל אַז איך שטאַרב, וואָס טויג מיר דאָס גאַנצע געלט.

האָט גאָט געהאָלפן און דער גביר איז געזונט געוואָרן. ווען דער פּראָפעסאָר האָט דערנאָך ביי אים געבעטן דאָס צוגע־זאָגטע געלט, האָט דער גביר זיך געמאַכט תמעוואַטע: וואָס? ווער? ווען? געפערלעך קראַנק?

— סטייטש, — מאַכט דער פּראָפעסאָר, — איר געדענקט גאָרניט אייער צוזאָג, ווען איר זייט געווען געפערלעך קראַנק?

— יאָ, — ענטפערט דער גביר, — געפערלעך קראַנק בין איך טאַקע געווען; נו, אויב כ'האָב דעמאָלט עפּעס געזאָגט, האָב איך מסתמא גערעדט פון היץ...

ער איז איינשטימיק

דער רב פונעם שטעטל איז אַמאָל געגאַנגען אויף אַ לוויה און האָט זיך דאָרט געטראָפן מיטן גביר, וואָס פלעגט לייען געלט צו יידן אויף פּראָצענט. רופט זיך אָפּ דער רב צו אים:

— נו, ר' משה, איר זעט דאָך דעם סוף פונעם מענטשן. נאָך וואָסזשע זאָלט איר רייסן די הויט ביי די אָרעמעלייט, נעבעך?

— רבי לעבן, — ענטפערט דער גביר, — טאַקע דאָס טענה איך אַלעמאָל צו די אָרעמע, וואָס קומען צו מיר. איך זאָג זיי: וואָס אַרט אייך, אַז איר וועט צאָלן אַביסל מער פּראָצענט? איר וועט דאָך סיי־ווי־סיי שטאַרבן?...

דער שידוך געפעלט אים ניט

אין אַ שטעטל האָט געלעבט אַ ייד, אַ גרויסער גביר, אָבער נאָך אַ גרעסערער קמצן. אַרויסצורייסן פון אים אַ נדבה איז געווען אַזוי שווער ווי קריעת ים-סוף. נאָר אויף איין זאַך פלעגט ער יאָ געבן: אויף הכנסת כלה.

איינמאָל האָט אַן אָרעמער בחור געדאַרפט חתונה האָבן מיט אַ דינסט-מיידל, איז מען צו אים געקומען נאָך אַ נדבה. דער גביר אָבער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון עפּעס געבן. רופט זיך צו אים אָפּ איינער פון דער דעלעגאַציע:

— סטייטש, ר׳ וועלוול, עס איז אויף הכנסת כלה?

— יאָ, — ענטפערט דער גביר, — אָבער מיר געפעלט ניט דער שידוך...

מאַיאָנעז

איינמאָל איז אַן אָרעמאַן געקומען צו אַ גביר, געמאַכט אים אַ קרום פּנים, ווי איינער וואָס האָט שוין עטלעכע טעג אין מויל ניט געהאַט, און ביים גביר אין האַרצן האָט זיך עפּעס שטאַרק דערוועקט דאָס רחמנות און ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גאַנצן רובל און געגעבן דעם אָרעמאַן.

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער גייט דער גביר אַריין אין אַ פיינער גאַרקיך און געפינט דאָרט דעם זעלביקן אָרעמאַן, ווי ער זיצט זיך און עסט מאַיאָנעז פון פיש. ווערט ער אויפגעבראַכט, גייט צו צו אים און זאָגט מיט אַ געבייזער:

— אָט אויף דעם גייט עס אַ ייד איבער די הייזער און נעמט צונויף נדבות צו עסן מאַיאָנעז?!

— איך פאַרשטיי אייך ניט — מאַכט דער אָרעמאַן אין כעס — פריער, איידער איך האָב געהאַט אַ רובל אין קעשענע האָב איך קיין מאַיאָנעז ניט געקאָנט עסן, איצט אַז גאָט האָט מיר געהאָלפן און איך האָב דעם רובל באַקומען, טאָר איך ניט עסן? אויב אַזוי, זאָגט-זשע מיר, ווען פּאָרט וועט מיר אויסקומען צו עסן מאַיאָנעז?

דער ריכטיקער סימן

אין אַ שטעטל איז געשטאָרבן אַ רייכער ייד, וואָס האָט קיינמאָל ניט געגעבן אפילו אַ גראָשן אויף צדקה. ווען מען האָט דעם מת געטראָגן אין דרויסן אויף דער לוויה און יידן זיינען נאָכגעגאַנגען מיט פושקעס, שרייענדיק: „צדקה תציל ממוות", האָט דעם גבירס אַ זון, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, זיך פלוצים שטאַרק צעכליפּעט. אויף דער פראַגע פאַרוואָס ער האָט זיך אַזוי צעוויינט, האָט ער געענטפערט:

— ווייל ערשט איצט ווייס איך, אַז מיין טאַטע איז טאַקע אויף אַן אמת געשטאָרבן. ווען איך זע, אַז מען שרייט לעבן אים „צדקה תציל ממוות" און ער אַנטלויפט ניט...

דרייען צו דרייען איז ניט גלייך

מען האָט אַמאָל אַריינגעבראַכט אַ יידן אויף אַ קלאַגע אין געריכט פאַר אַ באַקאַנטן יידישן ריכטער. דער אָנגע־קלאָגטער האָט באַמערקט ווי דער ריכטער דרייט זיך אויף זיין שטול אַהער און אַהין. אין פאַרלויף פון פאַרהער פרעגט דער ריכטער דעם יידן, אויף אַ גוטן היימישן יידיש:

— פון וואָס מאַכט אַ ייד אַ לעבן?

— איכ'ל אייך זאָגן, — ענטפערט דער ייד, קוקנדיק בשעת מעשה אויפן ריכטער־שטול, — איינער דרייט זיך אַהין און אַהער און מאַכט גראַד אַ פיין לעבן. איך אָבער דריי זיך אַהין און אַהער און קאָן קיין לעבן ניט מאַכן.

קיינמאָל ניט געלעבט

אין אַ שטעטל האָט געוואוינט אַ ייד, רייך ווי קרח, אָבער שלעכט ווי בלעם. קיין אָרעמאַן האָט ער אויף דער שוועל ביי זיך ניט אַרויפגעלאָזט; פאַר שטאָטישע אַנשטאַלטן האָט ער קיינמאָל קיין גראָשן ניט געגעבן און אפילו צו זיינע אייגענע בני־בית איז ער געווען זייער שלעכט. מאַכט זיך איין מאָל, ווען דער דאָזיקער גביר איז שוין געשטאָרבן, איז אַ ייד פונעם שטעטל געקומען אין אַן אַנדער שטאָט, וואו ער האָט זיך באַ־

געגנט מיט אַ לאַנדסמאַן. דערציילט ער יענעם לאַנדסמאַן, אַז יוסף בער, דער גביר, איז געשטאָרבן.

— ס׳קען ניט זיין — מאַכט דער לאַנדסמאַן.

— פאַרוואָס? — פרעגט דער ייד.

— ווייל יוסף־בער האָט קיינמאָל ניט געלעבט — האָט דער לאַנדסמאַן אַ לאַך געטאָן.

ליטוואַקעס אין וואַרשע

צוויי באַקאַנטע ליטוואַקעס, ביידע רעכטע אביונים, וואָס האָבן שוין געוואוינט אין וואַרשע היפּשע עטלעכע יאָר, האָבן זיך באַגעגנט אין גאַס. פרעגט איינער דעם אַנדערן:

— וואָס מאַכסטו עפּעס? שוין אַ צייט ניט געזען. ווי גייט עס דאָ אין וואַרשע?

— עט — ענטפערט יענער — יאַקאָש לעבט מען, אַלץ בעסער ווי געשטאָרבן. און דו?

— ניט צו פאַרזינדיקן, אַבי מען האָט אַ שטיקל ברויט. וואָס דאַרף אַ ייד מער? האָב איך, אָבער, ניט פאַר דיר גע־דאַכט, אָפּגעקרענקט צוויי חדשים צייט און פאַרקרענקט גאַנצע צוויי הונדערט קאַרבן.

— אָוואַ, צוויי הונדערט קאַרבן זאָגסטו? אַ שאָד, ביי אונדז אין ליטע וואָלסטו דאָך פאַר דעם געלט געקאָנט קרענקען אפשר צוויי יאָר.

פאָרט קיין מעזריטש

אַ געוויסער שנאָרער איז געקומען אין אַ גרויסער שטאָט און האָט געוואָלט אַריינגיין נאָך אַ נדבה צו איינעם פון די גרויסע נגידים; האָט מען אים אָבער אַהין ניט אַריינגעלאָזט, ווייל דער נגיד איז געלעגן אין בעט געפערלעך קראַנק. דער שנאָרער איז אָבער ניט אָפּגעשטאַנען און האָט פאַרלאַנגט מען זאָל אים צולאָזן צום קראַנקן, פאַר וועלכן ער האָט אַ זיכערע רפואה. ווייבאַלד עס האַנדלט זיך וועגן אַ רפואה האָט מען אים צוגעלאָזט. דער שנאָרער איז צוגעגאַנגען צום חולה און זאָגט אים:

— איך קען אייך געבן אַ גאַנץ זיכערע רפואה, ווען איר מיר דערפּאַר באַצאָלן?

— וואָס פאַרא פראַגע? — מאַכט דער חולה — געווים וועל איך אייך באַלוינען אויפן שענסטן אופן. זאָגט וואָס פאַרא רפואה האָט איר?

— פאָרט קיין מעזריטש — זאָגט אים דער שנאָרער.

— וואָס עפּעס קיין מעזריטש? דאָרטן איז די לופט אַזאַ גוטע, צי אפשר געפינט זיך דאָרט עפּעס אַ דאָקטאָר אַ ספּע־ציאַליסט?

— ניין, נאָר איך אַליין בין אַ מעזריטשער און קען עדות זאָגן, אַז זינט מעזריטש שטייט, איז נאָך דאָרט אַ גביר ניט געשטאָרבן.

זי איז זיך מודה

אַ יידענע האָט געקויפט אַ לאָטעריע־צעטל, האָט זי, פאַר־בייגייענדיק אַ שול, געזאָגט:

— רבונו של עולם, אויב איך וועל געווינען דאָס גרויסע געווינס, וועל איך לאָזן פאַריכטן און איבערמאָלן די שול.

ווען עס איז געקומען די ציאונג פון די נומערן, און זי האָט פאַרלוירן, האָט די יידענע צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן: „אונדזער טאַטע אין הימל איז טאַקע אַ קלוגער! ער האָט נאָך פריער געוואוסט, אַז איך וועל די שול ניט פאַריכטן און ניט איבער־מאָלן”...

זי וויל ניט ווערן יינגער

עס ווערט דערציילט, אַז ווען אַנטשל ראָטשילדס מוטער איז אין עלטער פון 95 יאָר קראַנק געוואָרן, האָט זי דעם דאָקטאָר געבעטן, אַז ער זאָל טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך איר צו העלפן צוריק געזונט ווערן. דער דאָקטאָר האָט זי באַטראַכט און צו איר געזאָגט: „וואָס קאָן מען טאָן, מען ווערט ניט יינגער?”

האָט זי אים געענטפערט:

— ווער וויל דען ווערן יינגער? איך וויל ווערן עלטער!...

ווי גייט עס אין פרנסה?

הערשעלע אסטראָפּאָליער איז אַמאָל אַרויסגעגאַנגען אויף דער גאַס מיט אַ שטיקל ברויט צוגעבונדן צום הינטערשטן עק פון זיין קאַפּאָטע. באַגעגנט אים זיינער אַ פריינט און פרעגט אים:

— הערשעלע, ווי גייט עס דיר עפּעס אין פרנסה?

— אָט — מאַכט הערשעלע — ווי דו זעסט, דאָס שטיקל ברויט שלעפּט זיך נאָך...

אויף קעסט ביים פּרעזידענט

דאָס איז געשען, ווען האַררי טרומאַן איז געוועזן פּרעזידענט. אַ ניו־יאָרקער ייד איז געקומען צופאָרן אין מיזורי שטאַט און אָפּשטעלנדיק זיך אין מערערע שטעט, איז ער דערשטוינט געוואָרן, וואָס די שטעט זיינען כמעט אָן מענטשן. טרעפט ער אָן אין אַזאַ שטאָט אַ יידישן כלל־טוער און ער פרעגט ביי אים:

— ווי קומט עס, וואָס מען זעט ניט קיין מענטשן אין אייערע שטעט?

— דאָס איז דערפאַר — ענטפערט אים דער כלל־טוער — וואָס גאַנץ מיזורי איז איצט אויף קעסט ביי פּרעזידענט טרומאַן אין וואַשינגטאָן...

אַ פּסוק פאַרענטפערט

מען דערציילט, אַז ווען דער ווילנער גאון איז אַמאָל געגאַנגען אָפּריכטן גלות, איז ער געקומען אין אַ שטעטל, וואו דער גביר האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער. און אַזוי ווי מען האָט לויט דעם מנהג, אויך געמאַכט אַן „אָרעם מאָלצייט" איז דער גאון אויך געקומען צום מאָלצייט. ווייל קיינער האָט ניט געוואוסט ווער ער איז, האָט מען אים געזעצט ביי דער טיר. נאָכן עסן האָט מען זיך געכאַפּט, אַז עס פעלט אַ זילבערנער לעפל. איז מען צוגעלאָפן צום גאון און זיך צו אים געטשעפּעט, אַז ער האָט אַוודאי צוגענומען דעם לעפל. האָט דער גאון זיך אָפּגערופן, ווי רעדנדיק צו זיך אַליין:

— איצט פאַרשטיי איך שוין די ווערטער פונעם נביא:
„נשכחתי כמת מלב", איך בין אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן;
„הייתי" נאָר ווען האָט מען זיך דערמאָנט, אַז איך בין דאָ?
— „ככלי אבד", ווען אַ כלי איז פאַרלוירן געגאַנגען...

ער וויל זיך ערגערן

אַ טעטיקער ציוניסט, וואָס איז אַרומגעגאַנגען קלייבן געלט פאַרן קרן קימת (אידישער נאַציאָנאַל פאָנד) קומט איינמאָל צו אַ באַקאַנטן פאַרמעגלעכן יידן נאָך אַ ביישטייערונג. ווען דער ייד האָט אויסגעשריבן און אים דערלאַנגט אַ טשעק פאַר 35 דאָלער, מאַכט צו אים דער ציוניסט:

— פאַרוואָס אַזוי ווייניק פאַר אַזאַ הייליקן צוועק?

— פאַרשטייט איר מיך, — ענטפערט דער ייד, — אַלע־מאָל, ווען איך גיב געלט פאַרן קרן קימת, האָב איך דערפון אַ זייער שטאַרקע הנאה. אָבער היינטיקע צייטן, ווען די וועלט ליידט פון אַזויפיל צרות, וויל איך ניט, אַז מיין „איך" זאָל צופיל הנאה האָבן...

גבירישע לאַטקעס

אַן אָרעמער בחור האָט חתונה געהאַט מיט אַ מיידל, וואָס פלעגט דינען ביי רייכע לייט. דעם ערשטן חנוכה נאָך זיין חתונה האָט ער געזאָגט צו זיין ווייבל:

— אַנו, ווייבעלע מיינס, גיב נאָר אַ מאַך, לכבוד חנוכה, אַזוינע לאַטקעס, ווי מען מאַכט ביי די גבירים!

— יאָ, — מאַכט דאָס ווייבל, — אָבער איך האָב דאָך ניט קיין בוימאייל.

— נו, — זאָגט דער מאַן, — זאָל זיין אָן בוימאייל.

— אָבער — מאַכט ווייטער דאָס ווייבל — כ'האָב דאָך ניט קיין אייער.

— בע, — זאָגט דער מאַן, — זאָל זיין אָן אייער.

זעענדיק, אַז ס'העלפט ניט קיין תירוץ, האָט דאָס ווייבל געמאַכט לאַטקעס און זיי דערלאַנגט צום טיש. אָבער ווי נאָר

ער האָט גענומען אַ לאַטקע אין מויל אַריין, האָט ער זיך פֿאַרקרימט און האָט מיט חוזק אויסגערופֿן:

— פֿע! אָט מיט דעם נעמען זיי זיך איבער, די גבירים דײַנע? אַז אָך־און־וויי, אַז דאָס הייסט ביי זיי לאַטקעס!...

דער שכל זאָגט אים

צוויי בעטלער, אַ בלינדער און אַ קרומער, האָבן געמאַכט שותפֿות. דער בלינדער האָט אונטערגעהאָלפֿן דעם קרומען, וועלכער האָט, פֿון זיין זייט, געדינט דעם בלינדן מיט זיינע אויגן. איינמאָל, גייענדיק איבערן מאַרק, דערזעט דער קרומער שיינע קאַרשן צו פֿאַרקויפֿן. ער דערציילט עס דעם בלינדן, וועלכער איז מסכים, אַז מ׳זאָל קויפֿן און עסן בשותפֿות. ווען זיי האָבן גענומען עסן, האָט דער בלינדער קודם גענומען צו איין קאַרש, דערנאָך האָט ער גענומען צוויי אויף אַ מאָל, און שפּעטער שוין צו דריי קאַרשן אויף אַמאָל. פּלוצים הויבט ער אויף זיין האַנט און דערלאַנגט דעם קרומען אַ פֿייערדיקן פּאַטש.

— סטייטש? — פֿרעגט דער קרומער — פֿאַרוואָס שלאָגסטו מיך?

— ווייל — ענטפֿערט דער בלינדער — אַז איך נעם צו צוויי און צו דריי אויף אַמאָל, און דו שווייגסט, איז אַ סימן, אַז דו פֿרעסט צו פֿינף און צו זעקס אויף אַמאָל...

ואם תאמר מה נאכל

אַן אָרעמאַן קומט אַריין צום רב פֿון שטעטל:

— רבי — זאָגט ער — מיך אַרט אַ האַרבע קשיא: ואם תאמר מה נאכל?

דער רב נעמט אַרויס אַ מטבע און גיט דעם אָרעמאַן. אויף מאָרגן קומט דער אָרעמאַן ווידער.

— וואָס ווייטער? — פֿרעגט דער רב.

— פֿאַרשטייט איר מיך, רבי, איך האָב נעכטן גוט אי־בערגעקייט דעם תירוץ, איז מיר ווידער פֿאַרבליבן די זעלביקע קשיא.

יש לישב

אַ יידן האָט, לא עלינו, אָנגעהויבן זייער שלעכט צו גיין און האָט דערציילט וועגן זיין שוועריר לאַגע זיין גוטן פריינט. דער פריינט פרעגט אים דערשראָקן:

— ואם תאמר מה נאכל?

ענטפערט דער ייד:

— יש לישב בדוחק...

ראָטשילדס „מזל"

מען דערציילט, אַז אַ ייד, וואָס פלעגט אַלעמאָל קריגן שטיצע פון ראָטשילדן, האָט איינמאָל געזאָגט צו ראָטשילדן: „אַזוי ווי איר האָט גרויס מזל, לאָמיר קויפן בשותפות אַ לאָטעריע צעטל. איר וועט דאָך אוודאי געווינען, וועל איך אָפּנעמען מיין חלק און וועל שוין מער ניט דאַרפן אייך דערקוטשען מיר צו העלפן". ראָטשילד האָט איינגעשטימט און דאָס צעטל האָט געוואונען 50 טויזנט דאָלער. ווען דער ייד איז געקומען אָפּ־נעמען זיין חלק, זאָגט צו אים ראָטשילד:

— וואָס דאַרפט איר האָבן דאָס גאַנצע געלט? איר וועט עס דאָך מסתמא אַריינלייגן אין מסחר, און אַ שלים־מזל זענט איר דאָך, וועט איר עס פאַרלירען. בעסער באָרגט מיר דאָס געלט און איך וועל אייך יעדעס יאָר אָפּצאָלן אַ פּאָר טויזנט דאָלער.

— ניין! — ענטפערט דער ייד — אַזוי ווי איר זענט קיין עין־הרע אַ בר־מזל, קאָנט איר נאָך אינמיטן אָוועקשטאַרבן, אַזוי אַז איר זאָלט מיר ניט דאַרפן אָפּצאָלן דאָס געלט...

דער אונטערשייד

מען דערציילט, אַז ווען דר. שמריהו לעווין איז געקומען קיין אַמעריקע, כדי צו באַוועגן די היגע יידישע גבירים צו באַ־טייליקען זיך אין דער יידישער אַגענטור, איז ער אויך געקומען צו דזשוליוס ראָזענוואַלד, און וויפל ער האָט זיך ניט באַמיט אים צו באַאיינפלוסן, האָט עס זיך אים ניט איינגעגעבן. כדי אָבער צו ווייזן, אַז ער טוט פאָרט עפּעס פאַר ארץ־ישראל, האָט

ראָזענוואַלד געזאָגט: „וואָס נאָך ווילט איר פון מיר? אָט האָב איך אַ ווילע נעבן שיקאַגאָ, האָב איך איר געגעבן אַ נאָמען: „תל אביב"!

— יאָ, — האָט שמריהו לעווין געענטפערט, — אָבער איך וואָלט בעסער געוואָלט פון אייך זען, איר זאָלט אויפבויען אַ ווילע נעבן תל־אביב און זי אָנרופן „שיקאַגאָ"!...

יום־טוב אין דערוואַכנס

בעת דער גרויסער עליה נאָך דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה, זיינען די עולים איינקוואַרטירט געוואָרן אין די מעברות. באַגעגנט איין ייד, אַ נייער עולה, אַ צווייטן יידן, און אַנשטאָט אים צו זאָגן „בוקר טוב" (גוט מאָרגן) זאָגט ער צו אים „גוט יום־טוב". פרעגט אים יענער: „וואָס איז דאָס פאַר אַ „גוט יום־טוב" אין אַ פּראָסטן מיטוואָך?" ענטפערט דער ייד: „אַז אָנגעטאָן גייען מיר אין אָפּגעריבענע קליידער, ווי אום פּורים די פּורים־שפּילער, און עסן — עסן מיר ווי עס וואָלט געווען יום־כפור, און וואוינען — וואוינען מיר איןביידלעך ווי אום סוכות, נו, זאָגט אַליין, איז דאָס ניט יום־טוב?"...

אַ האַלבער דערפאָלג

אַ רב אין אַ שטעטל האָט איינמאָל אין אַ שבת, וואָס אין אָנהויב ווינטער, געזאָגט צו זיין ווייב: אַזוי ווי ער ווייסט, אַז די אָרעמעלייט פון דעם שטעטל האָבן ניט קיין געלט אויף האָלץ און עס איז דאָ אַ סכנה, אַז זיי וועלן נעבעך פאַרפרוירן ווערן, וועט ער אין זיין היינטיקער דרשה אין שול זיך ווענדן צו די רייכע באַלעבאַטים, אַז זיי זאָלן באַזאָרגן די אָרעמעלייט מיט הייצונג אויפן ווינטער.

ווען דער רב איז נאָך זיין דרשה אַהיימגעקומען און די רביצין האָט אים געפרעגט וואָס ס'הערט זיך, האָט ער געענטפערט:

— איך האָב געפועלט אַ העלפט.

— נו, איז דאָך גוט — מאַכט די רביצין. — וואָס האָסטו געפועלט?

— איך האָב — זאָגט דער רב — געפּועלט ביי די אָרעמע־לייט, אַז זיי וועלן זיין צופרידן אויב מען וועט זיי באַזאָרגן מיט האָלץ...

דער חכם גיט ניט

אַ ייד איז פאַר פסח געקומען צו אַ גביר נאָך אַ נדבה פאַר זיך, דערקלערנדיק, אַז ער שטאַמט פון אַן אַלטער רבנישער משפּחה. רופט זיך אָפּ דער גביר: „אַז איר האַלט זיך פאַר אַ יחסן, וועל איך אייך געבן דריי רובל קעגן די ארבעה בנים פון דער הגדה".

— סטייטש, — מאַכט דער ייד, — אויב אַזוי דאַרפט איר מיר דאָך געבן פיר רובל!

— יאָ, — ענטפערט דער גביר, — אָבער דער „חכם" גיט ניט!...

שוין איינמאָל אַ בעל טובה

אַן אָרעמאַן אין דער אַלטער היים איז אַריינגעקומען צו אַ גביר נאָך אַ נדבה, און גראָד איז דער גביר געזעסן ביים טיש מיט זיין פאַמיליע און מ'האָט געשמאַק געגעסן און גע־טרונקען פון כל־טוב. אַז דער גביר האָט דערזען דעם אָרעמאַן ביי דער טיר האָט ער אים צוגערופן און האָט אים דערלאַנגט אַ „גריוונע" (צען קאָפּיקעס). ווען דער אָרעמאַן איז אַרויס־געגאַנגען, האָט די באַלעבאָסטע זיך צעבייזערט אויף איר מאַן: „סטייטש, אַזויפיל געלט גיט מען?"

— נאַרעלע, — ענטפערט דער גביר, — וואָס אַרט דיך, זאָל ער שוין האָבן עולם הזה, דערפאַר אָבער וועלן מיר האָבן עולם הבא!...

דער ערשטער קליענט

אַ יידישער הויז־אייגנטימער, וואָס האָט פאַרדונגען אַ קראָם צו אַ פריזירער, קומט איינמאָל אַראָפּ גאַנץ פרי צו אים. דער פריזירער האָט זיך דערפרייט מיטן ערשטן קונה, הייסט אים זיך זעצן אויפן שטול. דער ייד, אָבער, זאָגט צו אים: „באַמיט זיך ניט, איך וועל זיך אַליין אָפּגאָלן ... אַוועקזעצן". דער ייד זיצט שוין

און דער פּריזירער וויל זיך נעמען אים איינזייפן. זאָגט דער ייד ווידער דאָס זעלבע. ער זייפט זיך אַליין אָן דאָס פּנים און נעמט זיך אַליין ראַזירן מיט אַ היימיש ראַזיר־מעסערל.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט פאַרוואונדערט דער פּריזירער.

— פאַרשטייט איר מיך, — מאַכט דער ייד, — ביי מיר אין הויז מאָלט מען גראָד איצט אין דעם באָד־צימער. בין איך אַראָפּגעקומען זיך דאָ אָפּגאָלן...

דער רייכער פעטער

זיצן צוויי יידן אין פּאַרק און רעדן וועגן דער איצטיקער נויטיקייט צו געבן געלט פאַר ארץ־ישראל. רופט זיך אָפּ איינער פון זיי:

— איך האָב אַ רייכן פעטער, וואָס באַלאַנגט צו מיין לאַנדסמאַנשאַפט, אַז ער צעלאָזט זיך, איז געלט ביי אים בלאָטע. ער קאָן געבן צו פינף הונדערט דאָלער פאַרן נאַציאָנאַל פאָנד און פאַר דעם פאַראייניקטן יידישן אַפּיל.

— נו, — פרעגט דער צווייטער, — האָט ער טאַקע געגעבן?

— וואָס הייסט? — מאַכט דער ערשטער — איך האָב דאָך אייך געזאָגט, אַז ווען ער צעלאָזט זיך קען ער געבן, ער האָט זיך אָבער דערווייל קיינמאָל ניט צעלאָזט...

גמרא...

אַן אָרעמאַן איז געקומען אין דערפרי צום גביר פון שטעטל ר׳ אַנשיל נאָך אַ נדבה און פאַרלאַנגט מען זאָל אים צולאָזן צום גביר אַליין. זאָגן אים די שטוב־מענטשן:

— ר׳ אַנשיל איז איצט שטאַרק פאַרנומען און האָט קיין צייט ניט.

— איך האָב צו זאָגן — בעט זיך דער אָרעמאַן — ניט מער ווי איין און איינציק וואָרט.

דערהערט עם דער גביר, גייט ער אַרויס צום אָרעמאַן און מאַכט צו אים:

— זאָגט, ר׳ ייד, דאָס איינע וואָרט, וואָס איר האָט צו זאָגן, אָבער טאָקע איין וואָרט — ניט מער.

דער אָרעמאַן טוט זיך העפלעך אַ בייג און זאָגט:

— גמרא.

— וואָס מיינט איר דערמיט? — פרעגט אים דער גביר.

— „גמרא" מאַכט: גוט מאָרגן, ר׳ אנשיל — ענטפערט דער אָרעמאַן.

— גוט מאָרגן, גוט יאָר. נו, און מער האָט איר גאָרניט וואָס צו זאָגן?

— גמרא — מאַכט ווידער דער אָרעמאַן.

— וואָס הייסט עס ווידער?

— דאָס הייסט: גיט מעות, ר׳ אנשיל!

דער גביר שמייכלט און דערלאַנגט אים אַ נדבה. דער אָרעמאַן נייגט זיך ווידער און זאָגט אַ דריטן מאָל:

— גמרא.

— וואָס הייסט עס נאָך?

— גיט מער, ר׳ אנשיל!

גייט אַליין איבער די הייזער

אויף אַן אכסניה האָט זיך אָפּגעשטעלט אַן אָרעמאַן, געהייסן זיך באַלד דערלאַנגען אַ גוטן מיטאָג. געקומען ביינאַכט האָט ער ווידער געהייסן זיך געבן עסן און טרינקען פונעם בעסטן, וואָס דאַרט געפינט זיך. אויף מאָרגן שטייט ער אויף פרי, פאַדערט אַ זאַטן פרישטיק. אָפּגעגעסן, נעמט ער זיך געזעגענען מיטן בעל-אכסניה. רופט זיך יענער אָפּ:

— נו, און וואָס הערט זיך, ר׳ ייד, מכּוח באַצאָלן פאַרן עסן און טרינקען און נאַכט-לעגער?

— זאָרגט ניט — מאַכט דער אָרעמאַן — ס׳איז גלייך ווי ביי אייך אין קעשענע. איך פאָר נאָך ניט אַוועק. געקומען בין איך אַהער אין שטעטל קלייבן נדבות, דאָס איז מיין שטענדיקע פּרנסה. נאָר נעכטן בין איך נאָך געווען מיד פונעם וועג, איצט נעם איך זיך צו דער אַרבעט, און איר מעגט זיין זיכער,

אַז איך וועל אייך אייערם אָפּברענגען וויפל עס קומט ביז איין פּרוטה.

— וואָס דערציילט איר מיר: איך מעג זיין זיכער? — שרייט דער בעל־אכסניה — איך בין גאָרניט זיכער.

— אויב איר גלויבט מיר ניט, קומט־זשע מיט מיר, זייט מוחל, וועלן מיר גיין צוזאַמען, איבער די הייזער.

— וואָס רעדט איר, משוגע זענט איר? וואָס הייסט, איך וועל זיך לאָזן מיט אייך איבער די הייזער גיין?!

— וואָס, איר שעמט זיך מיט מיר צו גיין? ווייסט איר גאָר וואָס, נאַט אייך מיין טאָרבע און גייט אַליין אָן מיר איבער די הייזער.

ניט קיין קרוב

אַן אָרעמאַן איז נאָכגעגאַנגען נאָכן גרויסן בראָדסקים לוויה און אַלעמאָל אַרויסגעלאָזט אַ טיפן קרעכץ פונעם האַרצן. פרעגט אים איינער:

— וואָס קרעכצט איר אַזוי, ר׳ ייד, ס׳איז אייערער אַ נאָענטער קרוב?

— ניין, — ענטפערט דער אָרעמאַן — דער געשטאָרבע־נער גביר געהערט מיר ניט אָן קיין שום קרוב, און אָט דערפאַר טאַקע קרעכץ איך און זיפץ אַזוי.

אַ מלבוש אויף אַלע ימים־טובים

איינער אַן אָרעמאַן, פון די פריילעכע קבצנים, האָט זיך באַרימט, אַז ער פאַרמאָגט, ברוך־השם, זיין אייגנס אַ מלבוש, איז ער פון די אמתע מלבושי־כבוד, צוגעפּאַסט צו אַלע ימים־טובים פון אַ גאַנץ יאָר:

פּסח — איז אין אים ניטאָ קיין גאַנץ ברעקל.
שבועות — איז ער דורך און דורך מיט תיקון.
ראש השנה — פון אַלע זייטן בלאָזט.
יום־כּפּור — טויג ער אויף אַכצן כּפּרות.
חנוכה — איז ער פול מיט לאַטקעס.
פּורים — צעשיט ער זיך אויף מאָן.

גיין לערנען זיך שנאָרען

אַ שנאָרער קומט צו אַ גביר נאָך אַ נדבה און האַלט זיך דערביי מיט צופיל חוצפה. באַמערקט דערויף דער גביר, אַז ניט אַזוי האַלט מען זיך, בשעת מען קומט צו יענעם בעטן אַ נדבה.

— דאָס געפעלט מיר דווקא! — מאַכט דער שנאָרער באַ־ליידיקט — דאַכט זיך, ניט פון נעכטן האָב איך זיך גענומען צו שנאָרעריי; איך בין שוין, ברוך־השם, גאַנצע פינף־און־צוואַנציק יאָר אין דער דאָזיקער פרנסה, וועל איך איצט אויף דער עלטער גיין ביי אייך זיך לערנען שנאָרען?

אָט דאָס הייסט געלעבט

אויפן פראַנקפורטער בית־עולם איז געקומען אַן אָרעמאַן, שטעלט זיך אָפּ ביי ראָטשילדס זעלטן שיינער און פראַכטפולער מצבה, באַטראַכט זי און באַטראַכט זי זייער לאַנג פון אַלע זייטן און זאָגט צו זיך אַליין:

— אָט דאָס הייסט געלעבט אויף דער וועלט!

נעמען און געבן

ר׳ ישראל־מאיר, דער „חפץ חיים״, איז אין די ייִנגערע יאָרן געווען זייער געדריקט. ער פלעגט זיצן און לערנען און אויסקומען מיט ברויט און וואַסער. אין שטעטל האָט מען געוואוסט פון זיין דחקות, און מען האָט אים געוואָלט ביי־הילפיק זיין אויף כלערליי אופנים, ער האָט אָבער ניט געוואָלט זען און הערן. ער וויל צו קיינעם ניט אָנקומען.

איינמאָל זיצט די מאַמע זיינע און טענה׳ט מיט אים איין:

— ישראל־מאיר, דו זעסט דאָך ווי מיר לעבן. ס׳פעלט ס׳שטיקל ברויט. מענטשן ווילן אַרויסהעלפן, פאַרוואָס זאָלסטו זיין אַזוי?

— פאַרשטייסטו, מאַמע — ענטפערט איר ר׳ ישראל־מאיר — מ׳וויל מיר געבן כל־זמן כ׳וויל ניט נעמען; אַז כ׳וועל אָנהייבן נעמען, וועט מען מיר אויפהערן צו געבן...

ער לאָזט זיך ניט

אַן אָרעמאַן שטעלט אָפּ אין גאַס אַ פאַרבייגייער און, אויסשטרעקנדיק אים זיין האַנט, זאָגט ער:

— שענקט אַ פעני אַ יידן, וואָס האָט שוין דריי טעג ניט געגעסן!

— אַזוי? — באַדויערט אים דער פאַרבייגייער — אָבער וואָס וועט איר קענען טאָן מיט איין פעני?

— וואָס הייסט? — מאַכט דער אָרעמאַן — איך וועל זיך אָפּוועגן, וועל איך וויסן וויפל פונט כ'האָב פאַרלוירן...

אויף איין פּיאַנע

אַ שנאָרער פון אַ קליין שטעטל איז געווען איינמאָל אין קיעוו ביים גרויסן גביר בראָדסקי. געקומען דערנאָך אַהיים צו זיך אין שטעטל, דערציילט ער וועגן די חידושים, וואָס ער האָט זיך אָנגעזען אין דער גרויסער שטאָט קיעוו, באַזונדערס אין הויז פונעם מיליאָנער.

— אמת, איך מוז אייך זאָגן, — האָט ער צוגעגעבן — אַז דער דאָזיקער בראָדסקי ווייזט אויס צו זיין אַ גרויסער דבר־אחר, אַ קמצן. שטעלט אייך פאָר, וואָס איך האָב אַליין געזען דאָרט אין שטוב מיט מיינע אויגן: צוויי מיידלעך שפּילן ביי אים מיטאַמאָל אויף איין פּיאַנע!

פרנסה בלייבט פרנסה

אין שטעטל איז אָנגעקומען פריטיק פאַרנאַכט אַן אָרעמאַן, גייט ער אריין צום רב און דערציילט אים, אַז געקומען איז ער אַהער, צו גיין איבער די היגע הייזער און בעטן, אַז זיין קלי־מעקל זאָל דאָ אין שטוב איבערליגן ביז איבער שבת. שבת־צונאַכטס נעמט מען ביים רב איבערטראָגן דעם אָרעמאַנס קלימעקל פון איין אָרט אויפן אַנדערן, בינדט זיך עס אויף און עס פאַלט פון דאָרט אַרויס אַ היפּש פּעקל אַסיגנאַציעס. דער רב האָט באַלד געשיקט רופן די ראשי־הקהל און דערציילט זיי

די מעשה און מען נעמט זיך מיישב זיין, וואָס טוט מען מיט אזא אָרעמאַן?

איז געבליבן, אַז מען זאָל דעם ייד פאַרליינגן איינס פון די צוויי: אָדער דאָס גאַנצע געלט זיינס פאַרבלייבט ביי קהל אויף צדקה זאַכן, אָדער ער זאָל געבן אַ תקיעת־כף, אַז ער מאַכט זיך פאַרן געלט עפּעס אַ געשעפט און מער גייט ער ניט איבער די הייזער.

זונטיק אין דערפרי קומט דער ייד נאָך זיין קלימעקל, דערציילט אים דער רב, וואָס מען האָט נעכטן ביינאַכט באַשלאָסן וועגן זיין געלט, און איצט איז די ברירה ביי אים. דער ייד האָט זיך אביסל פאַרטראַכט, דערנאָך רופט ער זיך אָפּ:

— רבי, לאָזט איבער דאָס געלט ביי אייך, קיין תקיעת־כף וועל איך ניט געבן, פרנסה בלייבט פרנסה...

אַזוי פיל מזוזות

צוויי אָרעמעלייט זיינען געגאַנגען פאַרביי אַ גרויסן פּאַלאַץ. זאָגט איינער דעם צווייטן:

— דאָס מוז געווים זיין ראָטשילדס פּאַלאַץ. דו, אַ שטייגער, וואָלסטו חשק געהאַט צו האָבן אַזאַ היפּשן פּאַלאַץ?

— חס וחלילה! — האָט יענער געענטפערט — וואו וועל איך נעמען אַזוי פיל מזוזות צו אַזוי פיל טירן?

אויך אַ יום־טוב

צו אַ רייכן קרוב פלעגט קומען צופאָרן אַן אָרעמאַן פון אַ נאָענט קליין שטעטל אויף יעדן יום־טוב. איינמאָל איז ער געקומען צו גאַסט איף אַ יום־טוב, אָפּגעזעסן אַ פּאָר וואָכן נאָך יום־טוב, דערנאָך האָט ער פאַרנומען זיין פּעקל און איז אַוועק. אויף מאָרגן קומט ער ווידער צוריק מיט זיין קלימעקל.

— וואָס איז די מעשה?

— די מעשה איז אָט וואָס — דערקלערט דער אָרעמאַן דעם רייכן קרוב זיינעם — געווען בין איך שוין ביי אייך אויף

אלע ימים-טובים, נאָר אויף איין יום־טוב איז מיר נאָך ניט אויסגעקומען צו זיין ביז איצט: אויף דעם יום-טוב, וואָס איר מאַכט אין שטוב ווען איר ווערט פון מיר פטור. בין איך איצט געקומען אויף דעם דאָזיקן יום-טוב.

אַ שיינער נדן

צוויי באַקאַנטע לאַנד-קבצנים, וואָס גייען אַרום איבער די הייזער פון שטאָט צו שטאָט, האָבן זיך באַגעגנט. רופט זיך אָפּ איינער צום אַנדערן:

— מעגסט מיר אָפּגעבן מזל-טוב, גוטער ברודער, גאָט האָט מיר געהאָלפן, איך האָב אויסגעגעבן מיין עלטערע טאָכטער. און ווייסטו ווער דער איידעם מיינער איז? דו מוזט אים אויך קענען, ער איז טאַקע פון אונדזער פּראָפעסיע: פישקע דער קרומער.

— געוויס קען איך אים. אַ פיינער איידעם. וואָס פאַראַ נדן האָסטו אים געגעבן?

— פרעג ניט, ער האָט שוין איינמאָל מזל! איך האָב אים געמוזט אָפּגעבן גאַנץ ליטע מיט זאַמוט, און אַלע דאָרטיקע הייזער גייען אין זיין גבול אַריין און איך טאָר שוין מער אַהין ניט אַריינשמעקן. וואָס זאָגסטו? אַ־יאָ אַ שיינער נדן? הלוואי זאָל איך מיין יינגערער טאָכטער קענען געבן אַזאַ שיינעם נדן!

אויך אַ געשעפט

אַ קבצן קומט צו אַ רייכן נאָך אַ נדבה, וויל יענער פון אים פּטור ווערן, זאָגט ער אים:

— איך בין איצט פאַרטראָגן אין געשעפט-זאַכן, איך האָב קיין צייט ניט.

— און איך — מאַכט דער קבצן — מיינט איר, בין ניט געקומען צו אייך וועגן אַ געשעפט-זאַך?

— וועגן וואָס פאַראַ געשעפט? — וואונדערט זיך דער נגיד.

— קבצנות, פאַרשטייט איר מיך — זאָגט דער קבצן — דאָס איז ביי מיר אַ געשעפט-זאַך.

אויסבייטן אַ הונדערטער

איינער, וואָס איז געקומען פון אַ קליין שטעטל אין אַ גרויסער שטאָט, דערציילט דאָרט:

— איר ווילט וויסן, וואָס פאַראַ דלות ס'איז אין אונדזער שטעטל, קענט איר זיך שוין פאָרשטעלן פון דעם, וואָס טאָמער באַדאַרף עמעצער ביי אונדז אויסבייטן אַ הונדערטער, לאָזט זיך אויס, אַז ס'איז גאָר ניטאָ — דער הונדערטער...

יאָ און ניין

אַן אָרעמאַן, אַ שנאָרער האָט מחנך געווען זיין זון צו דער שנאָרערישער פראָפעסיע און האָט אים דערקלערט:

— זון מיינער, האָב אין זינען דעם כלל: די וועלט באַנוצט זיך מיט צוויי ווערטער — „יאָ" און „ניין". אַז מען וועט דיך פרעגן צי דו האָסט שוין געדאַוונט — זאָלסטו ענטפערן: יאָ. אַז מען וועט דיך פרעגן צי דו האָסט שוין געגעסן — זאָלסטו ענטפערן — ניין...

געוואָרפן אַן אומחן

אַן אָרעמער שכן קלייבט זיך ווינטער פון אַ דירה. פרעגט אים אַ באַקאַנטער:

— ווי קומט עס, וואָס אין מיטן ווינטער איז אייך פלוצים געפעלן צו בייטן די דירה?

— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט ער — איך האָב אויף מיין דירה געוואָרפן אַן אומחן.

— פאַרוואָס אַ שטייגער?

— דערפאַר וואָס דער באַלעבאָס איז אַ שלעכטער יונג: ער האָט גענומען און מיך אַרויסגעוואָרפן.

ווען מען עסט

אָרעמאַן: ווען עסט מען ביי אייך מיטאָג?

גביר: אַזוי שנעל ווי איר גייט אַוועק.

אַ וואָרט פון ר׳ אברהם אבן עזרא

דער גרויסער דענקער און דיכטער ר׳ אברהם אבן עזרא איז געווען אַן אָרעמאַן און אַ לא-יצלח. האָט ער אויף זיך געזאָגט אַ ווערטל:

— וואָלט איך געהאַנדלט מיט ליכט — וואָלט די זון קיינמאָל ניט אונטערגעגאַנגען; וואָלט איך געהאַנדלט מיט תכריכים — וואָלט קיין מענטש קיינמאָל ניט געשטאָרבן...

טוט־אָן און טוט־אויס

צוויי אָרעמע מקבלים ליגן בײנאַכט אין בית-המדרש אויף די האַרטע בענק און פאַרן שלאָפן שמועסן זיי זיך איבער, ווי גוט און וואויל עס לעבט זיך דעם נגיד אויף דער וועלט.

— דו ווייסט? — זאָגט איינער צום אַנדערן און טוט זיך דערביי אַ געשמאַקן קראַץ — אונדזער נגיד פון שטעטל, עס זאָל אפילו דונערן און בליצן, מוז ער אָנטאָן אַלע שבת אַ ווייס העמד.

— און דער קיעווער בראָדסקי? — פרעגט דער צווייטער.

— וואָס פרעגסטו, בראָדסקי פאַרגינט זיך שוין אָנצוטאָן אַ ווייס העמד צוויי מאָל אַ וואָך.

— און דער שני-למלך?

— אַלע טאָג.

— און דער קיסר אַליין?

— צוויי מאָל אין טאָג.

— נו, און ראָטשילד, אַ שטייגער?

— ראָטשילד? ווער קען זיך גלייכן צו ראָטשילדן? ער טוט־אָן און טוט-אויס, טוט-אָן און טוט-אויס.

אַ גוטע וועטשערע

אַ שניידער האָט גערופן צו זיך אַהיים אַן אָרעמאַן אויף וועטשערע. אַליין איז ער געווען אַביסל בגילופין, קוים זיך געהאַלטן אויף די פיס, קומט ער אַריין אין שטוב און זינגט אונטער דאָס לידעלע: „אבינו מלך — דאָס האַרץ איז מיר פריילעך".

— גיטעלע — מאַכט ער צום ווייב — אַנו, באַווייז זיך פאַרן גאַסט מיט דער גוטער און שיינער וועטשערע. זאָג וואָס האָסטו אָזעלכעס אין אַ מזלדיקער שעה געקאָכט?

— אַ גוטע קרענק — רופט זיך אָפּ דאָס ווייב.

— זעט איר שוין, מיין ליבער ייד — זאָגט דער שניידער צום אורח — און איר האָט זיך געזאָרגט, אַז מיר וועלן ניט האָבן קיין גוטע וועטשערע?

די סוחרישע וועלט

אח — לח

אין אַ שטאָט מעבר לים זיינען געווען צוויי גרויסע סוחרים. דער ערשטער האָט אָנגעשטעלט זיין אײדעם אין געשעפט צו פירן אים די ביכער, וואָרום די מסחרים זיינען געווען גרויס און ער האָט זיך אַליין ניט געקאָנט קיין עצה געבן. דער צווייטער האָט אַליין געפירט זיינע געשעפטן.

איינמאָל טרעפן זיך די סוחרים און פאַרפירן צווישן זיך אַזאַ שמועס:

איין סוחר: איך קאָן עס גאָרניט פאַרשטיין מיטן שכל. זייט כ׳האָב אַריינגענומען מיין אײדעם צו פירן די חשבונות, ווייס איך גאָרניט וואו איך האַלט אין דער וועלט. איך ווייס ניט צי האָב איך געלט אין באַנק, צי האָב איך ניט. ווי פירסטו זיך, משה סערצע, ווי ביזטו זיך נוהג?

צווייטער סוחר: גאָר פשוט. איך פיר מיין בוכהאַלטעריע אויף מיין אייגענעם אופן. איך האָב צוויי ביכעלעך. אויף איינעם האָב איך אָנגעשריבן „לח" — דאָס מיינט — לי חייב, מען איז מיר שולדיק. אויף דעם צווייטן ביכעלע איז אָנגעשריבן „אח" — אני חייב, איך בין שולדיק. ווען איך זע, אַז „אח" איז גרעסער פון „לח" — בלייב איך שטיין...

וואָס די ערד דעקט צו

איין סוחר קומט צו דעם צווייטן אין געשעפט.

— האָט איר שוין דעם וועקסל אונטערגעשריבן?

— יאָ, איך זוך נאָר אַביסל זאַמד אויף צו באַשיטן.

— וואָס טויג אייך זאַמד? אַט האָט איר דאָך לעש־פּאַפּיר.

— ניין, איך האָב ליב אַ וועקסל מיט זאַמד צו באַשיטן.

— פאַרוואָס עפּעס בעסער מיט זאַמד?

— פאַרשטייט איר, די וועלט זאָגט: וואָס די ערד דעקט צו פאַרגעסט מען.

ער האָט מורא

טרעפן זיך צוויי יידן. זאָגט איינער צום צווייטן:

— העלאָ! גוט וואָס איך האָב דיך געטראָפן. ליי מיר אַ גמילת חסד 25 דאָלער.

ענטפערט דער צווייטער:

— איך האָב ניט קיין מזומן.

— טאָ גיב־זשע מיר אַ טשעק.

— איך האָב ניט קיין טשעק־בוך.

— וואָסזשע האָסטו יאָ?

— איך האָב... איך האָב...

— וואָס שטאַמלסטו? זאָג וואָס דו האָסט!

— איך האָב מורא...

אַ בעל־חוב

אַן אָרעם יינגל איז אַריינגעקומען אין אַ גרויסער קראָם עפּעס צו קויפן. בלייבט ער שטיין פאַרגאַפט און באַטראַכט די קראָם פון אַלע זייטן.

— וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרקוקט, יינגעלע? — פרעגט אים דער קרעמער, איינער פון די גרויסע סוחרים אין שטאָט.

— איך קוק נאָר און קלער ביי זיך, — ענטפערט דאָס יינגל — ווען די מאַמע מיינע, וואָס האַלט אַ קליין קרעמל פאַר עטלעכע רובל, איז זי אויף דעם שולדיק גאַנצע צען קאַרבן — היינט אַז ביי אייך אין קראָם געפינט זיך אַזוי פיל סחורה — מוזט איר דאָך זיין אַ גאַר וואַזשנער בעל־חוב!

דער ערשטער ביסן

צוויי יידן גייען אריין אין כשרן רעסטאראן און איינער פון זיי באשטעלט ביים קעלנער צוויי פארציעס פלייש. אז דער קעלנער האט דערלאנגט דאס פלייש, האט ער באמערקט, אז דער אנדערער ייד שניידט אפ פון זיין פארציע א שטיקל פלייש, וויקלט עס איין אין א טישטוכל און באהאלט עס אין קעשענע. דער קעלנער האט זיך שטארק געוואונדערט און זייענדיק נייגעריק צו וויסן פארוואס דער ייד האט דאס געטאן, האט ער נאכן עסן אים גערופן אין א זייט און אים דאס געפרעגט. ענטפערט דער ייד: „מיר זיינען צוויי שותפים און מיר האבן זיך געוועט וועגן עפעס, מיט דעם באדינג, אז דער פארלירער זאל דעם געווינער מכבד זיין מיט א מיטאג. ווייס איך, אז ער האט אוודאי אין הארצן מיר געוואונטשן, איך זאל זיך דערווארגן מיטן ערשטן ביסן, האב איך דערפאר מיין ערשטן ביסן געלייגט אין קעשענע...

קאלב און גאלד

צוויי יידן טרעפן זיך אין גאס. פרעגט איינער דעם צווייטן:

— וואס איז דער אונטערשייד צווישן די היינטיקע פלייש־מאגנאטן און די אמאליקע יידן אין דער מדבר?

און ער ענטפערט גלייך אויפן ארט:

— די יידן אין דער מדבר האבן פון גאלד געמאכט א קאלב, און די היינטיקע פלייש־סוחרים מאכן פון קעלבער — גאלד.

אז מען פויקט שוין

אין אייניקע שטעט מעבר לים איז געווען אן איינפיר, אז עס האט זיך געמאכט און איינער האט אנגעזעצט, פעלגט מען עס אין זיין גאס אויספויקן. איינמאל האט אין א שטעטל איינער, וואס איז שוין געווען גאר נאענט צו באנקראטירן, דערהערט אין זיין גאס פויקן, טראכט ער זיך, אז דאס מיינט

מען אים, ווערט ער אָבער געוואויר, אַז מען מיינט מיטן פּויקן דאָס מאָל גאָר דעם שכן זיינעם, רופט ער זיך אָפּ:

— הערט איר וואָס איך וועל אייך זאָגן, אַז מען פּויקט שוין, זאָל מען שוין ווייטער פּויקן, טאַקע צוליב מיר אויך.

די האָר זיינען ניט זיינע

אַ סוחר, וואָס די געשעפטן זיינע האָבן געהאַלטן גאַנץ שמאָל, איז אַמאָל אין אַ פרימאָרגן אויפגעשטאַנען פון בעט מיט אַ קאָפּ פול מיט פעדערן און אַזוי איז ער אַרוים אין גאַס. באַגעגנט אים זיינער אַ גוטער פריינט און פרעגט אים פאַר־וואונדערט: וואָס איז די מעשה, וואָס פאַרן אַרויסגיין אין גאַס האָט ער פאַרגעסן צוצוקעמען אַביסל די האָר?

— פאַרשטייסטו מיך, גוטער ברודער, — ענטפערט דער סוחר מיט אַ ביטערן שמייכל — דיר מעג איך דאָך זאָגן. דו וועסט קיינעם ניט גיין דערציילן: איך בין די לעצטע צייט שוין אַזוי פאַרבאָדן אין חובות איבערן קאָפּ, אַז ממש די האָר זיינען ניט מיינע. היינט פרעג איך דיך, צוליב וואָס זאָל איך גלאַט נעמען און קעמען פרעמדע האָר?

דער אונטערשייד

מיט יאָרן צוריק, ווען אַלץ איז נאָך געווען וואָלוול, איז אַ בראָנקסער ייד געקומען אויף העסטער סטריט קויפן עטלעכע הערינג אויף איינצומאַרינירן. גייט ער אַריין אין אַ קראָם און פרעגט וואָס איז דער פרייז פון אַ הערינג. ענטפערט אים דער פאַרקויפער: „זעקס סענט אַ שטיק". דערווייל הערט דער קויפער ווי פון אַ קראָם קעגנאיבער שרייט איינער: „ווייבער, ביליק! פינף סענט אַ הערינג". פרעגט דער ייד:

— סטייטש, פאַרוואָס קומט אייך מער געלט?

— ווייל — ענטפערט אים דער באַלעבאָס פון קראָם — ווייל איך וויקל איין די הערינג אין אַ היינטיקע צייטונג און יענער נוצט צייטונגען פון עטלעכע טעג צוריק...

„הנני העני״

איינער האָט דערציילט מיט גרויס התפעלות פון אַ חזן מיט אַ זעלטענעם קול, אַז ווען ער פלעגט זאָגן „הנני העני״, פלעגן אַלע אין שול פאַרציטערט ווערן. שטייט דערביי אַ ייד אַ סוחר, וואָס האָט געפירט מסחרים מיט אַ סך שטעט, רופט ער זיך אָפּ:

— איך בין ניט קיין חזן און פאַרמאָג ניט קיין גרויסע שטימע, פונדעסטוועגן קען איך אייך פאַרזיכערן, אַז וויבאַלד איך וועל, אם־ירצה־השם, נאָך ימים־טובים, אַ זאָג טאָן הנני העני, וועט מען אין אַ סך שטעט ווערן שטאַרק פאַרציטערט.

די לעצטע האָפענונג

אַ ייד אין דער אַלטער היים איז אַמאָל געקומען צום שטעטלשן גביר און ביי אים געבעטן אַ הלוואה פון פופציק קערבלעך, כדי ער זאָל האָבן מיט וואָס צו האַנדלען אויפן מאַרגנדיקן יאַריד. ווען דער ייד איז שוין געווען אויפן וועג אַהיים, האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער האָט גאָרניט דאָס געלט, וואָס ער האָט געבאָרגט. קומט ער אַהיים און דערציילט אַ זייער צעטרודערטער זיין ווייב, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. טראַכט זי זיך אפשר האָט ער ניט גוט געזוכט און זי נעמט אַליין זוכן אין אַלע זיינע קעשענעס, נאָר ווען זי האָט שוין געוואָלט אַריינשטעלן איר האַנט אין זיין לעצטער קעשענע, האָט ער ניט געלאָזט, אויסרופנדיק: „אויב דו וועסט, חלילה, דאָ אויך ניט געפינען דאָס געלט, איז דאָך מיין האָפענונג אינגאַנצן פאַרלוירן״...

דעם פסוק נוצט ער אויך

צו אַ גביר, וואָס האָט באַנקראָטירט, איז געקומען איינער מאָנען אַ גמילת־חסד. ער רעדט איבער און טענה׳ט מיט גוטן און מיט בייזן — און דער גביר שווייגט, ענטפערט ניט קיין איין וואָרט, גלייך ווי ניט אים מיינט מען עס.

— וואָס שווייגט איר? — שרייט שוין דער מאָנער

שטאַרק אויפגעבראַכט — וואָס איז דאָס פאַרא גאַנג פון אַ מענטשן? יענער ווערט צעזעצט רעדנדיק און ער שווייגט? לאָמיך פון אייך הערן עפּעס אַ וואָרט, כאָטש „קוש מיך...״

— ניין, — מאַכט דער אָנזעצער געלאַסן — דעם דאַזיקן פסוק דאַרפט איר וויסן, זאָג איך ניט יעדן, נאָר אַזעלכן וואָס האָט אויף מיר אַ וועקסל.

פאַרקויפט אַ גאַס

אין תל־אביב עפנט אַ באַלעבאָסטע די טיר און זעט פאַר זיך צוויי שנאָרערס. גיט זי אַ פרעג: „ווי קומט עס וואָס איר גייט צוויי אויף אַמאָל?״ — ענטפערט איינער:

— פאַרשטייט איר מיך, איך האָב אָט דעם יידן פאַרקויפט די דאָזיקע גאָס, גיי איך מיט אים כדי אים צו ווייזן אַלע מיינע שכנים.

אַ סך סדרות

— וואָס פאַרא סדרה גייט? — פרעגט מען אַ סוחר, וואָס האָט זיך פאַרדרייט אין זיינע געשעפטן.

— גלויבט מיר — ענטפערט ער — איך ווייס אייך ניט וואָס צו זאָגן, ווייל אייגנטלעך קאָנען ביי מיר גיין מיטאַמאָל אַ סך סדרות: דאָס לעבן, אַ שטייגער, לערנט מיט מיר די סדרה „כי תצא למלחמה״, דאָס ווייב — „תולדות״, דאָס געלט — „וילך״, די געשעפטן — „נצבים״, די וועקסלען — „ויגש״, און אָט־אָט האַלט איך שוין ביי „וישב״...

דריי פאָר ברילן

אַ ייד, וואָס האַלט אַ קראָם אין אַ געוויסער ניו־יאָרקער געגנט, קומט אַנומלט אַריין צו אַ באַוואוסטן אָפּטאָמעטריסט און הייסט זיך צופּאַסן דריי פאָר גלעזער און צוגרייטן פאַר אים ברילן. פרעגט אים דער דאָקטאָר: „צו וואָס דאַרפט איר האָבן דריי פאָר אויגן־גלעזער?״ — ענטפערט דער ייד:

— פאַרשטייט איר מיך, איך בין אַ קרעמער, דאַרף איך האָבן איין פּאָר אויף צו לייענען; אַ צווייטע פּאָר אויף גיין אין גאַס, און אַ דריטע פּאָר, דאָס זאָל מיר העלפן צו קענען זען אַ קונה אַמאָל אַריינקומען צו מיר אין קראָם...

אויב ער וועט אַנטלויפן

איינעם אַ גרויסן סוחר האָט געפרעגט זיינער אַ גוטער באַקאַנטער:

— ווי קומט עס וואָס איר האָט גענומען און אויסגעגעבן אייער איינציקע טאָכטער פאַר אייערן אַ קאַסירער וועגן וועלכן איר האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז שטאַרק טרויען קען מען אים ניט?

— דערפאַר טאַקע האָב איך עס געטאָן, — ענטפערט דער סוחר — ווייל ביי מיר טוט זיך אַלץ מיט חשבון. האָב איך זיך באַרעכנט, אַז טאָמער מאַכט זיך, דער שיינער בחור טוט מיר אָפּ אַ שפּיצל און אַנטלויפט מיט מיין געלט, זאָל כאָטש דעמאָלט מיין טאָכטער אויך עפּעס געניסן.

ער האָט פאַרטרעטער

אין די צייטן פון פּראָספּעריטי זיינען די פאַבריקאַנטן געוואָרן זייער אומפּהעגניק. האָט אַ קליידער-פאַבריקאַנט אַנומלט אַריינגערופן זיינע פאַרקויפערס און האָט זיי פּשוט געזאָגט, אַז ער דאַרף זיי איצט ניט האָבן און זיי מעגן זיך זוכן אַנדערע שטעלעס. דערווייל איז אַריינגעקומען אַ קונה און הייסט זיך ווייזן עטלעכע סאָרטן פרויען-קליידער, און וויל באַשטעלן פון יעדן מין צו הונדערט קליידער.

— ניין, — ענטפערט דער פאַבריקאַנט, — ניט איצט!

— ניש'קשה, — רייצט זיך מיט אים דער קונה, — נאָך דער מלחמה וועט איר נאָך קומען צו מיר, און איך וועל זאָגן „ישקני"!

— ניין, — מאַכט דער פאַבריקאַנט, — דעמאָלט וועל איך צו אייך שיקן מיינע פאַרקויפערס...

אַ וואָרט איז אַ וואָרט

צוויי יידן האַלטן אַ דין־תורה ביי אַ רב.

— רבי, — טענהט איינער — מיר קומט ביי דעם יידן פינף הונדערט רובל און ער וויל מיר זיי נישט אָפּצאָלן.

— וואָס הייסט, איך וויל נישט — זאָגט דער צווייטער — איך קען נישט, וואָס זאָל איך טאָן? איך קען פאַרט היינטיקן חודש ניט צאָלן.

— רבי, — היצט זיך דער ערשטער — די זעלביקע דיבו־רים האָט ער מיר געזאָגט אויך יענעם חודש.

— נו, איז וואָס — מאַכט דער צווייטער גאַנץ קאַלט־בלוטיק — האָב איך דען נישט געהאַלטן וואָרט?

שלי — שלי!...

צוויי יידן זיינען אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט געזעסן אין פּאַרק און האָבן הנאה געהאַט פון גאָטס וועלטל. רופט זיך אָן איינער צום צווייטן:

— שטעלט זיך פאָר, ר׳ מעכל, ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען אויפן בוים, וואָס מיר זיצן אונטער אים, וואָלטן געוואַקסן שיינע, גאָלדענע עפּל, און ס׳ווערט אַ שטאַרקער ווינט און צען גאָלדענע עפּל פאַלן גלייך צו מיר אין שוים אַריין!

— יאָ, ר׳ פייוול, — מאַכט דער צווייטער, — אָבער צי וואָלט איר מיר אויך געגעבן אַ חלק פון די צען עפּל?

— הערט אַ חשק פון אַ יידן! —שרייט אוים ר׳ פייוול — קאַרג בוימער וואַקסן אין פּאַרק? נעמט זיך אָן אייגענעם בוים!...

צופיל פאַרלאַנגט

צוויי איסט־סאַידער סוחרים זיינען געגאַנגען אויף פּאַרק עוועניו. האָט איינעם פון זיי אָנגעהויבן צו בייסן אין פּלייצע. איז ער צוגעגאַנגען צו אַ געביידע אויפן ווינקל פון דער גאַס און גענומען רייבן זיין פּלייצע אויפן שאַרפן ברעג פון דער וואַנט. רופט זיך צו אים אָן זיין חבר:

— וואָס טוסטו? דו מיינסט, אַז דאָס איז העסטער סטריט, אַז דאָס איז די איסט־סאַיד?

— נו, — ענטפערט ער אים, — וואָס וואָלסטו געוואָלט? אַז סע בייסט מיך אויף פּאַרק עוועניו זאָל איך לויפן זיך קראַצן אויף העסטער סטריט?...

אַן אָנזעצער מיט איינזעעניש

אַ ייד אַ סוחר, וואָס האָט געהאַלטן ביים אָנזעצן, איז מיט זיין זון געפאָרן קיין ווארשע איינקויפן סחורה.

ווען ער האָט גענומען אויסקלייבן זיין סחורה, האָט ער זיך מיטן יידישן הורט־סוחר שטאַרק געדונגען איבערן פּרייז פון יעדן שטיקל סחורה.

מאַכט דער זון שטילערהייט צום פאָטער:

— סטייטש, טאַטע, וואָס דינגסטו זיך? דו וועסט דאָך סיי־ווי־סיי ניט באַצאָלן...

— פאַרשטייסטו מיך, מיין קינד, — ענפטערט דער פאָטער, — איך וויל ניט, אַז אַ ייד זאָל פאַרלירן צופיל געלט...

עס גייט אים אין לעבן

דער קאָמערציעלער אָנפירער פון אַ גרויסער פירמע איז גערופן געוואָרן צו דינען ווי אַ ריכטער ביי אַ פּראָצעס. האָט ער זיך מיט אַלערליי תירוצים פּרובירט אַרויסצודרייען. פרעגט אים דער ריכטער:

— סטייטש, פאַרוואָס ווילט איר ניט דינען? דאָס איז דאָך די פליכט פון יעדן בירגער.

— יאָ, — ענטפערט דער מאַן, — אָבער עס גייט מיר אין לעבן איך זאָל דאָ ניט זיין, ווייל אַז איך וועל זיין אַ וואָך צייט אויסער דעם געשעפט, וועלן מיינע באַלעבאַטים איינזען, אַז זיי קענען זיך באַגיין אָן מיר...

ווער עס קאָן ניט שלאָפן

אַ ייד גייט אינמיטן נאַכט אַראָפּ פון זיין בעט און לויפט אַרום איבער דער שטוב קרעכצנדיק: „אוי ווי, וואָס וועט היינט זיין?" זיין ווייב כאַפּט זיך אויף און פרעגט אים: „וואָס איז דיר עפּעס? פאַרוואָס שלאָפסטו ניט?"

— וואָס הייסט? — קלאָגט דער מאַן — איך דאַרף דאָך היינט דריי בייטאָג אָפּצאָלן איציקן זיין וועקסל, און כ'האָב קיין געלט ניט.

די פרוי גייט צו צום טעלעפאָן, רופט אָפּ איציקן און זאָגט אים:

— הערסט? דיין וועקסל, וואָס מיין מאַן איז דיר שולדיק, וועט ניט באַצאָלט ווערן.

און אויפהענגענדיק דאָס טעלעפאָן-טרייבל זאָגט זי צו איר מאַן:

— קענסט שוין גיין שלאָפן — איצט וועט שוין איציק ניט קאָנען שלאָפן...

גלייך אויף גלייך

אַ מאַן בעט ביי זיינעם אַ פריינט, אַז ער זאָל אים לייען צוואַנציק דאָלער. נעמט יענער און דערלאַנגט אים צען דאָלער.

— סטייטש? — פרעגט אים דער ערשטער — איך בעט ביי דיר צוואַנציק און דו גיסט מיר גאָר צען דאָלער.

— פאַרשטייסטו מיך, — ענטפערט דער צווייטער, — אויב איך מעג פאַרלירן צען דאָלער, מעגסטו אויך פאַרלירן צען דאָלער...

געכאַפּט ביי אַ ליגן

אַ יונגע פרוי שטעלט זיך אַוועק ביי אַ פענצטער פון אַן אַפּטייק און קוקט אַריין און פּלוצים הויבט זי אויף אַ שטיין און צעברעכט די שויב אויף שטיקלעך. עס לויפן זיך צונויף מענטשן און מ'ברענגט אַ פּאָליציאַנט, וועלכער אַרעסטירט זי. ווען דער ריכטער פרעגט זי אין געריכט פאַרוואָס זי האָט דאָס געטאָן, צעשרייט זי זיך:

— יור האָנאָר, די אייגנטימער פון דעם אַפּטייק זיינען גרויסע ליגנער. זיי האָבן אַרויסגעשטעלט אין פענצטער אַ שילד „עקס לאַקס׳ איז גוט פאַר קינדער״, און שוין צוויי יאָר, אַז איך נוץ אָט דעם מיטל זייערן און האָב אַלץ נאָך ניט קיין קינדער.

צופיל פאַרלאַנגט

צוויי פריינט קומען קויפן בילעטן צו אַ גרויסן קאָנצערט.

— ס׳טוט מיר לייד, — ענטפערט דער בילעטן פאַרקויפער, — אַלע זיץ־פּלעצער זיינען שוין פאַרנומען. איך קאָן אייך נאָר פאַרקויפן בילעטן פאַר שטייענדיקע פּלעצער.

— גוט, — רופט זיך אָפּ איינער פון זיי, — אויב איר קאָנט אונדז געבן אַזוי, אַז מיר ביידע זאָלן זיין איינער נעבן אַנדערן, נעם איך צוויי בילעטן...

מזלדיקע פינטעלעך

אין די אַמאָליקע ביליקע יאָרן האָט אַ פרומער ייד געהאַלטן אַ קראָם פון אַלטע מלבושים אויף בעקסטער גאַס. איינמאָל, ווען ער האָט אינדערפרי געדאַרפט גיין דאַווענען, האָט ער אָנגע־זאָגט זיין יונגן זון, אַז אויף יעדן אַנצוג געפינט זיך אָנגעשטעפּעט אַ קוויטעלע מיט פינטעלעך, אָנשטאָט ציפערן, און וויפל פינ־טעלעך עס זיינען דאָ אויפן קוויטעלע, אַזוי פיל דאָלער זאָל ער בעטן פאַרן אַנצוג.

ווען דער פאָטער איז צוריקגעקומען פון שול, לויפט צו אים צו דער זון מיט אַ שמחה:

— טאַטע, כ׳האָב פאַרקויפט אַן אַנצוג פאַר 10 דאָלער!

דער פאָטער בלייבט שטיין אַ דערשטוינטער. ער ווייסט, אַז אויף קיין שום אַנצוג האָט ער גאָר ניט אָנגעצייכנט אַזאַ הויכן פּרייז. דער זון, אָבער, זעענדיק ווי דער פאָטער וואונ־דערט זיך, נעמט ער אַרויס דאָס צעטעלע און ווייזט אים, אַז ס׳זיינען דאָ גאַנצע צען פינטעלעך.

— אַי, אַי! — שרייט אויס דער פאָטער — אַ דאַנק דעם וואָס לעבט אייביק, וואָס ער האָט באַשאַפן פליגן אויף דער וועלט!...

אַן איינפֿאַל פֿון אַ קינד

אין ניו־יאָרק געפֿינט זיך די פֿירמע מיט דעם נאָמען „שער און פֿעלדמאַן". מיט אַ צייט צוריק איז דער שותף, שער, גע־שטאָרבן, אָבער די פֿירמע איז אַלץ געבליבן אונטער דעם זעלבן נאָמען. איינמאָל קומט אַריין צו די פֿעלדמאַנס אין הויז אַ מאַן און פֿרעגט: „פֿאַרוואָס רופֿט זיך אייער פֿירמע „שער און פֿעלדמאַן", אַז ווען איך קום צו אייך אין אָפֿיס געפֿין איך קיינמאָל ניט דעם מר. שער?"

— ביקאָז — רופֿט זיך אָפּ דער קליינער בחור, אַ זונדעלע פֿון די פֿעלדמאַנס — „די פֿעלדמאַנס שער די מאָני!" (די פֿעלדמאַנס צעטיילן זיך מיטן געלט).

פֿיר אין איינס

אַ ייד, אַ בן תורה, האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט וועגן זיינעם אַן אָרעמען לאַנדסמאַן, אַז ער איז אַלע פֿיר בנים פֿון דער הגדה אויף אַמאָל. אויף דער פֿראַגע: ווי אַזוי? האָט דער ייד געענטפֿערט — אַ חכם איז ער, ווייל „כי לא לחכמים לחם". אַ רשע איז ער, ווייל „לוה רשע, ולא ישלם". אַ תם איז ער, ווייל נאָך דעם ווי ער לייט און באַצאָלט ניט, גיט מען אים שוין ניט קיין שאַנס צו ווערן אַ „מועד", איז ממילא בלייבט ער אַ „תם"... און דער סוף איז, אַז „שאינו יודע לשאול", ער ווייסט שוין מער ניט וואו צו לייען...

אַלצאיינס געזעסן

דער סטאָראָסטע פֿונעם וואַרשעווער פּאָוויאַט האָט אַמאָל געלאָזט איינשפּאַרן אין טורמע צוויי חסידים פֿאַר ניט צאָלן קיין שטייערן. ווען זיי זיינען אַזוי געזעסן אין איין קאַמער, האָט זיך איין חסיד געזעצט אין אַ ווינקל און האָט געדאַווענט און געקרעכצט. דער צווייטער, ווידער, איז פֿאַר בושה אַרומ־געלאָפֿן איבערן צימער, שרייענדיק און ברעכנדיק די הענט. רופֿט זיך צו אים אָן דער ערשטער:

— שוטה איינער! און אַז דו לויפֿסט שוין אַרום, מיינסטו, אַז דו זיצסט גאָר ניט אין תפֿיסה?

צווישן צוויי שותפים

אין אַ שטעטל זיינען געווען צוויי יידן שותפים אין אַ געווויסן מסחר. איינער פון זיי איז געווען אַ געלערנטער אין די קליינע אותיות, און דער צווייטער איז געווען אַן עם־הארץ. איז אַמאָל דער געלערנטער אוועקגעפאָרן מיט אַ וואָגן סחורה אין אַ גרויסע שטאָט כדי עס צו פאַרקויפן. אַזוי אָבער ווי קיינער האָט ביי אים ניט געוואָלט קויפן, האָט ער צו זיין שותף גלייך געשריבן אַ בריוול מיט די ווערטער:

— וואָס טוט מען? ס'איז אין קונה!

— מיין ליבער שותף, — ענטפערט אים אין אַ בריוו דער ניט־געלערנטער, — וואָס זאָרגסטו זיך אַזוי? דאַרפסט דען האָבן צען קונים? אָבי דו האָסט, ווי דו שרייבסט איין קונה, טאָ מאַך אַ סוף און פאַרקויף!

ער מאַכט עס נאָך ערגער

ברוך האָט געליען אַ גמילת־חסד ביי זיין פריינט זרח. ווען עס איז געקומען די צייט צו באַצאָלן, איז זרח געקומען צו ברוכן און ביי אים געמאָנט דאָס געלט. רופט זיך אָפּ ברוך, כלומרשט אַ באַליידיקטער:

— זעסטו, זרח, ווייל דו ביסט געקומען מאָנען, וויל איך דיר דווקא ניט געבן.

אין אַ צייט אַרום באַגעגנט זרח זיין פריינט אויף דער גאַס. גייט ער צו אַביסל נענטער און זאָגט אַזוי ווי צו זיך אַליין:

— ברוך, איך מאָן ביי דיר ניט!

— זרח! — ענטפערט ברוך — איך גיב דיר ניט.

אַ געוועט אין קלוגשאַפט

אַ נאַצי באַגעגנט אַמאָל אַ יידן, וועמען מען האָט פאַר אים געלויבט אַלס אַ זייער קלוגן. רופט זיך צו אים אָפּ דער נאַצי:

— איך וועל דיר שטעלן עטלעכע פראַגן, און פאַר יעדער

פראַגע, אויף וועלכער דו וועסט מיר ניט קאָנען ענטפערן, וועסטו מיר מוזן באַצאָלן 10 מאַרק.

— גוט, — מאַכט דער ייד, — אָבער אַז איך וועל דיך אויך פרעגן עפּעס און דו וועסט מיר ניט קאָנען ענטפערן, וויפל וועסטו מיר באַצאָלן?

— איך — מאַכט שטאָלץ דער נאַצי — וועל דיר געבן הונדערט מאַרק! נו, פרעג!

— אָפּגעמאַכט! — זאָגט דער ייד — און איצט זאָג מיר: וואָס איז דאָס: עס פליט אַרויף מיט דריי פיס און פאַלט צוריק אַראָפּ מיט זיבן פיס?

דער נאַצי טראַכט אַ היבשע ווײַלע און זאָגט ענדלעך:

— ניין, איך וויים ניט. נאַ דיר די הונדערט מאַרק, נאָר זאָג מיר איצט וואָס דאָס איז.

— איך וויים אויך ניט — מאַכט דער ייד — און נאַדיר 10 מאַרק.

אַ סאָלדאַטסקער טעות

אין אַ צייטונג אין דובלין, אירלאַנד, איז אַנומלט געווען אַנאָנסירט, אַז אין דעם און דעם טאַבאַק-געשעפט וועט מען מאָרגן פאַרקויפן אַמעריקאַנער סיגאַרעטן מיט צוויי סענט ביליקער פאַרן פעקל ווי געוויינלעך. האָט זיך שוין אויף מאָרגן גאַנץ פרי אויסגעשטעלט אַ לאַנגע רייע פון רויכערער, צווישן וועלכע עס זיינען געווען אַ סך אַמעריקאַנער סאָלדאַטן.

דערווייל לויפט אָן אַ ייד ביי דער זייט פון דער ריי און רוקט זיך צום פראָנט. גיט אים איינער פון די סאָלדאַטן אַ שטויס צוריק און הייסט אים זיך שטעלן אין דער ריי. דער ייד פאָלגט אָבער ניט און לויפט ווייטער צום פראָנט. נאָר ווען אַ צווייטער סאָלדאַט שרייט אויף אים אָן און הייסט אים צוריקגיין און זיך שטעלן אין דער ריי, גיט דער ייד אַ זאָג:

— אויב איר וועט מיך ניט לאָזן גיין — וועל איך ניט עפענען דאָס געשעפט...

אָרעמע באַנקען

א ייד האָט אַרויסגענומען אַ טשעק־בוך פון אַ געוויסער באַנק, האָט מען זיך פון אים אָנגעליטן גרויסע צרות. ער פלעגט געבן טשעקס אָן חשבון רעכטס און לינקס און זיי האָבן ניט געהאַט קיין דעקונג, ביז די באַנק האָט אים ענדלעך אַרויסגעוואָרפן. איז ער געוואָרן אַ דעפּאָזיטאָר אין אַן אַנדער באַנק — און ווידער דאָס זעלבע. ווען איינער פון זיינע קרעדי־טאָרן האָט אים אָפּגערופן אויפן טעלעפאָן און אים געפרעגט: היתכן? אייער טשעק אויף 100 דאָלער, וואָס איר האָט מיר געגעבן, איז צוריקגעקומען! — האָט דער ייד צוריקגעשריען:

— רבונו של עולם, עס קאָן דאָך ניט זיין, אַז די צווייטע באַנק האָט אויך קיין געלט ניט!...

דער קלוגער גאַסט

צוויי יידן שטייען אין בית־המדרש און פירן צווישן זיך אַ וויכוח. איינער שרייט, אַז די ערד דרייט זיך און דער אַנדערער טענהט, אַז די זון דרייט זיך. אַ דריטער ייד, וואָס איז געשטאַנען פון וויטנס און זיך צוגעהערט, לויפט צו זיי צו און שרייט אוים:

— רבותי, ניט די ערד דרייט זיך און ניט די זון דרייט זיך, נאָר דער קאָפּ דרייט זיך: וואו נעמט מען אויף שבת?!

ליהודים

מיט יאָרן צוריק האָב איך באַגעגנט מיינעם אַ גוטן פריינט, חבר דובעלמאַן, אַ באַוואוסטער כלל־טוער, וועלכער איז געוועזן אַ פּאָריער. אויף מיין פראַגע, וואָס ס׳הערט זיך איצט אין די פּאַר־ביזנעס, ענטפערט ער מיר כהאי לישנא, ווי שלום עליכם׳ס טוביה: „וואָס זאָל איך אייך זאָגן? „ליהודים היתה עורה (אורה)”, ביי די יידן וואָס האָבן פעל, איז „שמחה וששון”, פריילעך און לעבעדיק! ווייל „ויקר”, פעל איז טייער געוואָרן, עס איז מיט גאָלד צוגלייך און אַז סחורה איז טייער, זיינען די פּאַרדינסטן גרעסער”.

אַ גוטע עצה

אין אַ הייסן זומער-טאָג האָט זיך אַ ייד, ערשט ניט לאַנג אין לאַנד, גענומען שפּאַצירן פון דאַון-טאַון קיין האַרלעם אויף מעדיסאָן עוועניו. באַגעגנט אים אַ באַקאַנטער און פרעגט אים:

— אין אַזאַ הייסן טאָג גייט איר צופוס?

— איך וויל — ענטפערט דער ייד — מיר איינשפּאָרן אַ ניקל.

— אויב אַזוי, — מאַכט דער באַקאַנטער, — וואָסזשע גייט איר מיט מעדיסאָן עוועניו? בעסער גייט מיט 5טער עוועניו, וועט איר זיך איינשפּאָרן 10 סענט.

גענוג פאַרן פּרייז

אין אַ קליינעם, ביליקן רעסטאָראַן האָט מען אַ קונה דערלאַנגט אַ טעלער זופּ. בעת׳ן עסן האָט דער קונה באַמערקט אַרומשווימען אַ שטיקל „רעיאָן" (פאַלשע זייד). באַקלאָגט זיך דער קונה פאַר דער באַלעבאָסטע, רוקט אַוועק דעם טעלער און ווייזט עס איר.

רופט זיך אָפּ צו אים די אייגנטימערין פון רעסטאָראַן:

— וואָסזשע, פאַר אייערע פופצן סענט האָט איר געוואָלט, מ׳זאָל אייך געבן ריכטיקע זייד?

און אַז משיח וועט קומען

איין מאָל גייט יענקל-דוד אַרום אין בית-המדרש אַרויף און אַראָפּ און רעדט צו זיך אַליין:

— אַי, אַי, ווען וועט שוין משיח קומען?

טוט ביי אים אַ ייד אַ פרעג:

— וואָס איז גאָר פּלוצים, יענקל-דוד, עס האָבן אייך אַרומגענומען די חבלי-משיח?

— אַי, וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט, אַז משיח וועט קומען, וועלן דאָך אַלע יידן אַוועקפאָרן קיין ארץ-ישראל, וועל איך בלייבן איין קרעמער אין שטעטל.

אַ פּאַרזאָרגער

אַ גרויסער פאַבריקאַנט האָט אַנאָנסירט אין די צייטונגען, אַז ער זוכט אַ „פּאַרזאָרגער", ד. ה. אַזאַ איינעם, וועלכער זאָל ביי אים אַראָפּנעמען אַלע זאָרגן פון קאָפּ.

עס האָט ניט גענומען לאַנג און פאַר אים האָט זיך פאָר־געשטעלט אַ מאַן, וואָס איז פונקט צוגעפּאַסט פאַר דער שטעלע: ראשית, איז ער אַ געוועזענער פּראָפעסאָר פון אַ קאַלעדזש, והשנית, איז ער אַ פּסיכאָלאָג — טאַקע איינער אַזאַ, וואָס קען העלפן די מענטשלעכע זאָרגן.

אַז מ'איז שוין מיט אַלץ מושווה געוואָרן, גיט דער פּראָ־פעסאָר אַ פרעג: „נו, וואָס וועט זיין מיין געהאַלט און ווען וועל איך קריגן מיינע שכירות?"

— דאָס טאַקע — ענטפערט דער פאַבריקאַנט — וועט זיין אייער ערשטע זאָרג, וואָס איר וועט דאַרפן אַראָפּנעמען פון מיין קאָפּ...

עולים און יורדים

ווען מיר האָבן געלערנט אין חומש די מעשה ווי יעקב אבינו האָט געזען אין חלום: „והנה סולם מוצב ארצה ומלאכי אלקים עולים ויורדים בו" (און אַ לייטער איז געשטאַנען אויף דער ערד און מלאכים פון גאָט זיינען אַרויף און אַראָפּגעגאַנגען אויף אים), האָט דער רבי אונדז געלערנט, אַז אויף דעם לייטער האָט געמוזט זיין אַ מחיצה צווישן די מלאכים, וואָס זיינען געווען די „עולים" און די, וואָס זיינען געווען די „יורדים". און ער האָט עס אונדז געגעבן צו פאַרשטיין אויף אַזאַ אופן:

„שטעלט זיך פאָר, אַז משה־מעכל, דער חלפן, האָט פאַראַ־יאָרן פאַרמאָגט 10 טויזנט רובל און איצט פאַרמאָגט ער נאָר 5 טויזנט, איז ער אַ „יורד". ווידער פאַרקערט, אַז חיים־יונה, דער שענקער, האָט פאַראַיאָרן פאַרמאָגט בלויז טויזנט רובל און איצט פאַרמאָגט ער שוין פינף טויזנט, איז ער אַן „עולה" — איז כאָטש זיי פאַרמאָגן איצט ביידע גלייך, דאָך זיינען זיי אין אמתן ניט גלייך, און מען דאַרף צווישן זיי מאַכן אַ מחיצה. אַזוי איז עס אויך געווען מיט די מלאכים".

דער קורצער קאָנטראַקט

צוויי יידן סוחרים, האָבן געוואָלט אַריין אין שותפות, זיינען זיי געגאַנגען צום רב ער זאָל פאַר זיי אויסשרייבן דעם שטר אָדער קאָנטראַקט, און נאָך דעם ווי זיי האָבן אים אויס־גערעכנט אַלע פּרטים, האָט דער רב גענומען אַ ליידיק שטיקל פּאַפּיר און האָט דערויף אויפגעשריבן די פיר אותיות: א־ב־ג־ד, און האָט זיי געהייסן זיך אונטערשרייבן.

די יידן האָבן אַ קוק געטאָן און זיינען געבליבן שטיין פאַרוואונדערט: וואָס איז דאָס פאַר אַ מין קאָנטראַקט? דער רב, וועלכער האָט געזען זייער פאַרלעגנהייט, האָט זיי גע־געבן צו פאַרשטיין:

— קינדער מיינע! אַ שותפות צווישן יידן דאַרף זיין געבויט אויף אָט די פיר אותיות, אויב ניט, איז עס גאָר ניט ווערט. „א" מאַכט אמת און אחדות; „ב" מאַכט ברכה און בשלום; „ג", ווידער, מאַכט גנבה, און „ד" מאַכט דלות. איז אַזוי: אויב ס׳וועט צווישן אייך זיין אמת און אחדות, וועט ביי אייך זיין ברכה בשלום. אויב אָבער עס וועט, חלילה, ביי אייך זיין גנבה, וועט ביי אייך, חס ושלום, זיין דלות...

נאָכוואָס וויינען?

אַ גרופּע יידן זיינען געוועזן אויף אַ שיף אויפן וועג פון אייראָפּע קיין אַמעריקע. פּלוצים האָט אויסגעבראָכן אַ שטור־רעם און ס׳איז געוואָרן אַ טומל. ווייבער האָבן געשריען און געוויינט, מענער זיינען געלאָפן אין שרעק אַהין און צוריק. מיט איין מאָל קומט צו צום עולם אַ ייד און גיט אַ געשריי:

— יידן, וואָס טומלט איר אַזוי? וואָס וויינט איר?

אַלע זיינען אַ ווײַלע שטיל געבליבן, מיינענדיק, אַז ער האָט עפּעס אַ גוטע עצה. אָבער דער ייד האָט פאַרענדיקט די ווערטער:

— נאָך וואָס קלאָגן און וויינען? ס׳איז דען אייער שיף, איז עס דען?

ניט אַהער, ניט אַהין

אַ ייד האָט געהאַט אַ שניט-קראָם און האָט ניט געהאַט קיין פּרנסה; קומט ער צום רבין און באַקלאָגט זיך:

— רבי לעבן, איך האָב אַ ווייב און, קיין עין הרע, אַ שטוב מיט קינדערלעך און ס'איז נישטאָ קיין חיונה, ס'איז ממש „באו מים עד נפש", גיט עפּעס אַן עצה.

— ווייסטו וואָס? — זאָגט דער רבי — עפן דיר אַ ברויט-קראָם. עסן מוזן דאָך אַלע, וועסטו לייזן געלט.

דער חסיד האָט אַזוי געטאָן, אָבער אין אַ צייט אַרום קומט ער ווידער צום רבין און קרעכצט: „רבי לעבן, עס גייט ניט, כאָטש צעריים זיך, נישטאָ קיין פּרנסה".

— נו, — זאָגט דער רבי, — צעטייל דיין קראָם אויף צווייען, אין איין העלפט פאַרקויף ברויט און אין דער צווייטער — לייוונט. איז ממה נפשך, לעבן די מענטשן — מוזן זיי קויפן ברויט; ווידער שטאַרבן זיי — דאַרף מען דאָך לייוונט אויף תכריכים.

דער ייד האָט געפאָלגט, אָבער אין עטלעכע חדשים אַרום קומט ער ווידער צום רבין און שרייט:

— ס'טויג ווידער ניט, רבי. אין אונדזער שטעטל איז ניט מען לעבט און ניט מען שטאַרבט, נאָר מען מוטשעט זיך...

אַ געדעכטער ענטפער

אַ מענטש, וואָס האָט שוין געאַרבעט לאַנג אויף איין פּלאַץ איז אַוועק צו מיטאָג און האָט זיך צו לאַנג געזאַמט. ווען ער איז צוריקגעקומען פרעגט אים דער באַלעבאָס:

— היימי, וואו ביסטו געווען אַזוי לאַנג?

— איך האָב זיך געלאָזט אָפּשערן די האָר — ענטפערט היימי.

— וואָסזשע — מאַכט דער באַלעבאָס — אויף מיין צייט שערסטו זיך די האָר?

— פאַרוואָס ניט? — ענטפערט היימי — די האָר זיינען דאָך געוואַקסן אויף אייער צייט...

דער בעל צדקה

אַ ייד בעט ביים רבונו של עולם:

— טאַטע אין הימל! ווען דיר פאַלט איין אַ געדאַנק מיך צו באַגליקן מיט הונדערט טויזנט דאָלער, בין איך שוין איצט מנדר פופציק טויזנט דאָלער פאַר צדקה. און טאָמער האָסטו נישט קיין צוטרוי צו מיינע נדרים, קאָנסטו שוין אין מיין נאָמען אין פאָרויס אַראָפּנעמען די פופציק טויזנט דאָלער און שיק מיר בלויז צו — די אַנדערע פופציק טויזנט!

אַ בעטלער — אַ ביזנעסמאַן

אַ בעטלער שטייט אויף דער גאַס מיט אַ טעלערל אין האַנט און וואַרט, אַז די דורכגייער זאָלן עפּעס אַריינוואַרפן.

ווען ס׳גייט אַדורך אַ שטיקל צייט און קיינער וואַרפט גאָרנישט אַריין, ווערט דער בעטלער אין כעס און רופט אויס צו די פאַרבייגייער:

— אַ סוף זאָל עס נעמען! וואַרפט אַריין, אָדער נעמט אַרויס, אַבי לאָמיר טאָן ביזנעס!

ער וויל באַצאָלן

משה-חיים האָט לאַנג געהאַנדלט מיט אַ פּראָצענטניק, וועלכער איז לסוף געקומען צו אים איינמאָל און געזאָגט: „לאָמיר זיך אָפּרעכענען".

פרעגט משה-חיים:

— וואָס וועט אַרויסקומען פונעם רעכענען, אַז קיין געלט האָב איך פאַר אייך נית.

— נו, — מאַכט דער פּראָצענטניק, — איר ווייסט דאָך, אָפּגערעכנט איז האַלב באַצאָלט.

— אויב אַזוי, — שרייט אויס משה-חיים, — לאָמיר זיך אָפּרעכענען צוויי מאָל, וועט איר שוין האָבן אָפּגענומען אייער חוב אינגאַנצן!

ריין טויג ניט

א באַלעבאָסטע איז אַריינגעקומען אין א מעל־קראָם און רופט זיך אָפּ צום אייגנטימער:

— פאַרוואָס איז ביי אייך אַזוי שמוציק און אָנגעוואָרפן? זעט ווי ביי אייערע שכנים איז אַזוי ריין און ציכטיק!

האָט דער קרעמער געענטפערט:

— זאָל נאָר ביי מיר און אַלע מיינע פריינט זיין אָנגעוואָרפן, דאָ א זעקל ווייצן־מעל, דאָ א זעקל קאָרן־מעל און דאָרט א זעקל אַנדערע מעל. אָבער ריין און גראָם זאָל נאָר זיין ביי מיינע שונאים...

פאַרשפּאָרט אַרבעט

נחום האָט געליען ביי זיין פריינט מאָטל 25 דאָלער א גמילות חסד, אויף צוויי וואָכן. ווען עס איז געקומען די צייט אָפּצוצאָלן און ער האָט ניט געהאַט, איז ער אַוועק צו א צווייטן פריינט, פיניע, און ביי אים געליען 25 דאָלער, אויך אויף צוויי וואָכן, און דעם חוב אָפּגעגעבן מאָטלען. צום סוף פון די צוויי וואָכן האָט ער ווידער ניט געהאַט קיין געלט, האָט ער ווידער געליען 25 דאָלער ביי מאָטלען און אָפּגעצאָלט פיניען. אַזוי האָט זיך נחום געדרייט א לאַנגע צייט, ביז איינמאָל פאַלט אים איין א געדאַנק: ער וועט צונויפפירן זיינעביידע חברים און זאָגן צו זיי אַזוי:

— וואָס דאַרפט איר האָבן מיין אַרבעט און מיין לויפן אַלע צוויי וואָכן, דאָ צו דעם און דאָ צו יענעם נאָך די 25 דאָלער? מען קאָן דאָס אויספירן א סך גרינגער: יעדע צוויי וואָכן קאָנט איר אַליין זיך בייטן מיט די 25 דאָלער, וועל איך פאַרשפּאָרן דאָס לויפעניש און אַלע וועלן זיין צופרידן.

געפאָלגט א שותף

א געשעפטסמאַן פלעגט אַלעמאָל האָבן פאַרדרוס אויף זיין שותף פאַר דעם, וואָס יענער פלעגט שטענדיק רעדן אויף אַזא אופן, גלייך ווי דאָס גאַנצע געשעפט וואָלט געהערט צו אים אַליין. ער פלעגט, למשל, זאָגן: „דעם סעזאָן וועל איך מאַכן געשעפטן אויף צוואַנציק טויזנט דאָלער".

ניט קענענדיק מער פאַרטראָגן יענעמס לשון, האָט ער אים איינמאָל אויסגעמוסרט און צו אים געזאָגט:

— פון היינט אָן און ווייטער וויל איך איר זאָלט מער ניט רעדן אין אייער אייגענעם נאָמען, נאָר אין נאָמען פון אונדז ביידן.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז יענער שותף, וועלכער האָט זיך עפּעס פאַרדרייט דעם קאָפּ מיט אַ מיידל, געקומען אין געשעפט אַריין און האָט אַ זאָג געטאָן:

— אוי, גוטער ברודער, מיר וועלן האָבן עגמת נפש...

חתונה מחותנים

דער יידישער גביר פון שטעטל פלעגט אויסלייען צו די אַנדערע באַלעבאַטים געלט אויף פּראָצענט. איינמאָל מאַכט זיך, אַז אַ ייד אַ גביר און דער רב, האָבן געדאַרפט חתונה מאַכן זייערע קינדער אין דעם זעלביקן טאָג, האָבן זיי צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז דער גביר זאָל צו זיך פאַרבעטן אַלע באַלע־באַטישע יידן, בעת דער רב זאָל צו זיין חתונה רופן אַלע אָרעמעלייט.

ווען עס איז אָבער געקומען דער טאָג פון די חתונות איז כמעט דאָס גאַנצע שטעטל געקומען צום רב, ווייל אפילו די שענסטע באַלעבאַטים האָבן ניט געקאָנט באַצאָלן זייערע חובות.

דערזעענדיק זייער בראָך, רופט זיך אָפּ דער גביר צו זיין ווייב:

— ווייסטו וואָס, חנה־גאָלדע לעבן? איך רעכן, אַז מיר אַליין מעגן שוין אויך גיין צום רב אויף די חתונה...

ער צאָלט אָפּ

טרעפן זיך צוויי סוחרים און פאַרפירן אַזאַ שמועס:

— איך האָב געהערט, אַז אייער קאַסירער איז אַנטלאָפן און האָט פאַרנומען מיט זיך די קאַסע מיט דער טאָכטער אייערער. איז עס אמת?

— אמת איז עס, נאָר ווי עס ווייזט־אויס האָט דער פיינער

בחור שוין חרטה און וויל תשובה טאָן. אַ סימן, ער האָט מיר ביסלעכווייז אָנגעהויבן אויסצוצאָלן.

— אַזוי, ער האָט אייך אָפּגעשיקט אַביסל געלט?

— דאָס נאָך נישט, דערווייל האָט ער מיר נאָר אָפּגעשיקט די טאָכטער מיינע.

אָפּגעגעבן אַ חוב

צוויי יידן סוחרים זיינען געפאָרן מיט געלט איינצוהאַנדלען סחורה אויף אַ יאַריד. איז זיי אויסגעקומען דורכצופאָרן דורך אַ וואַלד, און גזלנים זיינען זיי דאָרט באַפאַלן. די סוחרים האָבן געזען, אַז זיי שפּילן דאָ מיטן לעבן, האָבן זיי אַרויסגענומען דאָס געלט, יעדער וויפל ער האָט ביי זיך געהאַט, אָפּצוגעבן די גזלנים, כדי צו ראַטעווען דעם נפש. פּלוצים טוט זיך איינער אַ כאַפּ און גיט אַ זאָג דעם אַנדערן:

— איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז איך בין אייך שולדיק אַ גאַנצן טויזנטער. אָט נאַט אייך אָפּ דעם טויזנטער, וואָס אייך קומט, און מיר זיינען קוויט.

צוקונפטיקער פינאַנץ־מיניסטער

— וואָס איז דער אונטערשייד צווישן אַ 75 סענטיקן מאָלצייט און אַ דאָלער און אַ קוואָדערדיקן מאָלצייט?

— בלויז פופציק סענט...

ווער וועמען עס פאַרקויפט

צוויי סוחרים האָבן זיך באַרימט איינער פאַר דעם אַנדערן מיט זייער בריהשאַפט און טאַלאַנט.

— איך וועל דיך פאַרקויפן צען מאָל איידער דו מיך איין מאָל — האָט איינער געזאָגט.

— געוויס — האָט דער אַנדערער געענטפערט — פאַר דיר וועט מיר קיינער קיין גראָשן ניט געבן...

וויפל פאַרדינען

אַ ייד פון די קליינע סוחרימלעך האָט געדאַרפט צוליב עפּעס אַ געשעפט גיין אויפן וואָקזאַל, וואָס איז געווען ווייט־לעך פון שטאָט, און זיך אומקערן באַלד צוריק. אַרויסגייענדיק צופוס פון שטאָט, יאָגט אים אָן אַ פורל. פרעגט דער ייד ביים פורמאַן וויפל ער וועט נעמען פאַר פאָרן אויפן וואָקזאַל הין און צוריק.

— אַ רובל מיט אַ פערטעלע — זאָגט דער פורמאַן.

— און פאַר אַ רובל גלייך וואָלט איר ניט געפאָרן?

— זאָל זיין אַ רובל, זעצט זיך.

— ניין — מאַכט דער ייד געלאַסן — איך וויל גאָרניט פאָרן. איך וויל בלויז וויסן וויפל וועל איך פאַרדינען, אַז איך וועל גיין צופוס הין און צוריק.

בעלי־מלאכות

אַ האַרבע קשיא

ר׳ אברהם, דער שניידער פונעם שטעטל, האָט צוגענומען אַ נייעם געזעלן און האָט אים צוגעזאָגט עסן כיד המלך, נאָר געלט וועט ער אים געבן „לכשירחיב״, אַז ער וועט אַליין האָבן... ווען ס׳איז געקומען דער ערשטער אָוונט, האָט די שניידערקע אַוועקגעשטעלט נעבן דעם בחור אַ גרויסן טעלער מיט אַ שטיקעלע פלייש, אַזוי גרויס ווי אַ טל ומטר אין אַ קליין סידורל.

דער בחור קוקט אין טעלער, אָבער ער עסט ניט. פרעגט ביי אים ר׳ אברהם:

— יאָסעלע, פאַרוואָס עסט דו ניט? וואָס האָסטו זיך אַזוי פאַרטראַכט?

— איר פאַרשטייט? — ענטפערט דער געזעלן — איך זיץ און טראַכט: נאָך וואָס האָט מען באַדאַרפט קוילן אַזאַ גרויסן אָקס צוליב אַזאַ קליין פיצעלע פלייש...

וואָס עס שטייט און וואָס עס ליגט

אַ שניידער לערנט זיין לערן-ייִנגל, ווי ער זאָל זיך פירן ווען ער טראָגט אָפּ אַהיים צו אַ באַלעבאָס אַ שטיקל אַרבעט.

— זאָלסט ניט שלאָפן און קוקן מיט די אויגן אין אַלע ווינ-קעלעך, און אַז דו דערזעסט עפּעס אַ רעכטע זאַך ליגן פון אויבן, לאָזט מען עס אַראָפּ אין קעשענע, אָדער מען פאַרשטעקט עס אונטער דער פּאָלע אַזוי אַז קיינער זאָל עס ניט באַמערקן.

דאָס לערן-ייִנגל, אַ קינד פון אָרעמע אָבער ערלעכע על-טערן, שטעלט אוים אַ פּאָר אויגן און זאָגט מיט גרוים וואונדער:

— באַלעבאָס, מעג מען דען גנבֿענען?

— פון וואַנען ווייסטו, אַז מען טאָר ניט?

— דער טאַטע האָט מיר געזאָגט, אַז אַזוי שטייט אין דער תּורה.

— נאַרעלע איינער — מאַכט צו אים דער באַלעבאָס — עס געהער זיך גאָרניט אָן, דאָס וואָס עס שטייט לאָז שטיין, אָבער דאָס וואָס עס ליגט דאַרף מען צונעמען.

פאַרוואָס קומט אים?

אַ ייִדענע האָט זיך איינגערעדט, אַז זי איז קראַנק און איז אַרומגעלאָפן פון איין דאָקטאָר צום אַנדערן, ביז איר הויז-דאָקטאָר האָט איר געראַטן צו גיין צו אַ גרויסן פּראָפעסאָר, אַ ספּעציאַליסט. זי האָט אַזוי געטאָן, און נאָך דעם ווי זי האָט זיך מיטן פּראָפעסאָר באַדונגען פאַר 50 דאָלער האָט יענער איר געמאַכט אַ גרינטלעכע אונטערזוכונג מיט אַלערליי עקזאַ-מינירונגען און דורכלייכטונגען און צולעצט האָט ער געלאָזט ווימן דעם הויז-דאָקטאָר, אַז אַלץ איז ביי דער פרוי אין אָרדנונג און די בילדער ווייזן ניט קיין שום חסרון. דער דאָקטאָר רופט גלייך אָפּ די ייִדענע און זאָגט איר אָן מיט פרייד דעם רעזול-טאַט פונעם פּראָפעסאָרס אונטערזוכונג.

— אַזוי גאָר, — צעשרייט זיך די ייִדענע, — אויב ער האָט ביי מיר קיין שום קראַנקייט ניט געפונען, טאָ פאַרוואָס-זשע קומט אים אַזוי פיל געלט? אָט אַ רויבער און גאָרגל-שניידער!...

אויך אַ באַלעבאָס

אַ פּאַרוואַלטער פון אַ הויז דינגט אַ נעגער, ער זאָל אויס־רייניקן דעם קעלער פאַר 10 דאָלער. אַ קורצע ווייל שפּעטער קומט אַראָפּ דער פּאַרוואַלטער אין קעלער און זעט ווי דער נעגער, וועמען ער האָט געדונגען, זיצט זיך און רויכערט אַ ליולקע, בעת אַ צווייטער שוואַרצער טוט די אַרבעט. פרעגט ער דעם ערשטן:

— וויפל גיסטו אים פאַר דער אַרבעט?

— צוועלף דאָלער — ענטפערט ער.

— וואָס הייסט? — וואונדערט זיך דער פּאַרוואַלטער — דו נעמסט נאָר 10 דאָלער און אים גיסטו 12 דאָלער?

— געוויס, — ענטפערט דער נעגער, — פאַר 2 דאָלער לוינט זיך מיר צו זיין אַ באָס.

אַ שידוך מיט אַ שניידער

אַ פאַרמעגלעכער שניידער האָט גענומען אַ רב'ס אַ זון פאַר אַן איידעם. אויף דער חתונה, בשעת דער חתן האָט געזאָגט די דרשה זיינע, זעצט זיך דער מחותן, דער שניידער, אוועק אין אַ ווינקל און גיסט מיט טרערן. דער רב האָט עס באַמערקט, גייט ער צו און פרעגט אים:

— וואָס איז מיט אייך, מחותן?

— איך זע אַרויס — זאָגט דער שניידער ווישנדיק די טרערן — אַז מיט דער צייט וועט דער חתן אונדזערער אויך ווערן אַ רב, וועט ער דאָך דאַרפן מיט זיין קינד אויך, נעבעך, טאָן אַ שידוך מיט אַ שניידער!

אין די אַרבעטס קליידער

די מפא"י אין ישראל האָט פאַררופן אין ירושלים אַ מיטינג און איינגעלאַדן בן־גוריונען צו זיין איינער פון די הויפּט־רעדנער. אַזוי ווי דער מיטינג איז פאָרגעקומען גלייך נאָך דער אַרבעט, זיינען אַלע געקומען אין זייערע אַרבעטס־בגדים.

פלוצים באַווייזט זיך בן־גוריון אויף דער בינע אָנגעטאָן

אין אַ צילינדער-הוט און אין פראַק. דערזען, אַז אַלע וואונדערן זיך הלמאי ער איז געקומען אַזוי אויסטערליש אויסגעפּוצט צו אַן אַרבעטס-פאַרזאַמלונג, האָט ער זיי באַרואיקט:

— מה רעש? — האָט ער צו זיי געזאָגט — איר זענט געקומען אין אייערע אַרבעטס-בגדים און איך בין געקומען אין מיינע אַרבעטס-בגדים...

„חמור, אינוואַליד"

מען דערציילט, אַז אין דער צייט פון די גרויסע אומרוען אין ארץ-ישראל, אין 1936, האָבן די דאָרטיקע באַס-טרייבער באַקומען אַ באַפעל אַריינצונעמען בלויז אַ באַשטימטע צאָל פּאַסאַזשירן. איינמאָל, ווען דער טרייבער האָט שוין געהאַט פאַרפולט די צאָל און האָט געהאַלטן ביים פאַרמאַכן די טיר, איז צוגעקומען אַ יידענע און האָט זיך גענומען אַריינשטופּן מיט געוואַלד. ווען דער שאָפער האָט ניט געלאָזט, האָט זי צו אים אַ געשריי געטאָן: „חמור (אייזל), אינוואַליד!" דער שאָפער איז געוואָרן צעטומלט און האָט די פרוי אַריינגעלאָזט און גיט איר אַ פרעג:

— מילא „חמור" פאַרשטיי איך, אָבער וואָס האָט איר געמיינט מיט „אינוואַליד"?

— מיט „חמור אינוואַליד" — ענטפערט די יידענע — האָב איך געמיינט „פאַרקריפּלטער אייזל", ווייל אַן אייזל האָט פיר פיס און דו האָסט צוויי פיס...

כלב איז ניט חלב

אַ סוחר האָט אַמאָל באַשטעלט ביי אַ מאָלער אַ שילד, אַז ער האָט כשרע פסחדיקע מילך מיט די ווערטער „חלב כשר לפסח". דער שילדן-מאָלער האָט, אָבער, די ווערטער אויף דער שילד אויסגעליינט „כלב קשור לפתח", וואָס איז דער טייטש: „אַ הונט איז אָנגעבונדן ביי דער טיר". דער סוף איז געווען, אַז די קונים האָבן מורא געהאַט אַריינצוטרעטן אין געוועלב אַריין.

רחמנות אויפן פערד

א כעלמער באַלעגאָלע איז געפאָרן אין וועג און געזען ווי א ייד פון זיין שטעטל שלעפט זיך מיט א שווערן זאַק אויף די פּלייצעס. האָט דער באַלעגאָלע אָפּגעשטעלט זיין פערדל און געהייסן דעם יידן אַריינקריכן אין וואָגן. דער ייד האָט אים באַדאַנקט און האָט זיך געזעצט אויף דער פור.

ווען דער באַלעגאָלע האָט אויסגעדרייט זיין קאָפּ האָט ער געזען, אַז דער ייד האַלט דעם פּאַק אויף די פּלייצעס.

— ר׳ ייד, פאַרוואָס האַלט איר דאָס פּעקל אויף די פּלייצעס? — האָט דער באַלעגאָלע געפרעגט.

— א רחמנות אויפן פערד, — האָט דער כעלמער ייד געענטפערט. — ער שלעפט נעבעך, אַ מיין פּעקל, א שווערע משא.

ביי וועמען מען איז אין גלות

א באַלעגאָלע האָט געפירט אַמאָל א חסידישן רבי אויף זיין וואָגן. דאָס פערד איז ניט געגאַנגען, דער וואָגן האָט זיך קוים פון אָרט גערירט און דער וועג איז געווען א שווערער. אין מיטן פאָרן, גיט דער באַלעגאָלע א פרעג דעם רבי׳ן:

— רבי — מאַכט ער — צוליב וואָס דאַרפן יידן האָבן צוויי משיח׳ס — א משיח בן יוסף און א משיח בן דוד. וואָלט דען איינער ניט געקאָנט אויסלייזן די יידן?

ענטפערט דער רבי:

— פאַרשטייסטו מיך, מיר מוזן האָבן צוויי: איינער זאָל אונדז אויסלייזן פון גלות און דער צווייטער — פון די באַלעגאָלעס...

כל זמן ס׳ליכטל ברענט

ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער איז געגאַנגען שפּעט ביינאַכט פון א שמחה אין באַגלייטונג פון זיינע חסידים. אין מיטן גיין איז געשען א מכשול: א קנאַפּל האָט זיך אָפּגעריסן פון רבינס שיך.

— שאַ, — זאָגט ר׳ לוי יצחק, — ס׳ברענט נאָך א ליכטל ביים שוסטער, מ׳קאָן אַריינגיין, ער וועט פאַריכטן דעם שוך!

נאָכן אַרויסגיין פון שוסטער, האָט דער רבי זיך אָנגערופן צו די חסידים:
— איר זעט, יידן, מ׳טאָר זיך קיינמאָל נישט מייאש זיין! כל זמן „ס׳ליכטל ברענט נאָך" — קאָן מען אַלץ פאַריכטן!...

צו־לאַנג

אַ ייד האָט באַשטעלט ביי אַ שניידער אַ קאַפּאָטע. און דער שניידער האָט חדשים־לאַנג אָפּגעשלעפּט מיטן אויספאַר־טיקן דעם מלבוש. יעדעס מאָל ווען דער ייד איז געקומען אָפּנעמען די קאַפּאָטע, האָט דער שניידער געזאָגט: „נאָך נישט פאַרטיק, מען דאַרף נאָכאַמאָל אָנמעסטן!"
האָט דער שניידער געמאָסטן, און דער ייד האָט כסדר געטענהט: „אוווא, אַזוי לאַנג! עס נעמט צו לאַנג!"
און אַז דער שניידער האָט געהערט, אַז דער ייד שרייט „אַזוי־לאַנג" — האָט ער געקירצט ס׳מלבוש.
ענדלעך האָט ער פאַרטיק געמאַכט די קאַפּאָטע, און ווען דער ייד האָט זי אָנגעמאָסטן, איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן: „סטייטש, וואָס האָט איר געטאָן?! איך האָב ביי אייך באַשטעלט אַ קאַפּאָטע, און איר האָט מיר געמאַכט אַ רעקל?!
— איר זענט אייך אַליין שולדיק, — האָט דער שניידער זיך פאַרענטפערט. — איר האָט דאָך צו מיר כסדר געהאַט טענות, אַז ס׳איז צו־לאַנג, האָב איך יעדעס מאָל אָפּגעשניטן אַ שטיקל!

ער איז אים געקומען זאָגן

אַ גרויסער קליידער־פאַבריקאַנט האָט אַנאָנסירט אין אַ צייטונג, אַז ער זוכט אַן אַדמיניסטראַטאָר פאַר זיין פאַבריק. דערביי האָט ער אָנגעגעבן, אַז דער קאַנדידאַט דאַרף שוין האָבן פּראַקטיק פון עטלעכע יאָר, מוז זיין אַן אַמעריקאַנער געבוירע־נער, הויך־געוויקסיק, דאַרף האָבן אַ שיינע האַנט־שריפט און נאָך עטלעכע אייגנשאַפטן.
אויף מאָרגן גאַנץ פרי קומט צו אַ יונגערמאַן און שטעלט

זיך אין דער רייע. ווען ער איז צוגעקומען צום פֿאַבריקאַנט, האָט ער אים געשטעלט אייניקע פֿראַגן און ס'האָט זיך אַרויס־געוויזן, אַז דער יונגערמאַן האָט גאָר ניט געוואוסט. ווערט דער פֿאַבריקאַנט אין כעס און שרייט אָן אויף אים: „צי ווייסט איר נישט, אַז איר קענט גאָרניט, טאָ נאָך וואָס זענט איר געקומען?"

— איך בין אייך געקומען זאָגן, — ענטפֿערט געלאַסן דער יונגערמאַן, — אַז אויף מיר קאָנט איר זיך ניט פֿאַרלאָזן...

ער איז געקומען געבן עצות

אַ פֿאַבריקאַנט פֿון מלבושים האָט געעפֿנט אַ גרויסע פֿאַבריק און אַנאָנסירט, אַז ער דאַרף האָבן קוואַליפֿיצירטע אַרבעטער, ווי מאַשין־נייערס, צושניידערס, פּרעסערס, האַנט־נייערס און אַנדערע.

אויף מאָרגן, גלייך אינדערפֿרי, קומט צו לויפֿן אַ יונגער־מאַן און שטעלט זיך פֿאָר, אַז ער איז אַ קוואַליפֿיצירטער צושניידער. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז וואָס מען האָט אים געגעבן טאָן האָט ער ניט געקענט דורכפֿירן. ווערט שוין דער פֿאַבריקאַנט אין כעס און גיט אַ זאָג:

— יונגערמאַן, נאָך וואָסזשע זענט איר אַהער געקומען?

— איך בין אַ קוואַליפֿיצירטער עצה־געבער — האָט דער יונגערמאַן רואיק געענטפֿערט — און איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז אין אַזאַ פּלאַץ דאַרפֿט איר געווים האָבן אַ מאַן, וואָס זאָל אייך געבן עצות.

— אויב אַזוי, — זאָגט דער פֿאַבריקאַנט, — אפשר קענט איר מיר געבן אַן עצה ווי מען ווערט פֿון אייך פּטור?

ער וואַקסט אַ קענער

אַן אָרעמער ייד האָט אַוועקגעגעבן זיין ייִנגל אויף דריי יאָר צו אַ שניידער, ער זאָל זיך אויסלערנען די מלאכה. ווען עס איז אַוועק אַ האַלב יאָר קומט דער פֿאָטער צום שניידער און פֿרעגט אים:

— נו, ר' יאָסל, ווי האַלט עס עפּעס מיט מיין בחור?

— ניש־קשה, — מאכט דער שניידער, — עס גייט א גאנג.

אין א יאר ארום קומט ווידער דעם יינגלס טאטע צום שניידער און פרעגט ווידער ווי ווייט זיין זונדל האט זיך שוין עפעס אויסגעלערנט.

— כ'וועל אייך זאגן, — ענטפערט ר' יאסל, — א שניידער דארף קענען דריי זאכן: זאגן א ליגן, אראפנעמען „עודף" און נייען. די ערשטע צוויי זאכן קען ער שוין ווי עס דארף צו זיין, און דאס דריטע, נייען, הייסט עס, קאן ער נאך ניט. אבער ס'איז ניט קיין געוואלד. ער וועט דאס, אם ירצה השם, אמאל אויך קענען.

די גרינגע פרנסה

יאנקל דער שוסטער, וועלכער איז שוין לאנג אין אמעריקע, באגעגנט צופעליק זיינעם א לאנדסמאן, וועמען ער האט בלויז געדענקט פון די קינדער־יארן.

— שלום עליכם, — מאכט דער לאנדסמאן, — ווי גייט עס דיר, יאנקל?

— בע, — מאכט יאנקל, — איך האב מיר א קעלער, וואו איך פאריכט שיך און מאך מיר מיינע דריי־פיר דאלער א וואך... און ווי גייט עס דיר, מענדל?

— ניש־קשה. איך בין — זאגט מענדל — א שרייבער, איז ווען עס געלינגט מיר און איך שרייב אן א גוטע פיעסע, ברענגט עס מיר אריין א גאנצן טויזנטער, אחוץ אנדערע הכנסות.

— אוי־וואוי! רופט זיך אן יאנקל א דערשטוינטער — היינט גיי זיי א חכם און טרעף צו וואס זיך צו נעמען אין אמעריקע!

מיט וועמען ער איז ברוגז

פארנדיק אמאל אין דארף אין אן אויטא, דערזע איך ווי א פארמער, וואס איז געפארן מיט זיין פערד און וואגן אין שטאט אריין, האט זיין פערד געשלאגן מכות רצח, הלמאי ער וויל ניט גיין. גיי איך אראפ פון מיין אויטא און פרעג דעם פארמער:

— פאַרוואָס שלאָגט איר אַזוי דאָס פערד? איר קאָנט דאָך צו אים זאָגן „וויאָ" און נאָך אַזעלכע רייד?

— פאַרשטייט איר מיך, — ענטפערט דער פאַרמער, — שוין דריי יאָר, אַז איך רעד ניט מיט מיין פערד. איך בין מיט אים ברוגז...

אַ שניידערס מוסר

מען דערציילט, אַז דער באַרימטער ווילנער גאון האָט איינמאָל געלאָזט אַריינרופן צו זיך דעם דאַמסקען שניידער, וואָס האָט געוואוינט מיט אים אין איין געסל און האָט צו אים געזאָגט:

— משה, איך בין אויף דיר גוזר, אַז דו זאָלסט מיך שטראָפן.

— רבי! — מאַכט צו אים דער שניידער, — וואָס רעדט איר? איך, משה דער שניידער, זאָל גאָר זאָגן מוסר אייך, אונדזער גרויסן גאון און צדיק?

ווען אָבער דער גאון איז שטרענג באַשטאַנען אויף זיין פאַרלאַנג, האָט דער שניידער אַ ווײַלע געטראַכט און האָט צו אים אַזוי געזאָגט:

— אַ גרויסע קונץ באַווייזט איר, אַז איר זענט אַ צדיק. איר זיצט אין אייער שטיבל און איר לערנט און דאַוונט! אוודאי זענט איר אַ צדיק. לאָמיר אָבער זען, איר זאָלט זיין אַ דאַמסקער שניידער און יעדן טאָג אָנמעסטן קליידער אויף די לייבער פון מיידלעך און יונגע ווייבלעך, ניט האָבן קיין זינדיקע מחשבות, און בלייבן אַ צדיק, האַ?

געבראָכן דעם מנהג

די פרוי מיינע פלעגט זיך נוהג זיין יעדן פרייטיק אַליין צו באַקן חלה אויף שבת. די לעצטע צייט, אָבער, האָט זי אויפגעהערט אַליין צו באַקן און קויפט חלה אויף שבת ביים בעקער. אויף מיין פראַגע: „היתכן? דו ביזט שוין געוואָרן „ראַדיקאַל" אויף דער עלטער?" ענטפערט זי מיר:

— חלילה, נאָר פריער פלעג איך מורא האָבן טאָמער איז

דער בעקער ניט מקיים די מצווה פון „נעמען חלה". איצט אָבער זע איך, ווי דער בעקער קנייפּט אַראָפּ פון די חלות אַלץ גרעסערע שטיקער, אַזוי אַז ער איז, הפּנים, מקיים די מצווה פון „חלה נע־מען", ווי עס דאַרף צו זיין, פאַרשפּאַרט ער מיר אַן אַרבעט...

אָפּשאַצערינס

אַ וויצן־שרייבער באַרימט זיך פאַר זיין פרוי מיט די וויצן זיינע, וואָס דערשיינען אָפט אין דער צייטונג. רופט זי זיך אָן צו אים:

— נעם זיך ניט אַזוי איבער, מאַן מיינער. דו מעגסט נאָך פּעטשערעס הייצן ביי דעם אַנדערן וויצן־שרייבער, וועמענס וויצן זיינען פיל וויציקער ווי דיינע.

— יאָ, — ענטפערט דער וויצן־שרייבער, — אָבער מעגסט וויסן, אַז יענעם וויצן־שרייבערס ווייב האָט אַנומלט, ווען איר מאַן האָט זיך פאַר איר באַרימט, אים געזאָגט, אַז ער מעג „פּעטשערעס הייצן" ביי מיר...

גאָר פּשוט

אין אַ שטעטל אין דער אַלטער היים איז אַמאָל געשטאָרבן אַ קצב. ווען מען האָט אָנגעהויבן נישטערן די איבערגעבליבענע פּאַפּירן, האָט די אלמנה געפונען אַ ביכעלע, אין וועלכן עס זיינען געווען פאַרשריבן די חובות, וואָס זיינע קונים זיינען אים געבליבן שולדיק. נאָך שבעה האָבן די אלמנה און די קינדער איבערגעקוקט דאָס ביכעלע און אויף איין בלעטל געפונען אָט די ווערטער: „פּ. פּ. פּ. פּ. פּ. — חמשה רובל". זיי האָבן זיך געבראָכן דעם קאָפּ און ניט געקענט דערגיין, וואָס די זעקס „פּייען" מיינען, זיינען זיי אַוועק צום רב, אפשר וועט ער דאָס קאָנען פאַרשטיין. ווען דער רב האָט זיך געמוח'ט און ניט געקענט בשום אופן פאַרשטיין די ראשי תיבות, האָט צו אים די רביצין זיך אָפּגערופן:

— ווייסטו וואָס? שיק רופן נחום דעם קצב, וועט ער אַוודאי וויסן, ווייל איין קצב פאַרשטייט דעם צווייטנס שפּראַך.

ווען נחום דער קצב האָט נאָר אַ בליק געטאָן אין ביכעלע, האָט ער אויסגערופן:

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט? ס'איז דאָך גאָר פּשוט: דאָס מאַכט: „פּרשה פּקודי, פּעסעל פּיניעס, פּאַלאָווינאַ (אַ האַלבן) פרייטיק — פינף קערבלעך"...

עס ווענדט זיך

אין דער אַלטער היים, ספּעציעל אין די קליינע שטעטלעך, זיינען ניט געווען קיין פאַרטיקע קליידער צום קויפן. נאָר יעדער פלעגט קויפן סחורה אין שניט-קראָם און דאָס ברענגען צום שניידער, ער זאָל מאַכן די מלבושים. דערביי פלעגט, נאָכן אויפנייען אַ מלבוש איבערבלייבן שטיקער סחורה, וואָס מען פרעגט רופן אין לשון-קודש „יתור" (איבערבלייבעכץ), און אַ סך פלעגן דאָס וואָרט אויסרעדן פאַרגרייזט: „היטער". האָט אַמאָל איין שניידער געפרעגט אַ צווייטן צי האָט ער עפּעס אַ סך „יתור" (וואָס בלייבט ביי די שניידערס ווי אַ צוגאָב צו זייער הכנסה). האָט דער צווייטער שניידער געענטפערט:

— דו ווייסט דאָך: היט ער יאָ — האָב איך ניט; היט ער ניט — האָב איך יאָ...

אַזאַ פּנים האָט די וועלט

אַ ייד האָט באַשטעלט ביי אַ שניידער אַ פּאָר הויזן.

ווען עס זיינען אַריבער צוויי מאָנאַטן און דער שניידער האָט די הויזן נאָך אַלץ ניט אויפגענייט, איז דער קליענט אַוועק צום שניידער מיט אַ געוואַלד:

— וואָס טוט זיך מיט אייך, ר' ייד? אין זעקס טעג האָט דער רבונו של עולם באַשאַפן אַ גאַנצע וועלט, און איר קענט אין צוויי חדשים קיין איין פּאָר הויזן נישט מאַכן?

— בייזערט זיך נישט, פעטער. — איר זעט דאָך וואָסער פּנים, מ'שטיינס געזאָגט, עס האָט די וועלט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן בלויז אין זעקס טעג!

זיי האַלטן פון ציון

אין דעם גאַרמענטס צענטער איז געווען אַ גרויסער דוחק אין סחורה פאַר פרויען־קליידער און מאַנטלען. במילא האָבן די בעלי־מלאכות, די צושניידערס, וואָס ציען אוים די סחורה פאַרן שניידן, ניט געהאַט קיין סך אַרבעט. דעריבער האָבן זיי זיך באַמיט אויך אויסצוציען די צייט, אַזוי אַז זייער אַרבעט זאָל נעמען לענגער. ווען אַן אָפּנעמער האָט דעם פאַבריקאַנט געפרעגט וואָס עס הערט זיך מיט זיין באַשטעלונג, האָט ער אים געגעבן אַזאַ ענטפער:

—די צושניידערס מיינע זיינען ציוניסטן, זיי האַלטן שטאַרק פון ציון. זיי זאָגן: „כי מציון תצא תורה”, הייסט — זאָגן זיי — מוז מען מאַכן אַ לעבן פון ציען...

אַז מען האָט אַ צווילינג

אַ ייד האָט איינגעהאַנדלט געוואַנט אין דער גרויסער שטאָט און עס געבראַכט צו אַ שניידער אין זיין שטעטל, ער זאָל אים אויפנייען אַ בגד אויף יום־טוב. דער שניידער האָט אויסגעמאָסטן די סחורה און געזאָגט, אַז עס וועט ניט זיין גענוג. איז דער ייד אַוועק צו אַ צווייטן שניידער. אויך יענער האָט אויסגעמאָסטן דעם געוואַנט און געזאָגט, אַז עס וועט יאָ זיין גענוג.

יום־טוב, אַז דער ייד איז געקומען אין בית־מדרש אין זיין נייעם מלבוש, זעט ער, אַז דעם שניידערס ייִנגל טראָגט אויך אַ נייעם אַנצוג פון דער זעלביקער סחורה וואָס זיינע. ער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דער שניידער האָט געהאַט גענוג סחורה פאַר ביידן.

ווענדט זיך דער ייד צום ערשטן שניידער מיט אַ פראַגע:

— סטייטש, איר האָט געזאָגט, אַז עס וועט ניט זיין גענוג סחורה און דאָ זע איך, אַז דער אַנדערער שניידער האָט געהאַט גענוג אפילו צו באַקליידן זיין ייִנגל.

— איך האָב אָבער אַ צווילינג — האָט דער ערשטער שניידער געזאָגט...

אַ גלייכער שכל

ביי אונדז אין שטעטל איז געווען אַ וואַסער־טרעגער, מאָשקע, וואָס פלעגט טראָגן וואַסער פון אַ קרעניצע הינטער דער שטאָט צו די שטעטלשע באַלעבאָסטעס. האָט ער געהאַט אַן אייגענעם וועג ווי אַזוי צו רעכענען פאַרן וואַסער: אַז ער האָט געדאַרפט ברענגען דאָס וואַסער צו אַ הויז ניט ווייט פון דער קרעניצע האָט ער גערעכנט מער, און אַז ער האָט געטראָגן דאָס וואַסער אויף זיין קראָמיסלע ווייט אויפן באַרג, האָט ער גערעכנט ביליקער. אַז מען האָט אים געפרעגט פאַר־וואָס ער טוט עס, האָט ער געענטפערט:

— ווען איך טראָג די קאַנען וואַסער נאָענט, האָב איך ניט קיין צייט זיך אָפּצורוען, איז מיר שווערער. אָבער אַז איך טראָג דאָס וואַסער ווייט, רו איך זיך אָפּ אויפן וועג, איז מיר גרינגער...

עמי־הארצים

די שלעכטע עליה

אַ חשובער ייד, נאָר אַ גרויסער עם־הארץ, איז שבת אויפגערופן געוואָרן צו דער תורה און גראָד איז דאָס געווען די פרשה מיט די עשרת הדברות. איז ער אָנגעפאַלן מיט כעס אויפן שמש:

— סטייטש, איר האָט שוין ניט געהאַט וועמען אויפ־צורופן צו דער תוכחה?

דער שמש שווערט זיך, אַז עס איז ניט די תוכחה, נאָר עס העלפט ניט. און כדי דעם מענטש איבערצוצייגן, רופט דער ייד צו זיינעם אַ חבר און זאָגט צו אים:

— קוק נאָר אַריין אין דער תורה און זאָג צי איז דאָס ניט די תוכחה.

דער פריינט טוט זיך אָן די ברילן, גיט אַ קוק אַריין און זאָגט:

— די תוכחה איז עס טאַקע ניט. נאָר עס איז עפּעס גלאַט אַ שלעכט שטיקל סחורה...

ער וויל מר. ניטשען

אין אַ גאַליציאַנער פאַראיין איז געווען אַ מיטגליד אַ יונגערמאַן, וואָס איז געווען זייער באַהאַוונט אין דער דייטשער ליטעראַטור, און אַלעמאָל ווען ער האָט „גענומען אַ וואָרט", פלעגט ער ציטירן פון די דייטשע קלאַסיקער. איינמאָל, ווען ער האָט אין זיינער אַ רעדע עטלעכע מאָל ציטירט וואָס ניטשע האָט געזאָגט, האָט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די מיטגלידער און געזאָגט:

— ברודער פּרעזידענט! וויפל נאָך וועט ברודער מעכל אונדז דערציילן, אַז ניטשע האָט אַזוי געזאָגט און ניטשע האָט אַזוי גערעדט? אַ צווייטן מאָל זאָל מר. ניטשע אַליין קומען צום מיטינג און בעטן אַ וואָרט, וועט ער אַליין קענען זאָגן וואָס ער האָט צו זאָגן...

די מצווה פון מקווה

מען דערציילט, אַז אויף אַ קאָנווענשאַן פון אַן אָרגאַניזאַציע פון רעליגיעזע פרויען האָט מען איינגעלאַדן ווי אַ גאַסט-רעדנער אַ באַקאַנטן סאָציאַליסטישן ציוניסט. האָט דער רעדנער, פונאַנדערוויקלענדיק באַגייסטערט דעם ענין פון גאולת הארץ, דערקלערט, אַז דער באָדן איז הייליק, ווייל דער באָדן איז אונדזערער זינט מיר זיינען געוואָרן אַ פאָלק... און אַזוי האָט ער איבערגעחזרט דאָס וואָרט „באָדן" אַ צענדליק מאָל. רופט זיך אָפּ שטילערהייט אַ יידענע צו אַ צווייטער:

— זעט איר ווי אַ יידישע קישקע קען מען ניט אָפּשאַצן! דאַכט זיך, דער מאַן איז אַ ציציליסט, און פונדעסטוועגן האַלט ער שטאַרק פון איינער פון אונדזערע ווייבערשע מצוות.

ווער עס פאַרשטייט

אַ באַלעגאָלע איז געפאָרן מיט אַ שווערער משא, האָבן זיך אים אוטערוועגנס צעבראָכן ביידע אַקסן פונעם וואָגן. שרייבט ער אַהיים צו זיין ווייב אַ בריוול: „זוגתי לעבן, שלח לי מהרה צוחין אף עקתין" (לויט זמירות פון פרייטיק נאַכט). די באַלעגאָלעכע כאַפּט דאָס בריוול צום רב, ער זאָל איר עס פאַר-

טייטשן. דער רב דרייט זיך דעם מוח און קאָן ניט טרעפן, וואָס איר מאַן מיינט. שיקט ער רופן אַ צווייטן באַלעגאָלע. יענער לייענט איבער און זאָגט גלייך:

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט? ער וויל מען זאָל אים תיכף שיקן האָלץ אויף אַקסן...

אַ כהן און אַ גרושה

צום ווילנער שטאָט-מגיד איז איינמאָל, בעת ער האָט גע־לערנט מיט זיינע תלמידים, אַריינגעקומען אַ פּראָסטער ייד מיט אַ בייטש אין האַנט און האָט אים געפרעגט:

— רבי, איך בין אַ כהן, מעג איך נעמען אַ גרושה?

— יאָ, — ענטפערט דער רבי, גייט געזונטערהייט.

די תלמידים זיינען געוואָרן דערשטוינט פון דעם ענטפער. סטייטש, ס'איז דאָך אַ בפירושער דין אין דער תורה!

ווען דער מגיד האָט באַמערקט זייערע פאַרוואונדערטע פּנימער, האָט ער זיי דערקלערט:

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ ניט? דער ייד איז אַ באַלע־גאָלע און ער האָט געוואָלט וויסן, צי זייענדיק אַ כהן מעג ער נעמען אַ גרושה אויף זיין וואָגן...

געפונען זיין גלייכן

מען דערציילט, אַז פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין איז אַמאָל, פאָרנדיק אויף דער באַן קיין קאַליפאָרניע, אַריינגעקומען אין דעם עס-וואַגאָן פונעם צוג, זיך געזעצט ביים טיש און גענומען קוקן אין דעם מעניו. כאַפּט ער זיך, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן מיטצונעמען פון זיין פולמאַן-אָפּטייל זיינע ברילן. גיט ער דעם מעניו צום קעלנער און בעט אים, ער זאָל עס פאַר אים איבערלייענען. בויגט זיך דער באַדינער צו צו פּראָ־פעסאָר איינשטיינס אויער און רוימט אים איין אַ סוד:

— „באָס, אַי עם עס איגנאָרענט עס יו אַר" (מיין האַר, איך בין פונקט אַזאַ עם-הארץ ווי איר זייט)...

אַ ספּעציאַליסט אַ דאָקטאָר

אַ פרוי קומט צו צו דער קאַסע פון אַ קינאָ־טעאַטער און הייסט זיך געבן אַ בילעט. גיט די בילעט־פאַרקויפערין אַ זאָג:

— אַ דאָלער מיט צען סענט, ביטע.

— סטייטש? — פרעגט די פרוי אַן איבערראַשטע — אַזוי פיל מאָנט איר פאַר אַ בילעט אין קינאָ?

— אָבער — מאַכט די קאַסירערין — ווייסט איר דען ניט, אַז ס'שפּילט היינט „דר. טאָמפּסאָן"?

— אָ, — ענטפערט די פרוי, — דער דאָקטאָר טאָמפּסאָן מוז אַפנים זיין אַ ספּעציאַליסט...

עשו'ס מזל

אַ יידענע זעט אַ פּאָר טעג פאַר פּסח אַ „פיונעראַל" נעבן אַ קירך. רופט זי זיך אָפּ צו אַ שכנטע:

— זעסט ווי עשו האָט מזל! וואָלט דען ניט שענער געווען, אַז אַ ייד זאָל שטאַרבן אין חודש ניסן?...

די סיבה

מ'האָט אַמאָל געפרעגט דעם רב פון שטעטל, פאַרוואָס איז עס, אַז מען קומט צו משה־חיים דעם גביר בעטן געלט פאַר בקור חולים אָדער מושב זקנים, גיט ער נאָך ווי עס איז אַ פּאָר קערבלעך, אָבער אַז מען מאָנט ביי אים פאַר אַ תלמוד־תורה אָדער ישיבה, וויל ער קיין גראָשן ניט געבן?

— גאָר פּשוט, — ענטפערט דער רב, — צו אַ שפּיטאָל אָדער מושב זקנים קאָן ער נאָך אַמאָל אַליין דאַרפן אָנקומען, אָבער צו אַ תלמוד־תורה אָדער ישיבה — קיינמאָל ניט! פון דעם איז ער שוין באַוואָרנט...

דער געקריוודעטער גביר

מיט דרייסיק יאָר צוריק, ווען ס'איז געגרינדעט געוואָרן דער קרן היסוד, האָט מען דאָ געזוכט גבירים, וואָס זאָלן פאַר דעם דאָזיקן פאָנד געבן גרויסע סומען געלט. איינמאָל האָט מען אין שטעטל אין ניו־דזשוירזי פאַררופן אַ מיטינג מיט שמריהו

לעווין, ע״ה, ווי דעם הויפּט־רעדנער. לעווין האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אַפּיל פאַרן קרן היסוד און איינער פון די אַנוועזנדע, אַ רייכער פאָריער, האָט געגעבן 20 טויזנט דאָלער. דער גביר גייט נאָכן מיטינג צו צום רעדנער און זאָגט אים:

— דר. לעווין, ס׳איז אַ מאָדנע זאַך, אַ גאַנצן אויף־דער־נאַכט האָט איר אַלץ גערעדט וועגן דעם הערן האַיסאַד, און איר האָט אפילו ניט געפונען פאַר נויטיק מיך פאַר אים פאָר־צושטעלן...

אַ פאַרערער

מען דערציילט, אַז ווען יאַשאַ חפץ האָט זיך אַמאָל אַריינ־געצויגן אין אַ נייער דירה, האָט זיך די נייעס באַלד פאַרשפּרייט צווישן די שכנים פון דעם הויז. איינער פון די איינוואוינער אויפן זעלבן שטאָק, אַן עלטערער ייד, אַ הדרת פּנים, האָט אין אַ פרימאָרגן אָנגעקלאַפּט אין חפץ׳עס טיר. די דינערין פרעגט דעם יידן:

— וואָס ווילט איר?

— איך וויל — ענטפערט ער — זען דעם הער חפץ.

— אָבער — מאַכט זי — דער הער חפץ איז זייער מיד. ער האָט נעכטן געהאַט אַ קאָנצערט.

דער ייד איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן ביז חפץ איז אַליין צוגעקומען צו דער טיר, און זעענדיק פאַר זיך אַזאַ שיינעם זקן, האָט ער אים אַריינגערופן און אים געבעטן זיצן.

— אַזוי? — גיט דער ייד איצט אַ פרעג — זענט איר עס טאַקע חפץ אַליין?

— חפץ ווידער, זעענדיק אַז ער האָט פאַר זיך איינעם אַ גרויסן פאַרערער, גיט אַ נעם די פידל און הויבט אָן שפּילן.

— וואָס? — שרייט שוין איצט דער ייד אַרויס מיט באַ־וואונדערונג — איר קאָנט גאָר שפּילן פידל אויך?

דער אַנטווישטער

אַ ייד אין אַמעריקע האָט אַלע זיינע יאָרן געהאָפּט צו באַזוכן ארץ־ישראל, כדי צו זען דעם כותל מערבי. אים איז ניט אָנגעגאַנגען ניט דער אַלטער ישוב, ניט דער נייער, און ניט ווי ארץ־ישראל איז אויסגעוואַקסן. ער האָט נאָר געוואָלט זען די הייליקע וואַנט. ענדלעך האָט גאָט געהאָלפן און ער איז אוועק קיין ארץ־ישראל און איז אין אַ פּאָר חדשים אַרום פון דאָרט צוריקגעקומען.

— נו, — פרעגט אים זיינער אַ פריינט אין שול, — ווי איז אייך עפּעס געפעלן דער כותל מערבי?

— בע, — ענטפערט ער, — אַ כותל מערבי ווי אַלע כותל מערבי'ס...

אַלץ פון דער מגילה

מען האָט אַמאָל געפרעגט טוביה'ן, ווי אַזוי אחשורוש'ס שוויגער האָט געהייסן. האָט ער געענטפערט:

— איך ווייס ניט.

— פאַרוואָס ווייסט איר ניט? עס שטייט דאָך בפירוש אין דער מגילה „וחמת המלך — שככה" — און די שוויגער פונעם מלך האָט געהייסן שככה...

יעדער לויט זיין פאַך

אַ רב אין אַ קליין שטעטעלע האָט אַמאָל באַמערקט אין בית־מדרש ביים דאַווענען, ווי דער באַלעגאָלע האָט ביים פסוק „אלה ברכב ואלה בסוסים" אָנגעכאַפּט זיינע רצועות און געקושט די תפילין. זאָגט דער רב צו אים:

— ר' מאָטל, קושן די תפילין דאַרף מען ביים פסוק „פותח את ידיך", און ניט ביים פסוק „אלה ברכב ואלה בסוסים".

— יאָ, רבי, — ענטפערט דער באַלעגאָלע, — אייער חיונה מאַכט איר פון „פותח את ידיך", דאַרפט איר טאַקע קושן די תפילין ביי דעם פסוק; איך אָבער האָב מיין פרנסה פון די סוסים, דאַרף איך קושן די תפילין ביי זייער פסוק...

אַ פּירוש אויף אַ פּסוק

אַ ייד, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ ידיעה אין די קליינע אותיות, האָט אָבער אין פאַרלויף פון די יאָרן פאַרגעסן די גאַנצע תורה, האָט ער אָבער געוואָלט יעדעס מאָל באַווייזן לומדות, איז ער שבת געווען אין שול, וואו מען האָט געפּראַוועט אַ בר־מצווה. ווי דער שטייגער איז, האָט מען נאָכן דאַווגען געגעבן אַ גרויסן קידוש. דער ייד האָט זיך געלאָזט וואויל־גיין און איז געוואָרן בגילופין. האָט ער געוואָלט מהנה זיין דעם עולם, אַרויסגענומען דעם סידור, אויפגעמישט די תפילה „אב הרחמים" און געהאַלטן לכבוד דעם בר־מצווה אַזאַ דרשה: „ידין בגוים", אַז יידן זיינען צווישן פעלקער, „מלא גויות" טרינקען זיי פולע בעכערס, „מחץ ראש" איז טוט ווי דער קאָפּ. אָבער „על ארץ רבה", אַז זיי וועלן קומען קיין ארץ־ישראל, „מנחל בדרך ישתה" וועלן זיי מעגן אויסטרינקען אַ גאַנצן טייך משקה, „על כן ירום ראש" וועט זיי אַלץ נישט ווי טאָן דער קאָפּ...

ער האַלט זיך איין

אַ געוויסע אָרגאַניזאַציע האָט אַנומלט אָפּגעהאַלטן אַ יזכור־אָוונט נאָך די אומגעקומענע קדושים. בעת די רעדנער האָבן געשילדערט די נאַצישע גרויזאַמקייטן און די שרעקלעכע ליידן פון די אומשולדיקע קרבנות, איז דער גאַנצער עולם אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין. נאָר איין ייד איז זיך געזעסן גלייכגילטיק, ווי ניט אים מיינט מען עס. ווען אַ צווייטער ייד האָט אים געפרעגט: היתכן, ווי קענט איר אַזוי רואיק זיצן? האָט איר גאָר קיין האַרץ ניט? — האָט דער ערשטער געענטפערט:

— פאַרשטייט איר מיך, איך בין דאָ ניט קיין מיטגליד. ווען מיין פאַראיין וועט האָבן אַ יזכור־אָוונט, וועל איך דאַן וויינען...

אַז מען קען ניט קיין לשון־קודש

מיט יאָרן צוריק איז אַ יידיש מיידל פון אַמעריקע געקומען קיין ארץ־ישראל און האָט דאָרט געקראָגן אַ שטעלע אין אַן אָפיס פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וואו מר. איש־כּישור איז געווען דער לייטער. איינמאָל רופט אימיצער אָפּ. נעמט דאָס אַמעריקאַנער מיידל דעם טעלעפאָן און זאָגט „העלאָו!" האָט דער אָפּרופער אַ פרעג געטאָן: מי שם? — ווער איז דאָרט? אָבער אַזוי ווי דאָס מיידל האָט ניט פאַרשטאַנען קיין העברייאיש, האָט זי אַ געשריי געטאָן צום לייטער: „מר. איש־כּישור, מר. מישאָם וואָנטס יו אָן די פאָן!" (מר. מישאָם רופט דיך צום טעלעפאָן).

ער גיט אַן עצה

אַ פּאַרפאָלק האָט אַריינגעגעבן אַ ניי ספר־תורה אין שול אַריין און דער שמש האָט יעדן פון זייערע פריינט גערופן צו דער בימה צו שרייבן אַן אות. איינער פון די אויפגערופענע יידן, מיינענדיק, אַז ער מוז אַליין אָנשרייבן דאָס אות, רופט זיך אָפּ שטיל צום שמש: „צו וואָס האָט איר מיך גערופן, אַז איך קאָן אפילו מיין אייגענעם נאָמען ניט אָנשרייבן?"

— עס מאַכט ניט, — ענטפערט אים דער שמש, — מאַכט אַ „קראָס", אַ צלם...

ישראל — יאָ, יאַנקל — ניט

אין אַ קליין שטעטל זיינען געווען צוויי באַלעגאָלעס. איינער האָט געהייסן ישראל און דער צווייטער יאַנקל. איינמאָל אין אַ זומערדיקן שבת נאָכמיטאָג איז דער רב געקומען אין שול אַריין און האָט דערזען, ווי יאַנקל דער באַלעגאָלע האָט זיך גענומען זאָגן פּרק און האָט זיך דערביי צעוויינט מיט ביטערע טרערן. פרעגט אים דער רב:

— יאַנקל, וואָס וויינסטו אַזוי?

— רבי, — ענטפערט יאַנקל, — ווי אַזוי זאָל איך ניט וויינען, אַז ס'שטייט בפירוש „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא". ישראל האָט יאָ אַ חלק עולם הבא, און יאַנקל ניט...

העגט צי פיס?

איך האָב זיך אַלעמאָל געוואונדערט אויף די ווערטער פון ישעיה הנביא: „מי בקש מידכם רמוס חצרי?" — ווער בעט אייך מיט אייערע הענט צו טרעטן אין מיין הויף? — עס וואָלט דאָך באַדאַרפט שטיין „מרגליכם" — מיט אייערע פיס? נאָר אַנומלט, ווען איך בין אין אַ שבת געווען אין אַ „מאָדערנער" שול און נאָך דעם, ווי דער ראַבאַי האָט געמאַכט אַן אַפּיל פאַר אַן אינסטיטוציע, האָבן אַ סך פונעם עולם אַריינגעטאָן זייערע הענט אין די קעשענעס און מען האָט געגעבן „קעש" אויפן אָרט, איז מיר גלייך איינגעפאַלן, אַז דאָס האָט דער נביא געמיינט מיטן „מי בקש מידכם" — ווער בעט עס, אַז מיט אייערע הענט זאָלט איר טרעטן אויף מיין שבת אין שול?...

ניט קיין גלייכן

טרעפן זיך צוויי פריינט אין גאַס און פאַרפירן אַזאַ שמועס:

— זאָג נאָר, וויפל צייט נעמט עס מיט דער באַן פון ניו-יאָרק קיין קליוולאַנד?

— פונקט צוועלף שעה.

— און פון קליוולאַנד קיין ניו-יאָרק?

— שוטה איינער! כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז פון ניו-יאָרק קיין קליוולאַנד איז 12 שעה, איז פון קליוולאַנד קיין ניו-יאָרק אויך אַזוי.

— זעסטו, דאָס איז גאָר קיין ראיה ניט. הלמאי פון פסח ביז שבועות איז זעקס וואָכן, אָבער פון שבועות ביז פסח וויפל איז? שוין אביסל מער! נו, ווער איז אַ שוטה?

אַ ייד טוט תפילה

אין שטעטל האָט מען גוזר תענית געווען, ווייל ס'איז געווען אַ גרויסע טרוקעניש. יידן זיינען געקומען אין שול אַריין בעטן פאַר רעגן. פלוצעם דערהערט זיך אַ שטים — אַ ייד האָט זיך צעשריען אויף אַ קול:

— אוי, גאָטעניו, „עצור את השמים ולא יהיה מטר" (האַלט אָפּ די הימלען און זאָל ניט זיין קיין רעגן).

האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל:
— וואָס איז דאָס פאַר אַ תפילה?
רופט זיך אָפּ דער ייד:
— גראָבע יונגען וואָס איר זענט, איר קאָנט ניט דעם טייטש פון דעם פסוק. דער אמת׳ער טייטש איז אַזוי: ועצור את השמים — און דו זאָלסט אויסקוועטשן די הימלען — ולא יהיה מטר — אַז עס זאָל אין זיי אפילו קיין טראָפּן ניט בלייבן...

ער קען בעסער

אַ רב איז אַמאָל געפאָרן מיט אַ באַלעגאָלע פון איין שטאָט אין אַ צווייטער. אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט דאַוונען מנחה. דער באַלעגאָלע האָט זיך געשטעלט שמונה-עשרה און איז איינס-צוויי פאַרטיק געוואָרן. ווען דער רב איז דערנאָך אויסגעגאַנגען שמונה-עשרה, גיט ער אַ פרעג דעם באַלעגאָלע:
— זאָג מיר, ווי אַזוי מאַכסטו דאָס אַזוי גיך?
— רבי לעבן, — פרעגט דער באַלעגאָלע צוריק דעם רב, — וויפל יאָר זענט איר געגאַנגען צום דרדקי-מלמד?
— אַ יאָר צייט — ענטפערט דער רב.
— און איך — מאַכט דער באַלעגאָלע — בין געגאַנגען צום דרדקי-מלמד גאַנצע פינף יאָר. נו, ווער קען בעסער עברי, איך צי איר?...

דער רבי, נעבעך

דריי יידן, אַ קרומער, אַ בלינדער און אַן אַכציק-יאָריקער זקן, זיינען אַמאָל געקומען צום רבין פון זייער שטעטל אַ טאָג פאַר אסתר-תענית צו בעטן ביי אים אַ היתר, זיי זאָלן ניט דאַרפן פאַסטן. רופט זיך אָפּ דער ערשטער, דער קרומער:
— רבי לעבן, ווי איר זעט, בין איך אַ ייד אַ בעל-מום און איך קאָן מאָרגן ניט פאַסטן.
— גוט, —ענטפערט דער רבי, — ווערסטו מעגן עסן. אָבער

כ'וועל דיר אויפמערקזאם מאכן, אז אזוי רעדט ניט קיין ייד. ווען דו זאגסט, אז דו ביזט א בעל־מום, דארפסטו זאגן „לא עליכם".

ווען דער אלטער ייד האט געהערט די ווערטער פונעם רבין, האט ער שוין זיך באווארנט און האט געזאגט צום רבין:

— רבי לעבן, איך בין שוין, לא עליכם, אכציק יאר אלט און קאן ניט פאסטן...

— מותר לך — ענטפערט דער רבי — אבער ס'איז ניט שיין אזוי צו רעדן. מען דארף זאגן „עליכם ועל בניכם".

דער בלינדער, וואס האט דאס צוגעהערט, איז דאן צוגע־גאנגען צום רבין און געזאגט:

— רבי, איך בין א בלינדער, עליכם ועל בניכם, און איך וועל ניט קאנען פאסטן!...

באַרואיקונג

א ייד, וואס האט געהאט יארצייט, לויפט אריין אין בית־מדרש און זאגט צום שמש:

— זייט אזוי גוט און גיט מיר א פאר תפילין צום דאווגען.

— ס'טוט מיר לייד, — מאכט דער שמש, — אבער איך האב נאר רבינו תמ'ס תפילין.

— ניש'קשה, — ענטפערט דער ייד, — ביז רבינו תם וועט צוריקקומען וועל איך שוין האבן אפגעדאוונט...

ניטאָ קיין פלאַץ

א ייד, וואס איז ערשט געקומען פון דייטשלאנד קיין ישראל, האט אין תל־אביב געוואלט אויפשטייגן אויף א פול געפאקטן אויטאבוס. האט דער שאפער צו אים א געשריי געטאן:

— „אין מקום!" — מיינענדיק, אז ס'איז ניטא קיין פלאץ.

מאכט צו אים דער ייד:

— אז איר האט פאר מיר „איין" מקום, איז דאך גוט! איך דארף ניט קיין צען פלעצער...

זבת חלב ודבש

דער יעקישער עולה אין ארץ־ישראל האָט זיך אין בערלין אַ סך אָנגעהערט וועגן דעם יידישן לאַנד, אַז עס איז אַ לאַנד, וואָס רינט מיט מילך און האָניק, זבת חלב ודבש.

ווען ער איז אָפּגעוווען אַ פּאָר מאָנאַטן אין לאַנד, רופט ער זיך אָפּ צו זיינע פריינט:

— זאָוואָס (אַזעלכעס) האָב איך געזען, אָבער חלב ודבש
— נימאָלס (קיינמאָל ניט)...

מען דאַרף געדענקען וואו עפּעס ליגט

אַ תלמיד פון אַ יידישער פאָלק־שול קומט אַהיים און מיט טרערן אין די אויגן באַקלאָגט ער זיך פאַר זיין פאָטער, אַז ווען דער לערער האָט אים היינט געפרעגט וואו דער נגב ליגט ערגעץ, האָט ער ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— אַ מצווה אויף דיר! — מאַכט צו אים דער פאָטער — וויפל מאָל האָב איך דיר אָנגעזאָגט, אַז ווען מען לייגט עפּעס אַוועק, דאַרף מען גוט געדענקען וואו, כדי מען זאָל עס דער־נאָך קענען געפינען...

דער „פריידענקער"

ביי אַ יידן, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פריידענקער, איז זיין פרוי געלעגן געוואָרן אין אַ שבת פרימאָרגן. איז ער אַוועק צו אַ מוכר ספרים קויפן „שיר המעלות'ן", וואָס מען פלעגט אויפהענגען אַרום בעט פון אַ קימפּעטאָרין. צוקומענדיק צו דעם ביכער־געשעפט האָט ער געטראָפן די טיר פאַרשלאָסן. קלאַפּט ער אָן אין טיר פון דער וואוינונג און דער מוכר־ספרים קומט אַרויס און פרעגט אים וואָס ער וויל. דער „פריידענקער" זאָגט אים, אַז ער וויל קויפן „שיר המעלות'ן" פאַר דער קימ־פּעטאָרין. ווען דער מוכר־ספרים האָט אים דערקלערט, אַז אום שבת פאַרקויפט ער ניט און אים געבעטן צו קומען שבת־צו־נאַכטס, האָט דער ייד אויסגעשריען מיט כעס:

— וואָס מיינט איר עפּעס? צוליב אייער פאַנאַטיזם ווילט איר שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון אַ יידישער טאָכטער?

ער שטאַמט פון בערלין

דער זעלבער ייד פון דייטשלאַנד האָט ניט אויפגעגעבן די דיסקוסיע מיטן תל־אביבער שאָפער און ווען ער האָט אים געזאָגט, אַז ס'איז דאָ בלויז „איין" פלאַץ, האָט ער גענומען אַריינגיין אין אויטאָבוס. דער שאָפער, אַ פאַרצווייפלטער, רופט זיך אָפּ:

— האדם הזה אינו מבין — דער מאַן פאַרשטייט ניט.

דער יעקע האָט זיך פאַרטייטשט, אַז ער שטאַמט ניט פון ווין, זאָגט ער צום שאָפער:

— אני לא מבין (איך בין ניט פון ווין), אני מברלין (איך שטאַם פון בערלין)...

ער מיינט גוט

מען האָט אַמאָל געפרעגט אַ כהן, אַן עם־הארץ, וואָס ס'איז דער טייטש פון „יברכך ד' ויחנך", האָט ער געענטפערט:

— גאָט זאָל דיר נאָכלויפן און זאָל דיך דערוואַרגן!

— וואָס רעדסטו? — פרעגט מען אים — ווי וואַגסטו צו שעלטן די יידן?

— חלילה! — ענטפערט דער כהן — ווען איך זאָג די ווערטער, האָב איך אין זינען אונדזערע שונאים!...

מער דיסקרעציע

אַ ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט איז געזעסן אין זעלנערישן בית־המדרש און געזאָגט תהלים. ווען ער איז צוגעקומען צום קאַפּיטל נ"א: „למנצח מזמור לדוד", וואו בת־שבע ווערט דערמאָנט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום זעלנערישן רב און געפרעגט:

— ווער איז דאָס דער דוד, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט בת־שבע'ן?

— דאָס איז דוד המלך, וואָס האָט אָנגעשריבן דעם תהלים.

— טפו! — האָט דער סאָלדאַט אויסגעשפיגן און אַוועקגעוואָרפן דאָס תהלים'ל — אפילו אונדזערער אַ זעלנער קאָן האַלטן אַזאַ סוד אין זיך...

אויב דו ביזט אַ למדן

אַן עם-הארץ וואָס איז נתעשר געוואָרן האָט זיך געקויפט אַ שטאָט לעבן דער מזרח-וואַנט הארט ביים רב. דעם ערשטן שבת, ווען ער האָט זיך באַזעצט אויף זיין פּלאַץ און זיך גע־שטעלט דאַוונען, האָט ער אַריבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ, ווי עס פירן זיך לומדים און גאָטספאָרכטיקע לייט. רופט זיך צו אים אָפּ דער רב:

— אַזוי ווי דו האָסט אַריבערגעצויגן דעם טלית איבערן קאָפּ, הייסט עס דאָך, אַז דו ביזט אַ למדן. ווי קומט-זשע עס, אַז אַ למדן זאָל ניט וויסן, אַז אַן עם-הארץ ציט ניט איבער דעם טלית איבער דעם קאָפּ?...

ק״ק

איין גרויסער למדן האָט געפרעגט דעם צווייטן גרויסן למדן:

— וואָס באַדייטן די ראשי-תיבות: ק״ק?

— קצת קשה — ענטפערט יענער.

— און אפשר פאַרקערט — קשה קצת?

— דאָס איז אַן עם-הארצישע פראַגע. ווען עס וואָלט געווען ווי דו זאָגסט, וואָלט דאָך די צווייטע בוכשטאַב קו״ף געווען די ערשטע...

מכות פאַר זיך און פאַרן ווייב

מאַן און ווייב זיינען געזעסן ביים סדר און געזאָגט פון דער הגדה. פּלוצים דערמאָנט זיך דאָס ווייב, אַז זי האָט עפּעס צו טאָן אין דער קיך. זי האָט אָבער געוואָלט אויסציילן די „מכות". זאָגט איר דער מאַן:

— גיי אין קיך. איך וועל שוין אַראָפּטראָפּן די מכות פון דיין כוס אויך...

און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן:

— דם פאַר מיר, דם פאַר מיין ווייב; צפרדע פאַר מיר, צפרדע פאַר מיין ווייב; כנים פאַר מיר, כנים פאַר מיין ווייב...

ער איז דער בכור

מען איז געקומען צו אַ יידן מיט אַ שלעכטער בשורה:

— דיין ברודער יעקב איז געשטאָרבן.

דער ייד האָט אָנגעהויבן צו שאָקלען מיטן קאָפּ אין די בריים:

— אוממעגלעך, איך בין דאָך עלטער פון אים...

זי איז אַ געלינקטע

אַ ווייבל איז געקומען דאַוונען אין שול און האָט זייער שטאַרק געוויינט, געיאָמערט און געהעשעט. איר שכנטע האָט אַ קוק געטאָן אין איר מחזור און דערזען, אַז ער ליגט מיטן קאָפּ אַראָפּ.

— פאַרוואָס ליגט דער מחזור פאַרקערט? — פרעגט זי.

— איך בין אַ געלינקטע פון געבוירן — האָט זי געענטפערט.

די ספרדישע הברה

אַ ייד האָט זיך באַקלאָגט פאַר זיין חבר, אַז אַלע יאָרן האָט ער געקענט לשון־קודש. איצט, נעמט ער אַ ציימונג פון ארץ־ישראל און פאַרשטייט ניט קיין וואָרט.

האָט אים דער חבר געענטפערט:

— ניט קיין וואונדער. מיר זיינען צוגעוואוינט צו דער אשכנזישער הברה און ביי זיי דאָרט איז איינגעפירט די ספרדישע הברה...

צוויי בעסער פון איינעם

אַ גוטער־ייד האָט איבערגענעכטיקט ביי אַן עם־הארץ אַ ייד. צומאָרגנס, ווען דער גוטער־ייד האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט זיך דער ייד ביי אים געבעטן ער זאָל אים בענטשן.

— געווען דאָ נעכטן אַ ייד אַ צדיק און האָט מיר געגעבן זיין ברכה, וואָלט איך וועלן, אַז אויך איר זאָלט מיך בענטשן...

— אַז נעכטן האָט דיך דער צדיק געבענטשט, צו וואָס דאַרפסטו מיין ברכה?

— רבי, — האָט זיך דער עם-הארץ אָפּגערופן — דער גוי מיינער זאָגט, אַז צוויי פערד זיינען בעסער פון איינעם...

גַנבים

עס געהערט שוין צו אַנדערע

אַ גנב איז געבראַכט געוואָרן צום ריכטער.

— איך קוק אויף דיר — זאָגט ער צום גנב — און זע, אַז דו וועסט זיך שוין קיינמאָל ניט פאַרבעסערן. וויפל מאָל האָב איך דיך געוואָרנט, אַז דו זאָלסט זיך ניט צורירן צו זאַכן וואָס געהערן ניט צו דיר?

ענטפערט תמימות'דיק דער גנב:

— וואָס זאָל איך טאָן, הער ריכטער, אַז אַלץ וואָס איך געפין אין דער וועלט געהערט שוין צו אַנדערע.

אַ מעסערל מיט מעלות

איך האָב אַ זייער אינטערעסאַנט מעסערל — האָט זיך באַרימט אַמאָל אַ יונגערמאַן פון דער אונטערוועלט — ס'האָט זעקס מעלות: ס'איז כשר, ס'איז טריף, ס'איז פליישיק, ס'איז מילכיק, ס'איז פאַרעווע.

— נו, און די זעקסטע מעלה?

— די זעקסטע — ענטפערט ער — ס'איז אַ געגנבעטס.

פאַרגעסן צו פאַרמאַכן די טיר

דער רב און די דאָזאָרעס האָבן שוין ביי „כל נדרי" אַרויס־גענומען די ספרים פון ארון־קודש און צוגעגאַנגען צום עמוד. פלוצים האָט דער רב באַמערקט, ווי איינער פון די דאָזאָרעס איז זייער בלאַס געוואָרן.

— וואָס איז געשען? — האָט דער רב געפרעגט.

— כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז ווען כ'בין אַרויסגעגאַנגען פון שטוב האָב איך געלאָזט די טיר אַ ניט־פאַרשלאָסענע.

— באַרואיק זיך, דער גאַנצער עולם איז דאָ...

אַן איינפאַל פון אַן ארטיסט

וועגן דעם אַמעריקאַנער אַרטיסט אַרטור יאָנג ווערט דערציילט אַזאַ אַנעקדאָט:

איינמאָל, ווען ער איז געזעסן אין אַ גרויסן רעסטאָראַן אויף בראָדוויי, האָט גענומען גיסן אַ שטאַרקער רעגן. און ווען ער האָט געוואָלט אַהיימגיין, האָט ער דערזען, אַז זיין רעגן־שירעם איז ניטאָ, נעלם געוואָרן. דער באַרימטער אַרטיסט איז אַריינגעגאַנגען אין דער „טיימס"־געביידע און האָט אין צייטונג אַריינגעגעבן אַזאַ אַנאָנס: „איך, אַרטור יאָנג, האָב באַמערקט ווי מיינער אַ באַקאַנטער האָט אין דעם גרויסן רעס־טאָראַן צוגענומען מיין שירעם. אויב ער וועט עס מאָרגן פרי ניט צוברענגען צו מיין טיר, וועל איך זיין נאָמען פאַרעפנטלעכן אין „טיימס"".

אויף מאָרגן פרי, ווען אַרטור יאָנג האָט געעפנט זיין טיר, האָט ער אין דרויסן געפונען צוויי הונדערט רעגן־שירעמס.

אַלע צוויי שעה אַ לעפל

שמואל גנב איז געלעגן קראַנק אויף אַן אַלטער חולאת זיינער. דער דאָקטאָר איז געקומען, אים באַטראַכט און פאַר־שריבן אַ רפואה, אַלע צוויי שעה דאַרף ער נעמען אַ לעפל.

— וואָס פאַר אַ לעפל דאַרף איך נעמען, הער דאָקטאָר, אַ פראָסטן צי אַ זילבערנעם? — פרעגט דער קראַנקער.

— עס מאַכט ניט אויס, ס'קאָן זיין אַ פּראָסטער לעפל אויך — ענטפערט דער רופא מיט אַ שמייכל.

— ליבער דאָקטאָר — מאַכט שמואל מיט אַן ערנסטער מינע — וואָס פאַר אַ רעצעפּט האָט איר מיר פאַרשריבן, זייט מוחל, אַז איך זאָל יעדע צוויי שעה נעמען איין לעפל און דערצו אַ פּראָסטן לעפל ? באמונות — שווערט זיך דער גנב — כ'האָב שוין געפּרוואווט נעמען אין איין מינוט אַ גאַנץ טוץ לעפל און דווקא ניט פּראָסטע, נאָר זילבערנע — און צו מיין קרענק האָט עס נישט געהאָלפן...

פרנסה איז עפּעס אַנדערש

צוויי יידן זיינען פון באַן פאַרפאַרן אין אַ האָטעל. כדי איינצושפּאָרן זיך געלט, האָבן זיי גענומען ביידע איין צימער. פאַרנאַכט האָבן זיי זיך געלאָזט גיין אַביסל שפּאַצירן. אויפן וועג האָט איינער פון זיי פאַרלוירן פון טאַש זיין בייטעלע מיט געלט און איידער ער האָט זיך אומגעקוקט, האָט עס דער צווייטער געשווינד אויפגעהויבן. אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט ווייטער, האָט דער ייד, וואָס האָט געפונען דאָס בייטעלע, אומגעקערט עס צום פאַרלירער און געזאָגט:

— באַשערט צו האָבן אַ מצווה, אָט איז דאָס בייטעלע. השבת-אבדה, אָפּצוגעבן אַ פאַרלוירענע זאַך, איז אַ מצווה.

צומאָרגנס כאַפּט זיך דער ייד, אַז ווידער האָט ער ניט דאָס בייטעלע. מאַכט ער אַ געוואַלד. עס קומט אַ פּאָליציאַנט און דערקלערט, אַז קודם-כל דאַרף מען באַזוכן דעם צווייטן ייד, וואָס וואוינט צוזאַמען מיט אים אין צימער. וויפל דער האָט געטענה'ט, אַז ער גלויבט יענעם יידן ווי זיך אַליין, האָט ניט געהאָלפן — דער פּאָליציאַנט האָט יענעם באַזוכט און טאַקע ביי אים געפונען די גנבה.

— ווי קומט עס ? — פרעגט אַ דערשטוינטער דער געלי־טענער יענעם — נעכטן האָט איר געפונען מיין בייטעלע און עס מיר צוריקגעגעבן און דערנאָך האָט איר דאָס זעלביקע בייטעלע ביי מיר צוגעלקח'נט ?!

— פאַרוואָס פאַרשטייט איר ניט — ענטפערט יענער — אומקערן אַן אבדה איז אַ מצווה און טאָן אַ מצווה בין איך אויך אַ בעלן ווי יעדער ייד, אָבער גנבענען איז ביי מיר אַ זאַך פון פרנסה, פון דעם לעב איך.

איר מעגט זיין זיכער

אין אַ יידישער שטאָט איז געווען אַ מנהג, אַז ווען אַ גביר פלעגט מאַכן אַ חתונה, פלעגט ער דינגען ברוכ'לען, אַ שטאַרקן חברה-מאַן, צו היטן די זאַכן פון די געסט, אַז מ'זאָל זיי ניט צוגנבענען. איינמאָל, ביי אַזאַ חתונה, האָט זיך גע־מאַכט, אַז ס'איז שוין געווען שפעט אין אָוונט, און ברוכ'ל האָט זיך נאָך ניט באַוויזן. דער גבירישער מחותן איז אַליין אַוועק צו אים — און האָט אים גאָר געטראָפן שלאָפן. וועקט אים אויף דער גביר און זאָגט צו אים:

— סטייטש, ברוכ'ל, אַלע געסט זיינען שוין דאָ, היינט ווי אַזוי קאָן מען זייערע זאַכן לאָזן אויף הפקר?

— נאַרישער ייד, וואָס איר זענט — ענטפערט ברוכ'ל געלאַסן — אַזוי לאַנג ווי איך שלאָף, מעגט איר זיין זיכער, אַז ביי אייך אין הויז וועט קיין גנבה ניט געשען...

ווען ניט די גנבים

מאָטקע חבד פלעגט זאָגן:

— איך האַלט שטאַרק פון די גנבים, וואָרום ווען ניט זיי וואָלט דאָך קיין פּאָליציי ניט געווען אויף דער וועלט און ווען עס וואָלט קיין פּאָליציי ניט געווען — וואָלט דאָך די גאַנצע וועלט געווען איבערפולט מיט גנבים...

אַ גנב, נעבעך

איבער די גאַסן פון דער שטאָט האָט מען געפירט אַ גרופּע אַרעסטאַנטן אין תפיסה אַריין. אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אַביסל אָפּרוען. שטייען דערביי עטלעכע יידענעס און שאָקלען מיטן קאָפּ און מאַכן:

— אַ גאָטס רחמנות, כמעט אַלע יידן, נעבעך!

פרעגן זיי איין ייד, פאַרוואָס האָט מען אים איינגעזעצט. ענטפערט ער: פאַר אַ פּאַס, וואָס איז געווען ניט אין גאַנצן כשר. מאַכן דערויף די יידענעס:

— נעבעך פאַר אַ פּאַס!

פרעגן זיי אַ צווייטן, פאַרוואָס האָט מען אים איינגעזעצט. ענטפערט דער צווייטער: פאַר אַ פריזיוו. מאַכן די יידענעס:

— נעבעך, פאַר אַ פריזיוו!

צום סוף פרעגן די יידענעס אַ דריטן, אַ יונג מיט ביינער: פאַרוואָס אים?

— איך בין, נעבעך, אַ גנב! ענטפערט ער.

דאָס פערד האָט ניט געוואָלט גיין

אַ יידישער שרייבער האָט אַמאָל געבראַכט זיינע אַ דער־ציילונג אין אַ רעדאַקציע, וואו מען האָט געצאָלט דעם שרייבער לויט דער צאָל ווערטער אין זיין ווערק. איבערקוקנדיק די דערציילונג האָט דער רעדאַקטאָר באַמערקט אַ פּאַראַגראַף, וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי: „דער באַלעגאָלע האָט געשמיסן זיין פערד מיט דער בייטש און האָט געשריען: „וויאָ! וויאָ! וויאָ! — וויאָ! וויאָ! וויאָ! — וויאָ! וויאָ! וויאָ! וויאָ!"

פרעגט ער דעם שרייבער: צו וואָס האָט איר געדאַרפט שרייבן אַזויפיל מאָל דאָס וואָרט „וויאָ!"?

— וואָס הייסט? — מאַכט דער שרייבער — וואָס בין איך שולדיק, אַז דאָס פערד האָט אַלץ נישט געוואָלט גיין?...

פערציק פון די הונדערט

אַ מאַן גייט אַריין אין אַ בעקעריי און קויפט הונדערט זעמל, באַצאָלט פאַר זיי און לאָזט זיי איבער. דאַן גייט ער אַריין אין אַ דערבייאיקן קליידער־געשעפט און קויפט אַן אַנצוג פאַר פערציק דאָלער. ווען ס'איז געקומען צום באַצאָלן, רופט ער אַריין דעם בעקער און זאָגט צו אים:

— איר וועט אַזוי גוט זיין און אַריינברענגען דעם באַלע־באָס פון אָט דעם געשעפט 40 פון מיינע הונדערט.

— גוט, — זאָגט דער בעקער, — כ'וועל גלייך אריינ־ברענגען.

ווען דער בעקער איז אַרוים האָט דער קויפער אַ נעם געטאָן דעם איינגעפּאַקטן אַנצוג און איז מיט אים אַוועק, און דער באַלעבאָס איז געווען זיכער, אַז ער וועט באַלד קריגן 40 דאָלער. אין אַ מינוט אַרום איז דער בעקער צוריקגעקומען און האָט אים דערלאַנגט פּערציק — זעמל...

טאַטע און זון

אין געוויסע שטעט איז געווען אַ מנהג ניט צו באַגראָבן דעם בר־מינן ביז מען האָט וועגן אים ניט געזאָגט עפּעס אַ שבח און זאָל זיין דער מינדסטער שבח.

אַמאָל איז געשטאָרבן אַ גנב. די מיטה איז געלעגן שיינע שעה'ן. קיינער האָט ניט געוואוסט צו געפינען אַ גוט וואָרט וועגן געשטאָרבענעם. צום סוף איז אויפגעשטאַנען איינער פון די באַגרעבער און געזאָגט:

— לאָמיר אים באַגראָבן! איך האָב אַ שבח אים נאָכצוזאָגן: אַ זון האָט ער איבערגעלאָזט, איז ער אַ גרעסערער גנב פון אים.

אָן נטילת ידים

די זעלבע מעשה איז געשען אין אַ צווייטן אָרט און דער קברן האָט דעם גנב נאָכגעזאָגט אַזאַ שבח:

— ער איז קיינמאָל ניט געגאַנגען קיין ד' אמות אָן נטילת ידים...

געגנבעט וואַסער

אַ דינער האָט אַראָפּגענומען בגנבה פון טיש פון זיין באַלעבאָס אַ פלאַש וויין. ער האָט די פלאַש אריינגעשטעקט אין קעשענע. דער בעל־הבית האָט עס באַמערקט, גיט ער אַ פרעג דעם משרת:

זאָג, וואָס איז דאָרט אין יענעם פלעשל, וואָס שטעקט דאָרט אַרויס ביי דיר פון דער טאַש?

— קאַלט וואַסער — האָט דער דינער געענטפערט.
— גיב מיר צו פאַרזוכן אַביסל.
דער דינער האָט ניט געהאַט קיין עצה און אַריינגעגאָסן אַביסל פון דער פלאַש אין אַ גלאָז. דער באַלעבאָס האָט טועם געווען און זיך אָפּגערופן:
— דאָס וואַסער האָט אַ זיסלעכן טעם. שלמה המלך איז טאַקע געווען אַ חכם און ניט אומזיסט האָט ער געזאָגט, אַז „מים גנובים ימתקו", געגנבעטע וואַסער איז זיס...

דער ראש־ישיבה און זיין תלמיד

מען האָט געכאַפּט אַ ישיבה-בחור ווי ער האָט צוגעגנבעט צוויי זילבערנע לעפל. דער ראש-ישיבה האָט אים אָראָפּגע־לאָזט צוויי פלאַמיקע פעטש און געשריען:
— ווי קומען גנבים אין מיין ישיבה?!
— רבי — האָט דער תלמיד צוריקגעענטפערט — זיינען אייערע פשטלעך ניט קיין גנבות? איר גנבעט ביים מהר"ם שיף, ביים „פני יהושע"...
— ניט גענוג וואָס דו ביזט אַ גנב — האָט אים דער ראש־ישיבה ווייטער געמוסרט — ביזטו אויך אַ נאַר. ווען איך גנב'ע, האָב איך דערפון נוצן און דער מהר"ם שיף און דער „פני יהושע" פאַרלירן גאָרניט; אָבער דו, ווען דו גנב'עסט — פעלן דעם באַלעבאָס צוויי זילבערנע לעפל...

ער זיצט אומשולדיק

אַ גנב איז אָפּגעזעסן איינמאָל צוויי יאָר אין תפיסה פאַר אַ גנבה. געקומען אַהיים, געפינט ער ביי זיין ווייב אַ קראַנק קינד פון אַכט חדשים, וואָס האַלט ביים אַוועקגיין פון דער וועלט. אויף מאָרגן איז דאָס קינד געשטאָרבן. מען האָט עס געבראַכט צו קבר ישראל און דער גנב און זיין ווייב האָבן זיך געזעצט שבעה.
אָפּגעזעסן עטלעכע טעג, רופט זיך דער גנב אָפּ:
— עפּעס בין איך דאָך אויף מיין לעבן גענוג געזעסן, אָבער אַזוי אומשולדיק ווי איך זיץ איצט, בין איך קיינמאָל ניט געזעסן.

דאָס ווייב האָט אים שוין גענוג געגעבן

אין דער שטוב פון גביר איז פאָרגעקומען אַ גנבה. ס'איז געווען אויפפאַלנדיק, אַז די טייערע חפצים האָט דער גנב ניט אָנגערירט, די מינדערוויכטיקע זאַכן האָט ער צוגענומען. אַ שטיקל צייט איז פאַרלאָפן און מען האָט דעם גנב געכאַפּט. מען האָט אים געבראַכט צום שופט:

— גיב מיר צו פאַרשטיין — האָט דער ריכטער זיך אָפּגערופן — פאַרוואָס האָסטו גענומען נאָר די אומוויכטיקע זאַכן און די טייערע איבערגעלאָזט?

— כ'בעט אייך, ה' ריכטער — האָט ער געענטפערט — ס'איז שוין גענוג, וואָס כ'האָב אַריינגעכאַפּט צוליב דעם פון מיין ווייב.

אַ פשוטער קל־וחומר

אַ גנב, וואָס האָט געדענקט אַביסל דערפון, וואָס ער האָט געלערנט אין חדר, האָט איינמאָל דערקלערט זיינעם אַ באַקאַנטן, אַז על פּי דין מעג ער צוגנבענען ביי אים זיין בייטל:

— מה־דאָך — האָט ער געזאָגט — דו, וואָס מיין בייטל טאָרסטו ניט נעמען, מעגסטו דיין בייטל יאָ נעמען, אַז איך מעג מיין בייטל נעמען — מעג איך דאָך דיין בייטל אוודאי נעמען.

ניט געקאָנט עפענען די טיר

ערב־פסח האָט די קהלה געשיקט דעם שמש אין טורמע מיט אַלע פסחדיקע מאכלים פאַר די יידישע אַרעסטאַנטן. צומאָרגנס איז ער געקומען אַהין און געפרעגט די אַרעסטאַנטן צי האָבן זיי אַלץ באַקומען און צי האָבן זיי דורכגעפירט דעם סדר ווי עס געהערט צו זיין? דער עלטסטער צווישן זיי האָט באַדאַנקט דער קהילה און געזאָגט:

— ברוך השם, אַלץ איז געווען אין אָרדנונג אַחוץ איין זאַך.

— וואָס איז די זאַך? — האָט דער שמש געפרעגט.

— ווען מען איז דערגאַנגען צו „שפוך חמתך" האָבן מיר געוואָלט עפענען די טיר — און ניט געקאָנט...

מיט אַזעלכע פינגער

צוויי גנבים זיינען געקומען צו אַ חתונה און געהערט דאָרט אַ פידלער שפּילן.

— וואָס זאָגסטו צו דעם פידלער? — פרעגט איינער דעם צווייטן.

— ער איז אַ גרויסער שוטה. מיט אַזעלכע שנעלע פינגער, האָט ער געקאָנט ווערן אַ מייסטער אין אונדזער מלאכה...

נחום סאָקאָלאָווס „טעות״

מען דערציילט, אַז אַ מחבר פון אַ מאָדערנעם ספר איז אַמאָל געקומען קיין וואַרשע צום באַרימטן שרייבער און שפּעטערדיקן ציוניסטישן פירער נחום סאָקאָלאָוו און האָט ביי אים געבעטן אַ הסכמה אויף זיין ספר און אין איין וועג העלפן צו פאַרשפּרייטן זיינע ביכער. סאָקאָלאָוו האָט אַ שטיקל צייט אַריינגעקוקט אין פאַרשידענע שטעלן פונעם ספר און האָט דערנאָך דעם יידן אַוועקגעשיקט צו אַ יידן אַ סוחר אויף מאַרשאַלקאָווסקע גאַס. ווען דער מחבר איז אַריינגעקומען אין יענער קראָם, האָט דער סוחר אים דערקלערט, אַז ער קויפט טאַקע אַליץ, אָבער ניט קיין ספרים. דער מחבר לויפט מיט פאַרדרוס צוריק צו סאָקאָלאָוון און זאָגט צו אים:

— סטייטש, ר׳ נחום, וואוהין האָט איר מיך געשיקט?

— אַי! — ענטפערט אים סאָקאָלאָוו — איך האָב ליידער געמאַכט אַ שטיקל טעות! גיי ווייס, אַז יענער סוחר, וואָס האַנדלט מיט אַלערליי געגנבעטע זאַכן וויל גראָד קיין ספרים ניט קויפן.

עליה און ירידה

מען דערציילט נאָך דר. שמריהו לעווין ז״ל, וועלכער האָט זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט זיין פאָלקסטימלעכן הומאָר, אַז ער איז אַמאָל געזעסן אין אַ מסיבה פון פירנדיקע ציוניסטן, וואָס האָבן גערעדט וועגן דער דעמאָלטיקער גרויסער עליה, ווען הונדערטער טויזנטער יידן האָבן אַריינגעשטראָמט קיין ארץ-ישׂראל. מיט דער דאָזיקער מאַסן-עליה איז אויך אָנגע-

קומען אין לאַנד אַ היפּש ביסל ערב-רב. האָט שמריהו לעווין אַ זאָג געטאָן:

— נו, נו, קיין פערד אין ארץ-ישראל האָבן מיר טאָקע ניט, אָבער פערד-גנבים האָבן מיר אין ארץ-ישראל שוין, ברוך השם, לרוב...

מען טאָר ניט חושד זיין

וועגן דעם זעלבן שמריהו לעווין דערציילט מען, אַז ער האָט אַמאָל געזאָגט: אַ ייד טאָר מען ניט חושד זיין, אַז ער איז אַ גנב... ער איז באַשטימט אַ גנב...

נאַראָנים

גנבים האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ וואוינונג פון אַ ייד אַ יורד, אַ געוועזענעם גביר אין מיטן דער נאַכט און גענומען זוכן אין די שופלאַדן ווערטפולע זאַכן.

ווען דער באַלעבאָס פון הויז האָט זיך, אינעם גערויש, אויפגעכאַפּט און דערזען די גנבים, האָט ער זיך אויפן קול צעלאַכט און אויסגערופן:

— אוי נאַראָנים, וואָס איר זענט! איר זוכט אין דער פינצטער דאָס, וואָס איך קאָן אפילו אין דער ליכט נישט געפינען!

אין זכות פון דער תורה

וואָווקע גנב, דער באַלעגאָלע פונעם שטעטל, איז געווען אַ גרויסער עם-הארץ, אָבער ווען ס'איז געקומען שמחת תורה, האָט ער זיך זייער געפרייט און געטאַנצט מיט דער תורה. פרעגט אים איינמאָל אַ ייד, אַ תלמיד חכם:

— זאָג מיר נאַר, וואָווקע, וואָס פרייסטו זיך אַזוי מיט דער תורה? דו ווייסט דאָך אפילו ניט, וואָס זי איז!

— גייט שוין, גייט, ר' לייבוש. וואָס מיינט איר, אַז איך ווייס נישט דעם ווערט פון דער תורה? אָט האָט אַנומלט ר'

הערש, דער חלפן, מיך גערופן צום רב, טענהנדיק, אז איך האָב ביי אים געגנבעט אַ הונדערטער. האָב איך, פאַרשטייט זיך, געלייקנט. האָט מען מיך געהייסן שווערן ביי דער תורה, און איך האָב אַזוי געטאָן — האָט מען מיר געגלויבט...

ביי תשליך

אַ גרופּע יידן קומט צו תשליך צו דער וואַשינגטאָן בריק. איינער פון עולם וואַרפט אַריין אַ פּאָר הויזן און רעקל אין וואַסער.

— מיסטער, — רופט זיך אָפּ איינער, — מ׳דאַרף בלויז אויסטרייסלען די קעשענעס פון די עבירות, טאָ וואָסזשע האָט איר אַריינגעוואָרפן אין וואַסער די הויזן מיטן רעקל?

— מישט אייך נישט אַריין, — ענטפערט דער צווייטער, — דער גאַנצער אַנצוג איז אַ געגנבעטער!

אייזן און שטאָל

אַ מיידל האָט זיך אין אַ זומער־פּלאַץ באַקענט מיט אַ יונגערמאַן, וואָס האָט זיך צו איר דערקלערט אין ליבע. אַזוי ווי זי האָט, אָבער, געטראַכט פון אַ צוקונפט, האָט זי אים געפרעגט, וואָס ס׳איז זיין באַשעפטיקונג. דער יונגערמאַן האָט איר געענטפערט, אַז ער איז אינאיינעם מיט זיינע עלטערן, וואָס זיינען אין די „אייראָן ענד סטיל" ביזנעס (אייזן און שטאָל געשעפטן).

דאָס מיידל האָט זיך געפרייט: אַ קליניקייט! אייזן און שטאָל געשעפט! ווען זי האָט אָבער שפּעטער באַגעגנט אַן אַנדער גאַסט פון יענער שטאָט און זיך נאָכגעפרעגט צי ס׳איז טאַקע אמת וואָס דער בחור האָט איר אָנגעגעבן, האָט זיך יענער צעלאַכט און געזאָגט, אַז ס׳הייבט זיך ניט אָן. זי האָט דערנאָך זיך ווידער באַגעגנט מיטן בחור און אים פאַרגעוואָרפן: סטייטש, דו האָסט דאָך מיך אָפּגענאַרט!

— ניין, — האָט איר דער בחור געענטפערט, — „אַי טאָלד יו די טרוט! מאַי מאַטהער אייראָנס ענד מאַי פאַטהער סטילס"... (איך האָב דיר געזאָגט דעם אמת: מיין מאַמע פּרעסט און מיין טאַטע גנבעט).

האָסט שוין ווידער געזינדיקט

צוויי פערד־גנבים אין אַ שטעטל האָבן געטשאַטעוועט צוצוגנבֿענען די פערד פֿונעם סטאַראָסטע פֿון אַ דערבייאיקן דאָרף. ווען דער סטאַראָסטע איז געקומען אין שטאָט אַריין מיט זיין פערד און געלאָזט עס שטיין אינדרויסן, בעת ער אַליין איז אַריין אין שענק מאַכן אַ כוסה, זיינען געקומען די צוויי גנבים, פֿון וועלכע איינער האָט דאָס פערד אויסגעשפּאַנט און איז מיט דעם אַוועק, בעת דער צווייטער, וועלכער איז געווען פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ גלח, האָט זיך געשטעלט צווישן די האָלאָבלעס פֿונעם וואָגן. מיט אַ שעה־צוויי שפּעטער קומט אַרויס דער סטאַראָסטע און דערזעט, אַז דאָס פערד איז נישטאָ, נאָר אויף זיין אָרט שטייט גאָר אַ גלח און פֿאַרפּלט. פֿרעגט ער מיט שרעק דעם גלח, וואָס דאָ האָט פּאַסירט.

— פֿאַרשטייסטו מיך, — ענטפֿערט דער גלח, — איך בין מיט יאָרן צוריק געווען אַ גלח, נאָר אַזוי ווי כ'האָב מיך פֿאַר־זינדיקט, בין איך מגולגל געוואָרן אין אַ פערד. נאָר אַזוי ווי איך בין שוין פֿאַר די זינד אָפּגעקומען בין איך איצט ווידער געוואָרן אַ גלח.

דער סטאַראָסטע האָט אויסגעהערט די ווערטער, זיך איבערגעצלמט און דערלאַנגענדיק דעם גלח פֿינף רובל, איז ער אַוועק אַהיים. מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער איז דער סטאַ־ראָסטע אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט אויפֿן יאַריד צו קויפֿן אַ ניי פערד. גייט ער צו צום פערד און רוימט אים איין אין אויער:

— אוי, פּאַטערל, האָסט שוין ווידער געזינדיקט!...

די שאלה

אַ גנב האָט זיך ביינאַכט אַרויסגעלאָזט גנבֿענען און איז דורכן קוימען אַריינגעקראָכן אין אַ הויז, וואו ס'האָט געוואוינט דער רבֿ פֿונעם שטעטל. דער רבֿ האָט זיך גראָד אויפֿגעכאַפּט פֿונעם גערויש און דערזעענדיק אין שטוב אַ פֿרעמדן פֿאַרשוין, פֿרעגט ער אים מיט אַ רחמנותדיק קול:

— וואָס טוט דאָ אַ ייד אַזוי שפּעט ביינאַכט? מיט וואָס קאָן איך אייך העלפן?

— רבי, — מאַכט דער גנב אַ צעטומלטער, — איך בין געקומען אייך פרעגן אַ שאלה.

— וואָס, למשל? — פרעגט דער רב.

— איך וויל וויסן, רבי, ווי אַזוי מען קריכט פון דאַנען אַרויס.

אַ וועג קיין וואַרשע

מען האָט אַמאָל געכאַפּט אַ גנב זיך אַרומדרייען אין אַ שטוב אין דער פינצטער און זוכן. פרעגט מען אים: — וואָס זוכסטו?

ענטפערט דער גנב:

— איך זוך אַ וועג קיין וואַרשע...

וואָס טוט גאָט?

אַ ייד פון אַ קליינער שטאָט דערציילט זיין פריינד:

— אַמאָל בין איך געקומען אין די גרויסע שטאָט. כ'האָב איבערגענעכטיקט און זיך געלאָזט גיין אויף אַ שפּאַציר איבער די גאַסן, זען די שיינקייט פון דער שטאָט. האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו עסן. בין איך אַריינגעגאַנגען אין אַ רעסטאָראַן, געהייסן זיך דערלאַנגען אַ שטיקל פלייש מיט ראָסל און אַביסל צימעס דערצו. אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט. דאַן האָב איך אַ פרעג געטאָן: מה יקר, וויפל קומט פון מיר? גיט מען מיר אַ געזאָלצענעם חשבון. ווער איך אין כעס און דערשטוינט פרעג איך פאַרוואָס דאַרף עס קאָסטן אַזוי פיל? ס'האָט גאָרניט געהאָלפן. ס'האָט וויי געטאָן אָבער באַצאָלט האָב איך ווי אַ טאַטע. געטראַכט האָב איך בשעת-מעשה, אַז מען דאַרף זיך געבן אַן עצה. וואָס טוט גאָט?

כ'האָב גענומען דעם זילבערנעם לעפל פון טיש און אַראָפּגעלאָזט אים אין קעשענע...

עס האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ קלייניקייט

ס'איז אַמאָל איינער געקומען אין די פּאָליציי און געזאָגט, אַז ער דאַרף מאַכן אַ דערקלערונג, ווייל דאָס געוויסן פּלאָגט אים.

— כ'האָב געגנבעט אַ פּאָר לייצעס...

— מער האָסטו גאָרניט ניט גענומען? — האָט מען אים געפרעגט.

— נאָך די לייצעס האָבן זיך נאָכגעשלעפּט אַ פּאָר פערד.

— און ווייטער האָסטו גאָרניט ניט געגנבעט? — האָט מען אים געפאָרשט.

— נאָך די פערד האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ וואָגן.

— און דאָס איז אַלץ? — האָט מען אים ניט אָפּגעלאָזט.

— אין דעם וואָגן איז געזעסן אַ מענטש.

— וואו איז דער מענטש?

— כ'האָב אים דערהרגעט — האָט דער מאַן מיטן געוויסן אויסגעשטאַמלט...

ס'איז גוט, אַז מען שלאָגט

מען האָט אַמאָל אַ גנב געפרעגט:

— צו וואָס לוינט עס דיר זיך צו פאַרנעמען מיט אַזאַ פּאַסקודנעם עסק? אַז מען כאַפּט דעם גנב, שלאָגט מען אים דאָך מכות־רצח, ער גייט זיצן אין תפיסה...

האָט ער אויף דעם געענטפערט:

— ווען מען וואָלט ניט געשלאָגן און ניט איינגעזעצט אין חד־גדיא, וואָלט עס זייער שלעכט געווען, דאַן וואָלט זיך יעדער גענומען דערצו...

ער האָט געמיינט גוט

מען כאַפּט אַ גנב ביי דער האַנט, ווי ער שטעקט אַריין די יד אין אימיצנס קעשענע. עס ווערט אַ טומל און אַ געשריי:

— וואָס האָסטו געוואָלט אין יענעמס טאַש?

— כ'האָב געזען, אַז יענער האָט פולע קעשענעס — האָט דער גנב געענטפערט — האָב איך אים געוואָלט אַביסל לייכטער מאַכן...

ס׳איז דאָרט מער ניט געווען

מען האָט אַמאָל צו איינעם געהאַט אַ טענה:
— ווי אַזוי האָסטו ניט קיין חרפה אין זיך צו גיין און אַרויסגנבענען פון דער בית־המדרש־פושקע אַ האַלבן רובל?
מען האָט דאָך ערשט געלייענט די עשרת הדברות...
האָט ער זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן און שווערן:
— כ׳זאָל אַזוי לעבן, ווי ס׳איז אין דער פושקע מער ניט געווען...

ער וויל זיך טאַקע אויסלערנען

מען האָט אַמאָל געכאַפּט אַ גנב ביי דער מלאכה. אוודאי האָט מען אים צעשלאָגן ווי עס באַדאַרף צו זיין.
— וואַרט, מען וועט דיך אויסלערנען צו זיין אַ גנב! — האָבן זיך דערהערט שטימען.
— דאָס וויל איך טאַקע — האָט דער גנב קוים אויסגעפּליסטערט — ביז איצט בין איך גאָר אַ שלעכטער גנב, וואָרום אַנישט, וואָלט איר דאָך מיך ניט געכאַפּט...

נאָר ניט איבערן פּלויט

אַ ציגיינער, אַ גנב, האָט מען אַמאָל געכאַפּט מיט אַ גנבה. מען האָט אים שטאַרק צעשלאָגן. האָט ער געשריגן: וואָס איר ווילט זאָלט איר מיר טאָן — שלאָגט מיך, הענגט מיך, שיסט מיך, נאָר איבער דעם פאַרקאַן וואַרפט מיך ניט.
האָבן די מענטשן געטראַכט, מי־יודע וואָס ער האָט אַזוי מורא פאַרן פּלויט — האָט ער זיך טאַקע באַלד אויפגעהויבן און איז אַנטלאָפן...

אַ געוואוינהייט

אַ גנב איז אַמאָל געזעסן אין תפיסה, פלעגט ער אַרויסציען יעדע נאַכט פון זיין קישעלע אַביסעלע שטרוי. ווען די מיט־זיצערס האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס ער טוט דאָס, האָט ער געענטפערט:
— איך וויל ניט פאַרגעסן מיין פאַך...

ווער וועגן וואָס עס בעט

ס'קומט נעילה בעט דער רב:

— רבונו של עולם, אזוי ווי דו האָסט שוין אָנגעשריבן ווער עס זאָל האָבן דין-תורה'ס, ווער עס זאָל זיך גט'ן, ווער עס זאָל געבן חליצה, ווער עס זאָל חתונה האָבן, בעט איך דיך, טאַטעניו אין הימל, שיק זיי אַלע צו מיר.

דער גנב בעט אין זיין תפילה:

— רבונו של עולם, אזוי ווי ס'איז שוין אָנגעשריבן ווער ס'זאָל היי-יאָר ווערן באַגנבעט, זע, אַז אַלע די גנבות זאָלן אַדורכגיין דורך מיין האַנט...

ער האָט זיך פאַר זיי געשעמט

גנבים זיינען אַריינגעקומען צו הערשל אָסטראָפּאָליער אין הויז ביינאַכט. הערשל האָט זיך אויפגעכאַפּט, דערזען וואָס עס טוט זיך — האָט ער זיך ניט ווויסנדיק געמאַכט און אַ כאַפּ געטאָן די קאָלדרע און איבערגעדעקט זיך מיט איר ביז איבערן קאָפּ. ווען די גנבים זיינען שוין אַוועק, פרעגט ביי אים דאָס ווייב:

— הערשל, וואָס האָסטו זיך אזוי דערשראָקן, דו ווייסט דאָך, אַז דו ביזט אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס...

— פאַרשטייסטו, שרה'לע — האָט איר הערשל געענטפערט — איך האָב זיך פּשוט געשעמט צו ווייזן מיין פּנים פאַר זיי, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז זיי וועלן גאָרניט ניט געפינען.

פון די גרינגע זאַכן

מען האָט אַמאָל אויסגעפרעגט אַ גנב הלמאי ער איז עוסק אין אומערלעכע עסקים. ער דאַרף יעדעס מאָל אָפּזיצן אין טורמע. וואָס וועט זיין דער תכלית? אויף דעם האָט דער גנב געענטפערט:

— אָפּזיצן ביי מיר אַן אורטייל פון דריי יאָר איז גאָר פון די קליינע זאַכן: אַ זומער און אַ ווינטער, אַ זומער און אַ ווינטער און אַ ווינטער און אַ זומער און אַזוי גייט אַוועק די צייט...

אויף יענער וועלט

אין הימל האָט מען גענומען שמייסן אַ גנב פאַר זיינע מעשים טובים. רופט ער זיך אָפּ צום מלאך, וואָס האָט אים געגעבן די קלעפּ:

— עט, ס׳איז גאָרניט. ווען איך האָב געשפּילט מיט מיין חברה אין „פּעטשעלעך״, האָב איך דערלאַנגט שטאַרקערע.

אויב „חד גדיא״ איז עס ניט גלאַט

אַן אַרענדאַר האָט מורא געהאַט צו זאָגן ביים סדר „חד גדיא״. ער האָט געדענקט, אַז ס׳איז דאָ עפּעס ניט קיין גלאַטיקע זאַך געווען, אַז מען דאַרף זאָגנדיק די הגדה דערמאָנען אַ חד־גדיא...

פרעגט אים זיין יינגל פאַרוואָס ער לאָזט אַדורך אַזוי פיל פון דער הגדה.

ענטפערט דערויף דער אַרענדאַר: זון מיינער, אין דער הגדה שטייט טאַקע, אַז דער טאַטע האָט געקויפט אַ ציג פאַר צוויי גילדן, ווער ווייסט אָבער צי די ציג איז ניט געווען אַ געגנבעטע...

פון דער אַלטער היים

ער איז געקומען בעטן מחילה

אַ ייד קלאַפּט אָן אין מיטן דער נאַכט פון ערב יום-כיפור ביים דאָזאָר אין שטעטל.

אַ דערשראָקענער און אַ פאַרשלאָפענער קומט צו דער דאָזאָר צו דער טיר און פרעגט דעם יידן:

— וואָס איז געשען?

— איך בין געקומען — זאָגט דער ייד — אייך בעטן, איר זאָלט מיר מוחל זיין!

— וואָס האָט איר מיר דען געטאָן פאַר אַ שלעכטס, וואָס איך דאַרף אייך מוחל זיין?

— איך האָב אויף אייך שטענדיק געזאָגט, אַז איר זענט אַ רשע מרושע, אַן אויסוואורף, — בעט איך אייך איר זאָלט מיר מוחל זיין!

— נו, גוט, — זאָגט דער דאָזאָר, — כ'בין אייך מוחל! אָבער פאַרוואָס זענט איר צו מיר ניט געקומען אין דער פרי, נאָר דווקא אין מיטן דער נאַכט?

— די מעשה איז אַזוי, — פאַרענטפערט זיך דער ייד, — איך האָב מורא געהאַט, אַז אין דער פרי וועל איך מיך נישט קאָנען דערשלאָגן צו אייך, ווייל עס וועט זיין אַ גרויסע ריי פון די אַנדערע יידן אין שטעטל, וואָס האָבן דאָס זעלבע גע־זאָגט אויף אייך.

איבערן פלויט

אַ רוסישער פּאָליציאַנט האָט געפירט אַ יידישן פאַר־ברעכער צו דער תפיסה. אויפן וועג זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען אַ פלויט, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט אַן אַנדער מדינה, וואו דער פאַרברעכער וואָלט געקאָנט זיין פריי. רופט זיך אָפּ דער ייד:

— טו מיט מיר וואָס דו ווילסט, נאָר וואַרף מיך ניט אַריבער איבערן פלויט!

דער פּאָליציאַנט איז געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט.

— אַ חוצפה פון אַ יידן! — האָט ער אויסגעשריען. און דערביי האָט ער אויפגעהויבן דעם פאַרברעכער מיט ביידע הענט און אים אַריבערגעוואָרפן איבערן פלויט.

ג י י ט ר ע ף

אַ ישיבה־בחור איז אַמאָל אַוועק בגנבה פונם ראש־ישיבה אין אַ טעאַטער, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן. ווען ער איז צוריקגעקומען, זיינען אים אַלע אַנדערע בחורים באַפאַלן מיט פראַגן — וואָס אַזוינס ער האָט געזען אין טעאַטער. האָט ער געענטפערט:

„וואָס זאָל איך אייך דאָ דערציילן? ס'איז געווען אַן „ער" און אַ „זי". איז ווען „ער" האָט געוואָלט, האָט „זי" ניט גע־וואָלט, און ווען „זי" האָט געוואָלט, האָט „ער" ניט געוואָלט, און ווען זיי האָבן שוין קוים מיט צרות ביידע געוואָלט — האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער פאָרטוך! היינט גיי טרעף, וואָס ווייטער איז געווען!"

ער האָט כבוד

אַ מגיד קומט אַמאָל אין אַ שטעטל צו האַלטן דאָרט שבת אַ דרשה. שטעלט ער אָפּ אַ יידן אין גאַס און פרעגט אים:

— וואו וואוינט ערגעץ אייער ראש-הקהל?

— וואָס? מאַכט דער ייד — איר זוכט דעם נבזה'ניק, דעם פּראָצענטניק? ער וואוינט אין דער פערטער גאַס פון דאַנען.

דער מגיד גייט ווייטער, שטעלט אָפּ אַ צווייטן יידן מיט דער זעלבער פראַגע, ענטפערט דער צווייטער:

— אַ, איר דאַרפט האָבן דעם אויסוואורף, דעם טריפה-ניאַק? ער וואוינט אין דער צווייטער גאַס פון דאַנען.

אַן ענלעכן ענטפער האָט דער מגיד באַקומען פון אַנדערע יידן, און ווען ער איז שוין אַריינגעקומען צום ראש הקהל, מאַכט ער צו אים:

— וואָס קריגט איר עפּעס פאַר אייער אַרבעט, וואָס איר טוט אויף פאַרן שטעטל?

— חס וחלילה! — ענטפערט דער ראש-הקהל — אַלץ וואָס איך טו — טו איך נאָר פון כבוד וועגן...

וואו תורה דאָרט איז חכמה

אין דער באַרימטער ישיבה-שטאָט פּרעשבורג זיינען אַמאָל געזעסן אין פראָנט פון אַ קאַפע-הויז צוויי כלומרשט היינט-וועלטיקע יונגעליים און געטרונקען ביר. גראָד איז פאַרביי-געגאַנגען אַ יונגער ישיבה-בחור מיט לאַנגע געקרייזלטע פאות און מיט די ציצית אין דרויסן. פאַרגלוסט זיך די צוויי „וואוילע יונגען" צו האָבן אַ ביסל שפּאַס און זיי רופן טאַקע גלייך צו דעם יונגן בחורל און זאָגן צו אים:

— וויפל ווילסטו פאַר דיינע צוויי בינטעלעך היי?

— גייט שוין, גייט! — ענטפערט גלייך דער ישיבה-בחורל, — וואָס קאָן דען קלעקן צוויי קליינע בינטעלעך היי פאַר אַזעלכע צוויי גרויסע בהמות?...

דער מפונק

יידן פון דער אַלטער וועלט וועלן זיך דערמאָנען, אַז צווישן די קופּערנע כלים אין אַ יידישער קיך האָט זיך אויך געפונען אַ קוואָרט מיט צוויי אויערן צום טרינקען וואַסער. איינמאָל פאָרט אַ רייכער ייד, אַ גרויסער מפונק, פון איין שטאָט צו אַן אַנדערער. ס'איז געווען זומער און די היץ איז געווען גרויס; האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ קרעטשמע צו נעמען אַ טרונק וואַסער. אַריינקומענדיק אין קיך און דערזעענדיק די אַלטע דינסט, אַ זייער מיאוסע באַשעפעניש, האָט אים געעקלט צו טרינקען פון דער קוואָרט, טראַכטנדיק אַז די דינסט טרינקט מסתמא אויך פון אָט דער כלי. נאָר אַזוי ווי ער האָט פאָרט געחלשט נאָך אַ טרונק, האָט ער ביים טרינקען צוגעלייגט זיינע ליפּן צו אַ ווינקל פון דער קוואָרט, ביי איינעם פון די אויערן. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן, מאַכט צו אים די דינסט:

— פעטער, איר זענט דאָך געראָטן אין מיר! איך טרינק אויך נאָר פון דעם זעלבן ווינקל.

דער קלוגער „מנחל"

אין אַ שטעטל האָט געוואוינט אַ ייד מיטן נאָמען מנחם, האָט מען אים פאַרצויגן דעם נאָמען אויף „מנחל". פלעגט מען וועגן אים זאָגן: „מנחל בדרך", אַז מנחל לאָזט זיך אין וועג אַריין, „ישתה", נעמט ער זיך מיט זיין ווייב, „על כן", ער טוט עס צוליב דעם, וואָס „ירים ראש" — ער זאָל האָבן אויף וועמען זיין קאָפּ אָנצושפּאַרן.

סיידן אַן אלמנה

אַנומלט האָט זיך באַקלאָגט אַ באַלעבאָסטע אויף דעם גורל פון די ווייבער: „אַ מאָדנע זאַך מיט אונדז פרויען! אַז עס קומט דער יום-טוב פסח, איז אויף אונדז אויסגעגאָסן די גאַנצע תוכחה. דער מאַן איז אַ גאַנצער מלך... דערלאַנג אים צום הסב-בעט וואַסער צום וואַשן זיך, דערלאַנג דעם וויין, דעם

מרור, די חרוסת, און מיר פרויען מוזן יעדן טאָג נאָר קאָכן און באַקן. פאַרוואָס קומט עס אונדז?"

„זינדיקט ניט מיט די רייד", האָט מען איר געענטפערט, „ווייל דער פסוק זאָגט: „ושמחת בחגך" — זאָלסט זיך פרייען אין דיין יום־טוב. אָבער ווער זאָל זיך פרייען? אתה, ובנך, ובתך, ועבדך ואמתך, והלוי, והגר והיתום, והאלמנה... איז דאָך די פראַגע: פאַרוואָס שטייט נישט „ואשתך"? איז דער תירוץ, אַז דאָס ווייב קאָן זיך ניט פרייען, סיידן זי ווערט אַן אלמנה..."

דער באַזיגטער

אַן אורח אין אַ געווינסן שטעטל האָט געהערט ווי די איינוואוינער באַרימען זיך מיט זייער שטאָט־ליגנער, אַז ער קען ממש צונויפשטעלן אַ וואַנט מיט אַ וואַנט. רופט זיך אָפּ דער אורח: „ווערדליג די ליגנס, וואָס איר דערציילט מיר, אַז ער זאָגט, זע איך, אַז ער הויבט ניט אָן צו קומען צו דעם גרויסן ליגנער פון מיין שטעטל, ביי וועמען ער מעג די שיך פוצן"...

ווען דער שטעטלשער ליגנער האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך געפילט געטראָפן און ער האָט באַשלאָסן אַוועקצופאָרן אין דעם שטעטל, פון וואַנען דער אורח האָט געשטאַמט, און זיך אַליין באַקענען מיט יענעם ליגנער. ווען ער איז אַהין אָנגעקומען און האָט אויסגעפונען, וואו יענער ליגנער וואוינט, איז ער גלייך אַהין אַוועק, אָבער ווען ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער דעם ליגנער ניט געטראָפן, נאָר זיינע אַ קליינע טאָכטער. אויף זיין פראַגע „וואו איז דיין טאַטע?" גיט דאָס מיידעלע אַ זאָג:

— עס איז ביי אונדז אין שטעטל אַראָפּגעפאַלן אַ שטיק הימל, איז מיין טאַטע געגאַנגען עס פאַרריכטן...

— אויב אַזוי — זאָגט דער ליגנער — דאַרף איך שוין דיין טאַטן ניט זען...

און ער איז צוריק אַהיימגעפאָרן.

דאָס ריכטיקע צעטל

אַן אָפיציר האָט אַמאָל באַמערקט ווי זיינער אַ סאָלדאַט האָט זיך געמאַכט אַ טבע, אַז ווען ער דערזעט אין קאַזאַרמע צי אין גאַס, אַ שטיקל פּאַפּיר, הייבט ער עס אויף, באַטראַכט פון ביידע זייטן און וואַרפט עס אַוועק. דער אָפיציר האָט אים באַפוילן דאָס מער ניט צו טאָן, אָבער זעענדיק, אַז דער סאָלדאַט הערט אים ניט און טוט זיך ווייטער דאָס זייניקע, האָט ער אים געלאָזט אונטערזוכן פון אַ פּסיכיאַטאָר. דער דאָקטאָר האָט, אָבער, ניט געקאָנט זיך דערגרונטעווען צו דעם סאָלדאַטס משוגעת. ווען דער אָפיציר האָט געזען, אַז ער קאָן גאָרניט אויפטאָן, האָט ער באַקומען פאַרן סאָלדאַט אַ באַפרייאונגס־צעטל. ווען דער סאָלדאַט האָט דאָס צעטל נאָר דערזען, האָט ער עס אַ כאַפּ געטאָן און געזאָגט:

— אָט דאָס איז טאַקע דאָס פּאַפּירל, וואָס איך האָב די גאַנצע צייט געזוכט...

ער איז געווען מזלדיק

אַ ייד קומט אַמאָל צוריק פון מאָסקווע אין זיין קליינעם שטעטל און דערציילט אין בית־מדרש די וואונדער פון דער גרויסער שטאָט. צווישן אַנדערע זאָגט ער צו די יידן מיט גרוים התפעלות:

— איר זעט די שילדן איבער אונדזערע קראָמען? אין מאָסקווע זיינען די אותיות פון די שילדן אַזוי גרוים, אַז כ'האָב אַליין געזען איינמאָל, ווי אַ גרויסער ווינט האָט אַראָפּגעריסן די בוכשטאַבן פון די שילדן און יעדער בוכשטאַב האָט דער־הרג'עט אַ מענטשן!

—טאָ וויזשע קומט עס, — פרעגט אים איינער פון די צוהערער — וואָס דו ביסט געבליבן לעבן?

— פאַרשטייט איר מיך, — ענטפערט דער ייד — אויף מיר איז אויך אַראָפּגעפאַלן אַ בוכשטאַב, נאָר צום גליק איז עס געווען דער „מיאַכקי זנאַק" (נאָמען פון אַ רוסישן בוכשטאַב, און מיינט ווייכער צייכן)...

ער רעדט דייטש

מען דערציילט, אַז ווען די פּאַזנאַנטשיקעס האָבן געבו־שעוועט אין פּוילן, האָבן זיי ביי איינעם פון די יידן אָפּגעשניטן אַ האַלבע באָרד. איז דער ייד אַוועק צום קאָמענדאַנט זיך באַקלאָגן. אַזוי ווי דער ייד האָט ניט געקענט רעדן קיין פּויליש, האָט ער געפרעגט, צי מען וועט אים דערלויבן צו רעדן אויף דייטש. דער קאָמענדאַנט האָט דאָס אים דערלויבט און האָט אים געפרעגט, וואָס ער האָט צו זאָגן.

— אדוני קאָמענדאַנט! — האָט דער ייד געענטפערט — לכתחילה האָב איך טאַקע אויפן זעלנער געהאַט גרויס תרעומות, נאָר בדיעבד בין איך אים מוחל במחילה גמורה...

איין גוי גרעסער פון אַנדערן

צוויי יידן, וואָס זיינען געזעסן אין בית המדרש אין אַ גאַליציאַנער שטאָט, האָבן געהערט אַז דער קיסר פראַנץ־יאָזעף האָט אַראָפּגעשיקט אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל אויסקלייבן אין די אַרומיקע דערפער אַ צאָל שיינע, הויכע מענער, וואָס זאָלן דינען אין דעם הוזאָרן פּאָלק. רופט זיך אָן איין ייד צום צווייטן:

— נאָך וואָס דאַרף אונדזער קיסר, זאָל לעבן, שיקן זוכן גויים אין די דערפער? אָט האָבן מיר דאָך דאָ אין שטאָט פינף אפּיקורסים, וואָס זיינען געזונטע, גרויסע גויים, האָט ער דאָך זיי געקענט נעמען צום מיליטער?

— פאַרשטייסטו, — ענטפערט דער צווייטער — אונדזער קיסר זוכט גויים, וואָס זיינען אַלע גלייך, אָבער ביי אונדזערע אפּיקורסים איז איין גוי גרעסער פונם אַנדערן...

אייפערזוכט

צוויי יידענעס צערעדן זיך:

— אוי־וואַ, וואָס מאַכט איר עפּעס חיה־שרה? שוין אַ צייט איך ניט געזען.

— אַ דאַנק פאַרן פרעגן; איך בין, ניט פאַר אייך געדאַכט,

געווען עטלעכע וואָכן קראַנק און האָב געהאַט אַן אָפּעראַציע אויף מיינע געשווירן אין מאָגן.

— גייט שוין גייט, דאָס הייסט ביי אייך אַן אָפּעראַציע? איך, אַז כ׳האָב געהאַט אַן אָפּעראַציע, בין איך דאָך דערנאָך אַ לאַנגע צייט געווען מיט אַ רערל.

— אַזוי גאָר? נו לויף איך נאָך היינט צו מיין דאָקטאָר און וועל אים מאַכן אַ וויסטן סוף ביז ער וועט מיר מוזן געבן דאָס רערל...

באַרואיקונג

אַן אָרימע פאַמיליע האָט דערוואַרט, אַז אַ חתן זאָל קומען אָנקוקן זייער טאָכטער צו וועטשערע. זיינען זיי אַוועק צו זייערע פאַרמעגלעכע קרובים און האָבן ביי זיי געליען זילבערנע געשיר און אַנדערע טייערע זאַכן, כדי דאָס הויז זאָל אויסזען לייטיש. ווען דער חתן איז געקומען מיטן שדכן און מען האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט דער חתן, אַן איבערראַשטער פון די אַלע פיינע זאַכן, שטיל אַ זאָג געטאָן צום שדכן:

— לויט ווי איר האָט מיר דערקלערט, אַז דעם מיידלס עלטערן זיינען אָרעם, גלויב איך, אַז די דאָזיקע זילבערנע כלים זיינען ניט זייערע.

— נאַרישקייטן! — ענטפערט דער שדכן — ווער וועט דען אַזוינע ביטערע קבצנים געטרויען אַזויפיל זילבער?

משה הייס איך אַוודאי ניט

אַ יונגערמאַן איז געפאָרן פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע אויף אַ פרעמדן פּאַספּאָרט און האָט זיך די גאַנצע צייט געחזרט, אַז זיין נאָמען איז גרשון קאַץ.

צוקומענדיק צו דער גרענעץ, רופט זיך אָפּ אַ זשאַנדאַרם צו אים: ווי הייסטו?

בלייבט דער יונגערמאַן שטיין, טראַכט אַ ווײַלע און ענטפערט:

— ווי אַזוי איך הייס, האָב איך גראָד פאַרגעסן; נאָר, משה הייס איך אַוודאי ניט...

אַ גלגול פון אַ נאָמען

אין אַ שטעטל אין אוקראַינע איז געווען אַ למדן און אַ ווערטל-זאָגער מיטן נאָמען בערל פּעסאָק.

האָט מען אים אַמאָל געפרעגט ווי עס קומט צו אים דער פאַמיליע-נאָמען פּעסאָק. האָט בערל דערויף געענטפערט אַזוי:

— מיין צווייטער נאָמען איז טאַקע אַ גלגול פון מיין ערשטן נאָמען: בערעל לייגט זיך אוים פּונקט ווי לעבער. לעבער איז „כבד" אין העברעאיש. „כבד" איז אויך דער טייטש שווער. שווער מיינט געבן אַ „שבועה". „שבוע" מיינט אַ וואָך. וואָך איז „חול" אין העברעאיש. „חול" איז אויך דער טייטש זאַמד. און זאַמד איז אויף אוקראַיניש „פּעסאָק". אַזוי איז פון מיין ערשטן נאָמען „בערעל" אַרוים אַ גלגול פון מיין צווייטן נאָמען „פּעסאָק" — גאָר פּשוט...

דער שוינער

ר' יאַנקל, דער הערינג-סוחר, איז אַלע יאָרן געגאַנגען מיט אַ פאַרשמאַלצענע קאַפּאָטע; נאָר איינמאָל האָט אים זיין ווייב געקויפט אויף יום-טוב אַ נייע קאַפּאָטע. ווען ער איז אָבער דעם ערשטן טאָג יום-טוב געגאַנגען אין דער נייער קאַפּאָטע אין שול אַריין, האָט גראָד אָנגעהויבן רעגענען. אַזוי ווי קיין שירעם טאָר מען יום-טוב נישט טראָגן, האָט ער, כדי צו שיצן די קאַפּאָטע, זי אָנגעטאָן מיט דער פּאָטשעווקע אין דרויסן. נאָר אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, וואו דער רעגן האָט שטאַרק געגאָסן, האָט ער אָנגעכאַפּט די ברעגעם פון דער קאַפּאָטע און איבערגעדעקט מיט זיי דעם קאָפּ, אַזוי אַז דער רעגן איז געפאַלן אויף דער רעכטער זייט נייער קאַפּאָטע...

ערשט איצט מעג ער

אַ יידישער גביר אין אַמאָליקן רוסלאַנד, האָט נאָך פיל יסורים און מאַטערניש צוליב דער פאַרפליכטנדיקער דאַן פּראָ-צענט נאָרמע, אַריינגעגעבן זיין זון אין אַ רוסישער גימנאַזיע. ווען ס'איז אַוועק דער ערשטער חודש און דער בחור ברענגט

אהיים זיין צייגעניש פון שול, ווערט דעם פאטער פינצטער אין די אויגן — אן „איינס”!

— סטייטש? — פרעגט ער — וואס איז דאס?

— נו, דו ווייסט דאך — ענטפערט דער זון — אנטיסעמיטן!

האט דער פאטער פרובירט אונטערשמירן... אבער ס'האט ניט געהאלפן. דער בחור ברענגט ווייטער „איינסן”.

האט דער פאטער באנוצט דאס לעצטע מיטל און האט זיין זונדל אפגעשמדט פאר א פראוואסלאוונעם.

ווען ס'איז אבער ווידער אוועק א חודש און דער תכשיט האט ווידער געבראכט דעם שלעכטן צייכן, האט דער פאטער מיט כעס א געשריי געטאן:

— און וואס וועסטו איצט זאגן, זון מיינער!

— איצט — מאכט דער בחור — קאן איך דאך שוין אוודאי ניט קריגן קיין גוטע צייגעניש; איצט האב איך דאך שוין א גוישן קאפ!...

אז עס גייט, גייט עס...

ביי אונדז אין דער אלטער היים איז געווען א שניידער, פלעגט ער אזוי זאגן: אז עס גייט, גייט דאס ווייב אין מקווה אריין, גייען דיינע קינדער אין חדר און דער זייגער אויפן וואנט גייט אויך.

חלילה, זאל גאט שומר ומציל זיין, אז עס גייט ניט, גייט ניט דאס ווייב אין מקווה, די קינדער גייען ניט אין חדר און דער זייגער אויפן וואנט גייט אויך ניט...

געפאלגט דעם רבין

א יידענע האט זיך אמאל באקלאגט פאר דעם רבין, אז איר מאן האט ליב אלעמאל צו נעמען אן איבעריקע כוסה, און זי ליידט פון דעם א סך בושות.

האט דער רבי געשיקט רופן איר מאן און נאכדעם ווי ער האט דעם יידן גוט אויסגעמוסרט, האט דער ייד צוגעזאגט דעם רבין, אז פון היינט אן און ווייטער וועט ער מער נישט טרינקען.

אהיימגייענדיק פונם רבין גייט ער פארביי א שענק. עס ציט אים צו צום טרונק, אבער ער גייט ניט אריין. ער גייט פארביי א צווייטע שענק און גייט אויך ניט אריין. צוקומענדיק צו א דריטער שענק, שטעלט ער זיך אפ און זאגט צו זיך אליין: „איצט, גוטער ברודער, אז דו האסט געקענט פארבייגיין צווי שענק און ניט אריינגיין, קומט דיר באמת א גוטער טרונק בראנפן!...

ראשי תיבות פון ב׳ר׳ג׳ש׳

א ישיבה־בחור האט זיך שבת ניט געוויזן אין ישיבה צום דאוונען. האט אים דער ראש־ישיבה געמוסרט:

— א ישיבה־בחור, וואס עסט ביי באלעבאטים „טעג״, טאר ניט פעלן שבת צום דאוונען. דוד המלך זאגט אין תהלים: „בבית אלקים נהלך ברגש״, און די ראשי תיבות פון „ברגש״ זיינען: „ברד, רוח, גשם, שלג״, — פארענדיקט דער ראש־ישיבה.

— ביי מיר, רבי, זיינען די ראשי תיבות פון „ברגש״ אנדערש — האט דער ישיבה־בחור געענטפערט דעם ראש־ישיבה. — ביי מיר מיינט עס דער ג׳ און ש׳ „גאנצע שיך״.

פארוואס „המן״?

אין א שטעטל אין אוקראינע איז אמאל געווען א ייד א גביר מיטן נאמען מרדכי, אבער אלע אין שטעטל פלעגן אים רופן מיטן צונאמען „המן״. די שטעטלדיקע יידן האבן דערציילט אין צוזאמענהאנג דערמיט אזא מעשה:

— דער דאזיקער מרדכי איז, נעבעך, א גרויסער עם־הארץ, אבער דאוונען דאוונט ער דווקא אויף א הויכן קול, אזוי אז אלע האבן געהערט זיינע גרייזן. למשל, אנשטאט „משען ומבטח לצדיקים״ פלעגט ער זאגן „שמעון ומבטח לצדיקים״.

איינמאל האט עמיצער געהערט ווי פסח ביים סדר האט ער ביי „אלו נתן לנו את המן״, ארויסגעזאגט דאס לעצטע ווארט, ניט ווי דער טייטש איז, דעם מן וואס יידן האבן געגעסן אין מדבר, נאר ווי „המן״ דעם צורר היהודים. דערפאר האט מען אים געקרוינט מיטן צונאמען „המן״...

אַ פּאַסיקע רפואה

אַ יידענע איז אַמאָל אַריינגעקומען צו אַ רופא, אַ פעלטשער, און געזאָגט צו אים:

— דאָקטאָר לעבן, עס טוט מיר, ניט פאַר אייך געדאַכט, עפּעס ווי, איך ווייס ניט וואו.

— גוט, — ענטפערט דער רופא — איך וועל אייך פאַר־שרייבן אַ מעדיצין, איך ווייס ניט וואָס, וועט איר געהאָלפן ווערן, איך ווייס ניט ווען...

אַ ריכטיקער תירוץ

אין דער אַלטער היים איז געווען אַ מנהג, אַז ווען אַן אָרימער ייד איז אָפּגעברענט געוואָרן, פלעגט ער ביים רב נעמען אַ כתב, אַז ער איז אַ נשרף, כדי ער זאָל קענען זיך אַרויסלאָזן איבער די מדינה און בעטן נדבות. קומט אַמאָל אַ ייד אין אַ פרעמדער שטאָט אַריין און גייט צום ראש־הקהל און בעט ביי אים הילף, ווייל ער איז אַ נשרף. גיט אים דער גבאי אַ פרעג: וואו איז דער כתב פון אייער רב?

— אי, — גיט דער ייד תמימותדיק אַ זאָג — דער כתב איז גראָד אויך פאַרברענט געוואָרן...

די דריי ענטפערס

אַמאָליקע צייטן, ווען פריצים זיינען געווען ווי זעלבסט־הערשער און האָבן מיט די מענטשן אין דאָרף געקאָנט טאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט, האָט אַ קאַפּריזנער פריץ צו זיך גע־רופן דעם גלח און דעם יידישן אַרענדאַר און צו זיי געזאָגט:

— איך שטעל אייך דריי פראַגן און כ׳גיב אייך דריי טעג צייט צו ענטפערן אויף זיי. אויב איר וועט מיר נישט ברענגען קיין ענטפערס ביז צום באַשטימטן טערמין, וועט איר גיין אין תפיסה. די ערשטע פראַגע איז: וואָס איז די פעסטסטע זאַך אויף דער וועלט? די צווייטע פראַגע: וואו איז ערגעץ דער סאַמע צענטער פון דער וועלט? און פראַגע נומער דריי: איר זאָלט מיר זאָגן, וואָס איך טראַכט.

דער ייד איז געוואָרן זייער באַזאָרגט און איז באַלד אוועק אין שטאָט אַריין, וואו ער האָט זיך באַראַטן וועגן דעם מיטן רב, און איז צוריקגעקומען אַ פריילעכער. אויף דעם דריטן טאָג גאַנץ פרי גייט ער אָנגעטאָן אין גלחישע קליידער צום פריץ און זאָגט צו אים:

— אויף אייער ערשטער פראַגע ענטפער איך: „די ערד". אויף דער צווייטער: „דער צענטער פון דער וועלט איז טאַקע דאָ", אויב איר גלייבט נישט קאָנט איר איבערמעסטן. אויף דער דריטער פראַגע ענטפער איך: „איר טראַכט אוודאי, אַז איך בין דער גלח, איז דאָס אָבער אַ טעות — איך בין גאָר דער ייד"...

ווער עס איז משוגע

אין דער אַלטער היים פלעגט מען איינבינדן פאַרשיידענע ספרים צוזאַמען. האָט זיך געמאַכט, אַז ר' אייזל חריף איז אַמאָל אַריינגעקומען צו איינעם און געפונען זיין ספר „עמק יהושע" געבונדן צוזאַמען מיט ר' יצחק אלחנן'ס „נחל יצחק". ר' יצחק אלחנן'ס ספר איז געווען געבונדן פריער.

— טשיקאַווע — שמייכלט ר' אייזל — אויף מיר זאָגט מען, אַז איך בין משוגע און אַנדערע בינדט מען פריער...

נ ע נ ו ע י ם

אַ ייד איז אַמאָל געקומען צו ר' יצחק אלחנן, זיך שואל עצה זיין, צי זאָל ער פאָרן קיין אַמעריקע.

— האָט איר פרנסה? — פרעגט אים דער קאָוונער רב.

— מיט פרנסה — ענטפערט דער ייד — קומט מען דורך ווי עס איז. ס'פעלט אָבער אַביסל הצלחה...

— אויב אַזוי — זאָגט אים ר' יצחק אלחנן — דאַרפט איר ניט פאָרן. פאַרשטייט איר: צו „הושיעה נא" מאַכט מען נענועים (מיטן אתרוג און לולב); צו „הצליחה נא" מאַכט מען ניט קיין נענועים, מ'שטייט אויף אָן אָרט...

צו סליחות

מיין גוטער פריינט משה וואָל, וואָס טוט אַ וואונדערבאַרע אַרבעט פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע יידישע טעטיקייטן, האָט אַמאָל אָפּגערופן זיינעם אַ באַקאַנטן און פאָרגעשלאָגן אים צו קויפן אַ ישראל-באָנד.

— מיר דאַרפט איר דערמאָנען? — האָט זיך דער פריינט אויפגערעגט...

האָט אים וואָל געוואָלט באַרואיקן און געענטפערט:

— הערט, ר' ייד, אַלע יידן אין דער אַלטער היים האָבן געוואוסט גאַנץ גענוי, אַז מען דאַרף גיין צו סליחות, און פונדעסטוועגן פלעגט דער שמש גיין פון הויז צו הויז, קלאַפּן אין די פענצטערן און רופן:

— יידן, שטייט אויף און גייט צו עבודת הבורא, גייט צו סליחות...

נאָר איין שאלה

איינער אַ רב איז אָפּגעוועזן אין אַ שטעטל פיר יאָר צייט. ווען ער איז אָנגעקומען אין אַן אַנדער שטאָט, האָט ער דערציילט אַ געוואַלדיקן חידוש:

— איך בין אָפּגעוועזן פיר יאָר אין דעם שטעטל און אַלע האָבן נאָר געפרעגט די זעלבע שאלה: „רבי, ווען פאָרט איר אַוועק פון דאַנען?"

אַ טענה צום רבונו של עולם

שרה-שיינדל, די זאָגערקע, גייט מוצאי יום-כפור פון שול, פאַרטשעפּעט זיך ביים שוועל פון הויז און פאַלט, זאָגט זי וויינענדיק:

— רבונו של עולם, צי איך האָב ביי דיר געפּועלט מיט מיין וויינען און קלאָגן אַ גאַנצן טאָג צי ניט, אָבער שטויסן דאַרפסט דו דאָך מיך ניט...

אַ מעשה מיט שופר בלאָזן

אין אַ שטעטל איז געווען אַ ייד, אַן אפיקורס און אַ גביר דערצו, וואָס פלעגט גיין נאָר ראש־השנה און יום־כפור אין שול אריין. האָט ער זיך איינגעשפאַרט, אַז ער מוז ימים־נוראים בלאָזן שופר. פאַרשטייט זיך, אַז קהל האָט געזאָגט ניין. איז דער גביר אַוועק צום פריץ און אים געבעטן, אַז ער זאָל זיך אריינמישן אין דעם סכסוך. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט געמאַכט אַ פשרה: דער גביר וועט בלאָזן שופר נאָר נאָך נעילה.

נאָך ימים־נוראים, ווען דער פריץ האָט געטראָפן דעם גביר, האָט ער אים געפרעגט, ווי איז געווען דאָס בלאָזן?

— עט, — מאַכט דער גביר — זיי האָבן מיר געגעבן דעם שופר פאַר איין בלאָז.

— פאַרוואָס? — פאַרשטייט ניט דער פריץ — אַז מען האַלט שוין דעם שופר, בלאָזט מען וויפל דאָס האַרץ גלוסט...

נאָר ניט געבן

אַ ייד אַ גביר און אַ קאַרגער דערצו האָט זיך געבאָדן אַמאָל אין אַ טייך. פּלוצעם האָט ער דערפילט, אַז ער טרינקט זיך, האָט ער אָנגעהויבן שרייען און מאַכן קולות:

— העלפט, העלפט, איך טרינק זיך.

איינער פון די, וואָס האָבן זיך געבאָדן אין זעלבן טייך איז שנעל צוגעשוואומען צו אים און צו אים געזאָגט:

— גיט מיר די האַנט, וועל איך אייך ראַטעווען.

— ניין, געבן קאָן איך ניט — האָט דער קאַרגער געענט־פערט — און איז געזונקען.

אַ וואָרט פון אַ בעטער

פאַראַן יידן, וואָס געדענקען, אַז אין די קליינע שטעטלעך אַמאָל איז געווען אַזאַ ייד, וואָס פלעגט בעטן צו קומען צו אַ חתונה. אים האָט מען גערופן אַ בעטער. איז געקומען אַזאַ בעטער צו אַ יידן און איינגעלאַדן אים מיט איין מאָל צו פיר חתונות.

דער ייד קוקט אויף די חתונה־קאַרטן און זעט, אַז אַלע קומען זיי פֿאַר דעם זעלבן טאָג און די זעלבע שעה.

— אויף וועלכע חתונה זאָל איך פֿריער גיין? — רעדט צו זיך דער ייד.

— גייט אויף אַלע פֿיר — ענטפֿערט מניה וביה דער בעטער...

אין אמעריקע

זיין טעלעפאָן־נומער

אַ ייד, אַן אַלרייטניק, איז געקומען אין שול אַריין. מען האָט אים געמאַכט אַ וואַרע, געגעבן אַ פּלאַץ אויף דער מזרח־וואַנט. ווען ס׳איז געקומען צו קריאת התורה, גייט צו אים צו דער שמש און פרעגט אים:

— ווי זאָל מען אייך אויפרופן?

— גרעמערסי פינף, זעקס, אַכט, ניין... — איז געפאַלן דער ענטפער.

חנוכה און קריסמעס

דאָס האָט פּאַסירט אויף אַ טעלעוויזיע־פאָרשטעלונג פון דעם שוישפּילער לינקלעסטער אין דער וואָך פון קריסמעס. ס׳זיינען דערשינען צוויי יידישע מיידעלעך מיט זייער טאַטן, אַ פּראָפעסאָר פון קאַליפאָרניער אוניווערזיטעט. ווען דער אָנפירער פון דער פאָרשטעלונג, לינקלעסטער, האָט זיך אַראָפּ־געבויגן צו איין מיידעלע און באַוואונדערנדיק איר שיין קליי־דעלע, זי געפרעגט, ווער עס האָט איר געקויפט דאָס פּרעכ־טיקע קריסמעס־קלײדל, האָט די קליינינקע שטאָלץ געענטפערט:

— ניין, איך בין אַ יידיש מיידעלע און דאָס קליידעלע האָבן מיר מיינע עלטערן געקויפט לכבוד חנוכה...

דאָס איז ניט קיין וויץ. עס איז אַן אמתדיקע פּאַסירונג, וואָס איז פּאַרלאָפן ווינטער, 1957.

קריסמעס — אַ יידישער יום־טוב

— וואָס הייסט קריסמעס איז ניט קיין יידישער יום־טוב? — שפּאַרט זיך אַ יידיש יינגעלע מיט זיין חבר — האָסט ניט געלערנט אין דער „היברו" (יידישע שול) די „קרישמע" (קריאת שמע)?...

אַ מגיד׳ס אַ דרשה

דריי זאַכן, רבותי, דערמאָנען דעם מענטש תשובה צו טאָן, ווען ער ווערט עלטער: די אויגן, די ציין און די באָרד. די אויגן ווערן טונקל, די ציין פאַלן אַרויס און די באָרד ווערט גרוי. איצט, רבותי, איז גאָר קיין וואונדער ניט וואָס מען טוט ניט היינט קיין תשובה, אַז די אויגן ווערן טונקל — טוט מען אָן ברילן; אַז די ציין פאַלן אַרויס — שטעלט מען אַריין נייע און אַ באָרד טראָגט מען דאָך אין גאַנצן ניט. היינט ווי אַזוי זאָל אַ מענטש תשובה טאָן?

ער איז דער באַגרעבער

אין אַ שטעטל איז אָנגעקומען אַ נייער דאָקטאָר. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט געזוכט פריינט און באַקאַנטע, אַז מען זאָל אים צושאַרן פּאַציענטן. איין ייד קומט אַריין צום דאָקטאָר און דערקלערט אים, אַז ער האָט אין שטאָט אַ גרויסן איינפלוס און אַז דער דאָקטאָר וועט ווסן וואָס צו טאָן פאַר אים, וועט ער פאַרן דאָקטאָר טאָן נאָך מער...

— ווער זענט איר אין שטאָט? — גיט דער דאָקטאָר אַ פרעג — דער אַפּטייקער?

— ניין, — ענטפערט ער — ניט דער אַפּטייקער, נאָר דער אַנדערטייקער, דער באַגרעבער...

דער שמש

אין אַ סך שולן אין אַמעריקע איז דער שמש דער גאַנצער בעל-דעה. עטלעכע מאָל איז געקומען אַן אייראָפּעאישער רב פון דער שארית הפליטה און האָט געוואָלט אין אַ שול האַלטן אַ דרשה. דער שמש האָט בשום אופן אים ניט געלאָזט רעדן. איז דער רב אַרויס פון די כלים און אַזוי דעם שמש געזאָגט:

— דער שמש פון ציצית ווערט פאַרדרייט; דער שמש פון חנוכה-ליכט ווערט פאַרברענט און דער שמש פון דער שול ווערט ניט פאַרדרייט און ניט פאַרברענט...

ער ווייסט ניט

אַ מאַן איז אומגעוואָרפן געוואָרן פון אַן אויטאָמאָביל אין גאַס. ווען אַ פּאָליציאַנט האָט אים געפרעגט צי ער איז באַשעדיקט, האָט ער געענטפערט:

— איך ווייס ניט. איך מוז זיך פריער זען מיט מיין אַדוואָקאַט...

פון סינג סינג

אַ באַזוכער אין סינג סינג האָט געפרעגט דעם אויפזעער צי דער טויט אויף דער עלעקטרישער שטול איז לייכטער און פאַרשאַפט ניט קיין שמערצן.

— ביז איצט — האָט דער אויפזעער געענטפערט — האָט זיך נאָך קיינער ניט באַקלאָגט.

אַ פּעדלער

אַ פּעדלער קלינגט אין אַ טיר און אַ פרוי עפנט.

— גייט, גייט, איך דאַרף גאָרנישט — רופט זי אויס — מען ווערט אויסגעריסן פון די שנאָרערס און פון די פּעדלערס...

דער פּעדלער לאָזט איר אויסרעדן און ענטפערט איר:

— מיסעס, איך האָב אייך געוואָלט בלויז ווייזן אַ מיטל קעגן זומער-שפּרענקלעך, קעגן אויסשיט אויפן פּנים און קעגן שיטערע האָר...

זי האָט פאַרבלאָנדזשעט

אַ יידענע האָט באַקומען אַ שרעקלעכן צאָן-ווייטיק און זי איז אַריין אין אַ געביידע, וואו עס האָבן זיך געפונען אַלערליי קאַנצעלאַריעס פון אַדוואָקאַטן און געשעפטלעכע ביוראָען. זי עפנט די טיר פון איין ביוראָ און דערזעט דאָרט אַ יידיש מיידל, וואָס האָט געשריבן אויף אַ שרייב-מאַשין.

— טעכטערשי — ווענדט זי זיך צו דער מיידל — דאָ רייסט מען די ציינער?

דאָס מיידל האָט גראָד פאַרשטאַנען יידיש און האָט אויפן אָרט איר געענטפערט:

— ניין, דאָ רייסט מען נישט די ציין, דאָ רייסט מען די הויט...

אַ ייד, אַ בוכהענדלער

אויף אַן אויספאַרקויף פון ביכער האָט דער סוחר, אַ ייד, געהאַט בלויז איין יידיש בוך. ער האָט קיין יידיש ניט געקענט, האָט ער ניט געוואוסט דעם נאָמען פון בוך.

— וואָס גיט מען פאַר דעם בוך — האָט ער אויסגערופן — וואָס דער אָנהויב איז צום סוף?

אַן אָנצוהעריניש

אַ יונגערמאַן באַגעגנט צוויי פריינט זיינע און זאָגט צו זיי:

— איר ווייסט, אַז ס'קומט מיר אַ מזל טוב, מיין פרוי האָט ערשט נעכטן געבוירן אַ ייִנגל.

— נו, — ענטפערן זיי, — איז טאַקע מזל טוב דיר! נאָר זאָג נאָר, וואו וואוינסטו?

דער יונגערמאַן גיט זיי זיין אַדרעס און זאָגט דערביי:

— אַז איר וועט צוקומען צו מיין טיר זאָלט איר אָנקלינגען מיטן עלנבויגן, אָדער אָנקלאַפּן מיטן פוס אויף דער טיר.

— פאַרוואָס עפּעס אַזוי? — וואונדערן זיך די פריינט.

— ווייל — ענטפערט ער — איר וועט דאָך צו מיר אוודאי ניט קומען מיט ליידיקע הענט...

אומזיסט

טרעפט זיך אַ יידישער קולטור-טוער מיט אַ באַקאַנטן יידישן פּאָעט.

— ווי קומט עס? עס איז דאָך שוין שפּעט אין סעזאָן און דו ביסט נאָך נישט געווען אין יידישן טעאַטער? מען דאַרף דאָך העלפן אויפהאַלטן יידישע קולטור — זאָגט דער טוער צום פּאָעט.

— אַז איך וועל קריגן צוויי בילעטן אומזיסט, וועל איך גיין אין יידישן טעאַטער — ענטפערט דער דיכטער.

דער קולטור-טוער איז בייז געוואָרן און גלייך געענטפערט:

— איך האָב פאַר דיר אַ גוטע עצה, ווי דו קאָנסט גיין אין טעאַטער אומזיסט. גיי אַריבער צום טעאַטער און בעט דעם אַדמיניסטראַטאָר, ער זאָל דיר געבן צוויי בילעטן אומזיסט, וועט ער דיר דאָך געווים נישט געבן, וועסטו האָבן אומזיסט געגאַנגען אין טעאַטער...

צדקה איז עפּעס אַנדערש

מען דערציילט, אַז ווען ביאַליק איז געווען אין אַמעריקע איז ער מיט שמריהו לעווין געגאַנגען צו אַ ניו-יאָרקער גביר, אים צו פאַראינטערעסירן אין דעם פּלאַן צו גרינדן דעם נייעם פאַרלאַג „דביר" און אַז ער זאָל קויפן דעם ערשטן צענדליק אַקציעס פונעם פאַרלאַג. דער גביר, נעבעך אַן עם-הארץ, האָט געבעטן מען זאָל אים דערקלערן די אויפגאַבע פונעם פאַרלאַג, און ביאַליק האָט אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מען מוז ראַטעווען די אוצרות פון דער יידישער קולטור און מען וועט אַרויסגעבן די ווערק פון ר' יהודה הלוי און ר' שלמה אבן גבירול.

דערהערנדיק דאָס וואָרט גבירול האָט דער רייכער ייד געפרעגט:

— כ'פאַרשטיי ניט, אויב ר' שלמה איז אַ גביר קאָן ער דאָך אַליין אַרויסגעבן זיינע ווערק?

— יאָ, — ענטפערט ביאַליק, — אָבער ער איז, ניט פאַר אייך געדאַכט, פאַראָרעמט געוואָרן.

— און פאַרגעסט ניט, — האָט דער וויציקער שמריהו לעווין צוגעגעבן, — אַז ער האָט נעבעך איבערגעלאָזט אַן אלמנה מיט פינף קינדער...

— אויב אַזוי, — האָט דער גביר, אַ געריכטער אַ זאָג געטאָן, — איז עפּעס אַנדערש! צדקה בין איך אַלעמאָל גרייט צו געבן.

און ער האָט באַלד געגעבן אַ טשעק.

אַן אומגליק

אַ פּאָרפאָלק פון גרינע, ניי־געקומענע עמיגראַנטן, פאָרט אין סאַבוויי. אַ מאַן, וואָס איז געזעסן נעבן זיי, שטייגט אויס און לאָזט איבער זיין ענגלישע ציימונג. דער גרינער הויבט אויף די ציימונג און קוקט אַריין, אָבער ער האַלט די ציימונג איבערגעקערט. זיין פרוי דערזעט אין דער ציימונג אַ בילד פון אַ שיף, גיט זי אַ געשריי צו אים:

— שלמה, שוין ווידער אַן אומגליק! אַ שיף האָט זיך איבערגעקערט!

— נו, יאָ, — ענטפערט שלמה, — אַ דאַנק דעם אויבערשטן, וואָס מיר זיינען שוין אָנגעקומען בשלום.

ווידער אַמאָל „יודן"

אַ דייטשער פּליכטלינג גייט פאַרביי אַ פרוכט־געוועלב און הערט ווי דער פאַרקויפער שרייט: „זעקס פּאָמעראַנצן פאַר 10 סענט!" גיט ער אים אַ פרעג, צי אַז ער וועט ביי אים קויפן אַ סך אויף אַמאָל, וועט ער לייזן נאָך ביליקער? פרעגט אים צוריק דער פאַרקויפער:

— נאָכוואָס דאַרפט איר די פּאָמעראַנצן? אפשר פאַר „דזשום" (זאַפט)?

— דאָנערוועטער! — שרייט אויס דער פּליכטלינג — אפילו אין אַמעריקע האָבן זיי אויך נאָר צו טאָן מיט „דזשום", מיט יודן!...

אַ וואוילע פאַרשטעלונג

אין קאַסינאָ האָט דער „סאָשעל דירעקטאָר" געהאַלטן אין איין זאָגן וויצן. בשעת מעשה האָט ער באַמערקט ווי אַ יידענע, וואָס זיצט אונטערן רעפלעקטאָר, מאַכט אַלעמאָל „איי גוט! איי גוט!". נאָך דער פאָרשטעלונג איז ער צוגעגאַנגען צו איר און געפרעגט:

— נו, מאַמעניו, ווי איז אייך געפעלן מיין פאָרשטעלונג?

— שטעל דיר פאָר, — האָט די יידענע געענטפערט, — אין יידישן טעאַטער הער איך בעסערע וויצן.

— פאַרוואָסזשע האָט איר געשריען: „איי גוט!" — פרעגט ער אַ געפּלעפטער.

— דער עלעקטרישער רעפלעקטאָר — ענטפערט די יידענע — האָט מיר אַזוי געוואַרעמט מיין קראַנקע פּלייצע, אַז כ'האָב זיך פשוט מחיה געווען...

ער באַוואָרנט זיך

צוויי יידן טרעפן זיך אין גאַס. רופט זיך אָפּ איינער:

— זאָג נאָר, שלמה, וואָס שטייסטו עפּעס אין מיטן גאַס און שרייבסט מיט אַ בליישטיפט?

ענטפערט שלמה:

— פאַרשטייסטו מיך, טאָמער וועט מיך אָט יענער אויטאָמאָביל איבערפאָרן, נעם איך באַצייטנס אַרונטער דעם נומער...

אַ גוטער מיטאָג

צוויי גוטע פריינט טרעפן זיך און איינער פרעגט דעם צווייטן, ווי ער האָט פאַרבראַכט ביים מיטאָג ביי זייער ביידענס פריינט. דערציילט ער אים ווי עס איז דאָרט געווען:

— ווען די זופּ וואָלט געווען אַזוי וואַרעם ווי דער וויין און דער וויין וואָלט געווען אַזוי אַלט ווי די קאַטשקע און די קאַטשקע אַזוי פעט ווי די באַלעבאָסטע און די באַלעבאָסטע אַזוי קאַרג מיטן שנאַפּס ווי דאָס דינסטמיידל מיט די מים-אחרונים, וואָלט עס געווען אַ נישקשה'דיקער מיטאָג.

ניין איז ניין

אַ פּוילישע יידענע, וואָס איז געקומען קיין אַמעריקע, איז געגאַנגען זוכן אַ דירה, טרעפט זי אָן אויף אַ ליטווישער באַלעבאָסטע, וועלכע פרעגט ביי איר:

— האָט איר עפּעס קינדער?

— נאָין — ענטפערט די וואַרשעווערין.

ווען די פּוילישע יידענע האָט זיך אַריינגעצויגן אין דער דירה און די ליטווישע באַלעבאָסטע האָט דערזען ווי עס שלעפּן זיך נאָך איר אַ סך קינדערלעך, קיין עין־הרע, איינס נאָכן אַנדערן, גיט זי אַ זאָג אויסער זיך פאַר כעס:

— סטייטש, איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר האָט ניט קיין קינדער און צום סוף ברענגט איר אַ גאַנצן מנין.

— אַדרבה, — ענטפערט רואיק די פּוילישע, — ציילט איבער און זעט צי האָב איך צען קינדער, איך האָב אייך געזאָגט נאָין — און האָב געבראַכט נאָין.

ער וויל זען „גוטס"

אַ ייד פאָרט אין סאָבוויי און באַמערקט ווי אַ צווייטער ייד זיצט און לייענט „פאָטער" קאָגלינס צייטונג „סאָשל דזשאָסטיס". גייט ער צו אים צו און פרעגט אים:

— סטייטש, ווי שעמט איר זיך ניט צו לייענען אַזאַ אַנטי־סעמיטישע צייטונג?

— איכ'ל אייך זאָגן, — ענטפערט אים יענער, — ווען איך לייען אַ יידישע צייטונג, וואָס זע איך דאָרטן? נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל וועגן יידישע צרות, נעבעך, ווי מען טרייבט זיי דאָ, און מען מוטשעט זיי דאָרט, און ווי זיי קאָנען ניט געפינען קיין אויסוועג פון זייערע אומגליקן. אָבער, אַז איך לייען דעם „סאָשל דזשאַסטיס" איז דאָך פּשוט אַ מחיה! דאָרט זע איך ווי אַלע יידן זיינען באַנקירן אָדער גרויסע אינדוסטריאַליסטן און זיי הערשן אין אַלע לענדער. נו, זאָגט אַליין, איז דאָס ניט קיין אמתער פאַרגעניגן?...

דאָס בעסטע

נאָך דעם, ווי עטלעכע יידן פון דער פראָווינץ האָבן פאַר־בראַכט אַ גאַנצן טאָג אויף דער וועלט־אויסשטעלונג, זיינען זיי שפּעט ביינאַכט געקומען אין האָטעל; האָט אימיצער אַ פרעג געטאָן איינעם פון זיי:

— ווי איז דיר געפעלן געוואָרן די אויסשטעלונג? האָסטו כאָטש באַזוכט די „דזשענעראַל מאָטאָרס" געביידע?

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן? — האָט ער געענטפערט — נאָך דעם, ווי איך בין געשטאַנען דריי לאַנגע שעה אויף מיינע פיס וואַרטנדיק אין דער ריי אַריינצוקומען אין דער געביידע, בין איך אַריינגעקומען קוים מיט צרות אַ מידער און זיך גע־זעצט אויף אַ שטול. געטראַכט האָב איך דאַן, אַז אָט די שטול איז דאָס סאַמע בעסטע און נוצלעכסטע, וואָס דזשע־נעראַל מאָטאָרס האָט אין דער אויסשטעלונג!...

אריכת ימים...

אַ מעשה שהיה. אין אַ יידישן טעאַטער האָט אַ קהל'שער טוער אַמאָל געמאַכט אַן אַפּיל לטובת אַ געווסן סאַנאַטאָריום. ער האָט אין זיין רעדע דערציילט אַ טראַגישע געשיכטע פון אַ יידישן יונגערמאַן, וואָס געפינט זיך שוין באַלד צוויי יאָר אין דעם סאַנאַטאָריום און זיין כלה וואַרט אויף אים ביז ער וועט געזונט ווערן; געענדיקט זיין רעדע האָט ער מיט די ווערטער: „ווער פון אייך וועט געבן 10 דאָלער אויסצוהאַלטן דעם יונגערמאַן אַ וואָך?" האָט זיך צווישן די, וואָס האָבן זיך אָפּגערופן מיט געלט געפונען איינער, וואָס האָט געגעבן גאַנצע 10 דאָלער. דער אַפּיל־מאַכער האָט דאַן מיט באַגייסטערונג אויסגערופן:

— דערפאַר וועט אייך דער אויבערשטער געבן אריכת ימים, און איך בין אייך מבטיח, אַז דאָס ערשטע קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן ביים פּאָרפאָלק, וועט מען אַ נאָמען געבן נאָך אייך...

עס האָט אים מערער געקאָסט

אַ יידענע איז געקומען אויפֿן בית-עולם צו קבֿר-אבֿות. קומט צו איינער פֿון די „מלא-מאַכערס" און לייגט פֿאַר צו מאַכן אַ „הזכרה". גיט די יידענע ביי אים אַ פֿרעג:

— זאָגט מיר, ר' ייד, וויפֿל רעכנט איר פֿאַר אַ „מלא"?

ענטפֿערט ער: „מיט אָפֿענע אויגן וועט אייך קאָסטן אַ האַלבן דאָלער און מיט פֿאַרמאַכטע, ד. ה. מיט גרויס כוונה, וועט אייך קאָסטן אַ דאָלער.

„אָלראַיט", באַשטייט די יידנעע, „זאָל זיין מיט פֿאַרמאַכטע אויגן". האָט דער ייד פֿאַרמאַכט די אויגן און אויסגעזונגען אַ „מלא", אַז עס איז געווען אַ מחיה צו הערן.

אָפּגעענדיקט, גיט ער אַן עפֿן די אויגן און עס רייסט זיך פֿון אים אַרויס: „אוי, אַ וויטיק איז מיר!" והאשה איננה — די יידענע איז דערוויל נעלם געוואָרן...

דאָס לעצטע העמד

טרעפֿן זיך צוויי יידן אין גאַס. איינער פֿרעגט דעם צווייטן:

— אפֿשר קאָנסטו מיר אויסטייטשן פֿאַרוואָס די פֿערד, וואָס לויפֿן אויף געיעגן פֿילן קיינמאָל נישט קיין קעלט?

ענטפֿערט דער צווייטער:

— ווייל די שפּילערס לייגן אויף זיי אַרויף דאָס לעצטע העמד!

אַ גרינגער נאָמען

אַ פֿרוי פֿון בראָנקס קומט אין שפּיטאָל באַזוכן אירע אַ פֿריינדין, וואָס האָט דאָרט ערשט געבוירן אַ ייִנגעלע. פֿרעגט זי ביי דער קימפּעטאָרין:

— וואָס פֿאַר אַ נאָמען וועסטו געבן דיין זונדעלע?

— מיר'ן אים רופֿן דזשעראָם — ענטפֿערט זי.

— זייער פֿיין, — מאַכט די פֿרוי, — ס'וועט זיין גרינג צו געדענקען, ווייל אונדזער טעלעפֿאָן-נומער איז דזשעראָם סעווען...

„פרומע" יידן

אַ פרומע יידישע פאַמיליע האָט זיך אַריבערגעצויגן פאַרן זומער אין ברייטאָן ביטש. איינמאָל איז דער זיידע אויפגעשטאַנען פיר אַזייגער פאַרטאָג כדי צו גיין אין שול דאַווענען. גייט ער פאַרביי אַ הויז און זעט ווי פיר יידן זיצן אויף דער וועראַנדע און שפּילן אין קאָרטן — מסתמא פאַרטיפט אין אַ פינאַקל. שטייט ער אַזוי, קוקט און טראַכט און זאָגט צו זיך אַליין:

— אוי, גאָטעניו! איך האָב געהערט און געזען יידן אויפשטיין צו סליחות, יידן אויפשטיין פאַרטאָג אָפּצוריכטן חצות, אויפשטיין פאַרטאָג דאַווענען און לערנען, אָבער אַז יידן זאָלן אויפשטיין פאַרטאָג צו שפּילן קאָרטן, דאָס זע איך צום ערשטן מאָל!

דער חילוק

— זאָגט מיר, וואָס איז דער חילוק פון אַן אַלטן בית-מדרש ביז אַ היינט-מאָדישן צענטער?

— גאָר פשוט. אין אַ היימישן בית-מדרש זיינען אַלע מאָל געווען ניין (9) יידן און מען פלעגט גיין זוכן נאָך אַ יידן, ער זאָל צום מנין זיין דער צענטער, אָבער אין אַ מאָדערנער שול איז בלויז געבליבן דער „צענטער", אָבער די ניין יידן פעלן...

דער „סיטיזען" קאַנדידאַט

אַ קלאָוקמאַכער שטייט פאַרן ריכטער, וועלכער דאַרף אים אַרויסגעבן בירגער-פּאַפּירן. פרעגט אים דער ריכטער די געוויינלעכע פראַגע: וויפל שטאַטן זיינען פאַראַן אין די פאַראייניקטע שטאַטן? ווער איז דער איצטיקער פּרעזידענט? דער בירגער-קאַנדידאַט ענטפערט ריכטיק. צולעצט גיט דער ריכטער אַ פרעג:

— ווער האָט באַפרייט די שקלאַפן?

— וואָס הייסט, ווער? — ענטפערט דער קלאָוקמאַכער, — אַוודאי דייוויד דובינסקי...

געבליבן אַ בעל־חוב

אין אַ גרויסער יידישער אַרבעטער־יוניאָן האָט מען איינ־מאָל איינגעפירט, אַז יעדער מיטגליד זאָל ווערן באַשטייערט מיט 10 דאָלער אַ יאָר פאַר אַ סטרייק־פאָנד. די מיטגלידער האָבן, ווי גוטע יוניאָן־לייט, דעם שטייער געצאָלט. ווען עס איז אָבער אַוועק אַ יאָר און קיין סטרייק איז ניט געווען, זיינען אַלע מיטגלידער געקומען צום פּרעזידענט פון דער יוניאָן מיט אַ טענה:

— סטייטש? מיר האָבן אַזוי פיל געלט איינגעצאָלט און ס'איז גאָר קיין סטרייק ניט געווען.

— גוט, — האָט דער פּרעזידענט זיי באַרואיקט, — וועל איך אייך שולדיק בלייבן אַ סטרייק...

זי זוכט דעם בעזים

אַ גרופּע פריינט, מענער און פרויען, זיינען געזעסן ביז שפּעט ביינאַכט ביי אַ קאָרטן־שפּיל. פּלוצים רופט זיך אָפּ איינע פון די שפּילערינס:

— אוי, ווי דערלעב איך שוין צו זען דעם בעזים!

— וואָס טויג אייך דער בעזים? — האָבן די מיטשפּי־לער אַ פרעג געטאָן.

— ווייל — ענטפערט זי — איך וואָלט שוין געוואָלט האַלטן ביים קערן (קרן)...

ווער זיינען זיי?

אַן אָרגאַניזאַטאָר פונעם יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַר־באַנד האָט געזוכט אַריינצונעמען ווי אַ מיטגליד איינעם, וואָס האָט געאַרבעט ווי אַ קעלנער אין אַ רעסטאָראַן. ער איז צו אים געגאַנגען איין מאָל און אַ צווייט מאָל. ביים דריטן מאָל האָט ער דעם קעלנער דערציילט, אַז צום פאַרבאַנד געהערן אַזוינע גרויסע מענטשן ווי דוד פּינסקי, חיים גרינבערג און אַנדערע שיינע יידן.

— זאָגט־זשע מיר, — רופט זיך אָפּ דער קאַנדידאַט, — באַלאַנגען די יידן אויך אין דער וויימער'ס יוניאָן?

מוחל די ברכות

אַ מלבושים-פאַבריקאַנט האָט אין אַ געווייסן טאָג געהאַט אַ סך ערגעניש אין פאַבריק, ווייל פון אַ סך קונים זיינען צו אים צוריקגעקומען פעקלעך מיט צוריקגעשיקטע סחורה. איינמאָל איז ער אין אָוונט, ווי תמיד, אַהיימגעקומען. ער איז דערשטוינט געבליבן שטיין, ווען ער האָט געטראָפן אין שטוב פיל געסט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז זיין ווייב האָט זיי אַלעמען איינגעלאַדן, ווייל גראָד איז אין יענעם טאָג אויסגעפאַלן זיין געבוירנטאָג. ווען מען האָט אָנגעהויבן מאַכן „לחיים", האָבן אַלע אים געווינטשן: מעני העפי ריטוירנס!"

— אוי געוואַלד! — האָט דער בעל-שמחה אויסגעשריען — וואָס האָט איר צו מיר? כ'האָב שוין היינט געהאַט גענוג ריטוירנס...

כשרע עדות

אַ פרומער ייד גייט צום איינגנטימער פון אַ חתונה-זאַל און ווען ער באַשטעלט ביי אים דעם מאַלצייט צו דער חתונה פון זיין טאָכטער, גיט ער אים אַ פרעג:

— זאָגט מיר דעם אמת, איז ביי אייך דאָס עסן ריכטיק כשר?

— אָט האָט איר עדות, אַז ביי מיר איז כשר — ענטפערט דער אייגנטימער, ווייזנדיק אים אויף די ווענט די בילדער פונעם ווילנער גאון און פון ר' יצחק אלחנן.

— יאָ, — רופט זיך אָפּ דער מחותן, — ווען איר וואָלט געהאָנגען אויף דער וואַנט און די צוויי גאונים וואָלטן זיך דאָ אַרומגעדרייט, וואָלט איך געווען מער ווי זיכער, אַז ס'איז כשר...

דער שלעכטער שכן

אַ גרופּע פריינט האָט זיך אין איינעם אַן אָוונט פאַרזאַמלט און האָבן זיך צעשפּילט אין קאָרטן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, און האָבן דערביי, ווי עס פירט זיך, געמאַכט אַ גרויסן טומל און געפילדער. אַרום פיר אַזייגער פאַרטאָג האָט

אַ ייד, אַ שכן, אָנגעקלאַפּט שטאַרק פון יענער זייט וואַנט. רופט זיך אָפּ איינער פון די שפּילער:

— הערט אַ חוצפּה פון אַ יידן! אויפצושטיין פאַרטאָג און נעמען אַריינקלאַפּן אַ טשוואָק אין וואַנט, ווען מענטשן „שלאָפן"...

דער באַנקעט

ס'טרעפן זיך צוויי גוטע פריינט. רופט זיך איינער אָפּ צום צווייטן:

— כ'האָב געהערט, אַז דו ביזט געווען ביים באַנקעט פון דער חברה „תורה ושמחה", נו, עס איז עפּעס געווען אַ לייטישע סעודה?

— פרעג שוין ניט! — ענטפערט דער צווייטער — טיש און בענק איז דאָרט געווען ממש ווי האָלץ! פיש און פלייש, זאָג איך דיר פשוט, „עין לא ראתה"!... נו, און מים אחרונים — וויפל מען האָט נאָר געוואָלט!

ניטאָ מער די גוטע צייטן

צוויי באַלעבאַטים פון שעפּער אין גאַרמענט-צענטער פאָרן אַהיים אין סאָבוויי פאַרמאַטערט נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. זיי האָבן ניט געקאָנט קריגן קיין אַרבעטער און געמוזט אַליין פאַרקאַטשען די אַרבל און האָרעווען.

רופט זיך אָפּ איינער:

— נו, מאָרים, געדענקסט די צייטן, ווען מען האָט געוואָלט אָרגאַניזירן די שיק-יינגלעך מיר זאָלן זיי צאָלן צו 15 דאָלער אַ וואָך, און היינט ווילן מיר שוין צאָלן צו 25 און אפילו 30 דאָלער אַ וואָך, און מיר קאָנען זיי אויך ניט קריגן.

— דאָס איז נאָך גאָרניט — מאַכט דער צווייטער — איך געדענק די צייטן, ווען אַ יונג מיידל האָט מורא געהאַט צו גיין איינע אַליין ביינאַכט און היינט האָט אַ יונג מיידל מורא צו גיין איינע אַליין בייטאָג אין גאַרמענט-צענטער, טאָמער וועט, חלילה, אַ פאַבריקאַנט זי כאַפּן און איר וועלן געבן אַ דזשאַב...

ער קען וואַרטן

צו אַ פּאַראָורטיילטן אין סינג-סינג איז אין אָוונט פאַר דער עקזעקוציע, אַריינגעקומען דער וועכטער און האָט צו אים געזאָגט:

— דזשאָן, וואָס וואָלסטו געוואָלט איצט פאַר דיין לעצטן מאָלצייט? דו קענסט קריגן וואָס דו ווילסט נאָר אַליין!

— אויב אַזוי, — מאַכט דזשאָן, — דאַן גיט מיר אַ פּאָרציע „סטראָבערים מיט קרים".

— ליידער — מאַכט דער וועכטער — קענסטו איצט דאָס ניט קריגן, ווייל ס'איז נאָך ניט דער סעזאָן.

— עס מאַכט ניט, — ענטפערט דער אַרעסטאַנט, — איך קען וואַרטן...

שווער צו גלויבן

אַן אינטעליגענטער מאַן קומט אַריין אין אַ געביידע פון גאַרמענט-צענטער, און צוגייענדיק צום עלעוויטאָר, זאָגט ער צום עלעוויטאָר-מאַן: „סעווענט פלאָר, פּליז!" (אויפן זיבעטן שטאָק, ביטע).

— איר האָט פאַרבלאָנדזשעט אין דער ניט-ריכטיקער געביידע — מאַכט צו אים דער עלעוויטאָר-מאַן.

— ווי פאַלט איר אויס? עס קאָן ניט זיין! — וואונדערט זיך דער פּאַסאַזשיר און נעמט אַרויס דעם אַדרעס און ווייזט אים דעם עלעוויטאָר-מאַן.

— נו, — רופט זיך אָפּ דער עלעוויטאָר-מאַן, — עס קאָן טאַקע זיין, אַז דער אַדרעס איז ריכטיק, אָבער אין אָט דער געביידע הער איך צום ערשטן מאָל דאָס וואָרט „פּליז" (ביטע).

די עברות זיינען צו גרויס

ווען ס'איז געקומען ראש-השנה, האָט זיך אַ ייד דערמאָנט ווי אין דער אַלטער היים פלעגט מען גיין צו תשליך. רופט זיך אָפּ זיין פריינט:

— זאָג מיר, פאַרוואָס איז דער מנהג פון תשליך ניט אַזוי

שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן יידן אין אַמעריקע, ווי דאָס איז געווען אין דער אַלטער היים?

ענטפערט אים דער ייד:

— גאָר פּשוט! אין דער אַלטער וועלט, אַז אַ ייד איז באַגאַנגען אַן עבירה, איז דאָס געווען אַ קליין עבירה'לע: ער האָט פאַרגעסן צו מאַכן אַ „שהכל", אַ „בורא נפשות" צי אַן „אשר יצר"; האָט ער געקאָנט טראָגן אָט די עבירה'לעך ביי זיך אין די קעשענעס און זיי אַריינוואַרפן אין טייך. דאָ אָבער, בעוונותינו הרבים, אַז אַ ייד באַגייט אַן עבירה, איז עס אַן עבירה כדבעי; און איבערן יאָר זאַמלען זיך אָן אַ סך פון אָט די גרויסע עבירות, קאָן ער זיי ניט אַריינשטופּן און האַלטן אין די קעשענעס, איז ממילא גייט ער ניט צו תשליך...

אַ ניי וואָרט אין יידיש

בעת די וואַלן פאַר פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, ווען רוזוועלט איז געווען קאַנדידאַט, האָט זיך אינעם גאַנצן לאַנד בכלל און אין ניו־יאָרק בפרט זייער שטאַרק געקאָכט. יידן זיינען געווען פאַרליבט אין רוזוועלטן און האָבן פאַר אים געשטימט און אַגיטירט; איז אַריינגעקומען אַ ייד אין אָפיס פון יידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און האָט אַ מאַך געטאָן צום אַסיסטענט־סעקרעטאַר:

— חבר סעקרעטאַר, האָט איר שוין ג ע ר ו ז ו ו ע ל ט?...

אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אין אָפיס האָבן זיך הארציק צעלאַכט איבער דעם ניי־געשאַפענעם וואָרט אין יידיש...

אַ פרעמדער טאַטע

מלחמה־צייט איז ביי אַ יידישער פאַמיליע געבוירן געוואָרן אַ יינגל, וועמענס פאָטער איז געווען אין דער אַרמיי אויף יענער זייט ים. ווען עס איז געקומען צום קינדס ברית און דער מוהל האָט באַדאַרפט דעם קינד אַ נאָמען געבן, האָט ער צווישן עולם געפרעגט, ווי עס איז דער נאָמען פונעם קינדס פאָטער, און ווען איינער פון די געסט האָט אַ זאָג געטאָן, אַז דעם פאָטערס נאָמען איז „דזשאָו", האָט דער מוהל געזאָגט:

— נײַן, „דזשאָו" איז קיין נאָמען ניט. ווי אַזוי איז זײַן ייִדישער נאָמען.

— מסתמא „יוסף" — האָט זיך אַן אַנדער ייִד אָפּגערופֿן.

— אוי, אַ ווייטיק איז מיר! — האָט זיך פּלוצים דערהערט דאָס קול פֿון דעם קינדס באָבען — ניט געננוג, וואָס דאָס קינד האָט דאָ ניט קיין אייגענעם טאַטן, וויל מען אים נאָך געבן אַ פֿרעמדן טאַטן! מײַן זונס נאָמען איז ניט יוסף, נאָר יואל...

וואָס איז דער חידוש?

מערי, אַ ניו־יאָרקער ייִדישע פֿרוי, איז אַוועקגעפֿאָרן קיין מיאַמי־ביטש אויף וואַקאַציע. אָנקומענדיק אַהין, איז זי פּלוצים קראַנק געוואָרן און, לא עלינו, געשטאָרבן. האָט מען איר קערפּער געבראַכט קיין ניו־יאָרק. אין דעם טשאַפּל האָט מען אַוועקגעשטעלט דעם ארון און מענטשן זײַנען צוגעגאַנגען זען דאָס פּנים פֿון מת, נוסח אַמעריקע...

זאָגט איין קרובה צו אַ צווייטער:

— זע נאָר, טײַערע, ווי שיין מערי קוקט אויס!

— וואָס פֿאַר אַ וואונדער, — ענטפֿערט יענע, — זי איז דאָך ערשט געקומען פֿון פֿלאָרידע...

די אסיפה

אַנומלט איז אַ ייִד אַרויף צום באַלעבאָס פֿון זײַן וואוינונג מיט אַ בקשה ער זאָל אים עפּעס אין דער דירה פֿאַריכטן. צו זײַן דערשטוינונג האָט דער ייִד געטראָפֿן בײַם הויז־אייגנטימער אַ גאַנצע אסיפה: דעם קצב, דעם קאָלאָניאַל־סוחר, דעם בעקער, דעם מילכמאַן און דעם דעליקאַטעסן־מאַן.

אויף זײַן פֿראַגע: „לשמחה מה זו עושה?" — וואָס איז דאָ אַזאַ גדולה? ענטפֿערט אים זײַן באַלעבאָס:

— היות ווי מיר האָבן געלייענט אין צײַטונג, אַז דער קלאָוקמאַכער גייט קריגן אַ הוספֿה פֿון צוויי און אַ האַלב דאָלער אַ וואָך, האָבן מיר זיך פֿאַרזאַמלט וועגן דעם, ווי אַזוי מיר זאָלן זיך איינטיילן מיט די פּאָר דאָלער.

דער בעסטער סימן

מיין טאָכטער, וואָס האָט ערשט חתונה געהאַט, האָט זיך באַזעצט אין אַן ערשט-קלאַסיקער געגנט אין אַ ניו-יאָרקער פאָרשטאָט. קומענדיק די טעג צו אונדז צוגאַסט גיט די מוטער ביי איר אַ פרעג:

— זאָג נאָר ,טאָכטער, פון וואַנען ביסטו זיכער, אַז דו קויפסט דאָרט פלייש ביי אַן אמת כשרן קצב?

— וואָס הייסט? — ענטפערט די טאָכטער — אוודאי בין איך זיכער, ווייל יעדעס מאָל ווען איך קום אין יאַטקע און קוק אויפן קצב׳ס פנים זע איך, אַז ער דאַרף האָבן אַ „שעיור", ער לאָזט זיך וואַקסן די באָרד...

ניט אין דער ריכטיקער צייט

איינמאָל, פאָרנדיק אין אַ טעקסי, האָב איך באַמערקט, אַז די טעקסי איז כמעט ווי צעבראָכן און סקריפּעט שטאַרק אונ-טער. זאָג איך צום טרייבער:

— עס קומט מיר פאָר, אַז דיין טעקסי איז גוט פאַר פאָל (הארבסט) און ווינטער, אָבער ניט פאַר פרילינג.

— פאַרוואָס? — פרעגט ער מיך.

— ווייל — זאָג איך — דו זעסט דאָך אַליין, אַז דיין טעקסי האָט ניט קיין ספרינגס.

דער אַסיסטענט

מען דערציילט, אַז ווען דער באַרימטער מאַרטירער מענדל ביילים האָט זיך באַזעצט אין ניו-יאָרק, האָט ער געעפנט אַן אָפיס פון וואַנען ער האָט געשיקט בריוו צו רייכע יידן אים צו העלפן אין זכות פון זיין פאַרגאַנגענהייט. דערביי האָט ער אין זיין אָפיס אָנגעשטעלט אַ יונגעמאַן אים אַרויסצוהעלפן אין זיין קאָרעספּאָנדענץ. האָבן דעם יונגעמאַן אייניקע פריינט זיינע אַמאָל געפרעגט:

— וואָס טוסטו דאָרט ביי מענדל ביילים?

— וואָס הייסט? — האָט ער געענטפערט — איך בין דאָך דאָרט דער אַסיסטענט-מאַרטירער!...

די אורזאַך

זייענדיק אַנומלט אין אַ פּראָווינץ-שטאָט צו אַ יידישער חתונה, שטעלט מען מיר פאָר איינעם פון די געסט מיטן נאָמען „מר. פוירגוסאָן”. טראַכט איך ביי זיך, אַז דאָס מוז אוודאי זיין איינער פון די אַלטע ענגלישע יענקים. ווען מען האָט זיך אָבער צערעדט, ווער איך געוואויר, אַז דאָס איז אַ ייד פון אונדזערע יידישע יידן. גיב איך אים אַ פרעג:

— ר׳ ייד, ווי קומט צו אייך אַזאַ יענקישער נאָמען?

— גאָר פּשוט, — ענטפערט ער מיר, — ווען איך בין מיט צוואַנציק יאָר צוריק געקומען קיין אַמעריקע, בין איך דעם גאַנצן וועג געפאָרן אויף אַ פרעמדן פּאַס. און כאָטש כ׳האָב זיך אויף דער שיף כסדר געחזרט דעם נאָמען האָב איך אויף עלים איילענד, ווען דער דאָלמעטשער האָט מיך געפרעגט „וואָס איז דיין נאָמען?” זיך שטאַרק דערשראָקן. און פון גרויס צעטומלטקייט איז מיר דער נאָמען אַרויס פון קאָפּ און איך האָב געענטפערט: „כ׳האָב פאַרגעסן”. דער באַאַמטער האָט אַ זאָג געטאָן: „אָ, מר. פוירגוסאָן איז יור נעים?” און האָט טאַקע אַזוי פאַרשריבן און אַזוי איז מיין נאָמען געבליבן...

די געשיכטע פון אַ נאָמען

מיט יאָרן צוריק האָב איך זיך אַריינגעצויגן אין אַ נייער דירה אין אַ יידישער געגנט. איך האָב געדאַרפט עפּעס געבן פאַר-ריכטן צו אַ שניידער, זע איך אַ שניידער-קראָם מיט אַ שילד: „דזשאָן קעלי, טעילאָר”. וואונדער איך זיך, ווי קומט אין אַ יידישער געגנט אַן אירלענדער און נאָך אַ שניידער דערצו? אָבער אַז איך בין אַריינגעקומען, האָב איך פאַר זיך דערזען אַ שניידער מיט אַ דורכאויס יידישער צורה און תנועות פון אויבן ביז אַראָפּ. אויף מיין פראַגע, ווי עס קומט צו אים דער נאָמען דזשאָן קעלי, האָט ער מיר אַזוי געענטפערט:

— מיט אַ יאָר פערציק צוריק, ווען איך בין אַהער-געפאָרן אויף אַן ענגלישער שיף, האָבן אַלע יידישע פּאַסאַזשירן מיך גערופן יאַנקעלע, נאָר די ענגלישע שיף-באַדינער, וואָס

האָבן דעם נאָמען ניט געקאָנט נאָכזאָגן, האָבן מיך גערופֿן „דזשאַנקעלי". אָנקומענדיק אין עלים איילענד, האָט דער אַמע־ריקאַנער באַאַמטער געפֿרעגט, ווי מען רופֿט מיך, האָב איך אים אויך געזאָגט „דזשאַנקעלי", און ער האָט מיך טאַקע אַזוי איינגעשריבן, נאָר צעטיילט „דזשאַן קעלי", און אַזוי הייס איך ביזן היינטיקן טאָג.

נישט פֿאַר אים

אַ גרינער איז געקומען צו זיינע פֿריינט אין מיאַמי, האָבן זיי איינמאָל אים מיטגענומען צו די פֿערד־געיעגן און האָבן אים געוויזן די רייע פֿענצטערלעך, דורך וועלכע מען צאָלט איין, און די פֿענצטערלעך, דורך וועלכע מען צאָלט אוים צו די גע־ווינער. רופֿט זיך אָפּ דער גרינער:

— אויב פֿאַר איינצאָלן זיינען דאָ 24 פֿענצטערלעך, און פֿאַר אויסצאָלן די געווינער זיינען דאָ בלויז צוויי פֿענצטערלעך — איז דאָס שפּיל נישט פֿאַר מיר...

ער לערנט „היברו"

אַ יינגעלע האָט אָנגעהויבן גיין אין אַ יידישער פֿאָלק־שול. הערט ער ווי דער לערער זאָגט צו אַ צווייטן יינגל, אַז אַ פֿיש אין „היברו" איז „דג". ווען דאָס יינגעלע איז אַהיימ־געקומען, האָט ער געזאָגט צו זיין מוטער:

— מאַ, מיין לערער קען ניט קיין „היברו". ביי אים איז גאָר אַ פֿיש — אַ „דאָג"...

שלעכטע ביזנעס

דער יצר־טוב באַגעגנט זיך אַמאָל מיטן יצר־הרע, גיט ער אים אַ פֿרעג:

— וואָס מאַכסטו עפּעס, קאָלעגע, ווי גייט עס דיר אין דיינע געשעפֿטן?

— זייער שלעכט, — ענטפֿערט אים דער יצר־הרע, — ביז איך קום צו מיינעם אַ היינטיקן קונה און וויל אים אָנרעדן צו זינדיקן, האָט ער שוין די עבֿירה אָפּגעטאָן אָן מיר...

דעמאָקראַטן און רעפּובליקאַנער

מיינעם אַ באַקאַנטנס אַ זיבן־יאָריק יינגעלע איז ערב די פּרעזידענט־וואַלן צוגעקומען צו זיין פאָטער און האָט צו אים געזאָגט:

— פּאַ, דו מוזט מאָרגן שטימען פאַר טרומאַנען, דעם דע־מאָקראַטישן קאַנדידאַט.

— פאַרוואָס, מיין קינד? — פרעגט דער פאָטער.

— ווייל — ענטפערט דאָס יינגעלע — כ'האָב געהערט זאָגן אין שולע, אַז אויב דער רעפּובליקאַנער קאַנדידאַט וועט דערוויילט ווערן, וועלן מיר מוזן גיין אין שולע שבת און זונטיק...

ניט פאַר זיין מוח

אין דער צייט פון דער מלחמה איז איינגעפירט געוואָרן, כידוע, די „ריישאַנינג" סיסטעם. קומט אַריין אַ יידישע פרוי אין דעם שכנישן גראָסערי־געשעפט און ס'גייט צו איר צו אַ יונגערמאַן מיט ברילן, אָנגעטאָן אין אַ בלענדענדיקן ווייסן רעקל פון אַ דראָגיסט, און גיט צו איר אַ זאָג אין אַ פיינעם ענגליש:

— ווהאָט דו יו וויש, ליידי? (וואָס ווילט איר, פרוי?)

בלייבט זי אַ ווײַלע שטיין ווי געפּלעפט און ווייסט ניט וואָס צו זאָגן.

דערזעענדיק, אָבער, ווי אין דער זייט זיצט זיך דער גראָסערימאַן און מישט זיך ניט, גיט זי צו אים אַ זאָג:

— מאָרים, וואָס איז דאָ עפּעס נייעס?

— וואָס זאָל זיין? — ענטפערט דער גראָסערימאַן — אַז פּוטער דאַרף מען פאַרקויפן אויפן אונצעלע, און אַלע אַנדערע זאַכן קאָן מען נאָר פאַרקויפן אויפן לויט, און די פרייזן זיינען איצט פונקט ווי אין אַן אַפּטייק, האָב איך מיר אַריינגענומען אַ דראָגיסט אין געשעפט אַריין, ווייל אַליין האָב איך אין קיין קאָלעדזש ניט געלערנט...

דער חילוק

צוויי יידן טרעפן זיך אין גאַס. איינער פרעגט דעם צווייטן:
— גיב מיר צו פאַרשטיין, וואָס איז דער חילוק צווישן „ריסעשאָן" און „דעפּרעשאָן"?
ענטפערט דער צווייטער:
— גאָר פשוט: ווען מ'זאָגט אָפּ פון דזשאָב דעם בעסטן גוטן פריינט, איז עס — ריסעשאָן; און ווען מ'זאָגט דיר אַליין אָפּ, איז עס — דעפּרעשאָן.

וואָס וועט זי טאָן מיטן פערד?

מיר זיינען געפאָרן צו די פערד־געיעגן אין מיאַמי. אין באַס זיינען געפאָרן צוויי יידישע פרויען. ווייזט אויס, אַז זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט, ווייל די געגנט איז זיי געווען פרעמד און זיי האָבן געפרעגט דעם קאָנדוקטאָר וואוהין דער באַס גייט.
— צו די פערד־געיעגן — האָט זיי דער קאָנדוקטאָר גע־ענטפערט.
— אויב מיר זיינען שוין דאָ, לאָמיר אויך גיין און וועטן אויף די פערד — האָט איינע פון די פרויען פאָרגעשלאָגן איר חברטע. — מעגלעך, אַז מיר וועלן געווינען.
— געווינען אַ פערד? — האָט זיך די צווייטע פרוי דער־שראָקן — וואָס וועל איך טאָן מיט אַ פערד? איך האָב נאָר אַ דריי־צימער־אַפּאַרטמענט אין ניו־יאָרק.

מען שפּילט פּאָקער

זינט ס'האָבן זיך אין דער מלחמה אָנגעהויבן די פענצטער־מאַסקירונגען און ס'איז געווען די מורא פאַר לופט־אַטאַקעס, איז געוואָרן אַ מנהג אין אַ סך יידישע הייזער, אַז מען האָט זיך געזעצט אין אָוונט שפּילן פּאָקער און מען איז געזעסן אַזוי, פאַר מורא, ביז אינדערפרי. האָט איינער אַ לץ אויף דעם געבראַכט אַ ראיה פון דער תורה: „ויהי ערב, ויהי פּויקער", „ברן יחד כוכבי פּויקער".

דקות און גסות

אַ גרינער ייִד קומט צו זײַנעם אַ קרוב אין דער פּראָווינץ. אַז מ׳האָט זיך צערעדט, האָט דער גרינער אים אַ פֿרעג געטאָן צי האָבן זיי אין שטעטל אַ שוחט.

— שור! — ענטפֿערט דער „אַמעריקאַנער" — ווי העוו אַ שאָקעט!

— וואָס שעכט ער? — פֿרעגט ווײַטער דער גרינער — דקות אָדער גסות?

— יעס — מאַכט דער אַמעריקאַנער — עווריטהינג, דאַקס ענד גוסעס, ענד טשיקענס טו (אַלצדינג, קאַטשקעס און גענז און הינער אויך)...

די געדענקט די לאַגערן

אַ פֿאַמיליע פֿון פּליטים, וואָס איז געקומען פֿון דייטש־לאַנד און שטאַמט פֿון פּוילן, האָט זיך ניט לאַנג צוריק באַזעצט אין ניו־יאָרק. ווען זיי האָבן זיך אײַנגעאָרדנט, האָט זייער 8־יאָריק טעכטערל אָנגעהויבן גיין אין שול, שפּעטער איז דאָס קינד אַהיימגעקומען מיט אַ גדולה און האָט געזאָגט: „מאַמעשי, די לערערין האָט מיר געגעבן אַן „עי" (מיינענדיק דעם צייכן „איי" פֿאַר גוט לערנען). די מוטער, אָבער, האָט זיך גלייך אָפּגערופֿן:

— קינד מיינס, פּרעה זיך ניש׳ אַזוי. אויב די לערערין האָט דיר געגעבן אַן איי, איז עס מסתמא ניט פּריש...

אַ מאָדנע שאלה

ביי אַן אַמעריקאַנער געבוירענעם ייִדן איז געשטאָרבן זיין מוטער. און אַזוי ווי די מאַמע איז ביי אים געווען זייער ליב און טייער, נאָר ער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו זיצן שבעה, האָט ער געדונגען אַן אָרטאָדאָקסישן ייִדן, ער זאָל פֿאַר אים זיצן שבעה. אויפֿן אַנדערן טאָג גייט ער צו אַ רב און פֿרעגט ביי אים אַזאַ שאלה:

— רבי, אַזוי ווי כ׳האָב געדונגען אַ ייִדן צו זיצן פֿאַר מיר שבעה, וויל איך וויסן צי דאַרף איך גיין אים מנחם אָבל זיין?...

זיך אַרויסגעדרייט

אַן אַגענט פון אַ געזעלשאַפט פון הייזער-פאַרקויף האָט אַרויסגעפירט אין זיין אויטאָ עטלעכע קונים צו אַ קליין שטעטל אויף דער פּראָווינץ. ווייזנדיק זיי די הייזער, וואָס ער האָט צו פאַרקויפן, האָט ער גענומען אויסמאָלן ווי גוט ס׳איז דאָ צו וואוינען: „איבעראַל ביימער, די לופט איז מחיה-נפשות, דאָ קאָן מען לעבן און לעבן, — האָט ער זיך צעהיצט — און אין אמתן שטאַרבט דאָ אין שטעטל קיינער ניט!” אָבער ווי נאָר ער האָט געענדיקט די ווערטער, איז גראָד פאַרבייגעפאָרן אַ לוויה. אויף דער פראַגע פון די קונים: „סטייטש, איר האָט דאָך ערשט געזאָגט, אַז דאָ שטאַרבט מען ניט?”, האָט דער אַגענט געענטפערט:

— אָט דאָס באַווייזט ערשט, אַז כ׳האָב אייך געזאָגט דעם אמת! ווייל די לוויה איז נאָכן היגן באַגראַבער, וואָס איז נעבעך געשטאָרבן פון אַ האַרץ-ווייטיק, ווייל ער האָט ניט געטאָן קיין שום ביזנעס...

די לאַנדסלייט זאָלן לעבן!

אין דער נאַכט פון די וואַלן פאַר פּרעזידענט האָט אַ לאַנדסלייט-פאַראיין אָפּגעהאַלטן אַ מיטינג ביי איינעם פון זיינע מיטגלידער אין הויז. פאַרשטייט זיך, אַז אַלע זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין דעם אויסגאַנג פון די וואַלן. די טאָכטער פונעם באַלעבאָס איז געזעסן אַ גאַנצן אָוונט אין אַן אַנדער צימער ביי דעם ראַדיאָ און זיך צוגעהערט צו די באַריכטן. אַרום איינס אַזייגער קומט זי אַריין אין פראָנט-צימער, וואו אַלע געסט זיינען געזעסן און האָט מיט פרייד אויסגערופן:

— רוזוועלט איז עלעקטעד ביי עי לענדסלייד!

שטעלט זיך אויף די מאַמע אירע און גיט אַ זאָג:

— געלויבט דער אויבערשטער, אָבער מיין האַרץ האָט מיר אַלעמאָל געזאָגט, אַז די לאַנדסלייט וועלן עלעקטן רוזוועלטן!...

הייניטיקע כהנים

ווען דער כהן איז פארטיק געוואָרן מיט דער צערעמאָניע פון פדיון הבן, האָט ער צום פאָטער פונעם בכור געטרונקען לחיים און האָט צו אים געזאָגט:

— לחיים, מיסטער סעמיועל, איך ווינטש אייך איר זאָלט האָבן נחת פונעם קינד, ביי אייער צוקונפטיקן פדיון הבן וועל איך עס פארבעסערן...

„א סאַן אָוו א גאון"

אַ יונגער ראַבאַי האָט אַנומלט חתונה געהאַט אין איינעם פון די זומערדיקע האָטעלן. זיינען זיך צו דער חופה-צערעמאָניע צונויפגעקומען געסט, מענער און פרויען פון די אַרומיקע האָטעלן. דערנאָך האָט איינער פון די נאָענטע געהאַלטן ביי דער סעודה אַ באַגריסונגס-רעדע אין ענגליש און האָט געלויבט דעם חתן מיט די ווערטער:

— „הי איז אַ טיטשער, די סאָן אָוו אַ טיטשער; אַ גאון ענד אַ סאָן אָוו אַ גאון!"

הערנדיק די לעצטע ווערטער, האָבן אַלע מיידלעך אַ געשריי געטאָן:

— „וואָט?!" — און האָבן זיך שטאַרק צעלאַכט.

ווער ס׳איז מחויב

אַן אַמעריקאַנער יונגערמאַן שטייט אין אַ שול און דאַוונט פאַרן עמוד, און אַזוי ווי ער האָט אַפּנים קיין סך ניט געלערנט, האָט ער, נעבעך, צעהרג׳עט די עברי, גייט דער רב צו צום שמש און פרעגט:

— היתכן, ווי קומט עס, אַז איינער וואָס קען ניט, זאָל גאָר צוגיין צום עמוד?

— רבי, — ענטפערט דער שמש, — ער האָט יאָרצייט, איז ער מחויב צו דאַוונען.

— יאָ, — זאָגט דער רב, — ער איז טאַקע מחויב צו דאַוונען, אָבער מיר זיינען דאָך ניט מחויב צו ליידן...

די היט אָפּ כשרות

אַ ייד קומט אין אַן אַנדער שטאָט צוגאַסט אויף אַ וואָך צו זיין פלימעניצע. אַזוי ווי ער האָט געקלערט טאָמער איז ביי איר ניט כשר, איז ער איינמאָל אַריין צו איר אין קיך און איז געווען זייער צופרידן צו זען, ווי זי מאַכט דאָס פלייש כשר, ווי דער יידישער דין איז. אַ צווייטן טאָג קומט ער ווידער אַריין אין קיך, זעט ער שוין ווי זי נעמט אַרויס דאָס פלייש, וואָס זי האָט ערשט געבראַכט פונעם קצב און וואַרפט עס גלייך אַריין אין טאָפּ צום קאָכן. פרעגט ער ביי איר:

— רחלע, וואָס טוסטו?

— גאָרניט! — ענטפערט זי — נעכטן, אַז כ'האָב געקויפט פלייש ביי אַ טרייפענעם קצב, האָב איך עס געמוזט כשר מאַכן, אָבער איצט האָב איך געקויפט ביי אַ כשרן קצב, צו־וואָס דאַרף איך עס מאַכן כשר?...

וואָס ער איז

אַ ייד, וואָס איז שוין לאַנג אין קיין שול ניט געווען, איז געקומען אין שול אַריין צו אַ בר־מצווה פון זיינעם אַ פריינט. ווען עס איז געקומען צום לייענען גייט דער שמש צו צום גאַסט און פרעגט אים:

— וואָס זענט איר? אַ כהן, אַ לוי אָדער אַ ישראל?

— איך בין — ענטפערט דער ייד — אַ גראַסערימאַן...

דער פסחדיקער סענדוויטש

די מלחמה האָט געמאַכט אַ גאַנצע איבערקערעניש אין אונדזערע רעסטאָראַנען. מען האָט אָנגעהויבן דאָרט אָפּהיטן כשרות און יידישקייט.

לויפט אַריין פסח־צייט אַ ייד אין אַ רעסטאָראַן און גיט אַ זאָג צום קעלנער:

— מאַכט מיר אַ סענדוויטש פון חזיר אויף ברויט.

— אַנטשולדיקט, — ענטפערט דער קעלנער, — איך קאָן עס אייך געבן אויף מצה, אָבער ניט אויף ברויט...

די ברילן פעלן

אַ ייד איז געקומען צו גאַסט צו זיינעם אַ קרוב, וואָס האָט געמאַכט אַ בר־מצווה אין שול; און ווי דער מנהג איז ביי אַזוינע יידן, וואָס טרעטן זעלטן איבער די שוועל פון אַ שול, איז דער גאַסט געקומען שפּעט, ווען מ׳האָט שוין געהאַט פאַר־ענדקיט דאָס לייענען; אָבער אַזוי ווי ער איז דאָך אַ גאַסט פונעם בעל־שמחה, גייט צו אים צו דער שמש און זאָגט אים:

— אין נאָמען פונעם טאַטן פונעם בר־מצווה בחור בין איך אייך מכבד מיט הגבהה.

— אַנטשולדיקט, — ענטפערט דער גאַסט, — איך האָב, ליידער, פאַרגעסן אין דער היים מיינע ברילן...

די מעלה פון „רעישאָנינג״

אַ ייד האָט געהאַט אַ טבע ביי יעדן מיטינג פון זיין פאַראיין, אויסצושרייען: „אַ פּאָינט אָוו אָרדער!״ (צו דער אָרדנונג), ווען נאָר אימיצער האָט זיך גענומען רעדן פאַר דער פאַרזאַמלונג. דער פּרעזידענט, נעבעך, האָט ניט געקאָנט העלפן, ווייל אָרדנונג איז אָרדנונג. נאָר זינט ס׳איז געקומען די גזרה פון „רעישאָנינג״ — בעת ס׳איז אָנגעגאַנגען די מלחמה — האָט דער פּרעזידענט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט אויפגעלעבט. ווייל אַזוי גיך ווי דער ייד האָט שוין געמאַכט עטלעכע „פּאָינטס אָוו אָרדער״ און האָט געוואָלט נעמען דאָס וואָרט פאַר נאָך, האָט דער פּרעזידענט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן האַמער: ס׳איז גענוג! איר האָט שוין אייערע „פּאָינטס״ פאַרפּולט...

הויך־פּאָליטיק

ים סטראַטעגיק

ווען ס'איז אין דער צייט פון דער רוסיש־יאַפּאַנעזישער קריג אָנגעקומען די נייעס, אַז דער יאַפּאַנעזישער אַדמיראַל טאָגאָ האָט צעשטערט דעם גאַנצן רוסישן פלאָט און אַז דער רוסישער אַדמיראַל מאַקאַראָוו האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן, איז צווישן צוויי בטלנים פאָרגעקומען אַזאַ שמועס:

ערשטער בטלן: אַי, ווי נאַריש דער מאַקאַראָוו איז געווען! ווען ער זאָל געווען מיט זיינע שיפן גיין אַ ביסעלע צו מזרח־צו וואָלט ער געוואונען.

צווייטער בטלן: פון וואַנען זייט איר דאָס אַזאַ מומחה אין קריג אויפן וואַסער?

ערשטער בטלן: וואָס הייסט? איך גיי דאָך יעדן פרייטיק אין מקוה אַריין!

די גרויסע וועלט

ר' חיים־יאָסל פון הוסיאַטין (גאַליציע) איז געווען אַ יושב אוהל. ער איז זעלטן אין זיין לעבן אַרויסגעפאָרן פון זיין שטעטל. מאַכט זיך איינמאָל, אַז ער פאָרט מיט מחותנים אין

אַן אַנדער שטעטל אויף אַ חתונה. אַז ער איז שוין אויפן וועג געווען אַפּגעפּאָרן אַ שעה, צוויי און דריי שעה, און מען פאָרט נאָך אַלץ, רופט ער זיך אָפּ צום באַלעגאָלע:

— זאָג מיר נאָר, סענדערל, איז דאָס נאָך אַלץ אונדזער עסטרייך?

— אוודאי! — פאַרזיכערט אים דער באַלעגאָלע.

— או־וואַ! — סמאַטשקעט ר׳ חיים־יאָסל מיט די ליפּן — פלאי פלאים! און איך האָב גאָרניט געוואוסט וואָס פאַר אַ מלך אדיר אונדזער קייזער פראַנץ יאָזעף, זאָל לעבן, איז!

פינאַנצן

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען ענגלאַנד איז געווען אין אַ ביטערן עקאָנאָמישן מצב, האָט מען געבראַכט עקאָנאָמיסטן — ראַטגעבער — ארויסצושלעפּן דעם נעבעכדיקן בודזשעט פון דער בלאָטע.

איינער פון די ראַטגעבער האָט געשטעלט זיין דיאַגנאָזע:

— איך קאָן ניט זאָגן, אַז ענגלאַנד איז באַנקראָט, אָבער פונדעסטוועגן וואָלט גאָרניט קרום געווען, אַז מ׳זאָל קענען איבערשרייבן אויף דער קעניגינס נאָמען!...

אירלענדיש בלוט

דער ענגלישער קעניג איז אַמאָל שטאַרק קראַנק געוואָרן און האָט שיער ניט געהאַלטן ביים שטאַרבן. ס׳איז געבליבן נאָר איין מיטל, מען זאָל אים געבן אַ בלוט־טראַנספוזיע. איז אָבער געווען שווער צוצופּאַסן פאַר אים דאָס ריכטיקע בלוט. נאָך לאַנגע אונטערזוכונגען האָט מען געפונען אַ מאַן, וועמענס בלוט האָט זיך געפּאַסט און אָט דער מאַן איז גראָד געווען אַן אירלענדער. ווי נאָר מ׳האָט זיין בלוט אַריינגעשפּריצט אין דעם קראַנקן, איז אים תיכף בעסער געוואָרן, אַזוי וויט, אַז ווען ער איז אַראָפּ פונעם בעט האָט ער אויסגעשריען:

— „טו העל וויט די קינג!” (צום טייוול מיט׳ן קעניג).

געמסר׳ט

אין אַ קליין שטעטל אין גאַליציע, איז אַמאָל געקומען אַ באַפעל פון קייזער פראַנץ־יאָזעף, אַז מען זאָל אים צושיקן קיין ווין צען „ליבעראַל געזונטע״ יידן, מיט וועמען ער וויל זיך דורכרעדן.

דער לייענער פון קייזערס בריוו האָט אַנשטאָט „ליבעראַל״ געלייענט „איבעראַל״, און האָט געטייטשט, אַז דער קייסער וויל האָבן צען דורכאויס געזונטע יידן.

איז געוואָרן אַ טומל אין שטעטל: וואו נעמט מען ביי יידן פולקאָם געזונטע? אַז יעדער ייד האָט עפּעס אַ מיחוש. נאָר באַין ברירה האָט מען צונויפגעשטעלט צען יידן מיט ניט־אַנזעעוודיקע פעלערן און זיי געשיקט צום קייזער.

נאָכדעם ווי דער קייזער האָט מיט זיי גערעדט עטלעכע ווערטער, איז ער צוגעגאַנגען צו איינעם פון זיי און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס מאַכן זי אין געזונט?

דער ייד איז בלאַס געוואָרן און האָט זיך אויסגעדרייט צו זיינע חברים אויסשרייענדיק:

— געוואַלד, יידן! מען האָט מיך שוין געמסרט!...

אַ קינדס איינפאַל

ווען ס׳איז געווען די דעמאָנסטראַציע אין מעדיסאָן סקווער גאַרדען קעגן דעם ווייסן פּאַפּיר און פאַר אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל, האָט דער דעמאָלטיקער לערער פון דער אברהם ליעסין פאָלקשול אין ברוקלין, וואָלף שניידער, פאַר די קינדער דערקלערט די באַדייטונג פון דער דעמאָנסטראַציע און באַטאָנט ווי שעדלעך עס וועט זיין פאַר אַלע יידן, ווען מען וועט האַלטן פאַרמאַכט די טויערן פון ארץ־ישראל. האָט זיך די זיבן־יאָריקע שילערין, שרה׳לע פרידמאַן, אויפגעהויבן און האָט מיט כעס אויסגערופן:

— טיטשער, דעט איז אימפּאָסיבעל! לעט דעם גאָ אָווער די גייטס! (לערער, דאָס קען אַזוי ניט זיין! זאָלן זיי — די יידן — גיין איבער די טויערן!)...

צוויי טיילן

— דו ווייסט, חבר מיינער, אז ווי איך קוק אויף דער מלחמה, פאלט מיר איין, אז אמעריקע און יאפאן וועלן זיך איינטיילן אויף גלייך מיטן פאציפישן אקעאן.

— וואס איז דאס פאר א לשון? דו רעדסט דאך עפעס גאר ווי א שפיאן, א פאררעטער!

— שא, דו פארשטייסט מיך ניט. איך מיין, אז אמע־ריקע וועט נעמען דעם אויבערשטן טייל פונעם פאציפישן אקעאן און יאפאן — דעם אונטערשטן...

מען טאר ניט שווייגן

ווען די היטלעריסטן האבן אנגעהויבן זייערע פאגראמען אויף יידן און האבן געגומען ברענען די בתי־מדרשים, האט א ייד אין שול געלאזט וויסן, אז די רבנים האבן דערקלערט א תענית־ציבור. האט דער שמש א געשריי געטאן: „וואס דען, מיר וועלן זיי שווייגן?"...

ממזרים

דאס איז פארלאפן אין די ערשטע היטלער־יארן. אין א בערלינער גארטן האט שפאצירט אמאל א יונגע פרוי, פירנדיק א קינדער־וועגעלע, אין וועלכן עס איז געלעגן א צווילינג. גייט פארביי א געסטאפא־אגענט און שטעלט זיך אפ נעבן וועגעלע, קוקט אויפן צווילינג און פרעגט די מוטער:

— מאדאם, ווי הייסן די צוויי שיינע קינדערלעך?

— איינער — מאכט די פרוי — הייסט היטלער, און דעם צווייטנס נאמען איז געבעלס.

— נו, און איר אליין ווי הייסט? — פרעגט דער אגענט.

— מיין נאמען — ענטפערט זי — איז גינזבערג.

— אך, זא! — ווערט דער געסטאפא אנגעצונדן — ווי וואגט איר צו באשמוצן די נעמען פון אונדזערע פירער?

— אנטשולדיקט, — ענטפערט די פרוי, — די צוויי קינדער זיינען ממזרים, מיינע אייגענע קינדער וואלט איך מיט אזעלכע נעמען ניט גערופן.

צוויי אַמטן

ערשטער: — דו ווייסט? איך טו מיין פליכט. איך בין אַן „עיר-רעיד וואַרדען”.

צווייטער: — און איך טו אויך מיין פליכט. איך בין אַן „עיר-רעיד שעלטער”.

ערשטער: — וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַן אַמט?

צווייטער: — איך האַלט אין איין שעלטן היטלערן, אַז הלוואי זאָל אים כאַטש אָנגיין אַ צענטל פון מיינע קללות.

די מאַפּע האַלט זיך אין איין ענדערן

איין מאָל האָט זיך דער באַלעבאָס פון אַ שניידער-פאַבריק אָפּגערופן צו איינער פון די מיידלעך, וואָס אַרבעטן ביי אים אין פאַבריק — געווען איז עס אין דער צייט, ווען היטלער האָט געהאַלטן אין איין פאַרכאַפּן נייע טעריטאָריעס:

— מרים, — זאָגט ער צו איר, — גיי צו אין דעם געשעפט אויף יענער זייט גאַס און קויף איין די נויטיקע טיילן צו דער ניי-מאַשין.

ער האָט איר גענוי אויסגעמאָלן וואו דאָס דאָזיקע געשעפט געפינט זיך און וואָס פאַרא טיילן ער דאַרף האָבן.

מאַכט דאָס מיידל צום באַלעבאָס:

— יאָ, אָבער וואָס וועל איך טאָן, אַז איך וועל אַהינקומען און די מאַפּע וועט זיך האָבן געענדערט?...

דאַרן מעג ער...

היטלער איז אַמאָל קראַנק געוואָרן. האָט אים זיין דאָקטאָר געראָטן, ער זאָל אויפהערן צו עסן קעז. אַזוי ווי היטלער איז אָבער געווען אַ שטאַרקער ליבהאָבער פון קעז, האָט ער געשיקט רופן אַן אַנדער דאָקטאָר און האָט אים געפרעגט, צי איז קעז טאַקע אַזוי שעדלעך פאַר אים. האָט דער צווייטער דאָקטאָר צו אים געזאָגט:

— קיין ווייכן קעז זאָלסטו טאַקע ניט עסן, אָבער — דאַרן מעגסטו יאָ...

ער זאָל זיך ניט פאַרלאָזן

א גרופּע חסידים האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אסיפה, ווי אַזוי צו העלפן ענגלאַנד געווינען די מלחמה. איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מען זאָל דריי וואָכן נאָכאַנאַנד פאַסטן „שני וחמישי״ (מאָנטיק און דאָנערשטיק). און מען האָט טאַקע אַזוי געטאָן. ווען די דריי וואָכן האָבן זיך געענדיקט, קומט אָן אַ נייעס, אַז ענגלאַנד האָט געהאַט אַ גרויסן זיג. שרייבט איינער פון די פאַסטערס גלייך צום פאָרזיצער פון דער אסיפה:

— למען השם, שרייבט ניט אין די צייטונגען וועגן אונדזער נצחון! ווען טשווירטשיל וועט זיך פון דעם דערוויסן, וועט ער זיך נאָך אינגאַנצן, חלילה, פאַרלאָזן אויף אונדז...

ער פילט זיך שולדיק

היטלער איז זיך איינמאָל געגאַנגען באָדן און האָט זיך גענומען טרינקען. ביים ברעג זיינען געשטאַנען עטלעכע יינג־לעך, וואָס האָבן געזען, ווי דער „פירער״ טרינקט זיך, אָבער זיי האָבן ניט געקענט שווימען. נאָר איין ייִדיש יינגל האָט זיך אָנגענומען מיט מוט, איז אַריין אין וואַסער און האָט דעם המן אַרויסגעראַטעוועט. ווען די נאַצים האָבן ביים יינגל גע־פרעגט, וואָס ער פאַרלאַנגט ווי אַ לוין פאַר זיין העלדישקייט, האָט ער געענטפערט:

— איך וויל גאָרניט, נאָר איין זאַך בעט איך אייך: דער־ציילט עס ניט מיין טאַטן...

ייִדישע גענעראַלן

היטלער פרעגט איינמאָל די קינדער אין אַ נאַצי־שול:

— פאַרוואָס האָבן מיר פאַרלוירן די מלחמה אין 1918?

— צוליב די ייִדישע באַנקירן — ענטפערט איינער.

— און איך גלויב, — ענטפערט אַ צווייטער, — אַז צוליב די ייִדישע גענעראַלן.

— ווי אַזוי? — מאַכט היטלער — אין דייטשלאַנד זיינען דאָך קיין ייִדישע גענעראַלן ניט געווען.

— יאָ, — ענטפערט ווייטער דער שילער, — אָבער די אַליאַנטן האָבן דאָך יאָ געהאַט ייִדישע גענעראַלן...

אַזוי איז עס טאַקע געשען

אין זיין פּאַלאַץ בערכטעסגאַדן האָט זיך היטלער אַמאָל אין די צייטן פון זיינע גרעסטע דערפאָלגן אַוועקגעשטעלט מיטן פנים צו דער וואַנט, וואו ס'איז געהאַנגען זיין פּאָרטרעט. ס'איז געווען אַ מאָמענט, ווען דעם „פירער" איז באַפאַלן אַ שוואַכקייט:

— וואָס וועט זיין, אַז איך וועל דורכפאַלן מיט מיין פּאָליטיק? — האָט ער געפרעגט דאָס בילד.

דער פּאָרטרעט האָט אים אָפגעענטפערט:

— וועלן מיר זיך בייטן מיט די ראָלן: מיך וועט מען אַראָפּרייסן און דיך וועט מען אויפהענגען.

אַן ענטפער פון אַ מיניסטער

מען דערציילט, אַז ווען אַ שליח פון היטלערן האָט זיך מיט עטלעכע יאָר צוריק געווענדט צום פראַנצויזישן פינאַנץ-מיניסטער אין פּאַריז וועגן אַ הלוואה פאַר דייטשלאַנד, האָט ער געטענהט: „זעט נאָר דאָס גרויסע רייכטום, וואָס מיר נאַצים פאַרמאָגן אין דער ערד און דאָס גרויסע מענטשן-מאַטעריאַל, וואָס מיר האָבן אויף דער ערד!"

אויף דעם האָט דער פראַנצויזישער מיניסטער געענטפערט: „ווען די צייט וועט קומען און ס'וועט זיין פאַרקערט, אַז דאָס רייכקייט, וואָס איר האָט אין דער ערד וועט זיין אויף דער ערד און אייער רייכקייט אויף דער ערד וועט זיין אין דר'ערד — דעמאָלט וועלן מיר אייך געבן אַ הלוואה..."

ניט קיין אומגליק

היטלער, גערינג און געבעלס זיינען אַמאָל געזעסן אויף אַ גאַניק און האָבן דיסקוטירט וועגן דעם אונטערשייד צווישן די ווערטער „אומגליק" און „אומגליקספאַל" און האָבן ניט געקאָנט קומען צו קיין טאָלק. דערווייל האָבן זיי אונטן אין גאַס דערזען פאַרבייגיין אַ יידן. רופן זיי אים אַרויף און דערציילן

אים ווענן וואָס עס האַנדלט זיך. דער ייד טראַכט אַ מינוט און רופט זיך דערנאָך אָפּ צו זיי:

— אָט, למשל, זיצט איר זיך אַלע דאָ אויפן גאַניק. איז ווען דער גאַניק ברעכט זיך פּלוצים איין און איר אַלע פאַלט אַראָפּ און ווערט דערהרגעט, וואָלט דאָס געווען אַן אומגליקס־פאַל, אָבער בשום אופן ניט קיין אומגליק...

זאָל היטלער אַליין קלאָגן

אַנומלט, ווען עס איז אין ניו־יאָרק געווען אַ שטאַרקע קעלט האָט אַ פאַרפאַלק געמאַכט אַ לאַנגן וועג צו־פוס צו באַזוכן זייערן אַ פריינט. אַריינקומענדיק ענדלעך אין הויז אַריין האָבן די געסט דערפילט די וואַרעמקייט און זיך גענומען רייבן די הענט און אויסרופן:

— בררר... ס'אַ קעלט אין דרויסן, ניט צום אויסהאַלטן!

— פע, — מאַכט צו אים דער באַלעבאָס, — סע פּאַסט ניט אַזוי צו רעדן. ס'איז דאָך ממש נאָכגערעדט היטלערן וואָס שרייט אויך, אַז ס'איז אים צו־קאַלט אין רוסלאַנד.

ער איז אַ גאַליציאַנער

אין דער צייט פון דער ערשטער מלחמה זיינען אַרומגעגאַנגען קלאַנגען, אַז חיים ווייצמאַן, ע"ה, איז געווען דער דערפינדער פון טי־ען־טי און זיין דערפינדונג האָט פיל געהאָלפן די פאַרבינדעטע.

איינמאָל, אויף אַ פאַרזאַמלונג, האָט אַ ייד געפרעגט דר. ווייצמאַנען, צי עס איז אמת, אַז ער האָט דערפונדען „טי־ען־טי" און אַז דערפאַר וועט מען געבן יידן ארץ־ישראל.

— ווי איך הער פון אייערע רייד — האָט דר. ווייצמאַן געענטפערט — זענט איר אַ גאַליציאַנער, וואָלט איר געווען אַ ליטוואַק, וואָלט איר געזאָגט „טו־ען־טו". דאָס איז מיין דערפינדונג, „אַז מיר וועלן טאָן און טאָן — וועלן מיר באַקומען ארץ־ישראל".

„פּאָרשריט"

צוויי דייטשע פרויען באַגעגענען זיך. רופט זיך אָפּ איינע צו איר פריינדין:

— דו ווייסט, עמיליע? די לעצטע צייט קריג איך יעדן טאָג אַ בריוו פון מיין האַנס פונעם רוסישן פראָנט און יעדעס מאָל זאָגט ער: היינט האָבן מיר אָפּגעטראָגן אַ צוואַנציק מייל, אָבער מיר שלאָגן די רוסן מכות רצח!

— יאָ, — מאַכט די צווייטע, — איך באַקום אויך אומגעפער יעדן טאָג אַזאַ בריוו פון מיין פריצ'ן. מיר מאַכן גראָסאַרטיקן פּאָרשריט און מיר קאָנען האָפן, אַז אין אַ גאַנץ קורצער צייט, וועלן מיר האָבן אונדזערע העלדישע זין צוריק אין דער היים!

אַ ריכטיקער סימן

צוויי יידן טרעפן זיך. רופט זיך איינער אָפּ:

— דו ווייסט, ברוך, אַז לויט ווי עס זעט אויס, וועט די מלחמה נאָך אָנהאַלטן יאָרן.

זאָגט דער אַנדערער:

—און איך זאָג דיר, אַז מער ווי זעקס חדשים וועט די מלחמה ניט דויערן, און איך וועל עס דיר באַווייזן מיט פאַקטן. דו קענסט דאָך מיין לאַנדסמאַן וואָס האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן מער ווי זעקס מאָנאַטן אויף איין פלאַץ ניט געאַרבעט. איז אַזוי ווי מען האָט אים צוגענומען פאַר אַ סאָלדאַט אין אָקטאָבער בין איך זיכער, אַז אין מערץ וועט שוין זיין נאָך דער מלחמה.

וועגן „חלוקה"

מען דערציילט, אַז ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן טומלען אין דער ציוניסטישער וועלט וועגן „חלוקה", וועגן דער צעטיילונג פון ארץ-ישראל, האָט מען געפרעגט ביי דר. חיים וויצמאַן, וואָס זיין מיינונג איז. האָט ער געענטפערט מיט אַ מעשה פון יידישן פאָלקלאָר אין רוסלאַנד:

אַ ייד איז אַמאָל געפאָרן אין באַן און נעבן אים איז

געזעסן אַ רוסישער אָפיציר און זיי האָבן זיך באַפריינדעט. ווען ס'איז געקומען די צייט צו עסן, האָט דער אָפיציר אַרויס־גענומען אַ שטיק חזיר און געוואָלט מכבד זיין דעם יידן. האָט דער ייד אים דערקלערט, אַז יידן טאָרן דאָס ניט עסן.

— טאָקע קיינמאָל ניט? — פרעגט דער אָפיציר.

— ניין, — זאָגט דער ייד, — סיידן עס האַנדלט זיך וועגן פקוח נפש.

נעמט דער אָפיציר און שטעלט אָן אויפן יידן זיין רעוואָל־ווער און שרייט:

— עס אָדער איך שיס!

— אויב אַזוי, — מאַכט דער ייד, — שנייד שוין אָפּ פאַר מיר אַ מנה יפה, אַ פּאָרציע ווי ס'געהער צו זיין...

מיט די לינקע און רעכטע

צוויי יידן האָבן זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס וועגן הויך־פּאָליטיק. רופט זיך אָפּ איינער:

— מיט וואָס איז ענגלאַנדס איצטיקע פּאָליטיק גלייך צו פידל־שפּיל?

ענטפערט אים זיין חבר:

— מיט דעם, וואָס זי האַלט מיט די לינקע, און שפּילט מיט די רעכטע. (אַ פידל האַלט מען מיט דער לינקער האַנט און מען שפּילט מיט דער רעכטער האַנט).

אין קאָמוניסטישן פּוילן

דער פּרעזידענט און דער פּרעמיער פון דעם קאָמוניסטישן פּוילן זיינען אַמאָל געפאָרן צוזאַמען אין אַ פּראַכטפולן אויטאָ. ס'איז געווען ווינטער און אַ גרויסער שניי האָט זיך צעלייגט איבער די גאַסן. אויפן טראָטואַר האָבן זיי באַמערקט גיין אַן אַלטן מענטשן מיט אַ פּאַק אויף די פּלייצעס. ער איז קוים געגאַנגען און ער האָט געציטערט פון קעלט.

— לאָמיר אים איינלאַדן אין אויטאָ — רופט זיך אָפּ דער פּרעזידענט צום פּרעמיער — זאָל דער דאָזיקער מאַן זען, ווי פאָלקסטימלעך און דעמאָקראַטיש מיר זיינען.

— יאָ, לאָמיר דעם מענטשן פאַרבעטן, ער איז אַלט און שוואַך — איז מסכים דער פּרעמיער.

זיי פאָרן פאַרביי דעם זקן, פאַרהאַלטן זיך און שלאָגן אים פאָר זייער גרייטקייט אים צו פירן וואוהין ער דאַרף.

דער אַלטיטשקער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ, אַראָפּ־געוואָרפן פון זיך דאָס פּעקל און זיך צעזעצט ווי דער מלך אין ווייַנגאָרטן... פּלוצעם דערפילט זיך אין אויטאָ אַן אומ־אָנגענעמער ריח... דער פּרעמיער דרייט אויף שנעל דאָס פענצטערל און עס ווערט באַלד די לופט ריין. עס געדויערט נישט לאַנג און ווידער פילט זיך אַ שלעכטער גערוך אין אויטאָ...

ווערט דער פּרעזידענט שוין בייז און רופט זיך אָפּ צום זקן:

— פאַרוואָס טוסטו דאָס? האָסטו אין פאַרמלחמה'דיקן, פאַשיסטישן פּוילן געקאָנט חלום'ען צו פאָרן צוזאַמען מיט די העכסטע באַאַמטע פון דער מלוכה? צוליב וואָס פירסטו זיך נישט אויף ווי אַן אָרענטלעכער מענטש?

— איך דאַנק אייך זייער — האָט דער אַלטיטשקער גע־ענטפערט — פאַר אייער גוטסקייט. איך ווייס ווער איר זענט און איך האָב אייך געוואָלט געבן צו פאַרשטיין, אַז איר האָט אונדז נאָר געקאָנט די מיילער פאַרמאַכן, נישט מער...

ירושלים וועט בלייבן אין סידור

ווען די יו־ען האָט באַשלאָסן, אַז די יידן זאָלן קריגן אַן אייגענע מלוכה אין ארץ־ישראל, איז אין אַ שול צווישן אַ גרופּע מתפללים פאַרגעקומען אַזאַ שמועס:

— זאָגט מיר, יידן, פאַרוואָס האָט מען אונדז אויך נישט געגעבן די הייליקע שטאָט, ירושלים?

האָט זיך איינער אַ ייד אָפּגערופן און געזאָגט:

— פאַרשטייט איר מיך, דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ כוונה, כדי מען זאָל נישט דאַרפן אַרויסוואַרפן פון אונדזערע סידורים די תפילה „ולירושלים עירך ברחמים תשוב”...

דער אונטערשייד

— וואָס איז דער אונטערשייד צווישן דער בורזשואזער און דער קאָמוניסטישער אָרדנונג?

— אין דער בורזשואזער אָרדנונג האַלט מען געלט אונטער זיבן שלעסער; אין דער קאָמוניסטישער אָרדנונג, האַלט מען מענטשן אונטער זיבן שלעסער.

ד ע ק ו נ ג

ווי באַוואוסט, זיינען די צוויי אונטערשרייבערס פון דעם יידישן פּאַפּיר-געלט אין ישראל געווען: ז. האָפּיען און אהרן באַרט. ווען באַרט, אַ פרומער ייד, האָט אונטערגעשריבן, האָט ער קודם געמאַכט אַ „שהחיינו", דערנאָך האָט ער מיט איין האַנט צוגעהאַלטן זיין יאַרמולקע און מיט דער צווייטער האָט ער זיך אונטערגעשריבן אויפן געלט. אַז מ'האָט אים געפרעגט פאַרוואָס ער האַלט צו מיט דער האַנט די יאַרמולקע, האָט ער געענטפערט, אַז דערווייל איז דאָס די איינציקע „דעקונג" וואָס דאָס פּאַפּיר-געלט האָט...

„דוד דער צווייטער"

דוד בן-גוריון האָט געהאַלטן זיין באַרימטע רעדע אין כנסת און דערקלערט, אַז ירושלים וועט ווערן די הויפּט-שטאָט פון ישראל.

האָט איינער פון די כנסת-דעפּוטאַטן אים געפרעגט, פאַר-וואָס ער האָט ביי דער געלעגנהייט זיך אויך ניט דערקלערט פאַרן מלך ישראל, אַזוי ווי דוד המלך האָט עס געטאָן.

— פאַרשטייסטו מיך, — האָט בן-גוריון געענטפערט, — איך וויל ניט ווערן „דוד דער צווייטער".

אויב אַמעריקע וועט פאַרלירן

צוויי יידן שפּאַצירן אין תל-אביב און רעדן וועגן דער שווערער לאַגע; ס'איז דערמאָלט געווען דער „צנע"-רעזשים און ס'האָט געהאַלטן ביים פּסוק: „ואם תאמר מה נאכל?" רופט זיך אָפּ איינער: „איך האָב אַ גוטע עצה: זאָל אונדזער ישראל-

רעגירונג דערקלערן קריג צו אַמעריקע, וועלן מיר דאָך פאַר־
לירן דעם קריג, וועט אונדז אַמעריקע דערנאָך אויסהאַלטן;
פונקט ווי זי האַלט איצט אויס אַלע לענדער, וואָס האָבן ביי
איר פאַרלוירן אין דער צווייטער וועלט־מלחמה!״...

— יאָ, — מאַכט דער צווייטער ייד — אָבער וואָס וועלן
מיר טאָן אויב אַמעריקע וועט פאַרלירן דעם קריג?...

ער לערנט פריינטלעכקייט

זייענדיק אין ישראל האָב איך אין אַ טוריסטן־ביוראָ
באַמערקט ווי אַ מאַן האָט געגעבן אינסטרוקציעס צו די מדריכים
(גאַידס), וואָס פאָרן מיט די טוריסטן. ער האָט צו זיין געזאָגט:

— די ערשטע זאַך דאַרפט איר צו די טוריסטן זיין העפ־
לעך; געדענקט, אַז אפילו ווען אַן אַמעריקאַנער ייד, אַ טוריסט,
זאָגט אַז אַמעריקע איז גרעסער און רייכער פון ישראל, זאָלט
איר זיך מיט אים ניט קריגן...

אַ גערעכטע טענה

מען דערציילט, אַז דוד רמז, איינער פון די פירער פון
דער ארץ־ישראלדיקער אַרבעטערשאַפט און אַ מיניסטער אין
דער ישראל־רעגירונג, איז אַנומלט געקומען צו אַ מיטינג פון
דער הסתדרות. זיינען אים איניקע חברים באַפאַלן מיט פראַגן
און מיט קריטיק איבער זיינער אַ האַנדלונג. שטעלט זיך רמז
אויף און טענה׳ט אַזוי:

— וואָס ווילט איר פון מיר? איז מיין טאַטע געווען
אַ מיניסטער? צי זיינען מיין זיידע און עלטער־זיידע געווען
מיניסטאָרן? אַ מענטש קאָן דאָך אַמאָל מאַכן אַ טעות!...

ווען ס׳האַרץ פּלאַטערט

ווען דער „הכוח״ פון ארץ־ישראל איז צום ערשטן מאָל
געקומען קיין ניו־יאָרק שפּילן פוטבאָל, איז צו זייער ערשטן
מעטש אין „פּאָלאָ גראַונדס״ געקומען אַ גרויסער יידישער
עולם; אַוודאי האָבן ניט אַלע פאַרשטאַנען וואָס עס גייט אָן

אויפן פעלד... זיצן אזוי צוויי יידישע ווייבער און קוקן אויפן שפּיל, ווי אַ האָן אין בני אדם, און דערווייל האָבן די הכּוח'ניקעס געמאַכט אַ „גאָול". איז דער ריזיקער עולם אויפגעשטאַנען און געמאַכט אַזאַ טומל, אַז דאָס קול איז געגאַנגען עד לבֿ השמים. רופט זיך אָפּ איין יידענע צו דער צווייטער:

— גיט נאָר אַ פרעג אייער שכן, צי איז דאָס גוט פאַר יידן, אָדער, חלילה, ניט...

דעם פירערס דעקרעט

ווען היטלער האָט זיך דערוואוסט, אַז אַ סך פון זיינע אָפיצירן און גענעראַלן באַגייען זעלבסטמאָרד, האָט ער צונויפגערופן צו זיך די דריי הויפּט-מיניסטאָרן זיינע גערינגן, געבעלסן און הימלערן און זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג. עס איז דאַן באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אַ דעקרעט, אַז די וואָס וועלן באַגיין אַזאַ שאַנדטאַט און זיך נעמען דאָס לעבן וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן...

דער גרויסער בטוח

ווען היטלער, ימח שמו, האָט געזען, אַז ער האָט פאַרלוירן די מלחמה, האָט ער זיך אַרויסגעגנבעט פון דייטשלאַנד און איז אַוועק אין דער שווייץ, וואו ער האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ בעטלער. אַ ייד דערקענט אים אין גאַס און זאָגט צו אים: „הער היטלער! עס פרייט מיך אייך אַזוי צו זען!" היטלער באַליידיקט זיך ניט און גיט דעם יידן אַ פרעג: „פילייכט קאָנט איר מיר לייען פופציק מאַרק?" „יאָ", מאַכט דער ייד, און גיט אים די סומע. היטלער באַהאַלט דאָס געלט און פרעגט ווידער: „ווי געטרויסטו מיר אַזויפיל געלט? און פון וואַנען ווייסטו, אַז איך וועל עס דיר צוריקגעבן?"

— ווייל איך ווייס, — מאַכט דער ייד, — אַז דו האָסט שוין געהאַט גאַנץ פראַנקרייך, רוסלאַנד בעלגיע, און אַנדערע לענדער, און דו האָסט זיי צוריק אָפּגעגעבן, וועסטו מיר די פופציק מאַרק זיכער אָפּגעבן...

פרישע סאָלדאַטן

שמואל מיט חיים׳ען טרעפן זיך. ס׳איז דאַן אָנגעגאַנגען די צווייטע וועלט-קריג. דייטשע אַרמייען זיינען אַריין אין טיפן רוסלאַנד. רופט זיך אָפּ חיים:

— דו ווייסט, שמואליק, איך האָב אויסגערעכנט, אַז קומענדיקן פרילינג וועט היטלער האָבן אַ צוויי מיליאָן פרישע סאָלדאַטן.

— מסתמא האָט זיך עס דיר געחלומט — ענטפערט אים שמואל. — וואו וועט ער זיי נעמען?

ענטפערט חיים:

— וואָסזשע, דו ווייסט גאָרניט, אַז ער האַלט זיי אין איין באַהאַלטן אין אַן אייז-קאַסטן אויף איבערן ווינטער אין רוסלאַנד?

עלטערן און קינדער

אַ תנא און זיין טאָכטער

אַ תנא, וועלכער האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער, האָט נאָך דער חתונה צו איר געזאָגט: „זאָלסט גיין און ניט דערלעבן צו קומען!" — האָט זיך די טאָכטער זייער צעוויינט:

— סטייטש, טאַטע, אין אַזאַ צייט שעלטסטו מיך?

— ניין, — ענטפערט דער פאָטער, — איך מיין, אַז דו זאָלסט האָבן אַזאַ גוט לעבן ביי דיין מאַן, און זיך אויפבויען אַ הויז, פון וואַנען דו זאָלסט צו דיין טאַטע־מאַמע מער ניט דאַרפן צוריקקומען.

די טאָכטער איז איר פאָטער אַרויפגעפאַלן אויפן האַלדז און האָט אים האַרציק געקושט.

הבל־הבלים

צום באַרימטן לעמבערגער רב, ר' יעקב אָרענשטיין, איז געקומען אַ שדכן פאַרלייגן אים אַ שידוך פאַר זיין זון מיט אַן אויפגעקומענעם גביר, אַ געוועזענעם קצב. זאָגט אים דער רב, אַז ער וויל דער מחותן אַליין זאָל קומען צו אים וועגן

דעם איבערשמועסן. געקומען דער מחותן, זאָגט אים דער רב:

— איך קען מרוצה ווערן אויף דעם שידוך, נאָר מיט איין תנאי, אַז איר זאָלט געבן ניט ווייניקער ווי הונדערט טויזנט גילדוינען.

— רבי, — זאָגט דער אויפגעקומענער גביר — איך ווייס, אַז דער יחוס אייערער האָט די ווערט אַ סך מער, פונדעסטוועגן מוז איך אייך זאָגן, איר זאָלט מיר מוחל זיין, אַז די זאַך חידושט מיר אַביסל. איר, וואָס זענט ביי זיך שטענדיק אַזאַ גרויסער עניו, זאָלט אַזוי הויך שעצן דעם כבוד פון אייער תורה?

— איך וועל אייך זאָגן — ענטפערט דערויף דער רב — איר האָט אַ טעות, ניט מחמת איבעריק גדלות טו איך עס; אדרבא, איך ווייס גאַנץ גוט, אַז איך בין ניט קיין גדול, און דער גאַנצער יחוס מיינער, דער כבוד פון מיין תורה, איז גאָר־נישט, הבל־הבלים. איך ווייס אָבער אויך, אַז דאָס געלט אייערס איז אויך הבל־הבלים. ניט מער, איך מאַך מיט אייך אַ שטיקל חילוף: איך גיב אייך מיין הבל־הבלים און פאַרלאַנג פון אייך דערפאַר אייער הבל־הבלים.

פאַרלוירענע פיר יאָר

אַ סטודענט, וואָס האָט געדאַרפט גראַדואירן פון דעם אוניווערזיטעט, האָט מיטגענומען זיין פאָטער צו דער גראַדו־אירונג־צערעמאָניע, וואו עס איז אויך פאַר די געסט סערווירט געוואָרן קאַווע מיט צוביסן. האָט דער זון באַמערקט ווי זיין פאָטער האָט פון זיין טעפל קאַווע אַריינגעגאָסן צוביסלעך אין דעם טעצעלע און אַזוי געזופט די קאַווע, וואָס איז קעגן דער עטיקעט. ביים אַהיימגיין רופט זיך אָפּ דער זון צום פאָטער:

— פאַרוואָס, פּאַפּאַ, האָסטו געטרונקען דיין קאַווע פונעם טעצל?

אוי, זון מיינער, — ענטפערט דער פאָטער מיט אַ קרעכץ — אויף דעם האָב איך דיר געדאַרפט שיקן פיר יאָר אין קאָ־לעדזש, און דו פאַרשטייסט אפילו ניט, אַז ווען די קאַווע איז היים גיסט מען אַריין אַביסל אין טעלערל, עס זאָל זיך אָפּקילן.

אַ געטרייע מאַמע

מלחמה-צייט, ווען ס'איז אין ניו-יאָרק געווען אַ גרויס געיעג אויף פליייש, איז אין אַ געווויסער געגנט אין די בראָנקס געשטאַנען אַ לאַנגע ריי פרויען נעבן אַ גרויסער יאַטקע. צווישן די פרויען איז אויך געווען אַ פרומע יידענע. ווען אירע אַ שכנטע איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען און האָט זי דערזען, גיט זי ביי איר אַ פרעג:

— זאָגט נאָר, חנה-לאה, ווי קומט איר אַהער? דאָס איז דאָך אַ טריפהנע יאַטקע!

— איך וויים, — ענטפערט די יידענע — אָבער דאָס שטיי איך דאָ פאַר מיין פאַרהייראַטער טאָכטער, זאָל לעבן...

אַלץ הייסט יחוס

אַ זון איז געווען שטאַרק ברוגז אויף זיין פאָטער. רופט ער זיך אָפּ צו אים:

— טאַטע, זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס איז מיט דיר אַזוינס דער יחוס? באשר דו האָסט אַ שענערן טאַטן ווי איך, דערפאַר אָבער האָט מיין טאַטע אַ שענערן זון ווי דיין טאַטע.

אַ פשוטער חשבון

אַ מלמד אין דאָרף לערנט חשבון מיט אַ יינגל פון אַ ישובניק און פרעגט אים:

— אויב איך בין שולדיק געווען דיין טאַטן אויף אַ קוויטל הונדערט רובל און האָב אים אויף דעם שוין אָפּגעגעבן פינף און דרייסיק רובל, וויפל בין איך אים נאָך געבליבן שולדיק?

— האָט איר — פרעגט דאָס יינגל — אַרויסגענומען אַ קוויטל אויף דעם וואָס איר האָט אָפּגעצאָלט?

— וואָס געהער זיך עס אָן, ניט גענומען קיין קוויטל, אָבער וויפל, זאָג, דאַרף איך נאָך דעם טאַטן באַצאָלן?

— וויפל? הונדערט רובל.

— פאַרשטאָפּטער קאָפּ! אַזאַ פשוטן חשבון קען ער ניט!

— איך קען חשבון, נאָר איר, רבי, קענט ניט מיין טאַטן!

אומזיסט חושד געווען

אַ גרופּע יונגעלייט און מיידלעך האָט זיך פאַרזאַמלט אין אַ הויז פון אַ מיידל, אַ חברטע. האָבן זיי זייער פיין פאַרבראַכט. דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן דערציילן פּעפּערדיקע וויצן. אינעם הויז האָט זיך אויך געפונען די מוטער פון דעם מיידל, אַן עלטערע פרוי. האָט זי זיך פּלוצים אויפגעהויבן און זיך געלאָזט אַרויסגיין. רופט זיך צו איר אָפּ איינער, וואָס האָט געענדיקט דערציילן זיינעם אַ וויץ:

— וואוהין גייט איר? איר האָט אפשר פיינט אונדזערע וויצן?

— ניין, — ענטפערט זי — איך גיי נעמען אַ בלייפעדער, כדי זיי צו פאַרצייכענען...

נאָר איין הונדערטער פעלט

אַ פאָטער פון אַן איבערגעוואַקסענער טאָכטער קלאָגט זיך פאַר זיינעם אַ גוטן־פריינד:

— ס'איז שלעכט, גוטער ברודער! אפשר קענסטו מיר אַן עצה געבן, וואָס טוט מען? אינגיכן דאַרף זיין די חתונה פון מיין עלטערער טאָכטער, מוז איך אָבער אָפּצאָלן די צוויי הונדערט רובל נדן, וואָס איך האָב צוגעזאָגט. מילא איין הונדערטער האָב איך, ווייס איך אָבער ניט, וואו קריגט מען דעם צווייטן, וואָס פעלט מיר?

— וויבאַלד איין הונדערטער האָסטו — רופט זיך אָפּ יענער — איז גאָר פון די קליינע אומגליקן. קיין שידוך ביי יידן צעגייט זיך ניט צוליב אַזעלכע זאַכן. דו נעם און טראָג דערווייל אַריין דעם איינעם הונדערטער, וואָס דו האָסט, און דעם צווייטן וועסטו אָפּלייגן אַביסל אויף שפּעטער, אם ירצה השם, נאָך דער חתונה.

— הערסטו, חכם מיינער! — מאַכט דער מחותן — אויף דעם שכל בין איך אַליין געפאַלן, און דאָס מיין איך דאָך טאַקע דעם איינעם הונדערטער וואָס איך האָב, דאָס הייסט דעם צווייטן, וועלכן מען קען ניט דערגעבן, שלעכט איז אָבער, וואָס ס'איז נישטאָ וואו צו קריגן דעם ערשטן הונדערטער.

ווען דו שטייסט אין שידוכים

א פאָטער זאָגט דעם זון זיינעם, וואָס שטייט אין שידוכים:
— הערסט, מיין זון, צוויי מעלות מוז האָבן דאָס מיידל וואָס דו וועסט מיט איר חתונה האָבן: ערשטנס, מוז זי זיין אַזוי שיין, אַז דו זאָלסט האָבן חשק זי צו נעמען אָן אַ גראָשן געלט; צווייטנס, מוז זי האָבן אַזוי פיל געלט, אַז דו זאָלסט האָבן חשק זי צו נעמען ווען זי זאָל אפילו זיין ווי העסלעך.

דער אמת׳דיקער כירורג

— וואָס פאַר אַ מענטש איז דער חתן, וואָס דו האָסט גענומען פאַר דיין טאָכטער? — פרעגט איינער זיינעם אַ גוטן פריינד.

— אַזאַ יאָר אויף מיר, — ענטפערט דער פאָטער — אַ פּראָפעסאָר, זאָג איך דיר, אַ כירורג, אָבער גאָר פון די ספּע־ציאַליסטן.

— וואָס רעדסטו? ווי אַרום קומט אַזאַ אביון ווי דו צו אַזאַ גרויסאַרטיקן שידוך פאַר דיין טאָכטער?

— איך ווייס אַליין זאַך: געהאַט האָב איך אויף זיך אַ רעכטן הויקער, האָט ער עס פון מיר אַראָפּגענומען — היינט פרעג איך דיך, איז ער ניט אַ כירורג, אַ ספּעציאַליסט?

געמאַכט פאַר לייט

— וואָס מאַכן דיינע קינדער?
— נישט צו פאַרזינדיקן, איך האָב זיי, ברוך השם, געמאַכט פאַר לייט.
— וואָס טוט דער עלטערער?
— ער איז אַ דאָקטאָר אין וואַרשע.
— און דער יינגערער?
— ער האָט זיך געעפנט אַ פאַבריק אין לאָדזש.
— און דו אַליין וואָס טוסטו?
— איך אַרבעט אויסצוהאַלטן ביידע קינדער.

זייער טעות

אַ ייד האָט זיך אַריינגעלאָזט אין טרינקען, רחמנא ליצלן, אַזוי, אַז ער פלעגט זיך אָפּט וואַלגערן אין רינשטאָק, און זיין פאַמיליע פלעגט פון אים איינגעמען חרפות און בושות. איינמאָל האָבן זיינע קינדער באַמערקט ווי אַ שיכור וואַלגערט זיך אין גאַס און יינגלעך לויפן אים נאָך, שטופּן אים אַריין אין אַ פּאַס און באַוואַרפן אים מיט שטיינער. רופן די קינדער צו זייער פאָטער צום פענצטער און ווייזן אים, וואָס אין דרויסן קומט פאָר, כדי ער זאָל זיך אָראָפּנעמען אַ מוסר־השכל.

— יאָ! — שרייט אויס דער פאָטער — ס'איז טאַקע אַ שאַנד!... און ער לויפט אַרויס אין דרויסן.

די קינדער טראַכטן: מסתמא וויל ער אָוועקטרייבן די יינגלעך. אָבער ווי נאָר דער פאָטער איז צוגעקומען צום שיכור, בויגט ער זיך איין און זאָגט צו אים: „סעי, באַדי, וואו האָסטו געקראָגן אַזאַ שטאַרק ביסל בראָנפן?"

אָן מזל

— איר זעט מיין יינגעלע? — האָט זיך געקלאָגט אַן אָרעמע יידענע — איך זאָג אייך, אַז ס'איז איין תכשיט אין דער וועלט, קיין גלייכן צו אים ניטאָ. וואָס קומט אָבער אַרויס אַז קיין מזל איז ניטאָ, וואַלגערט ער זיך ביי אַן אָרעמער אלמנה און ווערט נעבעך גוט פאַרשוואַרצט. ווען אַזאַ קינד שטייט איין ביי נגידישע עלטערן, וואָלט ער געווים שוין לאַנג געווען „בר־מצווה".

פּופּציק פּראָצענט

— מחותן־לעב, — טענה'ט דער חתן — איר האָט דאָך מיר צוגעזאָגט בפירוש צו געבן נדן?

— צוליבן קריזים — ענטפערט דער מחותן — מוז איך האַלטן מיין צוזאָג נאָר אויף העלפט, דאָס הייסט פופציק פּראָצענט. צוגעזאָגט האָב איך אַ כלה מיט נדן, גיב איך האַלב, די כלה הייסט עס.

גלוי עריות

אַ מחותן, דעם חתנס פֿאָטער, האָט אָפּגעשיקט די תנאים דער כלה, דערפֿאַר וואָס מ'האָט דעם צוגעזאָגטן נדן ניט איינגעלייגט צו דער צייט. שיקט אים רופֿן דער רב און נעמט אים פֿאָרוואָרפֿן:

— סטייטש, ווי טוט עס אַ ייד אַזאַ זאַך? ווייסט איר דען ניט, אַז אָפּשיקן תנאים איז אַ גרויסע עבירה? ס'איז דאָך אמתע שפּיכות-דמים!

— רבי, — ענטפֿערט דעם חתנס פֿאָטער — איך ווייס אַליין, אַז שפּיכות-דמים איז איינע פֿון די גרעסטע עבירות; אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, איז דען גלוי-עריות, דאָס הייסט מיין קינד זאָל נעמען, מחילה, אַ הוילע, נאַקעטע מויד, אַ קלענערע עבירה ווי שפּיכות-דמים?

אַ בשורה אָנזאָגן

דער פֿאָטער זאָגט אָן אַ בשורה דעם קינד, בשעת עס קומט פֿון חדר:

— ווייסט, מיין זון, ס'איז דיר געבוירן געוואָרן אַ קליין ברודערל.

לאָזט זיך דאָס קינד באַלד לויפֿן.

— וואוהין לויפֿסטו עס? — פֿרעגט דער פֿאָטער.

— איך לויף — ענטפֿערט דאָס קינד — אָנזאָגן גיכער די בשורה דער מאַמען.

קומט ניט צוריק

אַ טאָכטער, אַ גרושה, בעט ביים פֿאָטער געלט און ער קנייטשט זיך. פֿרעגט זי אים:

— זאָג מיר, טאַטע, פֿאַרוואָס איז ביי דיר דער רובל טייערער ווי איך?

— איך וועל דיר זאָגן — ענטפֿערט איר דער פֿאָטער — דיך אַז איך גיב אויס, קערסטו זיך נאָך צו מיר אום צוריק; דער רובל אָבער, אים אַז איך גיב אויס איז פֿאַרפֿאַלן, ער קומט שוין נישט צוריק.

זאָל ער וויסן

אַ פּאַטער, אַ שרעקלעכער כעסן, איז איינמאָל שטאַרק אויפגעבראַכט געוואָרן אויף זיינער אַן אויסגעגעבענער טאָכ־טער און ער האָט איר געגעבן אַ קלאַפּ. די טאָכטער האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול:

— קאַרג וואָס מיין מאַן, דער שאַרלאַטאַן, שלאָגט מיך, קומסטו נאָך אויך מיך שלאָגן?

— זאָל ער טאַקע וויסן, דער שאַרלאַטאַן דיינער, — מאַכט דערויף דער פּאַטער — ער שלאָגט מיין טאָכטער, שלאָג איך דערפאַר זיין ווייב!

אויך אַ שטר מכירה

אַ חסיד, אַ לאָדזשער פאַבריקאַנט האָט מען געפרעגט:

— מילא אייער פאַבריק אַרבעט אום שבת, האָט איר דע־רויף אַ שטר־מכירה אַז זי געהערט צו אַ גוי, אָבער די טאָכטער אייערע, ווי קומט עס וואָס איר לאָזט זי מחלל שבת זיין?

— פרעגט נישט, — האָט ער געענטפערט — מיין טאָכ־טער געהערט אויך צו אַ גוי.

מוטער־שפּראַך...

אַ פרוי פאָרט מיט איר יינגעלע אין אַ קילן טאָג, אין אַ שפּאַציר־אויטאָ מיט אָפענע פענצטער. דאָס יינגעלע גיט פּלו־צים אַ נוס. רופט זיך אָפּ די מוטער:

— אַ געזונט אין דיר, מיין קינד.

דאָס יינגעלע גיט אַ צווייטן נוס, מאַכט ווידער די מוטער:

— אַ לעבן אויף דיר, מיין נחת'ל.

ווען דאָס קינד האָט דערנאָך גענאָסן צום דריטן מאָל — גיט שוין די מוטער אַ זאָג:

— דו משומד איינער! אַ קלאָג צו דיר, האָסט שוין גע־כאַפּט אַ פאַרקילונג, האָסטו שוין!

אַ מאָדערנע מאַמע

ער: ווי דענקסטו, דיין מאַמע וואָלט דיר דערלויבט צו נעמען פון מיר עטלעכע זיידענע פּאָר אונטער־וועש ווי אַ מתנה?

זי: אויב זיי וועלן זיין איר מאָס — זיכער...

אויף וואַקאַציע

אַמאָל זייענדיק אין שול צוזאַמען מיט מיין גוטן פריינט מאָטל זיגל, האָב איך באַקענט זיין זון. ער איז געווען דעמאָלט אַ תלמיד אין דער סאַלאַנטער ישיבה. כ'האָב צו אים גע־פּרואווט רעדן העברעאיש, דער בחור האָט מיר אָבער גע־ענטפערט ענגליש. פרעג איך אים — פאַרוואָס ער ענטפערט מיר ניט אין עברית?

ענטפערט מיר דער בחור:

— איר ווייסט דאָך, אַז איך בין איצט אויף וואַקאַציעס פון דער ישיבה...

דאָס לשון אָפּגענומען

צוויי יונגעליט, נאָענטע באַקאַנטע זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַ גאַר־קיך און זיך געהייסן דערלאַנגען פאַר ביידן איין פּאָרציע. ווי מען האָט אַנידערגעשטעלט דאָס שיסעלע מיטן געריכט אויפן טיש, האָט איינער באַלד זיך גענומען צום עסן, און דער אַנדערער זיצט און דערציילט אַלץ שבחים פון זיין זיידן, וואָס פאַר אַ גרויסער חכם ער איז געווען און וואָס פאַר אַ קלוגע ווערטער ער האָט געזאָגט יעדן באַזונדער פאַר זיין טויט. דערווייל קוקט ער זיך אום ווי יענער האָלט אין איין פּאַקן אויף ביידע באַקן און אָט בלייבט שוין גאָרניט אין שיסל, רופט ער זיך אָפּ צו אים:

— איצט דערצייל שוין דו אַביסל פון דיין זיידן, וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אַזוינס פאַרן טויט?

— פון מיין זיידן — זאָגט יענער מיט אַ פול אָנגעשטאָפּטן מויל — האָב איך ניט וואָס צו דערציילן, ווייל עטלעכע טעג פאַר זיין פטירה האָט אים שוין, ניט פאַר אונדז געדאַכט, דאָס לשון אָפּגענומען.

וויפל איך וויל

אַ ייד, וואָס איז געלעגן אויפן קראַנקן־בעט האָט צוגערופן זיין נאָענטסטן פריינט און אים איבערגעגעבן אַ מינדלעכע צוואה:

— זיי וויסן, מיין ליבער פריינט, אַז איך פאַרמאָג דריי טויזנט קערבלעך. היות ווי מיינע דריי זין זיינען מעבר לים, לאָז איך דיר איבער ס׳געלט. זיי מוחל, זוך אויף מיינע דריי זין און גיב זיי פון דער סומע, וויפל דו ווילסט, און דאָס איבעריקע נעם זיך!

ווען דער ייד איז געשטאָרבן, האָט דער גוטער פריינט אויפגעזוכט די זין און יעדן פון זיי געגעבן צו הונדערט רובל.

— וואָס עפּעס — האָבן די קינדער געפרעגט — גיסטו אונדז אַזוי ווייניק?

— איך טו — פאַרענטפערט זיך דער גוטער פריינט — אַזוי ווי אייער פאָטער האָט געהייסן. ער האָט מיר בפירוש אָנגעזאָגט, אַז כ׳זאָל אייך געבן וויפל איך וויל!

— מיר ווילן טאַקע פון אייך נישט מער, ווי איר זאָלט האַלטן די צוואה! גיט אונדז וויפל **איר** ווילט, און דאָס איבעריקע — ס׳הייסט די דריי הונדערט קערבלעך נעמט פאַר זיך!...

די אייביקע אלמנה

אַ מגיד האָט אין אַ שול, נאָכן ענדיקן זיין דרשה וועגן דער גרויסער מצווה פון צדקה, זיך געווענדט צום עולם צו העלפן אַן אָרעמע אלמנה מיט זיבן קינדער. ווען ער האָט שוין געהאַט צונויפגענומען אַ היפּשע סומע געלד, האָט אים איינער פון די גבאים געפרעגט, ווער עס איז די דאָזיקע אלמנה.

— ווי הייסט? — האָט דער מגיד געענטפערט — דאָס איז טאַקע מיין ווייב מיט מיינע קינדער.

— סטייטש, — ווערט דער גבאי אויפגערעגט, — איר האָט דאָך אונדז אָפּגענאַרט!

— ווער זאָגט עס? — האָט דער מגיד געענטפערט — די אלמנה איז דאָך דאָ, און די זיבן יתומים — אויך. אַי, איך בין נאָך נית געשטאָרבן, וואָס אַרט אייך, אַז איך לעב נאָך דערווייל?

אַן ערד־ציטערניש איז בעסער

ווען אין קאַליפאָרניע איז פאָרגעקומען די לעצטע ערד־ציטערניש, האָבן די ראַטשטיינס, וואָס האָבן שטאַרק געציטערט איבער זייער בן־יחיד, אַוועקגעשיקט זייער זון צו קרובים אין ניו־יאָרק. עטלעכע טעג שפּעטער האָבן די עלטערן באַקומען פאָלגנדיקע טעלעגראַמע:

— מיר שיקן אייך צוריק אייער תכשיט. שיקט אונדז בעסער די ערד־ציטערניש...

דער קלוגער חתן

מען דערציילט, אַז אין אַ קליין שטעטל האָט אַ פאָטער אַ שידוך געטאָן מיט זיין יונגן זון און גענומען פאַר אים אַ מיידל פון אַ שטעטל 50 מייל ווייט. ווען ס'איז געקומען די צייט פון דער חתונה, זיינען די מחותנים פון חתנס צד אַרויס־געפאָרן מיט פערד און וואָגן און האָבן זיך אויפן וועג אָפּגע־שטעלט אין אַ קרעטשמע עפּעס איבערבייסן.

דער פאָטער האָט זיך ניט געאיילט, ווייל ער איז דאָך עפּעס דער יחסן, דער אבי החתן, אָבער דער חתן אַליין איז געוואָרן אומגעדולדיק און האָט אויף אַמאָל אויסגעשריען:

— טאַטע, לאָמיר פאָרן גיכער, ווייל מיר קאָנען נאָך אָנקומען נאָך דער חופּה.

אַ געטרייער זון

אַ פאָטער איז קראַנק געוואָרן און איז געלעגן אַ שטיק צייט אין בעט און די קינדער האָבן שוין מער ניט געהאַט קיין געלט אים צו קורירן. האָבן זיי באַשלאָסן, אַז איינער פון זיי זאָל פאָרן צו די קרובים אין אַן אַנדער שטאָט און בעטן ביי זיי שטיצע. ווען די פריינט האָבן דערנאָך דעם זון געפרעגט:

— ווי לאַנג איז עס, אַז דיין טאַטע איז קראַנק?

האָט ער געענטפערט:

— אז גאָט וועט העלפן, מיר וועלן דערלעבן פּסח וועט ער האָבן געווען קראַנק פונקט אַ יאָר...

וואָס הייסט משוגע?

אַ חסיד קומט אַמאָל צו לויפֿן צו זיין רבין און שרייט:

— רבי, ראַטעוועט! מיין יונגער זון איז משוגע געוואָרן.

— וואָס טוט ער דען פֿאַראַ משוגענע מעשים? — פֿרעגט דער רבי.

— רבי, — קלאָגט דער חסיד, — דאָ אַנומלט האָט ער צעביסן אַ חזיר און שפּעטער אַביסל האָט ער זיך געכאַפּט קושן די דינסט.

— איז מה רעש? — באַרואיקט אים דער רבי — ווען ער זאָל געווען בייסן די דינסט און קושן דעם חזיר, וואָלט דאָס טאַקע געווען משוגעת, אָבער אַזוי ווי ער האָט געטאָן ווי דו זאָגסט, איז דאָס גאָרניט אַזוי געפֿערלעך און מעגסט אַהיים־פֿאָרן לחיים ולשלום...

מדה כנגד מדה

אַ פֿרישער איידעם אויף קעסט איז אַמאָל אַוועק פֿרימאָרגן אין שול אַריין דאַווענען און אין פֿופֿצן מינוט אַרום איז ער שוין געווען צוריק אין הויז און זיך געהייסן געבן פֿרישטיק. פֿרעגט אים די שוויגער:

— סטייטש, משה'ניו, איידעם מיינער, אַזוי גיך האָסטו שוין אָפּגעדאַווענט?

— אַוודאי, — ענטפֿערט דער איידעם, — מען גיט אַ זאָג „מה טובו" און „עלינו" — און איר האָט דאָס גאַנצע דאַווענען.

די שוויגער גרייט צום טיש און לייגט פֿאַרן איידעם אַרויף אויף אַ טעלער אַ קאָפּ און אַן עק פֿון אַ הערינג. דער איידעם נעמט זיך קרומען און רופֿט זיך אָפּ:

— שוויגער לעבן, דאָס איז ביי אייך אַ הערינג?

— אַוודאי, — ענטפֿערט די שוויגער, — אויב „מה טובו" און „עלינו" הייסט אַ גאַנץ דאַווענען, איז אַ קאָפּ מיט אַן עק — אַ גאַנצער הערינג.

אוי, דער קאַפּווייטיק...

אַן אַכציק־יעריקע פרוי האַלט זיך ביים קאָפּ. פרעגט זי איר טאָכטער: מאַמע־לעבן, וואָס איז די מער מיט דיר?

ענטפערט די אַלטיטשקע: אוי, טאָכטערשי, אָט דער קאָפּ־ווייטיק וועט מיך יונגערהייט לייגן אין דער ערד אַריין...

זי איז טאַקע פאַרזאָרגט

אַן עלטערע פרומע יידענע איז געגאַנגען אין אַ קאָנסער־וואַטיווער שול צו אַ יאָרצייט. אין דער זעלבער שול האָט אויך געדאַוונט איר זון. נאָכן דאַוונען זעט זי, ווי דער שמש שטעלט זיך אויף, גייט אַרויף אויף דער בימה, הויבט אָן צו זאָגן קדיש און די אבלים זאָגן אים נאָך וואָרט ביי וואָרט.

רופט זיך אָפּ די יידענע צו איר שכנטע:

— אוי, חוה, אַ ווייטיק איז מיר! אַז איך וועל שטאַרבן וועט דאָך מיין זון, אַנשטאָט צו זאָגן קדיש נאָך דער מאַמען, זאָגן גאָר קדיש נאָכן שמש...

זאָל עס זיין מאַמען ווי טאָן

אַ מיידל איז געפאָרן אויף איר זומער־וואַקאַציע אין די בערג. איז מיט איר מיטגעפאָרן אַ פריינד, וואָס פלעגט אָפּט אַרויפקומען צו אירע עלטערן אין הויז. פאַרן פאָרן זאָגט צו איר די מוטער:

— טאָכטער מיינע, איין זאַך וועל איך דיך בעטן: זאָלסט זען, אַז דער בחור זאָל ניט זיין ביי דיר אין שטוב, ווייל עס וועט דיין מאַמען ווי טאָן.

איז דאָס מיידל אַוועקגעפאָרן, פאַרבראַכט דאָרט עטלעכע וואָכן, געקומען אַהיים, פרעגט איר די מוטער:

— נו, טאָכטער, ווי האָסטו פאַרבראַכט און צי האָסטו אויסגעפאָלגט מיין וואונטש?

— יאָ, — ענטפערט די טאָכטער, — איך בין געגאַנגען אין זיין שטוב און זאָל עס זיין מאַמען ווי טאָן...

ס׳איז נאָך צו פרי

אַ פרוי קומט צו אַ פאָטאָגראַפיסט און זאָגט צו אים:

— כ׳וויל נעמען בילדער פון מיינע קינדער. וויפל וועט עס קאָסטן?

— פינף דאָלער אַ טוץ.

— אויב אַזוי וועל איך מוזן וואַרטן נאָך אַ יאָר.

— פאַרוואָס עפּעס אַ יאָר? — פרעגט זי דער פאָטאָגראַפיסט.

— ווייל דערווייל האָב איך בלויז עלף קינדער, זאָלן לעבן...

— ענטפערט די פרוי.

די צוויי שוויגערס

אַ יונג פּאָרפאָלק האָט געוואוינט אינאיינעם מיט דער פרוים מוטער; בעת דעם מאַנס מוטער פלעגט אָפט קומען צו גאַסט, פלעגט זי שטענדיק האָבן טענות צו דער שנור, אַז זי באַהאַנדלט ניט גוט איר זון. איינמאָל, ווען זי איז געקומען, האָט די שנור געגרייט פאַר אַלעמען צום טיש און איר שוויגער, דעם מאַנס מוטער, האָט באַמערקט ווי זי האָט אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ טעלער מיט הערינג, פון וועלכן דער קאָפּ איז געווען אויף דער זייט וואו איר זון איז געזעסן. רופט זי זיך אָפּ צו דער שנורס מוטער:

— איר זעט, מחותנתטע, ווי אַזוי אייער טאָכטער באַהאַנדלט איר מאַן? וואָס פאַר אַן עסן, אַזאַ פּנים...

— וואָס רעדט איר? — מאַכט צו איר יענע, אַנווייזנדיק אויפן טעלער — זי לייגט דאָך פאַר אייער זון דעם קאָפּ אַוועק.

אַ גוטער סימן

אַ פאָטער האָט אַמאָל מיטגענומען זיין זון אין אַ קרעטשמע און ביידע האָבן גענומען טרינקען. דער פאָטער, וועלכער האָט געוואָלט אָפּהיטן דעם זון פון ווערן צופיל שיכור, רופט זיך צו אים אָן:

— מיין זון, דו קאָנסט טרינקען געזונטערהייט, אָבער ווען דו וועסט דערפילן, אַז דו ווערסט שיכור, זאָלסטו אויפהערן.

— ווי אַזוי, טאַטע, — פרעגט דער זון, — וועל איך וויסן, אַז איך ווער שיכּור?

— זעסט, — מאַכט דער פאָטער, — דאָרט אין ווינקל זיצן צוויי מענטשן, איז אויב דו וועסט זען פיר, זאָלסטו וויסן, אַז דו ביסט שוין שיכּור.

— אָבער, טאַטע, — שרייט אויס דער זון, — עס זיצט דאָך דאָרט נאָר איינער!...

ווען אַ קינד איז געטריי

מאַן און ווייב זיינען אַהיימגעקומען פון אַ לוויה. רופט זיך אָפּ דער מאַן צו זיין פרוי:

— זעסט וואָס פאַר אַ גערעטענעם זון דער פאַרשטאָרבענער האָט איבערגעלאָזן. דער קליינער דזשערי האָט אַזוי פיין געזאָגט קדיש נאָך זיין טאַטן, און מיר קאָנען דאָס ניט האָבן, ווייל מיר האָבן בלויז מיידלעך.

— דאָנט וואָרי, פּאַפּאַ, — טרייסט אים זיין 8־יעריק טעכטערל, — אין וואָן דעי איי וויל לערן טו סעי קאַדיש... (האָב ניט קיין מורא, טאַטע, איך וועל זיך אויסלערנען קדיש זאָגן אין איין טאָג).

אַ קינדס איינפאַל

מיין גוטער פריינט חיים צוקער, מיט וועמען כ'האָב באַלאַנגט צום זעלבן צווייג פון יידיש נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, האָט צוויי צווילינג־זין: איינער הייסט שלום און דער צווייטער אפרים. ווען זיי זיינען אַלט געווען פיר יאָר איז צו זיי געקומען צוגאַסט זייערער אַ קרוב, אַ רב פון באָסטאָן. האָט דער פאָטער געזאָגט צום עלטערן יינגעלע: „שלום, גיי גיב אָפּ דעם זיידן שלום־עליכם!״ שטרעקט דאָס קינד אויס זיין הענטעלע צום רב און זאָגט: „שלום עליכם, זיידע!״ באַלד נאָך אים איז צוגעלאָפן דאָס צווייטע קינד צום גאַסט און געבנדיק אים זיין הענטל, האָט ער אויסגעשריען: „אפרים עליכם, זיידע!״

פּאַרשפּעטיקט

אַ ייד איז געשטאָרבן און עס זיינען געבליבן קינדער. ווי עס פּאַסירט אין אַמעריקע, האָבן די זין ניט געקענט זאָגן קיין קדיש נאָכן טאַטן. אויפן בית-עולם האָט איין קרובה אַ זאָג געטאָן צו אַן אַנדערער:

— סטייטש, בענעלע האָט דאָך אַזוי גוט געקענט אַלץ וואָס מען האָט געדאַרפט צו זיין בר-מצווה, ווי קומט עס, וואָס ער קען איצט קיין קדיש ניט זאָגן?

— דאָס איז שולדיק — האָט געענטפערט די צווייטע טאַנטע — ניט בענעלע, נאָר דער טאַטע זיינער, וואָס האָט אַזוי לאַנג געוואַרט זינט דער בר-מצווה...

זיין אייגנטום

אַ יינגל לויפט אריין צו אַ דאָקטאָר און שרייט:

— דאָקטאָר, איך האָב ערשט איינגעשלונגען אַ ניקל!

ווען דער דאָקטאָר האָט אים אַריינגערופן אין צווייטן צימער פאַר אַן אונטערזוכונג, האָט ער באַמערקט ווי אַ צווייט יינגל גייט אים נאָך.

— און דו, וואָס ווילסטו, יינגעלע? — פרעגט אים דער דאָקטאָר.

— וואָס הייסט? — מאַכט דאָס יינגל — דאָס האָט ער דאָך איינגעשלונגען מיין ניקל.

מיט אַ יידן הייבט מען ניט אָן

פרעגט איין ייד דעם צווייטן:

— פאַרוואָס הויבט זיך אָן די מגילה מיט „ויהי בימי אחשורוש" און ניט מיט „בימי מרדכי", צי „בימי אסתר", וואָס פון זיי איז דאָך אַרויסגעקומען דער גאַנצער פורים?

ענטפערט דער צווייטער:

— דאָס איז דערפאַר, וואָס מיט אַ יידן טאָר מען נישט אָנהויבן...

אומזיסטע זאָרג

אַ רייכער באַלעבאָס אין אַ היגער שול פלעגט ביים דאַווי-נען, ווען ס'איז געקומען צו דער ברכה „מחיה המתים", זיך שטאַרק צעזיפצן. האָט אים איינמאָל איינער פון די דאַוונער געפרעגט פאַרוואָס ער וויינט אַזוי ביי „מחיה המתים".

— ווייל, — ענטפערט דער גביר, — אַז כ'וועל שטאַרבן וועלן דאָך מיינע זין זיך צעטיילן מיט מיין געלט. נמצא, יועט אויסקומען, אַז כ'וועל אויפשטיין תחית המתים וועל איך זיין אַ ביטערער אָרעמאַן.

— וואָסזשע האָט איר מורא? — זאָגט ווידער דער ייד — אַז איר וועט אויפשטיין, וועלן די קינדער אייך באַזאָרגן.

— וואָס רעדט איר! — רופט אוים דער גביר — וואו וועלן זיי נעמען, אַז עס איז ביי זיי רעכט צו פאַרשפּילן טויזנטער דאָלער ביי די פערד-געיעגן.

— אויב אַזוי, — טרייסט אים דער ייד, — דאַרפט איר זיך שוין גאָרניט זאָרגן, ווייל מיט אַזוינע קינדער וועט איר קיין תחית המתים ניט אויפשטיין...

אַ גערעכטע טענה

ביי יידישע עלטערן אין ניו-יאָרק האָט פּאַסירט, אַז זייער 16-יאָריקע טאָכטער האָט זיך פאַרטרויט פאַר איר מוטער, אַז זי טראָגט שוין אונטערן האַרצן די פרוכט פון איר ליבע...

די מוטער איז פון דער בשורה שטאַרק צערודערט געוואָרן. זי האָט איר מאַן ניט אויסגעזאָגט דעם סוד און האָט באַוויזן צו אַראַנזשירן, אַז די טאָכטער זאָל באַלד חתונה האָבן. ווען די יונגע טאָכטער האָט אין בלויז פיר חדשים נאָך איר חתונה געבוירן אַ קינד, האָט איר פאָטער געמאַכט געוואַלדן. האָט אָבער די מאַמע צו אים געשריען:

— שאַ! וואָס ווילסטו פון איר האָבן? זי איז דאָך נאָך אַ יונג קינד! פון וואַנען זאָל זי וויסן, אַז אַ קינד דאַרף מען אויסטראָגן ניין חדשים?...

אַ גוטער תירוץ

אַ יינגל איז אַ גאַנצע וואָך ניט געגאַנגען אין חדר. ווען ער איז מאָנטיק געקומען אין חדר, פרעגט אים דער רבי:

— משה׳לע, פאַרוואָס ביזטו אַ גאַנצע וואָך ניט געקומען אין חדר?

— פאַרשטייט איר מיך, רבי, — ענטפערט משה׳לע, — זונטיק און מאָנטיק בין איך געווען ניט געזונט, און דינסטיק האָב איך געזען, אַז מיטוואָך וועל איך ניט קאָנען קומען, האָב איך זיך געטראַכט, ווי קאָן איך קומען דאָנערשטיק, אַז פרייטיק איז שוין ערב שבת?...

זי איז געזונט

אַ שדכן איז געקומען צו אַ רייכן יידן רעדן אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער. דער גביר האָט ניט געוואוסט וועד זיין גאַסט איז. און ווען דער שדכן האָט צו אים געזאָגט:

— איך האָב פאַר אייער טאָכטער אַ שיינעם יונגן דאָקטאָר, האָט דער גביר צו אים אַ זאָג געטאָן:

— גאָט איז מיט אייך, ר׳ ייד! מיין טאָכטער זאָל לעבן, איז, קיין עין הרע, געזונט און שטאַרק און זי דאַרף ניט קיין דאָקטאָר...

די גוטע עצה

אַ יונגערמאַן מיט סמיכה אויף רבנות האָט געדאַרפט חתונה האָבן מיט אַ רב׳ס אַ טאָכטער. ווען מען האָט געהאַלטן אין צוגרייטן די חתונה, רופט זיך אָפּ דער מחותן, דעם כלה׳ס פאָטער, צום חתן:

— אַזוי ווי אויף דער חתונה וועלן צווישן די געסט זיין אַ סך רבנים, גאונים וגדולים, איז וואו וועלן מיר פאַר זיי נעמען אַזויפיל כיבודים, אַז סך־הכל איז בלויז דאָ דער כיבוד פון לייענען די כתובה און מאַכן די ברכות?

— זאָרגט ניט, מחותן, — ענטפערט דער חתן, — איר וועט איינעם פון די רבנים מכבד זיין מיטן זאָגן דעם „הרי את"...

אייגנס און יענעמס

צוויי אמאליקע שכנטעס באגעגענען זיך נאך דעם, ווי זיי האבן זיך עטלעכע יאר ניט געזען. רופט זיך אפ די ערשטע:

— נו, און וואס מאכט עפעס אייער זון, סידני?

ענטפערט די צווייטע:

— ער האט שוין חתונה געהאט, אבער ער האט, נעבעך, גארניט גוט געטראפן. זיין ווייבל איז ביי זיך א גאנצע פריצטע און א פוילע. ער מוז איר יעדן פרימארגן צוטראגן די קאווע צום בעט. זי וויל ניט טאן א האנט אין קאלטן וואסער, און אנשטאט אים אפקאכן א לעפל געקעכטס, שלעפט זי אים אין רעסטאראנען און אין הויז מוז ער וואשן און ראמען. איך זאג אייך ס׳איז אויף אים גאטס רחמנות.

פרעגט ווידער די צווייטע:

— אזוי? און וואס טוט אייער טאכטער רוטי?

ענטפערט דערויף די ערשטע:

— א, רוטי, האט אויך חתונה געהאט, און זי האט אנגעטראפן א גאלדענעם יונגערמאן! ער בלאזט נאך איר די טריט. ער לאזט איר ניט טאן קיין האנט אין קאלטן וואסער. ער טראגט דאך איר צו די קאווע אין בעט אריין און לאזט איר ניט וואשן און ניט ראמען. אלץ טוט ער אליין! זי איז קיין עין הרע מזלדיק, ס׳זאל איר נאר ניט פארשטערט ווערן!...

ער האט ניט קיין שונא

אן אלטער ייד, אין די הויכע ניינציקער, זיצט אמאל מיט זיינע קינדער און האלט מיט זיי א געמיטלעכן שמועס. רעדנדיק אזוי רופט ער זיך אפ: „געלויבט דער אויבערשטער, וואס, אז איך וועל שטארבן וועל איך זיין גאנץ רואיק, ווייל איך האב נישט קיין שונאים". גיט אים איינער פון זיינע זין א פרעג: „ווי איז דאס מעגלעך, טאטע, אז א מענטש זאל ניט האבן אפילו קיין איין שונא?"

— ביי מיר — ענטפערט דער זקן — איז עס יא מעגלעך, ווייל מיינע שונאים זיינען שוין אויסגעשטארבן...

אַלץ הייסט ענדיקן

צוויי יידישע מאַמעס האָבן זיך געטראָפן אין גאַס און דערציילן איינע דער אַנדערער וועגן זייערע טעכטער, אַז זיי האָבן געענדיקט קאָלעדזש.

— איר ווייסט, טייערע, מיין טאָכטער האָט געענדיקט האַנטער קאָלעדזש מיט „קום לאודא"!

זאָגט די צווייטע:

— און מיין טעכטערל האָט געענדיקט „קוים מיט צרות".

אַ קינדס לאָגיק

אין אַ משפחה זיינען געווען צוויי קינדער: בעני, צען יאָר אַלט, און משה'לע, זיבן יאָר אַלט. איינמאָל האָט די מוטער, צעוויינטלענדיק זיך מיט איר עלטערן יינגל, אַ זאָג געטאָן צו אים: „ביי דיר איז דאָך אַלעמאָל משה קאַפּויר!" — רופט זיך אָפּ דער קלענערער: „מאַמע, דו דאַרפסט ניט זאָגן „משה קאַפּויר", נאָר זאָג „בעני קאַפּויר!"...

אַ ווינטשעוואַניע

אַ טאַטע האָט געטרונקען „לחיים" אויף דער אויפנאַמע לכבוד זיין זון, וועלכער האָט גראַדואירט פאַר דאָקטאָר.

— וואָס זאָל איך דיר ווינטשן? — האָט דער פאָטער אויפגעהויבן דאָס גלעזל און געזאָגט — איך ווינטש דיר, אַז וואו נאָר אַ קרענק, זאָל זי קומען צו דיר!

נחת פון קינדער

— וואָס ביסטו היינט אַזוי פרי אַהיימגעקומען פון שול, סעמעלע?

— דער לערער האָט מיך אַהיימגעשיקט, ווייל כ'האָב נישט געוואוסט וויפל ס'איז 2 מאָל 2!

— מאָרגן זאָלסטו אים זאָגן, אַז 2 מאָל 2 איז 4!

— ס'וועט נישט העלפן, פאַ! כ'האָב אים שוין געזאָגט

— 5, און ער נעמט נישט.

דער וואָרטסמאַן

אַ שדכן איז אַמאָל פאַרבייגעפאָרן אַ דאָרף און האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטשמע, האָט אים דער באַלעבאָס פון דער קרעטשמע געבעטן ער זאָל געפינען אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער. דער שדכן נעמט אַרויס זיין ביכעלע און פאַרצייכנט אַלע דעטאַלן, וואָס דער אַרענדאַר גיט אים איבער, און אויפן שדכנ׳ס פראַגע ווי אַלט זיין טאָכטער איז, האָט ער געענטפערט: 18 יאָר. דעם שדכן איז אַזוי גיך ניט געלונגען צו געפינען אַ פּאַסיקן שידוך און ווען ער איז מיט דריי יאָר שפּעטער ווידער געקומען אין דער זעלבער קרעטשמע און נאָכאַמאָל גערעדט מיטן באַלעבאָס וועגן דעם שידוך און דערביי אַ פרעג געטאָן ווי אַלט די כלה איז, האָט דער קרעטשמער געענטפערט:

— איך, אַז איך זאָג אַ וואָרט, איז אַ וואָרט. כ׳האָב אייך שוין איינמאָל געזאָגט אַכצן — איז אַכצן...

אָפּגעטאָן אַ שפּיצל דעם טאַטן

אַ טאַטע און אַ זון זיינען אַמאָל אַריינגעקומען אין אַן אכסניה עסן. די באַלעבאָסטע האָט דערלאַנגט אַ יויך, וואָס איז געווען אַזוי הייס, אַז ס׳איז אַזש קיין פּאַרע דערפון ניט געגאַנגען. כאַפּט דער זון אַ לעפל יויך אין מויל אַריין, ברינט זיך אָפּ און צעוויינט זיך.

דער פאָטער, וואָס האָט ניט געוואוסט, אַז דער זון האָט זיך אָפּגעבריט, פרעגט אים:

— וואָס וויינסטו, מיין זון?

— כ׳האָב זיך — מאַכט דער זון — דערמאָנט אין דער מאַמעס טויט...

נעמט דער פאָטער אויך אַ לעפל זופּ, ברינט זיך אָפּ און צעוויינט זיך אויך.

— פאַרוואָס וויינסטו, טאַטע? — פרעגט דער זון.

— איך וויין — ענטפערט מיט כעס דער פאָטער — וואָס איך האָב געבראַכט אַזאַ משומד אויף דער וועלט...

האָט קאַליע געמאַכט זייער זון

אַ פאָטער און זיין זון זיינען געווען שותפים. אין די ביזנעס האָט געאַרבעט אַ גויאיש מיידל און דער זון האָט זיך אין איר פאַרליבט, און געזאָגט דעם טאַטן, אַז ער וויל מיט דער מיידל חתונה האָבן. נאַטירלעך, איז דער פאָטער געווען קעגן דעם שידוך.

דאָס מיידל האָט אָנגעבאָטן זיך מגייר צו זיין, אָבער דער פאָטער האָט דערפון ניט געוואָלט הערן.

דער סוף איז געווען, אַז דער זון האָט חתונה געהאַט מיט דער מיידל, אָן די עלטערנס ברכה. די שטימונג איז געווארן אַזאַ, אַז דער זון האָט פאַרלאָזן זיין טאַטן און איז אריין אין מסחר פאַר זיך.

דער פאָטער האָט, אָבער, אָן דעם זון ניט געקאָנט אויסקומען און האָט אים אָפּגערופן און אים געבעטן צו קומען אין זיינע ביזנעס שבת בייטאָג.

— עס טוט מיר לייד, טאַטע — האָט דער זון געענטפערט.
— איך בין אַ שומר שבת און קאָן ניט קומען.

— איך האָב געוואוסט, אַז די שיקסע וועט אים איבערפירן — האָט דער פאָטער אויסגערופן.

אדם הראשון

— פאַרוואָס האָט אדם הראשון לאַנג געלעבט?

— ווייל ער האָט ניט געהאַט קיין שוויגער.

אַ האַלבע און אַ גאַנצע צרה

ווען עלטערן האָבן ניט קיין געלט איז אַ האַלבע צרה, ווען קינדער האָבן ניט קיין שכל איז אַ גאַנצע צרה.

אַ גוט וואָרט

אַז דער זון שענקט דעם טאַטן — וויינען ביידע.
אַז דער טאַטע שענקט דעם זון — לאַכן ביידע.

נח און לוט

— פאַרוואָס זאָגט מען „שיכור ווי לוט“ און ניט ווי נח; ביידע זיינען דאָך געווען שיכורים?

— נח האָט געהאַט דריי חתונה געהאַטע זין, אָבער לוט איז געווען דער פאָטער פון צוויי איבערגעוואַקסענע מוידן. נח האָט געמעגט טרינקען, אָבער לוט — ניט...

זיך ניט דאַרפן קעמען

די קינדער אין ארץ־ישראל, די סאַברעלעך, האָבן זיך זייערע וויצן און זאָגעכצן. לאָמיר עטלעכע אַזעלכע דאָ איבערדערציילן.

צוויי קינדערלעך פון קינדערגאָרטן שמועסן צווישן זיך.

זאָגט אורי: אַז איך וועל זיין אַ גרויסער, וועל איך זיין ווי מיין טאַטע, כ׳וועל האָבן אַ פּליך אויפן קאָפּ, כ׳וועל ניט האָבן קיין האָר, וועל איך זיך ניט דאַרפן קעמען!

ענטפערט צבי: וועסטו דאָך אָבער דאַרפן וואַשן אַ גרע־סער פּנים!...

מען באָמבאַרדירט

צוויי סאַברעלעך שפּילן זיך אין פּאַרק. עס הויבט אָן שטאַרק צו דונערן. אסתר׳ל דערשרעקט זיך זייער און ארנון באַרואיקט זי:

— האָב ניט קיין מורא, עס דונערט נישט, נאָר מען באָמבאַרדירט...

ער איז אין מצרים

דוד׳ל שטיפט שוין אַביסל צו פיל און דער פאָטער ווערט זייער אויפגערעגט:

— דו ווייסט, דוד, דו גייסט שוין אַריבער די גרעניץ!

— אַזוי, טאַטע — בין איך שוין אין מצרים?

אַ שמועס צווישן זיידן און אייניקל

דער זיידע זאָגט מוסר זיין אייניקל:

— אַי, אמנון, אמנון, ביזט שוין אַזאַ גרויסער בחור און דו קענסט נאָך גאָרנישט, איך אין דיינע יאָרן האָב שוין געלערנט גמרא.

ענטפערט אמנון:

— וואָס באַרימסטו זיך אַזוי, זיידע? גיב אַ קוק — בן־גוריון אין דיינע יאָרן איז שוין פּרעמיער־מיניסטער און דו ביזט נאָך קיין פּאָליציאַנט אפילו אויך ניט...

אַ שיינער בן־גוריון

משה׳לע קוקט אויפן זיידן און ער זעט, אַז ער האָט אַ קאָפּ מיט ווייסע האָר, זאָגט ער צו אים:

— דו ווייסט, זיידע, דו קאָנסט שוין זיין אַ שיינער בן־גוריון!

ער אַרבעט אין באַנק

דער זיידע קומט פון תל־אביב צוגאַסט אין קיבוץ אַריין צו זיינע אייניקלעך. זאָגט צו אים דער פינף־יאָריקער אורי:

— סבא, וואָס האָסטו מיר געבראַכט?

— גאָרנישט, אורי, כ׳האָב ניט געהאַט קיין געלט...

— וואָס הייסט ניט געהאַט קיין געלט? דו אַרבעטסט אַזוי פיל יאָרן אין אַ באַנק און דו האָסט נישט קיין געלט?...

בינו לבינה

שלמה און די פייגעלעך

שלמה המלך האָט אַמאָל שטייענדיק אויפן באַלקאָן פון זיין פּאַלאַץ דערזען, ווי צוויי פייגעלעך שטייען אויף אַ גרויסער מויער און רעדן צווישן זיך. אַזוי ווי שלמה האָט געקענט די שפּראַך פון אַלע באַשעפעניש, האָט ער געהערט ווי איין פייגעלע זאָגט צו דעם צווייטן:

— דו זעסט אָט די גרויסע מויער? ווען איך וויל, קאָן איך מיט איין קלאַפּ מיט מיינע פליגל די מויער איינוואַרפן!

דערהערנדיק אַזאַ ווילדע באַהויפּטונג, רופט דער מלך שלמה צו זיך צו דאָס פייגעלע און זאָגט:

— ווי וואַגסטו צו זאָגן אַזאַ גרויסן ליגן?

— זיי מיר מוחל, אדוני קעניג, פאַר מיין זינד, — ענטפערט דאָס פייגעלע, — אָבער דאָס צווייטע פייגעלע איז מיין כלה, וויל איך זיך פאַר איר באַרימען...

ווען דאָס פייגעלע איז צוריקגעקומען צו זיין כלה און יענע האָט אים געפרעגט, וואָס דער מלך האָט אים געזאָגט, האָט דאָס פייגעלע איר געענטפערט:

— ער האָט זיך ביי מיר געבעטן, אַז איך זאָל די מויער ניט אומוואַרפן...

וואָס אַ שפּיגל קאָן

אַ פּאַרצייטיקער ישובניק, וואָס האָט אין זיין לעבן קיינ־מאָל קיין שפּיגל ניט געזען, איז איינמאָל געקומען אין שטאָט אַריין און האָט דערזען אין אַ פענצטער פון אַ קראָם, אַ שפּיגל, און אַריינקוקנדיק אין אים האָט ער דערזען אַ בילד, וואָס זעט אויס פּונקט ווי זיין שוין לאַנג פאַרשטאָרבענער טאַטע האָט אויסגעזען. געפעלט אים דער שפּיגל און ער גייט אַריין אין קראָם און קויפט אים, נאָר כדי זיין ווייב זאָל ניט וויסן, האָט ער דעם שפּיגל אַרויפגעלייגט אויפן בוידעם, וואוהין ער פלעגט יעדן טאָג אַרויפקריכן און אַריינקוקן אין אים, כדי צו זען זיין טאַטן. (אין דער אמתן האָט ער געזען זיך אַליין, ווייל ער האָט אויסגעזען פונקט ווי זיין פאָטער איידער ער איז געשטאָרבן).

ווען זיין ווייב, וואָס האָט אויך קיינמאָל קיין שפּיגל ניט געזען, האָט באַמערקט, אַז איר מאַן קריכט יעדן טאָג אַרויף אויפן בוידעם, און דערזעענדיק אין שפּיגל דאָס פּנים פון אַ מיאוסער פרוי, האָט זי אַ שפּיי געטאָן און אויסגערופן:

— אָט דאָס זיינען די מאַנסבילן, צוליב אַזאַ מיאוסער פּאַסקודסטווע האַלט ער אין איין קריכן אויפן בוידעם...

ווע מען ער מיינט

אַ ייד קומט אין חודש אלול אויפן בית עולם צו קבר אבות און זעט ווי זיינער אַ באַקאַנטער שטייט נעבן אַ קבר און זאָגנדיק דעם מענה לשון, קרעכצט ער אַלעמאָל אויס:

— אוי, פאַרוואָס ביזטו געשטאָרבן? פאַרוואָס ביזטו אַזוי יונג אַוועק פון דער וועלט?

פרעגט אים דער ייד:

— ווער איז דאָס דער טויטער, נאָך וועמען דו קלאָגסט אַזוי? דיין פאָטער, צי אפשר דיינער אַ ברודער?

— ניין, — ענטפערט דער וויינענדיקער, — דאָס איז מיין ווייבס ערשטער מאַן...

כדי ניט צו קושן

אַ יונגערמאַן האָט חתונה געהאַט מיט אַ רייך מיידל, אָבער זייער אַ גרויסע מיאוסקייט. און גראָד האָט ער זיך נוהג געווען, אַז ווען ער האָט געדאַרפט אוועקגיין אָדער אוועקפאָרן אויף אַ לענגערע שטיקל צייט פלעגט ער זיין ווייבל מיטנעמען.

פרעגט אים איינמאָל זיינער אַ פריינט:

— זאָג מיר, מאָטל, ביזטו טאַקע אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין דיין ווייבל, אַז דו האָסט מורא זי איבערצולאָזן אַליין?

— ניט דאָס, — ענטפערט מאָטל, — נאָר איך נעם זי אַלעמאָל מיט מיט זיך, כדי איך זאָל זי ניט דאַרפן קושן ביים געזעגענען זיך.

רש"י איז שולדיק

אין אַ קליין שטעטל האָט מען אַמאָל פאַרן רבין מלשין געווען אויף אַ חסיד, אַז ער האָט זיך ניט שיין אויפגעפירט מיט אַ יונגער אלמנה. אַז דער חסיד איז דערנאָך געקומען צום רבין, האָט אים דער רבי אַריינגערופן צו זיך אין חדר און האָט אים אויסגעמוסרט: סטייטש, ווי פּאַסט דאָס פאַר אַ פרומען יידן? ס'איז דאָך אַ חילול השם!

— רבי, — האָט דער חסיד גענומען טענהן, — אין שיר השירים שטייט דאָך „שני שדיך" מאַכט רש"י: „זה משה ואהרן", נו, רבי לעבן, אַז מען זעט פאַר זיך אַזוינע צוויי שיינע יידן, ווי גיט מען זיי ניט אָפּ קיין שלום עליכם?

— יאָ, — זאָגט דער רבי, — אָבער שלום גיט מען דאָך נאָר איינמאָל, און ביי דיר, זאָגט מען מיר, האָט מען דאָס געזען עטלעכע מאָל.

— פאַרשטייט איר מיך, רבי, — ענטפערט דער חסיד, — איך האָב אַלץ געוואָלט אויסגעפינען, וועלכער ס'איז משה און וועלכער ס'איז אהרן, אָבער עד היום איז עס נאָך ביי מיר אַ רעטעניש...

ער איז פּינקטלעך

די צוויי אַמאָליקע שול־חברים, בעני און מעני, האָבן זיך שוין היבשע עטלעכע יאָר ניט געזען. פּלוצים באַגעגענען זיי זיך אין גאַס. גיט בעני אַ פרעג ביי זיין חבר:

— וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיר, מעני?

— אָ, — מאַכט מעני, — איך האָב שוין חתונה געהאַט און האָב שוין אַ יינגעלע פון צוויי יאָר.

— אויב אַזוי, — זאָגט בעני, — קומט דאָך דיר אַ מזל־טוב, איז ווינטש איך דיר זאָלסט לעבן גליקלעך מיט דיין ווייב ביז 100 און זיבעצן יאָר.

— וואָס — פרעגט מעני — איז דאָס פאַר אַ חשבון — הונדערט מיט זיבעצן?

— חכם איינער! — רופט אויס בעני — דריי יאָר האָסטו דאָך שוין אָפּגעלעבט מיט איר...

אַ קלוגער רב

ביי אַ קלוגן רב האָט מען געפרעגט: עס שטייט דאָך „אל תרבה שיחה עם האשה", פאַרוואָס רעדט איר מיט ווייבער?

— עס איז בעסער צו רעדן מיט אַ יידענע — האָט דער רב געענטפערט — און טראַכטן וועגן גאָט איידער צו רעדן מיט גאָט און טראַכטן פון אַ יידענע...

ער גיט זיך אַן עצה

אַ פאַרפאָלק האָט ניט געלעבט בשלום און דער מאַן פלעגט שעלטן זיין ווייב מיט טויטע קללות. האָט זי אים אָנגעקלאָגט אין געריכט. דער ריכטער האָט אויסגעהערט די טענות און האָט דעם מאַן אָנגעזאָגט מיט דעם הארבן וואָרט, ער זאָל אויפהערן שעלטן. אויב ניט, וועט ער אים שיקן אין חד גדיא — האָט ער אים געוואָרנט. ווען זיי זיינען צוריקגעקומען, האָט דער מאַן געזאָגט צו זיין ווייב: „מיין טייערע, אַ לעבן אויף דיין קאָפּ", „אַ געזונט דיר אין בויך!" — אָבער דו ווייסט דאָך וואָס איך מיין...

אל תרבה שיחה

דער קאַצקער רבי און דער וואורקער רבי זיינען פאַרביי־געגאַנגען אַ סטראַגאַן מיט פרוכט. דעם וואורקער האָט זיך פאַרגלוסט צו נעמען אַן עפּל.

— וויפל קאָסט אַזאַ עפּל?

— צוויי גראָשן — ענטפערט די יידענעביים סטראַגאַן.

— און אפשר אַ גראָשן? — האָט זיך דער וואורקער אָנגעהויבן האַנדלען.

דער קאַצקער האָט דאָס געהערט, האָט ער שפּעטער פאַר־געהאַלטן דעם וואורקער:

— און „אל תרבה שיחה עם אשה" איז ביי דיר קיין גראָשן ניט ווערט?...

אַלץ איינס און איינס

נאָכדעם ווי דער מאַן האָט ביי זיינע פריינט פאַרבראַכט ביינאַכט מיט קאָרטן און מיט אַביסל משקה, און איז אַהיים־געקומען אַרום פיר פאַרטאָג, כאַפּט זיך אויף זיין ווייב און פרעגט אים:

— משה, וויפל איז דער זייגער?

— ס'איז איינס אַזייגער — ענטפערט ער.

דערווייל האָט דער זייגער גענומען קלינגען: איינס, צוויי, דריי... גיט משה אַ געשריי צום זייגער:

— הער שוין אויף צו קלינגען! אַלע ווייסן, אַז ס'איז שוין איינס, וואָס דאַרפסטו איבערחזרן: איינס, איינס, נאָכ־אַמאָל און נאָכאַמאָל?!...

אַ ביאַליק אַנעקדאָט

מען דערציילט, אַז דער גרויסער דיכטער חיים נחמן ביאַליק איז אַמאָל אין אַ חנוכה־אָוונט אַריינגעקומען אין אַ הויז, וואו עס איז פאָרגעקומען אַ חגיגה פון בחורים און מיידלעך. אַז די יונגעלייט האָבן ביאַליקן געבעטן, ער זאָל פאַר זיי זאָגן אַ פּאָר ווערטער, האָט ער, קוקנדיק כלומרשט מיט שטרענגע בליקן אויף די בחורים, צו זיי געזאָגט:

— שמעו נא בני, הערט זיך צו, מיינע קינדער! הנערות (הנרות) הללו קודש הן, די דאָזיקע מיידלעך זיינען הייליק, ואין לכם רשות להשתמש בהן, אלא לראותן בלבד!...

און דער יונגער עולם האָט אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן געלעכטער.

אַ קשיא אויף דוד המלך

פרעגט איין ייד דעם צווייטן:

— דוד המלך זאָגט אין תהילים: „ואני כחרש לא אשמע, וכאלם לא יפתח פיו", איז מיר קשה, פאַרוואָס איז דער ערשטער העלפט פונעם פסוק, ווען ער זאָגט: איך וועל זיין ווי אַ טויבער, זאָגט ער „לא אשמע" איך וועל ניט הערן, און אין דער צווייטער העלפט זאָגט ער: ווי אַ שטומער, וואָס עפנט ניט זיין מויל, און ניט מיין מויל?

ענטפערט דער צווייטער:

— פאַרשטייסטו, דוד רעדט דאָ וועגן דעם, וואָס זיינע שונאים באַרעדן אים און וואַרפן אים פאָר די מעשה בת־שבע. זאָגט ער: „איך וועל זיך מאַכן טויב און וועל ניט הערן, וואָס זיי רעדן וועגן מיר, וועלן מיינע שונאים ממילא זיין ווי אַ שטומער, וואָס עפנט ניט זיין מויל"...

צופיל תהילים

אַ יונג ווייבל איז זייער שווער געגאַנגען צו־קינד און איר יונגער מאַן איז געווען זייער פאַרצווייפלט. אַזוי ווי ער האָט אַ לאַנגע צייט פאַרבראַכט אין שפּיטאָל, איז ער אַוועק אין אַ רעסטאָראַן עפּעס נעמען אין מויל אַריין. דער באַלעבאָס פון רעסטאָראַן האָט געזען ווי דער גאַסט איז אַזוי צערודערט, האָט ער אים געפרעגט וואָס אים איז. דער יונגערמאַן דערציילט אים, אַז זיין פרוי גייט זייער שווער צו־קינד. מאַכט דער אייגנטימער:

— אָט דאָ דערביי איז פאַראַן אַ שול מיט אַ מנין יידן, וועל איך זיך אַהין גלייך אַריינכאַפּן און זיי הייסן זאָגן תהילים.

— הלוואי — זאָגט דער יונגערמאַן — זאָל עס העלפן!

ביז דער רעסטאָראַטאָר איז צוריקגעקומען פון דער שול, האָט דער גאַסט דערווייל אָפּגעגעסן און איז באַלד אַוועק צוריק אין שפּיטאָל אַריין. ווען ער האָט אַ פרעג געטאָן די קראַנקן־שוועסטער וואָס ס׳הערט זיך, האָט זי אים אַ ווייז געטאָן מיט אַ פינגער: „איינס איז שוין דאָ, און ס׳דאַרף קומען נאָך". לויפט ער גלייך צו צום טעלעפאָן און שרייט אַריין צום רעסטאָראַטאָר:

— ווי גאָט איז אייך ליב, הייסט זיי אויפהערן זאָגן תהילים!

די אייביקע חוה

נאָך דעם ווי אדם און חוה האָבן געגעסן פונעם עץ־הדעת, איז אדם אין עטלעכע וואָכן אַרום אַוועק פון הויז און איז ניט אַהיימגעקומען ביז אין עטלעכע טעג אַרום אין אַ פאַרטאָג. ער האָט זיך אויסגעטאָן זיינע פייגנבלעטער און זיך געלייגט שלאָפן. רופט זיך צו אים אָן זיין ווייב חוה מיט אַ געשריי:

— אַנו, צדיק מיינער, לאָמיך אָקאָרשט אַ קוק טאָן, צי עס פעלט דיר נישט נאָך אַ ריפּ!...

מאַמע־לשון

פרעגט איין ייד דעם צווייטן:

— פאַרוואָס רופט מען אָן די יידישע שפּראַך „מאַמע לשון"?

ענטפערט דער צווייטער:

— גאַר פשוט, ווייל די מאַמע לאָזט דעם טאַטן קיינמאָל ניט אַ וואָרט אויסרעדן. און טאַקע דערפאַר האָט דער אויבערשטער געגעבן אדמ׳ען אַ ווייב חוה, כדי ער זאָל זיך פון איר אויסלערנען רעדן יידיש...

אַ גוטער מאַן

אַ יידענע שטייט איינמאָל אויף פון שלאָף אַ פריילעכע און זאָגט צו איר מאַן:

— דו ווייסט, ס׳האָט זיך מיר געחלומט, אַז דו האָסט מיר געקויפט אַ טייערן פוטער־מאַנטל.

— אַזוי? מאַכט דער מאַן — נו, ווינטש איך דיר, אַז אין נאָענטסטן חלום זאָלסטו אים טראָגן געזונטערהייט...

עס שיקט זיך נישט

אַ ייד קומט אַריין צו זיינעם אַ לאַנדסמאַן, וואָס ער האָט אים שוין ניט געזען זינט יענער איז נאָך געווען אַ יונגער בחור. דערזעענדיק ווי עס דרייט זיך אַרום אין הויז עפּעס אַ מיאוסע פרוי, פרעגט ער דעם לאַנדסמאַן:

— משה, איז דאָס די דינסט דיינע?

— מאַך זיך ניט נאַריש — ענטפערט משה. — פאַר אַ דינסט וועל איך אַריינגעמען אַזאַ פאַרזעעניש? ס'איז מיין ווייב, איז עס...

אַ קנאַפּער טרינקער

ביי אַ סעודה לכבוד אַ בר־מצווה האָט איינער פון די קרובים געהאַלטן אין אָנגיסן אַ גלעזל בראָנפן פאַר אַ צווייטן קרוב. רופט זיך צו אים אָן דעם צווייטנס ווייב:

— חיים, גענוג שוין גיסן! מיין משה איז אַ קנאַפּער טרינקער.

— וואָס הייסטו? — פרעגט דער קרוב — איך ווייס דאָך, אַז דיין משה האָט דווקא גאָרניט פיינט דעם ביטערן טראָפּן.

— הערסטו, — מאַכט די פרוי, — דאָס מיין איך דאָך טאַקע, אַז ער איז אַ „קנאַפּער" טרינקער, וויפל מען גיסט אין אים איז אים אַלץ קנאַפּ...

ער געפינט אַ טעות

אַ פרוי אין מיאַמי האָט געשיקט צו איר מאַן אין ניו־יאָרק אַזאַ בריוול: „טייערער סעם, שיק מיר גלייך אַרויס 500 דאָלער, ווייל די הינט און די פערדלעך עסן מיר אָפּ דעם קאָפּ. דיין געטרייע, פעני".

דער מאַן האָט איר באַלד צוריקגעשריבן: „ליבע פענילע, ענטפערנדיק אויף דיין בריוו, שיק איך דיר דאָ אַ טשעק פאַר 50 דאָלער, ווי דו האָסט פון מיר פאַרלאַנגט. נאָר עס איז מיר אַ וואונדער, ווי קומט עס, וואָס אין מיאַמי לייגט מען אויס דעם ציפער פופציק מיט צוויי נולן?... דיין געטרייער סעם".

דיינו און דינה

ווען דער שאַוולער רב האָט דערזען, אַז זיין רביצין, וואָס האָט בלויז געהאַט מיידלעך, האָט שוין צום פערטן מאָל געבוירן אַ מיידל, איז ער געוואָרן זייער צערודערט. ווען ס'איז געקומען שבת און דער שמש האָט אַ זאָג געטאָן „ויקרא שמה בישראל", קוקנדיק צום רב אויף אַן ענטפער, האָט דער רב אַ געשריי געטאָן „דיינו!", ס'הייסט גענוג. דער נאָמען פון אָט דער פערטער טאָכטער איז טאַקע געבליבן „דינה". דער וואונדער איז, וואָס פון דעמאָלט אָן האָט די רביצין געבוירן נאָך 5 קינדער — אַלע יינגלעך!

(דאָס איז אַן אמת'דיקע מעשה. יענע דינה איז געווען מיין גאָטזעליקע ערשטע פרוי, עליה השלום).

געטריי ביז גאָר

אַ פרוי, וואָס איז געלעגן צו בעט אויף אַ שווערער קראַנקייט עטלעכע חדשים צייט, האָט ענדלעך דערפילט, אַז זי האַלט שוין ביים שטאַרבן. האָט זי צוגערופן איר מאַן און צו אים געזאָגט:

— דו זעסט דאָך, מיין מאַן, אַז דער סוף קומט שוין און ווי דו ווייסט בין איך דיר שטענדיק געווען געטריי, בעט איך דיך, אַז דו זאָלסטו מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט חתונה האָבן מיט מיין יונגער שיינער קוזינע, פערעלע, ווייל איך וויל ניט, אַז דו זאָלסט געבן אונדזערע קינדער אַ פרעמדע שטיף־מאַמע.

— סטייטש! — רופט זיך אָן דער מאַן — וואָס רעדסטו עפּעס? דו וועסט געזונט ווערן און מירן נאָך לעבן אַ סך יאָרן... און צווייטנס, דאַרפסטו זיך גאָרניט זאָרגן. איך האָב שוין אַליין לאַנג געטראַכט וועגן נעמען דיין קוזינע...

צעשטערטע שמחה

אַ ייד האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן, רופט ער צו זיין ווייב און זאָגט צו איר:

— מילא, דו זעסט דאָך, אַז איך מוז גיין, בעט איך ביי דיר איין זאַך, אַז ווען דו וועסט גיין אויף מיין לוויה, זאָלסטו אָננעמען מיין מאַמע ביי דער האַנט און גיין מיט איר אינ־איינעם דעם גאַנצן וועג.

— גוט — ענטפערט די פרוי — ס'איז אַזוי דיין צוואה, מוז איך דיין וואונטש נאָכקומען, אָבער וויסן זאָלסטו, אַז איך וועל פון דיין לוויה שוין קיין פאַרגעניגן ניט האָבן...

ס'איז אים נעבעך ביטער

אַ ייד האָט זיך אַריינגעלאָזט אין טרינקען און האָט אַלע נאַכט פאַרבראַכט שפּעט אין שענק. איינמאָל איז געקומען זיין ווייב נאָך האַלבער נאַכט אים אַהיימצונעמען. טראָגט ער איר צו אַ גלעזל בראָנפן און זאָגט צו איר:

— אַז דו ביזט שוין יאָ דאָ, כאַפּ אויך אַריין אַ טרונק איידער מיר גייען אַהיים.

ווען זי האָט אָבער נאָר פאַרזוכט אַביסל דערפון, גיט זי זיך אַ קרום און שרייט אויס:

— אוי, ס'איז דאָך ביטער ווי גאַל!

— זעסט שוין — מאַכט דער מאַן — ווי איך קום דאָ אָפּ גאַנצע נעכט? און דו מיינסט, אַז איך לעק האָניק!...

אַן אלמנה נאָך אַ קלעזמער

אין אַ קליין שטעטל איז געשטאָרבן דער רב, האָבן מענטשן באַמערקט, אַז אויף דער לוויה האָט די רביצין ניט אַרויסגעוויזן אַזוי פיל צער און טרויער נאָך איר מאַן. אין אַ צייט אַרום האָט די רביצין נאָך אַמאָל חתונה געהאַט, מיט אַ יידן אַ קלעזמער. אָבער אין אַ פּאָר יאָר אַרום איז איר צווייטער מאַן אויך געשטאָרבן און דאָ האָט זי שוין ביי דער לוויה געוויינט און געשריען מיט אַלע כוחות. האָט שפּעטער אַ יידענע ביי איר געפרעגט:

— סטייטש? פאַרוואָס האָט איר ניט אַזוי שטאַרק גע־וויינט, ווען דער רב איז געשטאָרבן?

— פאַרשטייט איר מיך, — ענטפערט זי, — דעמאָלט איז מיין בראָך ניט געווען אַזוי גרויס, ווייל איך בין נאָך אַלץ געווען אַ רביצין, די אלמנה פון אַ רב. אָבער איצט, מ'שטיינס געזאָגט, וואָס בין איך געוואָרן? אַן אלמנה נאָך אַ פּראָסטן קלעזמער!...

דער קאָמפּראָמיס

דערציילט אַ יונג באַלעבעסל, ערשט נאָך זיין חתונה: אַזוי ווי מיר האָבן אַריינגעקראָגן צווישן די חתונה-מתנות אַ היפּש ביסל מזומן, איז צווישן מיר און מיין ווייבל פאָרגעקומען אַ שטיקל מחלוקת וואָס צו טאָן מיטן געלט. זי האָט געטענהט, אַז אַזוי ווי דער גרעסערער טייל פונעם געלט איז געקומען פון איר צד, וויל זי פאַר דעם געלט קויפן אַ פוטער-מאַנטל, און זאָלן טאַקע אירע פריינדינעם פּלאַצן פאַר קנאה. איך, ווידער, האָב געטענהט פאַרקערט, אַז דעם גרעסטן חלק געלט האָבן געגעבן מענטשן פון מיין צד, און דעריבער וויל איך בעסער מיט דעם געלט אָפּצאָלן מיינע חובות. דער סוף איז געווען, אַז מיר האָבן געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס — מיר האָבן געקויפט אַ — מינק-קאָוט...

אַ וואונטש אַזאַ...

ר' הערש, אַן אָנגעזעענער סוחר אין אַ געוויסער שטאָט, איז געוואָרן אַן אלמן. איז ער אַרויסגעפאָרן אין אַן אַנדער שטעטל, וואו ער האָט זיך אויסגעזוכט אַ צווייטע פרוי, מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט און האָט זיך טאַקע דאָרט באַזעצט. ווען ער איז אין אַ צייט אַרום געקומען אויף אַ באַזוך אין זיין שטאָט און זיינע אַלטע פריינט האָבן אים געפרעגט, ווי ער האָט געטראָפן מיט זיין צווייט ווייב, האָט ער געענטפערט:

— אַ דאַנק גאָט, וויפל ס'איז מיר נאָך באַשערט חתונה צו האָבן, זאָל איך ערגער ניט אָנטרעפן...

אַ קלאָרער חשבון...

אַ מיידל האָט אָנגענומען אַ שטעלע אַלס דינסט ביי אַ באַלעבאָסטע אין אַ פרעמדן שטעטל. ווען זי איז שוין אָפּגעווען עטלעכע חדשים זאָגט זי צו דער באַלעבאָסטע, אַז אַזוי ווי זי האָט זיך באַקענט מיט אַ בחור און זי וויל גיין חתונה האָבן, זאָל מען איר באַצאָלן וויפל עס קומט איר, וועט זי אַהיימפאָרן. זאָגט די באַלעבאָסטע:

— גוט, אזוי ווי דו האסט זיך געשטעלט דינען אנהויב יאנואר און איצט איז שוין סוף מאי, קומט דיר פונקט פאר פינף חדשים.

— ניין, מאדאם, — מאכט די דינסט, — אזוי ווי ווען איך בין צו אייך אנגעקומען, האט מיין שוועסטער חתונה געהאט, און מארגן וועט ביי איר זיין א פדיון הבן, איז 9 חדשים טראגן און 30 טעג נאכן האבן דאס קינד, איז קומט מיר פון אייך פונקט פאר צען חדשים...

איר פארדאכט

א פרוי קומט אין געריכט און רופט זיך אפ צום ריכטער:

— איך וויל איר זאלט מיך אפגטן פון מיין מאן.

— ווי לאנג וואוינט איר שוין מיט אים? — פרעגט דער ריכטער.

— 15 יאר.

— און איר האט ניט קיין קינדער? — פרעגט ער ווייטער.

— מיר האבן פינף קינדער, נאר כ'האב לעצטנס אויף אים א פארדאכט, אויף מיין מאן.

— וואס א שטייגער, — פרעגט אוים דער ריכטער, — אז ער האט צו טאן מיט אן אנדערער?

— ניין, — ענטפערט די פרוי, — נאר איך בין אים חושד, אז מיינע ערשטע צוויי קינדער זיינען ניט זיינע.

א שמועס ביי תשליך

שטייען יידן ביי תשליך און טרייסלען אוים די קעשענעס פון עבירות. רופט זיך אן איין ייד:

— איך מיין, מ'וואלט געדארפט אריינווארפן אלע ווייבער דא אט אין טייכל, אחוץ — מיין ווייב!

— וואס איז דער מער מיט אייער ווייב? — רופט זיך אן א צווייטער — פארוואס איז זי מער יחסנטע ווי אלע אנדערע ווייבער?!

— ווייל דא ווארפט מען אריין די עבירות, און אריינצוא־ווארפן מיין ווייב — איז א מצווה!

ווי אַזוי ער האָט אים געראַטעוועט

אַ קליינשטעטלדיקער יונגערמאַן באַקלאָגט זיך פאַר זיין גוטן פריינט, אַ לאַנדסמאַן:

— איטשע, ס'איז ביטער! מיין ווייב איז אַזאַ מרשעת, אַז כ'קען נישט פון איר אויסהאַלטן! אפשר האָסטו עפּעס אַן עצה, אַז זי זאָל מיך וועלן אָפּגטן?

— יאָ, — זאָגט דער לאַנדסמאַן, — כ'האָב פאַר דיר אַ שטיקל עצה. אויב דו וועסט צו־הילף נעמען די צוויי פסוקים: „אשה רעה מר ממות", און „צדקה תציל ממות"!

— וואָס מיינסטו דערמיט? — פרעגט פאַרצווייפלט דער יונגערמאַן.

— גאָר פשוט: דיין שווער איז דער גבאי פון בית־מדרש, יאָ? גייזשע אין בית־מדרש, גנבע צו די צדקה־פושקע און לאָז דיך כאַפּן ביי דער האַנט!

— איז וואָס וועט זיין דערפון?

— גאָר פשוט: דער שווער וועט דאַן פאַרלאַנגען, אַז זיין טאָכטער זאָל דיך גטן, ווייל ער וועט נישט וועלן האָבן קיין איידעם פאַר אַ גנב; און אַזוי ווי אַ שלעכט ווייב איז ערגער ווי דער טויט, וועט די צדקה־פושקע דיך האָבן געראַטעוועט פון טויט, ווי אין פסוק שטייט: „צדקה תציל ממות"...

וואו דאָס ווייב איז

יידן פון דער אַלטער וועלט געדענקען אוודאי, אַז ווען עס פלעגט קומען שבת פאַרנאַכט און אַלע יידן זיינען נאָך געווען אין שול צו מעריב, זיינען שוין אַלע קליימן געווען אָפן, און מערסטנס זיינען עס געווען די ווייבער פון פרומע מענער, וואָס האָבן די קראָמען געעפנט. פרעגט זיך ווי קומט עס? דאַרפן דען די ווייבער ניט אָפּהיטן שבת פונקט ווי די מענער? איז דער תירוץ אַזוי: אין דער תורה שטייט ביים געבאָט פון שבת: „למען ינוח אתה, ובנך ובתך, עבדך ואמתך". שטעלט זיך אַ פראַגע: און וואו שטייט ערגעץ „ואשתך" — דיין ווייב? איז דער תירוץ, אַז דאָס ווייב שטייט — אין קליימל...

אַן אמתע אשת חיל

ווען ענגלאַנד האָט געהאַט דעם מאַנדאַט איבער ארץ־ישראל איז אַ ייד אַריינגעלאָפן צום תל־אביבער רב און אויסגערופן:

— רבי, איר מוזט מיך אָפּגטן פון מיין ווייב.

— וואָס איז עפּעס מיט איר? — פרעגט דער רב.

— ניין, רבי, איר פאַרשטייט מיך ניט — גיט צו פאַרשטיין דער ייד — זי איז אַן אשת חיל, ווייל זי גייט אַרום מיט ענגלישע זעלנער.

אויף אייגענעם לשון

צוויי ישיבה־בחורים האָבן דערזען אויף דער גאַס ווי אַ מיידל האָט פאַרלוירן איר הענטשקע און אַ יונגערמאַן, וואָס האָט דאָס באַמערקט, האָט די הענטשקע אויפגעהויבן און איר עס אַוועקגעגעבן. דאָס מיידל האָט אים געדאַנקט און ביידע זיינען זיך ווייטער שוין צוזאַמען אַוועקגעגאַנגען.

פרעגט איין ישיבה־בחור דעם אַנדערן:

— ווייסטו וואָס דאָס איז?

— טאַקע, וואָס? — מאַכט דער צווייטער.

— פשוט, — זאָגט דער ערשטער, — ס׳איז אַ הקדמה אויף אַ „חיבור”...

ער קאָן זיך געבן אַן עצה

זי: דו קענסט איצט נישט אַריינקומען, איך בין האַלב אָנגעטאָן.

ער: עס מאַכט נישט, כ׳וועל צומאַכן איין אויג.

די רעדט ווינציק

זי: איך געהער צו די מיידלעך, וואָס רעדן זייער ווינציק.

ער: וואָס אַ שטייגער זאָגסטו?

זי: יאָ...

דער בעסטער פּלאַן

ער און זי, פרומע מענטשן,ביידע אין די עלטערע יאָרן, האָבן אַלעמאָל געחלומט צו ענדיקן זייער לעבן אין ארץ־ישראל. איינמאָל, רעדנדיק וועגן דעם, רופט זי זיך אָפּ:

— ווייסטו וואָס? אַזוי ווי מיר קאָנען ביידע אויף אַמאָל ניט פאָרן, רעכן איך, אַז ס'איז גלייכער איך זאָל פריער פאָרן.

— ניין, — מאַכט איר מאַן, — איך האָב אַ בעסערן פּלאַן, אויב איינער פון אונדז וועט פריער שטאַרבן, זאָל איך טאַקע באַלד נאָך פסח פאָרן קיין ארץ־ישראל...

אַ ריכטיקער סימן

אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט געליטן פון מאָגן, גייט אין גאַס און יעדעס מאָל ווען עס גיט איר אַ כאַפּ אַ ווייטיק, גיט זי אַ זאָג: „אוי, אַ חורבן!" דערווייל קוקט זי זיך אַרום און זעט ווי אַ פרעמדער ייד גייט איר נאָך. זי האָט זיך געפילט ווי פאַרשעמט און האָט אים אַ פרעג געטאָן: „ווי לאַנג גייט איר מיר אַזוי נאָך?"

ענטפערט דער ייד:

— נאָך פונעם ערשטן „חורבן"...

דער קלוגער מלאך

אַ ייד, ניט זייער קיין פרומער, שטאַרבט און קומענדיק צום טויער פון יענער וועלט רעכנט אים דער מלאך אויס זיינע גרויסע עבירות, וואָס ער האָט געטאָןביים לעבן און פסקנט, אַז ער מוז גיין אין גיהנום אַריין.

צעוויינט זיך דער ייד און טענהט:

— סטייטש, איך האָב ביי מיין לעבן צוויי מאָל חתונה געהאַט און מיינע ביידע ווייבער זיינען געווען ביטערע ארורות, איינע ערגער פון דער אַנדערער, אַזוי, אַז איך האָב שוין פון זיי געהאַט דעם גיהנום ביים לעבן, טאָ זאָל איך איצט ווידער גיין אין גיהנום אַריין?

— גערעכט! — זאָגט דער מלאך און באַפעלט מען זאָל דעם יידן אָפּפירן אין גן עדן אַריין.

אַ צווייטער ייד, וואָס איז אויך אָט־ערשט געשטאָרבן און האָט, וואַרטנדיק אויף זיין רייע, גראָד געהערט, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט דעם ערשטן, האָט נאָכדעם ווי דער מלאך האָט אים געהייסן גיין אין גיהנום אַריין, גענומען טענהן:

— סטייטש, איך האָב ביי מיין לעבן דריי מאָל חתונה געהאַט און איך האָב פון אַלע דריי געליטן גיהנום, זאָל איך איצט גיין נאָכאַמאָל אין גיהנום?

— יאָ! — זאָגט שטרענג דער מלאך — אַ ייד, וואָס האָט געהאַט געברענטע צרות פון צוויי ווייבער און גייט דערנאָך נעמען אַ דריטע, איז מער ניט ווערט ווי נאָכאַמאָל אין גיהנום אַריין...

פאַרוואָס ער איז קעגן

אַ יידישער שרייבער, אַ פייערדיקער ראַדיקאַל, האָט אַמאָל אָנגעשריבן אַ שאַרפן אַרטיקל קעגן געמישטע חתונות. ווען מ'האָט אים געפרעגט: „סטייטש? דו, אַזאַ אויסגעשפּראָכענער פרייַדענקער זאָל גאָר אַזוי שרייבן?" — האָט ער געענטפערט:

— ווייל, פאַרשטייט איר מיך, חתונה האָבן מיט אַ שיקסע איז טאַקע ניט אַזוי שלעכט, אָבער צו לעבן אויף די עלטערע יאָרן מיט אַן אַלטע גויה, זעט איר, דאָס איז שוין ניט אַזוי גוט...

ברענען ווי די ליכט

די וועלט זאָגט אַ גלייכוווערטל: טאַטע־מאַמע קריגן זיך און קינדער קומען אָפּ. איינמאָל, אין אַזאַ סאָרט פאַמיליע, איז די מאַמע געשטאַנען אין אַ פרייטיק־צו־נאַכט און געבענטשט ליכט. גייט צו די קליינע טאָכטער צו דער מוטער און פרעגט:

— מאַמע, זאָג מיר נאָר, פאַרוואָס די ליכט בענטשסטו און דעם טאַטן שעלטסטו?

ענטפערט איר אויף דעם די מוטער:

— טאָכטערשע, אַז דער טאַטע וועט ברענען אַזוי ווי די ליכט, וועל איך אים אויך בענטשן!

די ריכטיקע ברכה

ווי באַקאַנט, איז ביי יידן אין דער אַלטער וועלט געווען אַ מנהג, אַז חתן־כלה האָבן זיך ניט געזען ביז צו זייער חופּה. מאַכט זיך איינמאָל, ווען אַזאַ פּאָרל איז געשטאַנען אונטער דער חופּה און דער חתן האָט אויפגעהויבן דעם שלייער פון דער כלהס פּנים, כדי זי זאָל טרינקען פונעם וויין־בעכער, האָט ער אויף אַ הויך קול געמאַכט די ברכה „שכחו וגבורתו מלא עולם״!

איז צווישן דעם עולם געוואָרן אַ טומל און מען האָט אים געפרעגט: „סטייטש, האָסט דאָך באַדאַרפט מאַכן אַ ברכה „בורא פּרי הגפן״, ווי קומסטו צו אַ ברכה, וואָס מען מאַכט איבער אַ דונער?״ — האָט דער חתן געענטפערט:

— אַזוי גיך ווי איך האָב דערזען מיין כלהס פּנים האָט מיך געטראָפן אַ דונער — און דערפאַר איז די ברכה וואָס איך האָב געמאַכט געווען די ריכטיקע ברכה...

שטאַרקער פון אייזן

— דו ווייסט? איך גיי אינגיכן פּראַווען מיין אייזערנע חתונה.

— וואָס רעדסטו עפּעס? איך האָב געהערט פון אַ זילבער־נער חתונה, פון אַ גאָלדענער חתונה, אָבער וואָס איז אַזעלכעס אַן אייזערנע חתונה?

— גאָר פּשוט. אַז איך האָב אויסגעהאַלטן פון מיין יידענע די גאַנצע 15 יאָר, זינט איך האָב מיט איר חתונה געהאַט, בין איך שטאַרקער פון אייזן...

באַרואיקט

אַ ישיבה־בחור זאָגט אַמאָל צו אַ שדכן: „די מיידלעך, וואָס איר רעדט מיר, געפעלן מיר ניט. איך וויל אַ מיידל „קני״.

דער שדכן ווערט דערשטוינט. סטייטש, צו הערן אַזאַ וואָרט פון אַ פרומען בחור. דער ישיבה־בחור, וועלכער באַ־מערקט עס זאָגט גלייך צום שדכן:

— קני, פאַרשטייט איר מיך, איז די ראשי תיבות פון „קרן, נדן, יחום״.

זיי באַוואָרענען זיך

אַן אָרעמער נאַצי אין דייטשלאַנד גייט אַריין צו זיין רייכן שכן, אויך אַ נאַצי, אין גאָרטן, און זעט ווי יענער גראָבט אַ גרוב. פרעגט ער אים:

— וואָס גראָבסטו, האַנס?

— וואָס? — ענטפערט האַנס — האָסט ניט געלייענט אין צייטונג, אַז די מאַכט גייט צונעמען ביי יעדן דאָס גאָלד און צירונג? אָט דערפאַר גראָב איך...

אויף מאָרגן קומט שוין דער רייכער אַריין צום אָרעמען אין גאָרטן און זעט ווי דער גראָבט אויך אַ גרוב. פרעגט ער אים:

— און וואָס גראָבסט דו עפּעס? דו האָסט דאָך גאָרניט.

— אַ, — ענטפערט דער אָרעמער — מיין ווייב איז ביי מיר טייערער ווי דיין גאָלד און דימענטן...

די תורה איז גערעכט

די תורה האָט אָנגעזאָגט די יידן: „כי תצא למלחמה על אויבך” — אַז איר וועט אַרוים אין קריג קעגן שונא, זיינען דאָ דריי קאַטעגאָריעס וואָס זיינען פריי פון דינסט: ערשטנס, „איש הירא ורך הלבב” — אַ מאַן אַ שוואַכלינג; צווייטנס, איינער, וואָס האָט אויפגעבויט אַ הויז און האָט עס נאָך ניט באַנייט און דריטנס — איינער, וואָס איז פאַרהייראַט ווינציקער ווי אַ יאָר. פרעגט די וועלט: מיט וואָס איז אַזאַ יונגערמאַן מער יחסן פון אַ יידן, וואָס האָט שוין עטלעכע קינדער? איז דער תירוץ, אַז כדי צו זיין באַהאַוונט אין פירן קריג און קאָנען פולווער שמעקן, מוז מען האָבן כאָטש אַ יאָר דערפאַרונג...

אַז מ׳האָט אַ שלעכט ווייב

אַ ייד, וועמעס ווייב איז געווען אַ מרשעת, פלעגט זיך ווינטשן, אַז גאָט זאָל אים העלפן ער זאָל שטאַרבן דעם לעצטן טאָג אין חודש ניסן.

אַז מען האָט אים געפרעגט פאַרוואָס עפּעס דווקא דעם לעצטן טאָג אין ניסן, האָט ער געענטפערט: „כדי עס זאָל מיר אויסקומען „אייר” (איר) צו באַגראָבן”.

אַ גמרא פאַרענטפערט

די גמרא זאָגט: „בזכות נשים צדקניות ישראל נגאלו" — אין זכות פון די פרומע ווייבער זיינען די יידן אויסגעלייזט געוואָרן פון גלות מצרים. שטעלט זיך די פראַגע: וואָס האָבן די ווייבער אַזוינס געטאָן, וואָס פרעה האָט זיך צו זיי צוגע־הערט? איז דער תירוץ אַזוי:

די פרויען זיינען אין אַ דעלעגאַציע געקומען צו פרעה'ן און האָבן צו אים געזאָגט: דו גרויסער מלך, האַלטסט דאָך די יידן אין מצרים, ווייל דו ווילסט זיי האָבן פאַר שקלאַפן, טאָ גיב זיי בעסער איבער צו אונדז אין די הענט, וועסטו זען ווי מיר וועלן פון זיי מאַכן אמתע שקלאַפן. האָט פרעה זיי געפאָלגט, און אין זייער זכות זיינען די יידן אַרויס פון מצרים.

צופיל „מזל"

אַ יידענע, וואָס האָט שוין געהאַט פינף קינדערלעך, האָט זיך איינמאָל אָפגערופן צו איר מאַן:

— אוי, משה־יאָסל, אַ ווייטיק איז מיר ניט געשען! מיר דאַכט זיך, אַז איך פאַרגיי שוין אין טראָגן מיטן זעקסטן קינד.

— נאַרעלע, — ענטפערט דער מאַן, — וואָסזשע זאָרגסטו זיך? ווען אונדזער מוטער לאה האָט געבוירן דעם זעקסטן זון האָט זי געזאָגט „בא גד", מאַכט רש"י „בא מזל טוב" — ס'איז געקומען אַ גוטער מזל!

— כ'וועל דיר זאָגן, — מאַכט די פרוי, — וואָס רש"י מאַכט ווייס איך טאַקע ניט, אָבער אַז מיט יעדן „מזל" וואָס קומט צו, ווערט ווינציקער ברויט, דאָס ווייס איך יאָ...

אין טרויער, נעבעך

ביי אַ פרוי אין די מיטעלע יאָרן איז געשטאָרבן דער מאַן און אין טאָג פון דער לוויה האָט זי צעאַרבעט מעשים. זי האָט געוויינט, געקלאָגט און גערירט אַלעמענס הערצער. ווען ס'איז געקומען צו רייסן קריעה, פרעגט ביי איר דער שמש:

— ווי ווילט איר זאָל איך איינשניידן די קריעה, אויף דער רעכטער זייט צי אויף דער לינקער?

— וואָס איז דער חילוק? — פרעגט זי.

— פאַרשטייט איר מיך, — זאָגט דער שמש, — אויב אויף דער רעכטער, טאָרט איר מער ניט חתונה האָבן, און אויב אויף דער לינקער זייט, מעגט איר יאָ נאָכאַמאָל חתונה האָבן.

— אַז ווי איז צו מיר — וויינט ווייטער די פרוי — זאָל שוין זיין אויף דער לינקער זייט...

חנא׳ס פופציקער

אין אַ שטעטל איז געווען אַ ייד, חנא, אַ זייער ביטערער אָרעמאַן. יעדן פרייטיק פלעגן די ווייבער אַרומגיין זאַמלען אַביסל געלד אויף שבת פאַר אים און זיין פאַמיליע. איינמאָל, אין אַ פרייטיק, לויפט חנא אַרום צווישן די קרעמער און הייסט זיך אויסבייטן אַ פופציקער. האָבן זיך אַלע מענטשן געוואונדערט, ווי קומט צו חנא׳ן דעם קבצן אַ פופציקער? און עטלעכע יידן זיינען טאַקע צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט:

— חנא, וואו האָסטו גענומען אַזוי פיל געלט?...

— איר פאַרשטייט מיך ניט — ענטפערט חנא — מיין ווייב, כיינע, זאָל לעבן, איז מיר געוואָרן פופציק יאָר אַלט, וויל איך זי אויסבייטן אויף צוויי פינף-און-צוואַנציקער...

ער וועט באַלד זען

אַ מאַן טעלעפאָנירט צו דער פאָליציי, אַז מען זאָל גלייך שיקן אַ פאָליציאַנט צו אים אין הויז, ווייל אין דער וואוינונג, אַ שטאָק העכער איבער אים, גייט אָן אַזאַ שטאַרקער טומל, אַז עס איז ניט אַריבערצוטראָגן. ווען דער פאָליציאַנט איז אָנגעקומען און האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר פון דער אויבערשטער דירה, פון וואַנען עס האָבן זיך געהערט געשרייען און געשלעגן, האָט זיך די טיר געעפנט און עס האָט זיך באַוויזן אַן אויפגערעגטע פרוי. פרעגט ביי איר דער פאָליציאַנט:

— זאָגט נאָר, ווער איז דער באַס דאָ אין הויז? איך וויל צו אים רעדן.

— אָ, — מאַכט די פרוי, — טאַקע וועגן דעם האַנדלט עס זיך דאָ, ווער ס׳איז דאָ דער באַס, טאָ וואַרט נאָר צו אַביסל, וועט מען שוין אויסגעפינען...

ער האָט זיך דערוואַרט

ביי אַ פּאַרמער איז זיין ווייב געשטאָרבן אין אַ זונטיק, אָבער ערשט פרייטיק, איז ער געקומען צום אַנדערטייקער אַראַנזשירן די לוויה. אויף דעם לעצטנס פראַגע פאַרוואָס ער האָט געוואַרט אַזוי לאַנג, האָט דער פאַרמער געענטפערט:

— אין די אַלע דרייסיק יאָר, זינט איך האָב מיט מיין ווייב חתונה געהאַט, האָב איך שטענדיק זיך געוואונטשן איך זאָל אָפּלעבן מיט איר אונטער איין דאַך כאָטש איין שטילע וואָך, און ערשט איצט האָב איך געהאַט אַזאַ געלעגנהייט...

ער מסרט זיך אַליין

אַ רייכער ייד האָט זיך דערמאָנט, אַז היינט איז זיין ווייבס געבורטסטאָג. איז ער אַוועקגעגאַנגען אין אַ צירונג-געשעפט און געקויפט פאַר איר אַ מתנה, אַ שנירל פּערל. ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער מיט גרויס ליבשאַפט אַרומ-גענומען זיין פרוי און איר געגעבן אַ קוש, דערלאַנגענדיק איר די מתנה. רופט זיך אָפּ די פרוי צו אים:

— ס'איז זייער שיין פון דיר, מיין טייערער, אָבער דו האָסט דאָך מיר געהאַט צוגעזאָגט, אַז צו מיין געבורטסטאָג וועסטו מיר קויפן אַן אויטאָמאָביל?

— יאָ, — ענטפערט דער מאַן, — איך האָב טאַקע געוואָלט אַזוי טאָן, אָבער וויפל איך האָב ניט געזוכט — האָב איך ניט געקאָנט קריגן קיין קינסטלעכן אויטאָמאָביל...

שוין איינמאָל אַ צדיקת

קינדער האָבן געמאַכט אַ באַנקעט צוליב זייערע עלטערנס 50-יאָריקן חתונה-יובליי. צום שלום פון דער סעודה האָט דער אַלטער יובילאַר גענומען דאָס וואָרט און געלויבט זיין ווייב בזה הלשון:

— מיין ווייב, זאָל לעבן, איז פרימער פון משה רבינו, פון מרים הנביאה און פון אַלע יידן, וואָס האָבן געלעבט מיט זיי אין דער מדבר, ווייל זיי אַלע האָבן געגעסן דעם מן בלויז 40 יאָר, אָבער מיין יידענע עסט שוין דעם מאַן גאַנצע 50 יאָר...

אַ מאַן — אַ זייגער

אַ ייד איז אַמאָל פון זיין ווייב גערופן געוואָרן צום רב, פאַר וועמען זי האָט זיך באַקלאָגט, אַז איר מאַן באַהאַנדלט זי זייער שלעכט, וויל וואָס עפּעס, שלאָגט ער זי. פרעגט דער רב דעם יידן:

— סטייטש, ווי איז דאָס אַ ייד אַזאַ גזלן און שלאָגט זיין אייגן ווייב?

— רבי לעבן, — ענטפערט דער ייד, — איך האָב אַ צוואה פון מיין טאַטן, ע"ה, אַז אַ מאַן איז געגליכן צו אַ זייגער, און אַ זייגער, וואָס שלאָגט ניט, טויג ניט...

אַ ראיה פון דער הגדה

אַ ייד האָט זיך באַקלאָגט פאַר טוביה'ן, אַז זיין טאָכטער גייט שוין אַ לענגערע צייט מיט אַ פיינעם בחור, נאָר יענער האָט נאָך קיינמאָל ניט געעפנט דאָס מויל צו רעדן מיט איר תּכלית, דאָס הייסט וועגן חתונה האָבן. וואָסזשע טוט מען? צי פּאַסט עס פאַר דער טאָכטער, אַז זי זאָל אים אויפמערקזאַם מאַכן וועגן דעם?

האָט טוביה געענטפערט:

— אַוודאי דאַרף זי דאָס טאָן! עס שטייט דאָך בפירוש אין דער הגדה: „ושאינו יודע לשאול", אויב דער בחור וויל ניט פרעגן, איז „את פתח לו", דאַרפסטו בחורטע, אים עפענען דאָס מויל...

ניט נאָענט

אין אַ קאָנסערוואַטיווער שול קומט אַריין אַ ייד און הייסט זיך געבן צוויי איינטריט־קאַרטן פאַר די ימים נוראים. אָבער די זיץ־פּלעצער — בעט ער זיך — זאָלן זיין אָפּגערוקט איינער פון צווייטן.

— וואָס עפּעס אָפּגערוקט? פרעגט דער גבאי.

— ווייל די בילעטן זיינען פאַר מיר מיט מיין ווייב, און איך וויל ניט, אַז ביי „על חטא" זאָל מיין ווייב הערן וואָסערע זינד איך האָב!...

דער פאַרטראַכטער פּראָפעסאָר

אַ פאַרטראַכטער פּראָפעסאָר, וואָס האָט ניט לאַנג געוואוינט אין אַ נייער דירה, קומט אַהיים שפּעט אין אָוונט און ניט זייענדיק זיכער, אַז דאָ וואוינט ער טאַקע, קלאַפּט ער אָן אין טיר און ווען זיין פרוי עפנט עטוואָס די טיר, גיט ער אַ פרעג: „וואוינט דאָ פּראָפעסאָר עקס?"

— יאָ, — ענטפערט די פרוי, — אָבער ער איז איצט נישטאָ אין הויז.

— גוט, — ענטפערט דער פּראָפעסאָר, — וועל איך קומען אַ צווייט מאָל...

די צוויי קרבנות

אַ ייד איז געקומען אין משוגעים-אַנשטאַלט באַזוכן זיינעם אַ פריינט. בעט ער דעם דאָקטאָר, ער זאָל מיט אים מיטגיין. פאַרבייגייענדיק אין אַ צימער, זעען זיי ווי אַ מאַן זיצט אויף אַ בעטל און שלאָגנדיק זיין קאָפּ אין וואַנט, האַלט ער אין איין שרייען: „אוי, סערע, סערע!" אויף דעם יידנס פראַגע, וואָס דאָס מיינט, ענטפערט דער דאָקטאָר, אַז אָט דער פּאַציענט איז אַמאָל געווען פאַרליבט אין אַ מיידל מיטן נאָמען „סערע" און אַז זי האָט אים אָוועקגעוואָרפן, איז ער פון צרות משוגע געוואָרן. גייענדיק ווייטער זעען זיי ווי אַן אַנדער פּאַציענט שלאָגט זיך אויך קאָפּ אין וואַנט, און שרייט אויך: „סערע, סערע". אַ דערשטוינטער פרעגט ווידער דער ייד, וואָס דאָס איז עפּעס. מאַכט דער דאָקטאָר, אַז דער פּאַציענט האָט חתונה געהאַט מיט יענער סערע...

זי האָט די דעה

זיצנדיק אַנומלט אין טעאַטער, האָט הינטער מיר אַ פּאָר-פאָלק געהאַלטן אין איין פּלאַפּלען, אַז מ'האָט ניט געקענט הערן אַ וואָרט פון דער בינע. קער איך זיך אום צו זיי און זאָג: „אַנטשולדיקט, איך קען ניט הערן אַ וואָרט!" מאַכט צו מיר די יידענע: „וואָסזשע? איר מוזט טאַקע הערן, וואָס איך רעד מיט מיין מאַן?"...

ס׳איז אים אַ וואונדער

מר. ווייס, אַ פאַרהייראַטער, און מר. שוואַרץ, אַן אַלטער בחור, זיינען געזעסן איינער נעבן אַנדערן אין טעאַטער. אינ־מיטן שפילן זאָגט מר. ווייס צו זיין שכן: „ווי געפעלט אייך ווי שיין און מיט וואָס פאַרא געפיל דער שפילער דערקלערט זיך אין ליבע צו דער אַקטריסע?"

— יאָ, — גיט צו מר. שוואַרץ, — ס׳איז גאַנץ ריכטיק, און פאַרוואָס דען ניט? ער איז דאָך איר אייגענער מאַן!

— אַזוי גאָר? — רופט אוים מר. ווייס — אַז זיי זיינען טאַקע אמת פאַרהייראַט, איז דאָך די גאַנצע ליבע זיינע נאָר אַן אָנשטעל!...

ער היט אָפּ דעם טאַטנס צוואה...

אַ ייד האָט חתונה געהאַט צום צווייטן מאָל מיט אַ זייער רייכער אלמנה, וועלכע האָט געהאַט אַ 19־יאָריקע טאָכטער. אַ צייט נאָך דער חתונה האָט מען דעם יידן אַ סך מאָל געזען אין דער געזעלשאַפט פון דער אלמנהס טאָכטער.

— סטייטש, — האָבן זיך געוואונדערט זיינע פריינט, — ווי קענסטו עס טאָן אַזאַ זאַך, הייראַטן מיט דער אלמנה און אַרומפירן זיך מיט דער טאָכטער?

— ס׳איז גאָר פשוט — האָט דער ייד געענטפערט. — די אלמנה מיט איר געלט איז ביי מיר דאָס קאַפּיטאַל, די טאָכטער — דער פּראָצענט; און לויט מיין טאַטנס צוואה, טאָר מען דעם קאַפּיטאַל קיינמאָל ניט רירן...

אַ ר כ ע אָ ל אָ ג י ע

דער געוועזענער גענעראַל יגאל ידין פאַרנעמט זיך איצט מיט אַרכעאָלאָגיע. ער פאַרשט אַלטע קונסט.

ווען מ׳האָט געפרעגט דעם גענעראַלס פרוי, וואָס פאַרא אַרבעט דעם מאַנס עס געפעלט איר בעסער, די פריערדיקע אָדער די איצטיקע, האָט זי געענטפערט:

— אַרכעאָלאָגיע געפעלט מיר בעסער! וואָרום וואָס עלטער איך וועל ווערן, אַלץ מער וועט מיך מיין מאַן ליב האָבן...

זיי זיינען מקדש די לבנה

אַ גרופּע חסידים זיינען נאָך מעריב אַרויס אויף דער איסט סאַיד און מחדש געווען די לבנה, האָבן אַביסל אונטער־געטאַנצט און אונטערגעשפּרונגען און דערנאָך זיך באַגריסט מיט „שלום עליכם״ און „עליכם שלום״.

איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַמעריקאַנער ייד, וואָס האָט קיינמאָל ניט געהערט וועגן אַזאַ מנהג. האָט ער געפרעגט די פריילעכע חסידים, וואָס איז אויף זיי די גדולה?

— מיר זיינען מקדש די לבנה — האָט מען אים געענטפערט.

— איצט פאַרשטיי איך שוין אייער פרייד, איר זענט מקדש די לבנה אַנשטאָט מקדש צו זיין ווייבער...

נישט קיין טאַנץ

בעתן טאַנצן פרעגט אַ דאַמע איר פאַרטנער:

— ווי אַזוי טאַנצט איר? וואָס עפּעס שפּרינגט איר אַרויף און אַראָפּ?

— דאָס שפּרינג איך אַזוי, — האָט זיך פאַרענטפערט דער פאַרטנער, — ווייל איך האָב פאַרגעסן אויפצושאָקלען די מעדיצין, וואָס איך האָב נאָר־וואָס גענומען!...

געשלאָגן זיך מיט דער דעה

אַ ייד, אַן אַרבעטער ביי קליידער, איז איינמאָל אין סאַמע מיטן סעזאָן געקומען שפּעט צו דער אַרבעט. גייט צו אים צו דער באַלעבאָס און זאָגט:

— סטייטש, ר׳ משה, אַזוי שפּעט קומט מען?

— אַנטשולדיקט, — ענטפערט דער ייד, — אָבער כ׳האָב זיך עפּעס היינט פרי געשלאָגן מיט דער דעה.

— וואָס? — שרייט שוין דער באַלעבאָס מיט פאַרדרוס. — ס׳איז נאָך ביי אייך געווען אַ ספק, צי יאָ גיין צו דער אַרבעט, אָדער ניט?

— נישט דאָס, — ענטפערט דער ייד, — כ׳מיין, מיט מיין ווייב, זאָל לעבן. זי האָט די גאַנצע דעה...

גלייכע שותּפים

אין די ערשטע טעג פון האָניק־חודש זאָגט די יונגע פרוי צו איר מאַן:

— מיין טייערער, פון היינט אָן, זאָלסטו וויסן, זיינען מיר ביידע שותּפים צו גוטס און צו שלעכטס! דיינע זאָרגן וועלן אויך זיין מיינע זאָרגן!

— אָ, אויב אַזוי, — ענטפערט דער מאַן, — וויל איך דו זאָלסט וויסן, אַז אַ יונג ווייבל האָט אונדז אָנגעקלאָגט מ׳זאָל איר צאָלן אַלימאָני!

די האָט פיינט פּרעכקייט

אַן אַלטע יידענע, אין די אַכציקער, וויל אַריינוואַרפן אַ בריוו אין אַ פּאָסט־קעסטל און קאָן ניט דערלאַנגען. אַ יונגער פּאָליציאַנט, וועלכער האָט דאָס באַמערקט, גייט צו און נעמט זי אָן ביי די אַקסלען און וויל זי אונטערהויבן, זי זאָל קאָנען אַריינוואַרפן דעם בריוו. די יידענע, אָבער, גיט זיך אַ ריים אַוועק פון אים און גיט אַ געשריי:

— ווי געפעלט איך? אַזאַ יונגער צוציק, און קריכט מיט די הענט...

וואָס ליגן מיינט

אַ יידענע איז געווען קראַנק אויף די פיס. איז זי געלאָפן פון איין הויז־דאָקטאָר צום אַנדערן, ביז מען האָט איר געהייסן גיין צו אַ גרויסן פּראָפעסאָר און זי האָט די עצה געפאָלגט. ווען זי איז אַהיימגעקומען פרעגט ביי איר דער מאַן:

— נו, שרה־חיה, וואָס האָט דיר דער פּראָפעסאָר געזאָגט?

— בע, — ענטפערט זי, — ער האָט מיר געזאָגט ליגן.

— וואָס? — שרייט אויס דער מאַן — איז שוין אָט דער גרויסער פּראָפעסאָר ביי דיר אויך אַ ליגנער?

— ווער — מאַכט די יידענע — זאָגט עס, אַז ער איז אַ ליגנער? ער האָט מיר געהייסן נאָר ליגן — אין בעט, און אויסרוען די פיס מיינע...

זי מאַכט אים יונג

אַ ייד טרעפט אָן זיינעם אַן אַלטן באַקאַנטן, וועמען ער האָט שוין לאַנג ניט געזען. נאָך דער באַגריסונג דערציילט אים יענער, אַז ער האָט שוין קינדער חתונה צו מאַכן.

— אַזוי ? — וואונדערט זיך דער ייד — אָבער דו זעסט גאָר ניט אויס אַזוי אַלט.

— פאַרשטייסטו מיך, — ענטפערט דער אַנדערער, — דאָס איז דערפאַר, וואָס מיין ווייב, זאָל לעבן, פאַרקירצט מיר די יאָרן...

פאַסקודניאַקעס

פרעגט איין פרוי ביי דער צווייטער :

— כ׳בין נייגעריק צו וויסן וועגן וואָס מענער רעדן ווען זיי קומען זיך צוזאַמען אין זייער אייגענער געזעלשאַפט ?

—זיי רעדן מסתמא וועגן זעלבן וואָס מיר רעדן !

— טאַקע ? — וואונדערט זיך די ערשטע — אויב אַזוי, איז דאָך אמת, וואָס מען זאָגט, אַז מענער זיינען פאַסקודניאַקעס!

די שולדיקע

אַ ייד האָט זיך ערגעץ אָנגעשכורט מיט בראָנפן פון אַ געוויסער פירמע און איז אַזוי געפאַלן פון די פיס, אַז צוקומענדיק צו זיין הויז האָט ער זיך שטאַרק צעקלאַפּט. גראַד איז זיין ווייב נאָכדעם אַרויסגעקומען פון הויז און דערזעענדיק איר מאַן מיט אַ צעבלוטיקט פנים האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און געשריען :

— אַ ווייטיק איז מיר ! ווער האָט דיר דאָס געטאָן ?

— דאָס — ענטפערט ער — האָבן געטאָן צוויי גויים.

— ווי הייסן זיי ? — פרעגט די פרוי מיט כעס — איך וועל זיי לאָזן אַרעסטירן.

— זיי הייסן — ענטפערט דער מאַן — „העיג ענד העיג״...

אַריינגעפאַלן

אַ מיידל, וואָס איז געווען קורזיכטיק, האָט זיך געוואָלט באַרימען פאַר איר חתן, אַז זי קאָן זען פון דער ווייטנס, און איידער ער האָט גענדאַרפט קומען צו איר, איז זי אַוועק צו אַ ווייטן בוים און האָט אין אים אַריינגעשטאָכן אַ נאָדל. ווען דער חתן איז שפּעטער געקומען צו איר אין הויז און האָט זי גענומען אויף אַ שפּאַציר, זאָגט זי צו אים:

— דו זעסט, טייערער, אָט דאָרט זע איך ווי עס שטעקט אַ נאָדל אין בוים. און אַזוי גייענדיק צום בוים, איז זי געפאַלן איבער אַ קו, וועלכע איז געשטאַנען אין מיטן וועג...

איידל געטאַדלט

אַ יונגערמאַן, זיצנדיק אין פּאַרק מיט אַ מיידל נאָך זייער ערשטער באַקאַנטשאַפט, האָט זיך דערלויבט אַביסל צופּיל פריי־הייטן צו איר מיט זיינע הענט. רופט זי זיך אָפּ צו אים:

— זאָגט מיר, פאַרוואָס האָט גאָט באַשאַפן ביים מענטשן די פּיס?

— ווי הייסט? — לאַכט דער יונגערמאַן — גאָט האָט באַשאַפן די פּיס, מען זאָל מיט זיי גיין!...

— אויב אַזוי, — פרעגט ווייטער דאָס מיידל, — טאָ פאַרוואָסזשע גייט איר מיט די הענט?...

די גוטע אויגן

אַ ייד איז געפאָרן אין אַ באַן און האָט פאַרלוירן זיין וואַליזע. אָפּשטייגנדיק אויף אַ סטאַנציע, זעט ער אין אַ ווינקל זיצנדיק אַ יונגערמאַן נעבן אַ מיידל און ער הערט ווי דער בחור זאָגט צו איר:

— אַז איך קוק אין דיינע אויגן, זע איך די גאַנצע וועלט! גייט דער ייד צו אים צו און זאָגט:

— אַנטשולדיקט, אפשר האָסטו דאָרט ערגעץ אויך געזען מיין רענצל?...

צווישן ווייבער

— אין וועלכן קלייד פילט איר זיך אַמבעסטן?
— אין הויזן!...

די בעסטע רפואה

— דאָקטאָר — רופט זיך אָפּ אַ פרוי צו איר הויז־דאָקטאָר — וואָס זאָל איך טאָן, כ׳האָב באַקומען צעדראַפּעטע הענט פון דער שטוב־אַרבעט... וואָס זאָל איך טאָן, אַז מיינע הענט זאָלן ווערן שענער?
— גאָרניט דאַרפט איר טאָן, מאַדאַם.

עס לייגט זיך אויפן שכל

— וואָס געשעט מיט די יאָרן, וואָס אַ פרוי נעמט פון זיך אַראָפּ?
— זי לייגט זיי צו צו איר חברטע...

די שוואַכע פרוי

דער כוח פון אַ פרוי איז — איר שוואַכקייט.

זי איז ווערט אַלע גוטע זאַכן

ווען אַ בחור געפינט אוים אַ מיידל, וואָס איז נאָך זיין מיינונג, ווערט אַלע גוטע זאַכן פון דער וועלט, דאַן בעט ער זי זאָל אים נעמען.

אַ גוט וואָרט

נישט יעדעס ווייב, וואָס הייסט ברכה — איז אַ ברכה.
וואָס מען האָט, וויל מען נישט; און וואָס מ׳וויל — האָט מען נישט.
אפילו פון אַ קרומען שידוך, קאָנען אַרויסקומען גלייכע קינדער.

ער וואוינט ניט אין קיין וואַלד

אַן אַלטער רב איז געוואָרן אַן אלמן, נישט דאָ געדאַכט. באַלד האָט מען אים אָנגעהויבן רעדן שידוכים. איינמאָל, האָט מען דעם רב פאַרבעטן צו אַ קידוש און געוויזן אַ יונגע פרוי, וואָס איז גרייט געווען צו ווערן רביצין...

— ניין, — האָט דער רב געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט — ווי קומט אַזאַ יונג ווייבל צו ווערן מיין ווייב? איך בין דאָך צו אַלט פאַר איר...

— רבי, — האָט זיך דער שדכן אָפּגערופן — האָט פאַר גאָרניט קיין מורא. וואָס וואוינט איר אין אַ וואַלד? קהל וועט אייך אַרויסהעלפן...

אַ בפירושע גמרא

אַ ישיבה־בחור האָט חתונה געהאַט מיט אַ גבירס אַ טאָכטער. ס'האָט געהייסן, אַז ער איז אַריינגעפאַלן ממש אין אַ שמאַלץ־גרוב. אַרויסגעוויזן האָט זיך באַלד, אַז דאָס ווייבל האָט געהאַט אַ קינד פאַר תשעה ירחי לידה. ווען מען האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דעם מאַן, גיט ער אַ מאַך:

— נו, ס'איז דאָך אַ בפירושע גמרא: זכה — אַז גאָט העלפט — מלאכתו נעשית על ידי אחרים...

אַ מיידל, אַ מלומדת

אַ מיידל קומט אין ביבליאָטעק און זאָגט צום פאַרוואַלטער:

— גיט מיר אַ בוך, אַ ששה סדרי משנה, ס'זאָל קלעקן פאַר שבעה ימי שבתא...

— אַזאַ בוך האָב איך ניט — ענטפערט ער איר — איך קאָן אייך אָבער געבן תשעה ירחי לידה עס זאָל סטייען פאַר שמונה ימי מילה...

די צווייטע העלפט

— פאַרוואָס רופט מען די פרוי „די צווייטע העלפט"?

— ווייל ביידע העלפן: ער — העלפט אַריינברענגען, זי — אויסברענגען...

זי איז אויף צרות

איין פרוי באַקלאָגט זיך פאַר דער צווייטער, אַז איר מאַן האָט זיך גענומען צום ביטערן טראָפּן...

— אַזוי? ער טרינקט ווי אַ פיש?

— ניט ווי אַ פיש. אַ פיש טרינקט וואַסער, ער טרינקט בראַנפן...

אַ ברכה איבער אַ דונער

— וואָס פאַראַ ברכה מאַכט מען איבער אַ דונער?

— ווען מיך האָט דער דונער געטראָפן, האָב איך געמאַכט די ברכה „הרי את מקודשת"...

אַ שלעכטע ברכה

אַ יונגע גרושה האָט גענומען אַ רייכן אלמן מיטן געדאַנק צו ווערן אין גיכן אַ רייכע אלמנה. ווען זי איז אַרויס פון אונטער דער חופה, האָט איר די אונטערפירערין אָפּגעגעבן מזל-טוב און צוגעוואונטשן, אַז זי זאָל אויסלעבן מיט אים אירע יאָרן...

זי געפעלט אים ניט

אַ דאָקטאָר האָט אונטערזוכט אַ פּאַציענטקע און ער גייט שפּעטער צו צום מאַן:

— אייער פרוי געפעלט מיר עפעס ניט — זאָגט ער — זי איז ערנסט קראַנק...

— מיר געפעלט זי ניט פון ערשטן טאָג נאָך דער חתונה — באַמערקט דער מאַן.

גן־עדן

אַ פרוי האָט געפרעגט אַ מאַן:

— ביז וואַנען איז געווען אדם הראשון אין גן-עדן?

— ביז ער האָט באַקומען חוה'ן...

חתן־כלה

קינד: פאפא, מאקס קושט אונדזער ליזע.
פאטער: דאס איז ניט קיין זינד. זיי זיינען חתן־כלה.
קינד: ביזטו, טאטע, חתן־כלה מיט אונדזער קעכין?

אַ פרוי און אַ פעסטונג

אַ שטאַרקע פעסטונג און אַ פרוי, אַ צנועה, זיינען גלייך: ביידע קען מען איינעמען. דער אונטערשייד צווישן זיי איז, וואָס די פעסטונג פאַלט אַריין אין די הענט פון שונא און די פרוי — אין די אָרעמס פון איר געליבטן.

דער טאָג און דאָס יאָר

די פרויען געדענקען דעם טאָג פון זייער געבוירן און פאַרגעסן אין וועלכן יאָר דאָס איז געווען.

אַ קראַסאַוויצע

— וואָס איז אַ קראַסאַוויצע?

— אַ גן־עדן פאַר די אויגן, אַ גיהנום פאַר דער נשמה און אַן אומגליק פאַר דער קעשענע.

רש״י איז דאָך געווען אַ פראַנצויז

אַ מלמד האָט געלערנט מיט זיינע תלמידים חומש. ווען ס׳איז געקומען צו דער מעשה ווי שכם בן חמור האָט מאנס געווען דינה׳ן, האָט ער מיט זיינע תלמידים אַריינגעקנעלט וואָס רש״י זאָגט אויפן פסוק „וישכב אתה ויעננה״: וישכב אתה — כדרכה, ויעננה — שלא כדרכה...

טוט איין תלמיד אַ פרעג דעם רבין וואָס מיינט „שלא כדרכה״?

ווערט דער מלמד אין כעס און מעסט אוים דעם פרעגער אַ הילכיקן פאַטש אין באַק:

— שגץ איינער! — שרייט ער — און „כדרכה" ווייסטו יאָ וואָס עס מיינט?

דער בחור איז אַוועק אַהיים און זיך באַקלאָגט פאַרן טאַטן. דער ייד איז באַלד אַוועקגעלאָפן צום מלמד מיט אַ טענה:

— סטייטש, רש"י הקדוש האָט געמעגט וויסן, פאַרוואָס זאָל מיין זון ניט וויסן?!

— וואָס רעדט איר, ר' ייד — ענטפערט דער מלמד — וואָס פאַרגלייכט איר אַזעלכע זאַכן, רש"י איז דאָך געווען אַ פראַנצויז...

דער שירעם געהער צו אים

אַ יונגערמאַן איז געזעסן אין האָטעל און ווען ער האָט אים פאַרלאָזט, האָט ער אין זיין צימער פאַרגעסן זיין שירעם. ער איז אַוועק צוריק אין האָטעל. זיין צימער איז אָבער שוין געווען פאַרנומען פון אַ פּאָרל, וואָס איז געקומען פאַרברענגען זייער האָניג־חודש.

ער האָט זיך געשטעלט לעבן דער טיר, געוואָלט אָנקלאַפּן, אָבער פון אינעווייניק איז צו אים דערגאַנגען פאָלגנדיקער דיאַלאָג:

— צו וועמען געהערט דער קאָפּ שיינע, בלאָנדע האָר? — פרעגט ער.

— צו דיר, מיין טייערער — ענטפערט זי.

— צו וועמען געהערט דער אַלאַבאַסטער ווייסער האַלדז?

— צו דיר, מיין טייערער.

— צו וועמען געהערן די פולע, רונדיקע ברוסטן?

— צו דיר, מלאך מיינער.

דער יונגערמאַן האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און אַריינגעשריען:

— אַז איר וועט האַלטן ביים שירעם, זאָלט איר וויסן, אַז ער געהערט צו מיר...

די וויכטיקסטע ווערטער פאַר אַ פרוי

צוויי יונגע אַמעריקאַנער טרעפן זיך. רופט זיך אָפּ איינער צום צווייטן:

— וויסטו, דזשעק, אַ באַרימטער שרייבער האָט אַמאָל געזאָגט, אַז די ווערטער מיט וועלכע אַ מאַן מאַכט גליקלעך זיין פרוי, זיינען: „איך האָב דיך ליב”.

ענטפערט דערויף דער צווייטער:

— ניט אמת, כ'האָב איינגעזען, אַז די פרוי ווערט באַגייסטערט פון זעקס גאַנץ אַנדערע ווערטער: „אָט איז מיין קאָנווערט מיט שכירות”...

דער קלוגער שדכן

אַ שדכן האָט גערעדט אַ שידוך צו אַ בחור מיט אַן אַלטער מיידל. דער בחור האָט זיך שטאַרק געקווענקעלט און ניט געוואָלט זיך פאַרבינדן. דער שדכן האָט ניט אָפּגעלאָזט און אים געראָטן צו שרייבן תנאים און ביז צו דער חתונה וועט ער זיך אַרומזען...

ווען ס'איז געקומען צו דער חתונה, די כלה איז שוין געשטאַנען אונטער דער חופה, האָט דער חתן זיך נאָך אַלץ געקווענקלט...

— גיי אונטער דער חופה — האָט דער שדכן דעם חתן אונטערגעיאָגט — וואָס לענגער דו וואַרטסט אַלץ עלטער ווערט די כלה...

אַ דריטל געטראָפן

ווען דער דאָקטאָר איז אַרויס פון אָפּעראַציע-צימער איז דער מאַן צוגעקומען צו אים און אַ נייגעריקער געפרעגט:

— דאָקטאָר, אַ יינגל?

דער דאָקטאָר האָט אים מיט אַ שמייכל געענטפערט:

— דער מיטלסטער פון די דריי איז אַ יינגל...

דער מאַן און די פרוי

צוערשט האָט גאָט באַשאַפן דעם מאַן און דאַן האָט ער גערוט.

נאָכדעם האָט גאָט באַשאַפן די פרוי און פון דאַן אָן רוט קיינער נישט...

זיי האָבן זיך דורכגעשריבן

אַ מאַן שרייבט צו זיין פרוי אין מיאַמי אַ בריוו און פאַרענדיקט מיט אַ נכתב בצדו:

— צי האָסטו, מיין פרוי, באַקומען מיין טשעק פאַר טויזנט קושן?

די פרוי ענטפערט אים אַ בריוו און פאַרענדיקט איר בריוו מיט אַ פאָסט סקריפּטום: „וועגן דעם טשעק פאַר טויזנט קושן זאָלסטו זיך ניט זאָרגן. כ'האָב דאָ געפונען אַ וואוילן יונגן מאַן, וואָס האָט דעם טשעק איינקאַסירט...

די כלה איז צו הויך

אַ מאַן קומט אַריין אין די אַדמיניסטראַציע פון אַ יידישער צייטונג און פרעגט דעם אָנגעשטעלטן:

-- וויפל קאָסט אַ מעלדונג וועגן אַ חתונה אָפּצודרוקן אין דער צייטונג?

— צוויי און האַלב דאָלער אַן אינטש — איז דער ענטפער.

— אוי, ווי איז מיר, ס'וועט דאָך קאָסטן אַ מטמון מיט געלט, די כלה איז פינף פוס די הויך...

אַ פלאַנמעסיקער מאַן

— אַז איך וועל זיך דערוויסן, אַז דו ביזט אומטריי צו מיר, וועל איך זיך באַלד צום ערשטן מאָל דערהרגענען.

— און וואָס וועסטו טאָן דעם צווייטן מאָל?

— דיך דערהרגענען...

קורץ פאַרהייראַט

ער: וואָס פאַרא סאָרט מענטש איז בערנשטיין?
זי: פרעג מיך עפּעס לייכטערס, ס׳איז ערשט דריי טעג ווי מיר האָבן חתונה געהאַט.

ער טרויערט

זי: ערשט צוויי טעג זיינען פאַרביי זינט דיין ווייב איז געשטאָרבן און שוין שפּילסטו פּיאַנאָ?...
ער: איך שפּיל נאָר אויף די שוואַרצעביינדלעך...

זי וועט שוין אַכטונג געבן

אַ סעקרעטאַרין פון אַ גרויסער אונטערנעמונג קומט צום פּערסאָנאַל שעף און דערקלערט, אַז זי גיט אויף איר פּאָסטן.

דער שעף קוקט זי אָן, באַוואונדערט איר שיינקייט און רופט זיך אָפּ צו איר:

— איין זאַך קאָן איך דיר פאַרזיכערן: דיין באָס וועט שוין אַזאַ שיינע סעקרעטאַרין קיינמאָל ניט קריגן.

— איך פאַרזיכער אייך, אַז ער וועט מער אַזעלכע ווי איך ניט קריגן, איך גיי מיט אים הייראַטן...

אַ טרויעריק בוך

אַ 12-יעריק מיידעלע זיצט ביים טיש און לייענט אַ בוך. די מוטער איז שטאַרק פאַרנומען מיט אירע זאַכן און קאָן ניט דעריבער אַריינקוקן צו זען וואָס איר טעכטערל לייענט.

— איז עס אַ גוט בוך, וואָס דו לייענסט? — פרעגט די מאַמע.

— יאָ — ענטפערט די טאָכטער — אַ זייער אינטערעסאַנט בוך, אָבער ס׳איז טרויעריק.

— פאַרוואָס איז עס טרויעריק? — לאָזט שוין די מאַמע ניט אָפּ.

— דאָס בוך ענדיקט זיך טרויעריק: זי שטאַרבט און ער מוז צוריקגיין צו זיין ווייב...

ס'איז ניט איר איינפאַל

צוויי מיידלעך טרעפן זיך און אײנע זאָגט צו דער צווייטער:
— מיין באַלעבאָס האָט מיך פאַרהאַלטן נעכטן אין אָפיס ביז שפּעט אין דער נאַכט.
— וואָס רעדסטו? — רייסט איר איבער די חברטע — איך וואָלט קיינמאָל ניט געטראַכט וועגן אַזאַ זאַך.
— מיר וואָלט עס קיינמאָל אויך ניט איינגעפאַלן — זאָגט די ערשטע — ס'איז אינגאַנצן געווען די אידיי פון דעם באָס...

קדושין און קדוש

דעם אַקט פון חתונה רופט מען „קידושין”, ווייל מען ווערט גאַנץ אָפּט אַ „קדוש”...

אַן אייגענע לוויה

נאָך דער אייגענער לוויה גיין קאָן טרעפן נאָר ביי אַ חתן ווען ער גייט צו דער חופּה...

ס'איז נאָר אַ צופאַל

טרעפן זיך צוויי פריינט. רופט זיך איינער אָפּ צום צווייטן:
— כ'וויל, מיין פריינט, זאָלסט וויסן, אַז ביי מיר אין הויז בין איך דער באַלעבאָס...
— יאָ, כ'ווייס — ענטפערט דער צווייטער — מיין פרוי איז איצט אויך אין פלאָרידע...

ער מוז זיך נעמען צו ביזנעס

זי: האָסטו ווען פאַרקויפט בערשטלעך?
ער: ניין, פאַרוואָס?
זי: פרעג גאָרניט, נעם אַ בערשטל און הויב עס אָן פאַר-קויפן. דאָרט קומט מיין מאַן דורך דער פאָדער-טיר...

אַ סוד פאַרן מאַן

בעני: אויב דו וועסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט מיין נאָמען ניט דערמאָנען, וועל איך דיר דערציילן אַ סוד.

דזשעק: נו, דערצייל.

בעני: דיין ווייב, זאָלסטו וויסן, האָט אָנגעהויבן רויכערן.

דזשעק: פון וואַנען ווייסטו עס?

בעני: איך האָב פאַרזוכט דעם טעם פון טאַבאַק אויף אירע ליפּן...

אַ מיספאַרשטענדעניש

דער טעקסי־טרייבער האָט זיך פּלוצים אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַס.

— וואָס איז געשען? — האָט געפרעגט דער יונגערמאַן, וואָס איז געפאָרן אין דער טעקסי — ווער פאַרשטעלט דיר דעם וועג?

— איך בין זיכער, — האָט דער טרייבער געענטפערט — אַז איך האָב געהערט די פריילין זאָגן „סטאָפּ", האָב איך דעריבער אָפּגעשטעלט.

— פאָר ווייטער, ניט צו דיר האָט זי גערעדט...

זיי זיינען ברייטהאַרציקער

בעסי איז געווען פאַרהייראַט אַ פּאָר חדשים און האָט ניט געקאָנט אויסקומען מיט דער הוצאה. רעדנדיק וועגן דעם מיט אַ חברטע, האָט איר יענע געגעבן אַן עצה, אַז זי זאָל אָפּמאַכן מיט איר מאַן, אַז ער זאָל נאָך יעדן מאָל וואָס ער וועט זי קושן, אַריינוואַרפן אַ קליינע מטבע אין איר קעסטעלע. אַזוי אַרום וועט זי זיך קאָנען אַן עצה געבן מיט איר בודזשעט. בעסי'ן איז דער געדאַנק געפעלן געוואָרן. זי האָט זיך דורכגערעדט מיט איר מאַן און ער האָט צוגעשטימט.

נאָך עטלעכע וואָכן ווערט דעם מאַן אינטערעסאַנט וואָס האָט זיין בעסי אָנגעקליבן אין איר קעסטעלע. ער עפנט שטי־לערהייט דאָס קעסטעלע און ער האָט דאָרט דערזען אַנשטאָט

קליינע מטבעות — דאָלערדיקע, פינף און צען דאָלערדיקע באַנק־נאָטן.

— פון וואַנען נעמט זיך צו דיר אַזאַ אוצר? — פרעגט דער מאַן בעסי׳ן.

— דיינע פריינט זיינען ברייטהאַרציקער — האָט בעסי געענטפערט אומשולדיק.

לאָז מיר עפּעס איבער

אַ יונג פּאָרפּאָלק האָט חתונה געהאַט און איז אַוועק אויף אַ רייזע פאַר דעם האָניק־חודש. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן און עס איז געקומען די צייט צו גיין אין בעט אַריין, האָט ער זיך דער ערשטער געלייגט און מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז די כלה זאָל זיך לייגן. זי, ווייטער, האָט אָנגעהויבן אויסטאָן אירע קליידער. דאַן האָט זי אַראָפּגענומען דעם צאָפּ פון אירע האָר און אַוועקגעלייגט עס אויף די שאַנק. דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען אַ גלעזערן אויג און עס אַוועקגעלייגט אויף אַ פּאָליצע, שפּעטער האָט זי פון בוזעם אַרויסגענומען צוויי קישעלעך און אַזוי איז זי אָנגעגאַנגען פאַמעלעך מיט אירע הכנות. דער יונגערמאַן האָט זי אָבסערווירט און איז בלייך געוואָרן פון אויפרעגונג. אין כעס איז ער אויפגעשפּרונגען און צו איר אַ געשריי געטאָן:

— דבורה, לאָז מיר אויך עפּעס איבער...

מאָדערנע לעגענדעס

דאָס מיידעלע איז געוואָרן פאַרכאַפּט פון אַ בוך מיט צויבער־געשיכטעס און לעגענדעס.

— הייבן זיך אָן אַלע דערציילונגען מיט „אַמאָל איז געווען...״? — פרעגט די קליינע איר מוטער.

— די מאָדערנע דערציילונגען הייבן זיך אָן — ענטפערט די מוטער מיט „כ׳בין פאַרהאַלטן געוואָרן אין אָפיס״...

אַ מוטערס וואונטש ווערט מקוים

אַ בחור איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ מיידל און עס האָט שוין געהאַלטן ביי אַ שידוך ווערן. מיט איין מאָל האָט זיך גע־מאַכט אַ צווייטער שידוך, מיטן גבירס טאָכטער און דער בחור האָט איבערגעריסן מיט דעם ערשטן מיידל. דאָס מיידל האָט זיך שטאַרק געערגערט. איר מוטער אָבער האָט זי געהאַלטן אין איין טרייסטן, אַז דער בחור וועט זיך מיישב זיין און צו איר צוריקקומען.

דערווייל איז שוין אָנגעקומען דער טאָג פון דער חופה. אַלע מיידלעך פון שטעטל זיינען זיך, ווי דער שטייגער איז, צונויפ־געקומען אין דער כלה'ס הויז. אויך דאָס אָרעמע מיידל איז געקומען. זי איז אָבער געווען פאַרטרויערט און פאַרזאָרגט. רופט זיך אָפּ צו איר די כלה:

— וואָס האָסטו געוואָלט, אַז משה זאָל דיך נעמען פאַר אַ ווייב, אַז דו ווייסט אפילו ניט צי דו וועסט האָבן קינדער?

— ווי ווייסט דו, אַז דו וועסט האָבן קינדער? — האָט דאָס אָרעמע מיידל געפרעגט.

— וואָס הייסט? — ענטפערט די כלה — איך האָב שוין געהאַט אַ קינד פון שמואל דעם מילנער...

ס'איז געוואָרן אַ טומל און דער חתן האָט זיך באַלד וועגן דעם דערוואוסט און אוודאי האָט ער חתונה געהאַט מיט דעם אָרעמען מיידל...

שוין ווידער אַ מצווה

אַ פרומער ייד איז געקומען אויף יענער וועלט און ווען ער האָט זיך געשטעלט ביי די טויערן פון גן־עדן, האָט דער מלאך־הדומה אָנגעהויבן מתרעם זיין, אַז אין די הייליקע ספרים ווערט געברענגט, אַז „אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא...״ און אויפן חשבון פון דאָזיקן יידן שטייט אפילו קיין זינד ניט פאַרשריבן?! האָט די פמליה של מעלה באַשלאָסן, אַז דער ייד מוז צוריק גיין אויף די וועלט, כדי ער זאָל קאָנען האָבן כאָטש איין עברה פאַרשריבן אין זיין חשבון...

נמנו וגמרו און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן. ס'איז געווען

אווינטער־נאַכט, נאָס און גליטשיק אויף אַ גרויס און פריי פעלד איז דער ייד אַראָפּגעקומען פון די הימלען; קוים גע־פּאָכעט מיט דער נשמה, האָט ער דערזען, אַז אין אַ קליין שטיבעלע ברענט זיך אַ ליכט. ער האָט זיך קוים דערקליבן צו דעם הויז און אים אַנטקעגן איז געקומען אַ יונג ווייבל, בלוט און מילך. זי האָט גלייך געעפנט די טיר, געהייסן אים אַריינקומען, מכבד געווען מיט אַ טרונק בראָנפן, געגעבן אים אַ מאָלצייט כיד המלך...

איצט, טראַכט זיך דער ייד, איז די געוואונטשענע צייט. ס'איז אַ שעת הכושר צו באַגיין אַן עברה צופרידנצושטעלן דעם מלאך הדומה. און עס האָט פּאַסירט...

צומאָרגנס, דער ייד האָט אָפּגעגעסן פרישטיק און זיך געזעגנענדיק מיט דער באַלעבאָסטע, האָט זי זיך צו אים אָפּגערופן:

— אַ שיינעם דאַנק, ר' ייד, איר האָט געהאַט אין מיר אַ גרויסע מצווה, איר האָט מיך ממש מחיה געווען.

דער ייד גיט אַ געשריי מיט אַלע כוחות:

— ווי איז מיר, אַ פינצטערער מזל וואָס איך האָב, שוין ווייטער אַ מצווה...

ס פ י ר ה

— פאַרוואָס מאַכט מען ניט קיין חתונה אין די טעג פון ספירה?

— וואָרום די חתנים גייען צו דער חופה נאָר דעמאָלט, ווען מען ענדיקט ציילן...

ווער עס שעלט

— פון וואַנען איז געדרונגען, אַז בלק האָט ניט געהאַט קיין ווייב?

— וואָלט ער געהאַט אַ ווייב, וואָלט ער דאָך ניט גע־דאַרפט דינגען בלעמ'ען, אַז ער זאָל שעלטן.

ווער גיט פרנסה

— פאַרוואָס דאַרף אַ מאַן דאָס ווייב שפּייזן און ניט פאַרקערט?

— ווייל איין מאָל האָט חוה, די ערשטע פרוי, געפּרואווט געבן דעם מאַן עסן, ליידט מען דערפון עד היום הזה.

מען מוז באַשיטן

— פאַרוואָס באַשיט מען דעם חתן בשעת כלה־באַדעקנס?

— ווייל אַז מען באַגראָבט, מוז מען באַשיטן...

אַ מיטה און אַ חופּה

— פאַרוואָס האָט אַ מטה פון אַ מת צוויי שטעקנס און אַ חופּה — פיר?

— ווייל אין אַ מטה פירט מען באַגראָבן נאָר איינעם, אונטער אַ חופּה — צוויי...

ווי זיין באָבע

ער: איר זאָגט, אַז איר זענט אַ היינטוועלטיקע, צום סוף זענט איר פּונקט ווי מיין באָבע.

זי: ווי אַזוי?

ער: איר גייט ביידע ניט אין די אייגענע האָר.

אַ ווייב אַ חכמה

דעם שרייבערס ווייב האָט ניט געהערט צו די קליגסטע. איינמאָל האָט ער אין זיין פאַרנומענקייט איבערגעלאָזט אויף זיין טיש די ערשטע פאַרשריבענע פּאַפּיר־בויגנס און אַוועק צו אַ זיצונג. צוריקקומענדיק האָט ער באַלד דערזען זיין בראָך. אויף זיין שרייב־טיש האָט ער געפונען אַן אויסערגעוויינלעכע אָרדנונג. ער האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען, פונדעסטוועגן האָט ער אַ פרעג געטאָן זיין פלונית'טע:

— טייערע, וואָס פאַרא פּאַפּיר האָסטו אַריינגעוואָרפן אין פייער?

— וואָס הייסט, האַלטסט מיך פאַר אַזאַ נאַר, אַז דאָס ריינע פּאַפּיר זאָל איך פאַרברענען? אַוודאי האָב איך מבער געווען דאָס פאַרשריבענע...

אַן ענטפער פון אַ הויקער

— דיר איז ווייניק וואָס האָסט אַ הויקער, האָסטו נאָך געדאַרפט נעמען אַ בלינד ווייב? — האָט מען אַמאָל פאַרגע־וואָרפן אַ ייד, אַן אָרעמאַן.

— אָט דערפאַר טאַקע — האָט ער געענטפערט — האָב איך גענומען אַ בלינד ווייב, זי זאָל מיין הויקער ניט זען...

די קלוגע כלה

— נאַריש קינד, וואָס וויינסטו? — האָט אַמאָל אַ מוטער געטרייסט איר טאָכטער אונטער דער חופּה — אַ מאַן איז דאָך ניט קיין בער. ווי מיינסטו איז עס געווען, ווען איך האָב חתונה געהאַט?

— אַזוי! — ענטפערט די כלה — דו האָסט חתונה געהאַט מיטן טאַטן און איך האָב חתונה מיט אַ פרעמדן מאַן...

שאַרף געענטפערט

אַ מיידל פון דער שמענדריק אינטעליגענץ, האָט אַמאָל געפירט אַ דיסקוסיע מיט אַ יונגערמאַן, וואָס האָט געלערנט תורה און חכמה און פלעגט גאַנץ אָפט אַריינקוקן אין אַ גמרא.

— ס'איז מיר אַ וואונדער אויף דיר — האָט זי אָנגעהויבן — וואָס דו גיסט אַוועק צייט אויף צו לערנען גמרא...

— פאַרוואָס געפעלט עס דיר נישט?

— ס'איז אַן אָפּגעשטאַנענע זאַך פאַר אָפּגעשטאַנענע מענטשן. אין דער גמרא רעדט זיך וועגן גייסטער, וועגן שדים... מיר ווייסן דאָך, אַז קיין שדים זיינען אויף דער וועלט ניטאָ...

— דו האָסט קיינמאָל אין דיין לעבן קיין שד ניט געזען? ס'איז מיר טאַקע אַ וואונדער, אַז אַזאַ היינטצייטיק מיידל זאָל קיינמאָל ניט אַריינקוקן אין אַ שפּיגל...

ניט מוחל

— מיין ליבער מאַן, — האָט זיך אָפּגערופן אַ פרוי צו איר מאַן — ביזטו מיר מוחל, וואָס איך בין פון דיר אַנטלאָפן?

— יאָ, דאָס בין איך דיר מוחל — האָט דער מאַן געענטפערט — נאָר איין זאַך קאָן איך דיר ניט מוחל זיין: פאַרוואָס ביזטו צוריקגעקומען?

ווען „צנע" האָט געהערשט אין ישראל

אַ גברת אין ארץ-ישראל, אַ דאַמע, איז געפאָרן אין אַן אויטאָבוס און האָט אויפן וועג אַרויסגענומען פון איר רענצל אַ שטיק געקאָכט עוף און געגעסן. אַז מ'האָט ביי איר גע־פרעגט, וואו זי האָט געקראָגן עוף, אַז ס'איז גאָר „צנע" און אַ הון צו קריגן איז דאָך גאָר ניטאָ בנמצא? האָט זי געענטפערט, אַז זי האָט דאָס עוף באַקומען בירושה.

אויף דער פראַגע: ווי אַזוי? בירושה קריגט מען געלט, אַ הויז, אָדער צירונג, אָבער ניט קיין עוף? האָט זי ווייטער געענטפערט:

— איר ווילט וויסן דעם ריינעם אמת? מיין מאַן איז קראַנק געוואָרן, האָט דער דאָקטאָר אים פאַרשריבן צו עסן עוף, אָבער ביז איך האָב באַוויזן צו קריגן פאַר אים דאָס עוף, איז ער דערווייל געשטאָרבן. האָב איך פון אים גע־ירשנט דאָס עוף...

אַ גוטע לעקציע

סטודענטקע: איך בין נעכטן פאַרבליבן מיט דעם פּראָ־פעסאָר פון אַנאַטאָמיע, נאָכדעם ווי דער קלאַס איז געווען פאַראיבער.

חברטע: וואָס האָט פּאַסירט?

סטודענטקע: איך האָב באַקומען מיין לעקציע...

די זעלבע סיבה

— פאַרוואָס הייסט אַ מיאוסע מויד שיינדל?

— צוליב דער זעלבער סיבה, וואָס אַ שלעכט ווייב הייסט גיטל...

פּאַטריאָטיש

די „יונגע הדסה" האָט איינגעאָרדנט אַ טאַנץ לכבוד די סאָלדאַטן וואָס זיינען צוריקגעקומען נאָכן צווייטן וועלט־קריג פון אייראָפּע. עס זיינען געקומען מיידלעך פון אַלע שיכטן, אפילו פון די אויבערשטע „פיר הונדערט". נאָכן טאַנץ פרעגט איין מיידל ביי אַ צווייטער:

— וואָס איז דיין מיינונג וועגן די צוריקגעקומענע סאָל־דאַטן?

— אָ, — ענטפערט די צווייטע — זיי זיינען זייער פּאַט־ריאָטיש! זיי זוכן נאָר מיידלעך, וואָס האָבן די מערסטע מלחמה־באָנדס...

ביי פאַרמאַכטע טירן

אַן אָנגעקלאָגטע, אַ יידישע פרוי, ווענדט זיך צום ריכטער:

— איך בעט צו פירן דעם פּראָצעס ביי פאַרמאַכטע טירן!

— איר האָט אונדז צו זאָגן וויכטיקע סודות? — פרעגט דער ריכטער.

— ניין, — זאָגט די אָנגעקלאָגטע — איך בין צוגעקילט און איך האָב מורא פאַר אַ ווינטל!

ואלה יעמדו על הברכה

איך גיב איבער מיין בוך מיט ליבע צו אַלע מיינע קינדער און קינדס־
קינדער און אַלע די פון מיין משפחה וואָס זיינען
בשר מבשרי ועצם מעצמותי:

My blessings are given with this book to my children, grandchildren and to all my kinsfolk, flesh of my flesh and bone of my bones:

My daughter ROSE and her husband HERBERT SCHAFER and their children:
- STANLEY SCHAFER
- MILTON SCHAFER
- JEROME I. SCHAFER

מיין טאָכטער רחל און איר מאַן
חיים שייפער און זייערע קינדער
- שמואל־משה
- מענדל־פינחס
- יחיאל־ישראל

My son JULIUS J. and his wife FLORENCE SKLARIN and their children:
- CARY S. SKLARIN
- TY M. SKLARIN

מיין זון יוסף־יהודה און זיין פרוי
פרומע סקלאַרין און זייערע
קינדער
- חיים־שאול
- טודרס־משה

My son MORTIMER J. and his wife DORIS SKLARIN and their children:
- CH. JOSEPH SKLARIN
- DANIEL J. SKLARIN
- DENA SKLARIN

מיין זון מנחם־יעקב און זיין
פרוי דבורה סקלאַרין און זיי־
ערע קינדער
- חיים־יוסף
- דניאל־יהושע
- דינה

My brothers, sisters, and their families:
- URA DICK
- RAE & PHILIP MOIGER
- SAUL & RAE SKLARIN
- HARRY & FRANCES SKLARIN
- DAVE & LIZA SKLARIN
- JACOB SKLARIN
- HELEN & MORRIS DORFMAN
- MEYER MOIGER

מיינע ברידער, שוועסטער, שוואָ־
גערס און שוועגערינס
- יורה דיק
- ריסל און פייוויש מויגער
- זוסע און רחל סקלאַרין
- צבי און פרענציס סקלאַרין
- דוד און לאה סקלאַרין
- יעקב סקלאַרין
- חיה און משה דאָרפמאַן
- מאיר מויגער

מיין גאָטזעליקער דינה׳ס ברידער
און זייערע פרויען

THE LATE DINAH'S BROTHERS AND THEIR WIVES:

PHILIP & REBECA LEVITAN and their children:
LEO LEVITAN
ALEX & SARA LEVITAN
ISIDORE & EMA LEVITAN

שרגא־פייוועל און זיין פרוי רבקה לעוויטאַן
אליעזר־ליפּמאַן לעוויטאַן
אליהו צבי הירש און זיין פרוי שרה לעוויטאַן
ישראל און זיין פרוי עמאַ לעוויטאַן

מיין ליבער פרוי דבורה מייעראָוויץ־סקלאַרין
און אירע קינדער

MY BELOVED WIFE DORA MAYEROWITZ-SKLARIN AND HER CHILDREN

LEA & EUGENE GROSS
JACK & RUTH MAYEROWITZ
JOSEPH & REGINA MAYEROWITZ
DAVID MAY

לאה און יעקב גראָס
משה־יעקב און גאָלדע מייעראָוויץ
יוסף און רבקה מייעראָוויץ
דוד מעי

In Memoriam לזכרון עולם

מיט דעם בוך וויל איך פֿאַראייביקן דעם אָנדענק פֿון די אַלע,
וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין מיין לעבן.

This book is dedicated to the blessed memory of all those, who played an important role in my life:

מ י י נ ע ע ל ט ע ר ן :

אמי מורתי

ברײנע בת ר׳ זוסע פֿילדערוואַסער-סקלאַרין

געשטאָרבן י״א חשון, תש״ח — דעם 13טן נאָוועמבער, 1948

•

אבי מורי

פּינחס בן ר׳ יוסף יהודה חזן-סקלארין

געשטאָרבן ט׳ שבט, תרפ״ז — דעם 15טן נאָוועמבער, 1932

•

זוגתי היקרה

דינה בת הרב ר׳ חיים שאול הלוי לעוויטאַן-סקלארין

געשטאָרבן ד׳ טבת, תשי״ב — דעם 22טן דעצעמבער, 1952

•

חמי

הרב הגאון ר׳ חיים שאול בן הרב ר׳ יעקב ישעיהו הלוי לעוויטאַן

נפטר כ׳ אלול, תרפ״א — דעם 28טן סעפּטעמבער, 1921

•

חמתי

הרבנית דבורה בת הרב ר׳ יהודה הלוי (ר׳ יודל מערצער) ליפשיץ-לעוויטאַן

נפטרה כ״ב סיון, תרפ״ו — דעם 4טן יאַנואַר, 1926

•

אחי ואחיותי

יוסף חזן, שרה מויגער, אהרן חזן, יצחק חזן-סקלארין, מינדל סקלארין, יוספּת דאָרפמאַן.

י ה א ז כ ר ם ב ר ו ך !

By keeping their ideals and sense of humor, they kept their proper perspective and did not allow themselves to succumb to a mere materialistic life. The fact is that the largest percentage of these jokes were individually submitted and printed in the Jewish daily newspapers and periodicals over a twenty year period.

Because of our victory in this American struggle, our children and grandchildren were spared the major hardships of involuntary migration, immediate assimilation and standardization.

To my own family I leave this legacy. With the same weapons may they spare their children. To them I rededicate this book.

ABRAHAM SKLARIN

A Rededication

In the near and far future, many of the readers of this book will ponder as to the compelling reasons for my publishing such a compilation of Jewish anecdotes, witticisms and humor. If among the perplexed will be my descendants, my pleasure and gratification will be multiplied. As this publication is a realization of a hope and a dream that was nurtured for many years, I feel deeply that I should enlighten these perplexities by revealing some of the motivation behind this book.

Most of my naturalized contemporaries, who came with me 48 years ago from the Ukraine and Eastern Europe, can testify to the severe hardships and economic obstacles we faced in transplanting ourselves and our families to a new and strange environment. Biographies, sociological and economic books, as well as many fictional novels, have been written regarding this period. The battle for survival in a tense competitive society often made many a person lose tract of his ideals, ethics, religion and, most of all, his sense of humor. From a European cauldron we had moved to battle in an American economic jungle.

By reading the foregoing anecdotes and humor that have appealed to me, the reader with insight can readily see how the stalwart and steadfast among our people battled against being dissolved in the European cauldron of turmoil and against becoming enmeshed in the American machine of standardization. These brief related episodes and jokes are reflective of the attitudes and impressions of the young and old of a battling generation.